STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01460

DI SHVIGER

O. Bloshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01460-5

c:\yiddish\Titles\9780657014605T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דִיא שְׁוִויגֶער

כִּי יֵשְׁבוּ אַחִים יַחְדָּו
וְחָלְצָה נַעֲלוֹ מֵעַל רַגְלוֹ
(דברים כה)

אַיין רָאמַאן אִין דְרַייא טְהֵיילֶען

פָאן

עוזר בלאשטיין
אוים דינאבורג.

ערשטער טהייל

ווילנא

שנת תרנ״ב לפ״ק

ДИ ШВИГЕРЪ

Свекровь. Романъ въ 3-хъ частяхъ.

Часть I.

Авзера Блоштейна.

Дозволено цензурою. — 26 Іюня 1892 г. Кіевъ.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.

הקדמה

אף כי לא דרכי לכתוב הקדמה לספר כידוע לקוראי ספורי, אך להשיב שואלי דבר אשר מצאו, כי דרכי מוזרה להם בהוציאי ספרים מבלי הקדמה באמרם: היתכן לכנוס לטרקלין מבלי פרוזדור? — אמרתי אשים היום לספרי הנוכחי איזה דברים לבאר מה שיקשה מהם.

אמנם כן, הקדמה היא דרושה לכל ספר למודי, עיוני או מדעי לבאר להלומד או להמתלמד את תכלית הספר ומגמת פני המחבר, איזה דרך תסל להם המטדה ההדשה אשר יאמר (המחבר) להקל עליהם מה שיקשה מהם בספרים העוברים לפניהם, או כי יחדש חדושים בדברי חכמה ומדע, איזו תועלת יביאו ואנה פניהם מועדות, אבל בספרים ספוריים מי לא ידע מטרתם ותכליתם? הלא ידוע שבספרים רמאנים יעבורו תחת שבט הבקורת מעשי איש ואיש, צדקתם ורשעתם, מזימתם ומרמתם, למען דעת איזה דרך יבור לו האדם בימי חלדו, ואיך ישמור את נפשו לבלי הלכד בפח אשר אנשי תהפוכות טמנו לו; וכל אלה תתלכדנה בספור נעים מתקבל על הלב למשוך עליו את עיני הקוראים. רפואת הנפש דומה לרפואת הגוף והמון העם כתינוק הוא, אשר לא יקח רפואה חריפה מבלי תערובת מתוק; ולכן על הסופר הרופא חולי הנפש, להשתדל להמתיק את מפעלו בספור נעים מושך הלב, לפעול על רגשות נפש הקורא לתוגה ולשמחה, בהעבירו לפניו חליפות מחזה איום מרגיז הנפש גם מחזה נעים מרנין הלב מהמקרים אשר יאתיו תחת השמש, ירטבו עיניו דמע מבלהות צלמות אשר יפגוש בספורו וימלא פיו שחוק מדברי מהתלות ושיחי תפל אשר פי כסילים יביע כאולתם, נעמו לחיך הקורא וירהיבו את לבבו, וכל סופר המרבה לעורר דמע או שחוק הרי זה משובח. (כל אלה ימצאו במחברותי כאשר ידוע לקוראי ספורי. אך לא כן דרך כל הסופרים: זה שם מגמת פניו אך הקריטיקה הערומה כמו שהיא, וזה אך את העונג לשעשע את ההמון; ולכן באחד מן הדברים האלה אך יחטיאו את המטרה, כידוע שטוב דגים עם חזרת יחדו, אבל לא חזרת לבד ודגים לבד, אשר איש-טעם לא ימצא בם חפץ.) — לכן לבוא בדברים ידועים כאלה בהקדמה אין כל חפץ ולבוא בראש באיזה מאמר לדבר על איזה ענין שהזמן גרמא, רפארם וכדומה ולחוות דעת (אידעע) המחבר בזה, — זאת לא תבוא בהקדמה, כ"א המחבר ישים את דעתו בפי אחד מאנשי החזיון אשר יבואו בתוך הספר. הא לכם ביאור למה חדלתי עד היום לתת הקדמה לספרי.

עתה

עתה כאשר החילותי לדבר אחשוב לא למותר לבאר פה דבר הדורש ביאור: איזה מהמבקרים הביעו אומר על ספורי השזארגאן בכלל שהחזיונות הבאים בתוכם אך בכח הדמיון יסודם (פהאנטאזיים) ואין להם כל חלק ונחלה עם המקרים אשר יֶאֱתָיו בתבל ארצה, ורוח הספרים האלה איננו לפי טבע העם אשר אנחנו יושבים בקרבו. כי ידוע שתכונת רוח העם יושבי הצפון פלעגמאטית היא (קָרָה), כי כטבע האקלים כן טבע יושביה; וכל זה נראה בעלילותיהם בהליכות חייהם ובספריהם, המתארים את רוח העם הדובר בם, — ורוח ספרי הזארגאן (לא כולם) הוא ברוח ספרי הצרפתים יושבי אקלים חם, אשר תכונת רוחם והליכות דרכם ענערגיות הן; החזיונות אשר יבואו בם המה מהליבות, השתלשלות הענינים, תהפוכות מעשי העריצים והנרגנים, אשר תסכסבנה אשה ברעותה מעשי ידי אמן (מייסטער האנד) הנה כתבנית ספורי פאנסאן דע טעראל, קסאוויע דע מאָנטעפען ודומיהם; כל זה נוטה מן האמת ואין איש-טעם יכול לעמוד מפני רוח הנגב הנודף מהם.

ולכן אשוב ואומר אליהם כי לא כשפת כל עם היא שפת אמנו (הזרגנית): כל קורא שפה שוררת בעמה, לבד תוכן הענינים אשר בספר, מגמת פניו נ"כ ללמוד את השפה אשר בה כרוך ענין הספר; ואף אם הענין בעצמו איננו מושך את הלב, בכל זאת יקראוהו, כי הנאומים הנעימים ומליצת הלשון יקחו את לבב הקורא. אם ציור איזה דמות איננו מעשי ידי אמן ולא ישעשע את עיני הרואים, ישתעשעו בזר הציור ובמסגרתו אשר סביב לו. אבל בחוברות הזרגניות השפה איננה מעלה ואיננה מורידה, כי לא שפה ליטעראַרית היא ולא שפה שוררת בעמה; ולכן מגמת הקורא הוא אך להשתעשע בתוכן עניני הספר, ואם אלה יהיו פהלעגמאַטיקים בלי חזיונות חוצבי להבות המרהיבים את הלב, כל קורא ישליכהו ככלי אין חפץ בו.

ועתה אחי מחברי ספרי העם, אף כי התאמצתי להוכיח כי הותרה י"ו מפאת שפתינו להנעים ולהמתיק את ספרינו בהשתלשלות המקרים והסבות לעשותם כתבנית ספרי הצרפתים, — אל נשכח את אשר לפנינו, אל נצא מן עולם המעשה לגבוה עוף ממעל לבמתי שחקים או לבוא אל עולם התוהו לעוף ולדאות על כנפי רוח הדמיון לברוא לנו יצורים לא היו, לעשות את מפעלינו תפל כתבנית ספורי הערבים (אלף לילות וליל אחד), — כי אך השתלשלות המקרים הותרה לנו ולא החזיונות בעצמם, המה יהיו טבעיים ולא יצאו מהחוג אשר חקקה להם האמת אף שעל אחד. וע"ד שפתינו אף כי איננה ליטעראַרית, כאשר אמרתי, החובה עלינו המחברים לסקל אותה, לזככה ולקרבה אל שפת אשכנז צור ממנה חוצבה בכל יכלתינו האפשרית, כאשר עשה ועושה סופרינו אמ"ד המהולל בספריו הרבים, הוא האיש אשר מצב עמו נוגע עד נפשו, הוא דואג לטובתו ומשתדל שימצאו בספריו תועלת פי שנים: לבד תוכן הענינים אשר בם שכולו מוסר עוד הוא יָפָה את השפה בְדַבְּרוֹ את השזרגאן

במבטאי

במבטאי שפת אשכנז ודקדוקיה המובנים ג"כ להמון העם. אבל לדאבון נפשינו המחברים החדשים (לא כולם) לא ישיתו לבם לשפה אשר בה יוציאו את הגיוני רוחם, ויהרסו את אשר בנה האיש הנעלה ההוא בדברם שפה נשחתה, מלאה קמשונים וחרולים לקיים את השם הנבזה זרגאן הנקרא עליה. חרפה היא לנו ששפתינו שפת אמנו תקרא בשם אשר אך בטויי השודדים והגנבים יקראו. הבעבור כי היא בלולה ממלים רבות משפות אחרות תקרא ככה? למה לא תקרא בשם שזארגאן שפת אנגלית הבלולה משפות אשכנז, צרפת ואטלקית? בכל זאת היא שפה שוררת בתבל, יען כי עזקוה, סקלוה, וירוממוה ויתנו לה כבוד, ולמה לא נתאמץ אנחנו להעביר בכור המצרף את שפת אמנו להרחיק ממנה מעט מעט עקשות פה ולזות שפתים עד אשר במשך הימים תזוקק ותהי לשפת אשכנז כקדם ושם שזרגן יכחד מן הארץ. אך לא לנו כעת לבקש גדולות כאלה, כי אם לעשות מה לטובתה לצעוד הלאה במסילה אשר סלל לנו אמ"ד הלא נוכל ולא לסוג אחור לחבלה ולהשחיתה. כי השפה היא קנה המדה אשר בו ימד כבוד לאומים; למה יאמרו הגוים: מה נבזה העם הזה ומה נבזה שפתו! — ובלעדי זאת יש לנו לשית לב לשפתינו, יען כי כעת ימצאו בספריה רעיונות נשגבים ובקורת נאמנה על כל מעללי איש לשבט או לחסד, אשר אף משכילי עמנו ישתו בצמא את דבריהם.

אמנם חכמינו אמרו: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו, כלומר: אל תשיתו לב לשפה אשר בה תוציאו את הגיוני רוחכם, כי אם אל תוכנו, — אמת; אבל מי יכחידני, שאם הקנקן מלוכלך ברפש וטיט, אז כל נפש תבחל בו, ואין איש-טעם יסתכל בו; אף כי ספרי הזרגן נכתבו בעד ההמון, בעד הנערות הבערות, ואנשים כאלה אינם מבחינים בין טוב לרע, ושפה זכה מה להם? — בכל זאת עלינו להביא להם תועלת, ילמדו לדבר כן ושפתותיהם ברור תמללנה; והמשכילים הקוראים ירויון עונג ודשן בקראם את ספרי העם, האוצרות בתוכם קריטיקה נאמנה על כל מעשי בני עמנו. אבל אם נוציא את מפעלינו בלתי מתוקנים, אנחנו הלא נשחית בידים את עבודתינו הקשה. עוד ישם אחדים ממנו המתפארים כי יכתבו ספרים בראשית פליטת העט בלי הגהה ובלי עיון, ויאמרו בזה להתגאה ולקחת להם שם בגדולים, ובאמת הוא להפך: המה משפילים את ע' בזה מאד: כל כל מלה, כל מבטא בחוברותיהם יביעו: אני ראשית פליטת העט, יען כי ירמשו כן שבושים גראמאטיקים (לא שגיאות הדפוס) פולחי עינים ואזנים, גם נאומים נבוכים בלי טעם ובלי הגיון ומסטר וסדר נכון, גם בלי נקוד וסמני הטעמים אשר יכשל, הקורא בהם, לחרפת המחבר. לכן אחי נשתדל נא לעבוד את עבודתינו בעינא פקיחא, להוציא מידינו דבר מתוקן, אז תרומם ספרתינו והגיוני רוחנו יאושרו. *) אך השיחות

אשר

*) אינני אומר שהספורים יכתבו אשכנזית זכה הבלתי מובנה להמון. אך המילים האשכנזיות

אשר בין איש לרעהו , הנה תבאנה כצורתן וכתבניתן הטבעית מבלי להוסיף ובלי לגרוע . ומי אשר לא ידע את שפת אשכנז , ילמדה טרם הוציאו את הגיוני רוחו על פני תבל . גם נזהר נא לקחת מה מספרים לועזים אחרים ולהציגם בספרינו , ואל נא נתעה לאמר : כי המון העם אשר איננו יודע אייזען סי, דיומע , דע טעראלל, ועוד, לא יכירו את הגניבה, כי הלא גם משכילים קוראים ספרינו , ומה נַענה להם במצאם אתנו חזיונות גנובים מספרים אחרים ! ואם אין ביכלתנו לברוא חזיונות חדשים , אז יִכָתב על השער כי הספר ההוא נעתק משפה אחרת . גם נזהר מכתוב ספורים בסגנון אחד , כי חסרון כזה גם השפחות המבערות תכירנה .

הנה חויתי לכם דעתי (היא דעת כל המשכילים) כי את טובת הספרות שפת אמנו אני דורש , למען לא יביטו עליה המשכילים בשאט נפש , ואתם עשו כטוב בעיניכם .

המחבר .

הבאות כצורתן בשפתינו ! הנה תהיינה זכוּת אם לא יקולקל מובן הענין כמו : למה לנו לכתוב , דער צוא פרידענהייט תחת דיא צוא פרידענהייט ? דעם פלאם תחת דיא פלאממע ? דער בליהענדער בלום — דיא בליהענדע בלומע ? דער האָפנונג — דיא האפפנונג ? דער אנטווארט — דיא אנטווארט ? דאס מוזיק — דיא מוזיק ? כי כולם לשון נקבה הם . גם דיזען געשעפט תחת דיזעם געשאֶפט ? דיא געזיכט — דאס געזיכט ? דיא מיידלען — דאס מאָרכען ? קאהן — קאנן ? מאהל — מאל ? זאהל — זאלל ? אונ דאס הויז — אין דעם הויז ? שטאלץ דאמיט — שטאלץ דארויף ? מאנהייט — מאָנאט ? מיינער ליבער טאכטער — מיינע ליבע טאכטער ? איהנען צוא קענען — זיא קענען צוא לערנען ? שבושים כאלה המה למאות ולאלפים בכל ספר זרגאן , ואינם מן שגיאות הדפוס , אך נרפים המה המחברים לשית עין בקורת על מעשיהם . לו כתבו כאשר אמרתי לא יקולקל מובן הענין ושפתינו תצעוד מעט מעט הלאה להנקות ולהטהר .

ערסטער טהייל.

1.

וויא גוט מיין טאכטער האט אן געטראפין.

נוא, האבין מיר ארויס געהאקט אשידוך פאר אונזער טאכטער אליטי-שען! מיר דארפין העכסט צוא פרידין זיין אונ דאנקען דעם אויבערסטין, וואס ער האט צוא גיהערט אונזער גיבעט, צוא זעהען נחמה אויף אונזער דבורינקען. מיר האבען אונזער טאכטער צוא גישטעלט צו לייטין זייער אויפין פיינעם אופין; אמת עס איז אונז אן גיקומען שווער, עס האט געקאסט גענוג געלט אונ מיה, עס האט געקלעקט; אבער אויס געפירט ב"ה: איך האב אמחותן פארשטייסטו מיך איין בעל הבית אין שטאט מיט איין נאמען מיט איין אייגענעם מויער וואס פאר שיינט דיא אויגין; פירט גרויסע גישעפטין, קאמערציעס; היינט איז ער אמהות, וואס האט איין אויג ביא נאצאלסטווא, וואו גאר עפעס אתאדאטייסטווע איז ער; היינט אין אידישקייט האט ער זיך געמאכט איין נאמען דורך זיינע גרויסע צדקות אונ דורך דעם בהמ"ד, וואס ער האט אויס געבויט כמעט אויף דעם אייגענעם רעכענונג. ווער רעט זייער יחוס איז גאר אגרויל: זיא האט אברודער דא היא אשוחט אגעוועזענער, היינט מישט ער זיך אזוא אין אידעשע אין קהלשע זאכין, נתן צמח, דוא קענסט דאך אידם; היינט עפעס ווייט פון דאנען האט זיא איין ברודער ארב, פאר שטייסטו מיך; ער ווידער שטאמט עפעס פון איין בעל שם איין גרויסין מאן; זייער יחוס ריהרט פראסט אן דיא וועלט, אונזער דבורינקה איז ב"ה אריין געפאלין אין איין שמאלץ גרוב, זיא וועט זיך איצטער אב רוהען פון אירע ארבייט; דא ביא אונז, שטייגעם געזאגט איז איין פרנסה שטוב, האט זיא נעבעך געמוזט הארעווען פיל; אבער איצטער וועט זיא ניט אקלאפ געבין אפינגער אן אפינגער, דארטין איז דא דינסטין אונ מאדין וויא בלאטע, דיא שוויגער אליין איז איין גרויסע ווירטהין, אשפאס! אונ זיא האט האלט אירע קינדער וויא דעם לעבען, זיא האט איין שטיקעל צרה אטאכטער מאכט זיא פון איהר אויך אגאנצען וועזען; היינט קען מען פאר שטיין וויא אונזער טאכטער דארף זיין ביא איהר טייער, זיי וועלין איהר האלטען וויא איין אייגענעם קינד, אין שטוב איז ביא זייא כל טוב, געלויבט איז גאט! מיר האבען ב"ה נחמה אן אונזער קינד; הלואי אויף אונזערע איבעריגע קינדער אחוץ זייער שאדין!..

דָאס הָאט זִיךְ גִירֶעט שְׁמוּאֵל רוּזִין, אָדֶער וְויא דִיא וֶועלְט פְלֶעגְט אִיהם רוּפִין שְׁמוּאֵל דְבוֹרָה מַארִיאַסְעס, זִיצֶענְדִיג מִיט זַיין וַוייבּ גָאלְדֶע בַּיי אַיין זוּדִיגִין סַאמַאוַואר פַאר נַאכְט בַּיי אַיין וַוייסִין טִישׁ, נִיט אַגֶעפַּארְבְּטִין נָאר אַרַיין גֶע־וַואשֶׁענֶעם, עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אַיין שְׁלָאפְרָאק פוּן גְרִינֶע וָואלְצִייג רֶעכְט שְׁמוּטְ־צִיג, אוּנ אִין אַיין שְׁפִּיצִיגֶע יַארְמִיקֶע, דָאס גֶעזִיכְט וַואר בַּיי אִיהם הֶעכְסְט מוּנְטֶער אוּנ פְרֵיילִיךְ, רֵיידֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ גִיגְלֶעט זַיין צְוֵויי שְׁפִּיצִיגֶען בָּארְד אוּנ הָאט זִיךְ גֶערֵייבֶערְט זַיין לוּלְקֶע, זַיין וַוייבּ גָאלְדֶע הָאט זִיךְ רַאסְפַּארַאזִייעֶט אַרוּם דִי טְהִייא, זִיא הָאט גֶעטְרָאגִין אַיין נַייֶע קְלֵייד, אוּנ וַואר אוֹיךְ הֶעכְסְט פְרֵיילִיךְ, דִי שְׁטוּבּ וַואר אֵיינְפַאךְ נִיט טַאפֶּעצִירְט אוּנ נִיט גֶעפַארְבְּטֶע דִילֶען, דִי וֶוענְט וַוארֶען נוּר אוֹיס גֶעפַארְבְּט גֶעל אוּנ דֶער פָאמֶעסְט אוֹיס גֶעשָׁאטִין מִיט זַאמְד, דִי מֶעבִּיל וַואר גַאנְץ אָרְדִינֶער.

אִיצְטֶער זַייא וִויסֶען גָאלְדֶע, זָאגְט שְׁמוּאֵל וַוייטֶער זִיךְ גְלֶעטֶענְדִיג דֶעם בָּארְד, אִיצְטֶער זֶעהְט מֶען אַז עֶס לָאזְט זִיךְ אוֹיס אוֹיף מַיינֶע רֵייד, דוּ גָאלְדֶע הָאסְט מִיר אַלֶע מָאל צוּא גִירֶעט מִיר זָאלִין טָאן צְווִישֶׁען זִיךְ מִיט מַיין פְּלִימֶע־נִיק מִיכַל, נָאר וָואס אִיז דָאס פַאר אַשִׁידוּךְ? שְׁטֵיינֶעס גֶעזָאגְט אוּנְזֶער יִחוּס רִירְט עֶפֶּעס נִיט אַזוֹ אָן דִי וֶועלְט, עֶר אִיז אֲפִילוּ אַגֶערָאטֶענֶער אִינְגֶעל קֶען גוּט לֶערְנֶען, קֶען שְׁרֵייבִּין פַאר שְׁטֵייט גוּט גֶעשֶׁעפְט, עֶר אִיז בַּיי דִי טַייצֶען אִין רִיגָא אַיין אוֹיג, — אָבֶּער פָארְט נִיכְט דִי מִשְׁפָּחָה בְּלֵייבְּט דִי זֶעלְבִּיגֶע, אוּנ מִיר בְּלֵייבִּין דִי זֶעלְבֶּע פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשִׁין וָואס גֶעוֶועזֶען, נַאטִירְלִיךְ וָואלְט אִיךְ גֶעווּיס גֶעטָאן צְווִישֶׁען זִיךְ, אָבֶּער אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפִין, אַז אִיךְ קֶען גֶעבִּין דֶער טָאכְטֶער אַפָּאר טוֹיזֶענְד רוּבֶּל נַדָן אוּנ אַפָּאר טוֹיזֶענְד רוּבֶּל דִיא גָאבּ, דַארְף מֶען טַאקֶע טָאן וָואס הֶעכֶער אוּנ וָואס בֶּעסֶער, אוּנ אַט זֶעהְט מֶען טַאקֶע דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפִין עֶס הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעלָאזְט אַקוּרַאט וְויא מִיר הָאבֶּען זִיךְ גֶעוואוּנְשִׁין, ר׳ גְרוּנֶם גְרִינְשְׁפַּאן אַקְלֵיינִיג־קַייט אַזוֹ אַיין לַייטִישֶׁער מֶענְטְשׁ! עֶר אִיז דָאךְ פְרָאסְט פוּן דִי פְּנֵי הָעִיר, אַז אִיךְ גֵיי פַאר בַּיי זַיין מוֹיעֶר קְוֶועל אִיךְ פוּן נַחַת, אַז מַיין טָאכְטֶער אִיז אַהִין אָן גִיקוּמֶען אִין אַזוֹ אַיין גָאלְדֶענֶע הוֹיז, אַז אִיךְ גֵיי אַרַיין אִינֶעוֵוייניג צוּא מַיין טָאכְטֶער אִיז דָאךְ אַפְּרַאכְט צוּ קוּקִין אוֹיף דִי פַיינֶע טְרֶעפּ, אוֹיף דִי גִיפַּארְבְּטֶע דִילֶען מִיט דִי גַארְדִינֶען אוֹיף דִי פֶענְסְטֶער אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זַאלֶען דִי הִילְכֶענְדֶע, עֶס פֶערְבְּלַאסְקֶעט דָאךְ אַלֶס דִיא אוֹיגֶען, אַזוֹ אַיין רֵייכְקַייט אִיז גוּט אִי אוֹיף אִיצְטֶער אִי אִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאר, דֶען דַאן בְּלֵייבְּט עֶר אַלֵיין כְּמַעַט דֶער גַאנְצֶער יוֹרֵשׁ, אַקְלֵיינִיגְקַייט פוּן אַזאַ רֵייכְטְהוּם! אוּנ אוּנְזֶער טָאכְטֶער וֶועט בְּלֵייבֶּען אַלֵיין דִי גַאנְצֶע בַּעַל הַבַּיִתְטֶע אוֹיף אַזוֹ אַיין אִימֶענְיֶע אַסְפָּאס!

אָבֶּער אַז אִיךְ וָואלְט טָאן מִיט אוּנְזֶער מִיכְלֶען, וואו וָואלְטִין זֵיי וַוייגֶען? עֶפֶּעס אִין אַיין קֶעמֶערִיל וואו עֶס אִיז אוֹיף אַיין בְּלָאטִיגֶען הוֹיף, אֵיידֶער זֵיי וָואלְטִין זִיךְ אַיין לֶעבִּין וָואלְט אוּנְזֶער דְבוֹרִינְקָה וַוייטֶער דַארְפִין אַרְבֵּייטִין וְויא פְרִיעֶר, הַיינְט וָואס פַאר אַיין נַחַת וָואלְטִין מִיר הָאבִּין פוּן אִיהר? יָע הַיינְט

זיין

זיין גאנצער געשעפט איז אין ריגא, וואלט ער איהר אוועק שלעפין גאר אהין, וואלטין מיר איהר גאר אין די אויגען ניט זעהען זיא וואלט נאך דארטין ווייניגען צווישען גוים, זיא וואלט נאך גאר פאר געסין אן אידישקייט אויך, אפילו פאר אונזער דבורינקען האבען מיר פאר אזעלכע זאכין ניט מורא צו האבין, אבער עס איז ניסט... דא האבין מיר דעם נחת פאר די אויגין, ווען מיר ווילען גייען מיר אריין אונ מיר קוועלין. היינט ווידער אז איך נעם זיך דער מאנגען דעם כבוד אונ די גדולה וואס מע האט, אז מען גייט אריין צום מחותן אין בחמ״ד וואס ער האט אליין געבויט! ... עס איז אגרויל! זאג איך דיר, איך האב דיר דאך דער ציילט גאלדע וואס עס האט זיך אב געטאן בשעת איך בין גיוועז ביי איהם פאר בעטין אויף שמחת תורה... די בעסטע הקפות געהאט, מכבד גיוועז מיט דעם גאנצין אתה הראית, פאר שטייסטו? מיט דעם גאנצין אתה הראית! וואו איז דאס גיהערט גיווארין? היינט אלע איבעריגע כבודים: מפטיר, חתן תורה, חתן בראשית אלס צו גענומען פאר די אייגענע מענטשין, היינט אז איך דער מאן זיך דעם כבוד, וואס מיר האבין געהאט, בשעת מען האט איהם געפירט פון שטוב אין בהמ״ד אריין מיט ליכט אונ מיט נגונים אונ מיט טענץ, איך האב זיך פראסט ניט איסטאמפעט אין מיין הויט פון נחת, אט דאס איז אשידוך דער פון זיינען מיר דער הויכט געווארין אונ מיר שעצען זיך אויך פאר מיוחסים ווארום דער בע״ש וואס איז זיין קרוב, רעכינט זיך שוין איצטער פאר מיין קרוב אויך, דער רב איז אויך מיינער אקרוב וויא זיינער, אונ דער שוחט אויך דאס גלייכען, דאס איז טאקע אגרויסע מעלה פאר דיא איבעריגע קינדער אונזערע אנטגעגען אשידוך, אז דער אויבערכטער וועט אונז העלפען, היינט קען מען דען גלייכען דעם שידוך צוא דעם שידוך אז דאס איז אחילוק וויא טאג צו נאכט? איך בין דארטין נעכטען גיוועזען אריין געגאנגען, קען איך דיר גאר ניט זאגין דעם נחת, וואס איך האב געהאט: מילא דיא שוויגער האט ניט געוואוסט וואס צוא טאן מיט מיר, האט דער לאנגט אטאץ מיט כבוד, האט זיך צוא גישטעלט איך זאל עסען טרינקען, היינט זאגט זיא האט זיא האלט אונזער דבורינקען וויא דעם לעבין, זיא תאלעסט נאך איהר. דבורה איז אפילו גיוועזן שטארק בלייך, איך האב איהר ניפרעגט, וואס איהר איז? זאגט זיא זיא בייינקט נאך דער היים, נוא בייינקען, דאס איז דאך אזאך וואס גייט פאר ביא, אונ ווייטער קען מען דאך אקינד ניט האלטען ביי זיך, זיא האט מיר אפילו איין זאג גיגעבין אין דער שטיל, אז דיא שוויגער איהרע איז ניט גאר גוט וויא זיא זאגט זיך, נאר דאס איז פון דיא קליינינקייטין, אונבעקאנטע מענטשין שטימען זיך ניט אלע מאל ביז מען געוויינט זיך איין.

דוא ביזט אפילו גירעכט זאגט גאלדע, אבער דער ווילע ווערט עס אן גערופין האבין מיר מיכלען פערברוגזט.

וואס איז? פרעגט ער.

וויא הייסט עס! זאגט זיא; אט איז ער אויף חתונה ניט געוועזין, און ער פארט גאר ניט אריין צוא אונז וויא אמאל, ווען ער פלעגט האבין צייט פלעגט ער זעהען צוא זיין ביא אונז, דאס פאר דריסט מיך זייער, ער איז אוויילער מענטש, איך ליב איהם וויא איין אייגען קינד.

עס קען זיך זיין אז ער איז ברוגז, זאגט ער און ווידער קען זיין אז ניט אויך, באשר מיר האבען זיך גירעט צווישען זיך וועגען דעם ענין, ער קען זיין האט גאר ניט גיקלערט וועגין דעם.

וואס רעדסטו שמואל? רופט זיך אב גאלדע, ניט שוין האסטו ניט בע־מערקט וויא ער פלעגט דבורה'ן שלינגען מיט דיא אויגען? נאטירליך ער איז איין ארענטליכער מענטש און זיא איין ארענטליכעס קינד, האבען זייא ניט פאר פיהרט קיין ליבעס וויא אנדערע היינט וועלטיגע קינדער, וואס לאזין זיך אריין אין דיא נארישקייט, מאכען זיך אונגליקליך און דיא עלטערין אונגליקליך, צוא אז ער האט דאס ניט געטאן, האסטו ניט גיקענט פאר שטיין אז ער איז צוא קאכט פאר איהר?

פאר וואס האט ער קיין שדכן ניט געשיקט? זאגט ער.

וואס פאר שטייסטו ניט? עס איז גאר פראסט: ער ווייס דאך נאך וואס דוא צילסט זיך, נאך יחוס, נאך גרויסקייט, אט האט ער געשוויגען, ווארום וואס זאל ער זיך מאכען נאריש, שיקען אשדכן, הערען איין אטקאז? און דאן ווערט עס אן גערופין איז צוא ריסען דיא גאנצע פריינדשאפט פון פעטער מיט פלימעניק.

דוא רעדסט זייער ריכטיג רופט ער זיך אב איין קלוגער איז ער און פאר שטיין פאר שטייט ער, אז עס וועט ניט גיין, אט האט ער געשוויגען, פון דעסט־וועגען פאר דריסט מיך זייער: איך האב איהם זייער ליב, וויא איין אייגענעם קינד, און עס קריינקט מיך זייער, וואס ער האט דער פון פאר דרוס, און נאך מעהר וואס דאדורך וועט קאלט ווערין אונזערע קרבותשאפט, נאר וואס האב איך גיקענט אנדערש מאכין? יעדער זוכט וואס זיך איז בעסער, מען קען זיך גאר צו איינאנדער נישט האבין, ער וואלט אויך בעסער ניט גיוועזין ווען איהם וואלט זיך מאכען אבעסערער שידוך, דיא וועלט איז אזוי געשאפין אז יעדער קוקט פאר זיך.

מען דארף זעהען איהם צוא געפינען — זאגט גאלדע — נאך פרעגין אויף דיא אכסניות, וואו ער פארט אריין צוא איז ער דא גיוועזען דיא לעצטע צוויא חדשים, און מען דארף זעהען צוא דער גיין זיין אדרעס און שרייבען איהם רחמים, ער זאל קומען צוא אונז און ער זאל אויף אונז קיין פאר־איבעל ניט האבען, קורץ מען דארף זעהען דיא זאך גלאט צו מאכין, איך בעדויער איהם זייער.

דוא ביזט גירעכט גאלדע, איך וועל דאס געוויס טאן... שא, עס

הערט

הערט זיך איין איזוואסציק איז אן געפארין ; עס קען גרייליך זיין , אז דאס איז אונזער מיכל .

עס האט זיך גיעפינט דיא טיר , עס איז אריין איונגער מאן אין רייזע קליידער , הויך אונ שלאנק אונ זייער שיין , אבער זייער פערדריסליך אונ אונמוטהיג , הינטער אים האט דער איזוואסציק אריין געטראגין זיין שעפעט .

א מיין ליבער פלימעניק ! — רופט זיך אפ שמואל דבורה מאריאסעש , זיך שטעלינדיג אונ איהם רייבענדיג דיא האנד — אט איז אנאסט ! אז מען וואלט דערמאנען משיח'ן , וואלט ער אויך קומען , אט ערסט האבין מיר טאקע גירעט וועגין דיר . .

מיר האבין טאקע דיך ערשט דערמאנט , זאגט גאלדע מיט אשמייכעל מיר וואונדערין זיך וואס דו ביזט בייא אונז אזוי לאנג ניט גיוועזן .

טאקע מיכל , וואס איז דיא מעשה , וואס דוא ביזט בייא אונז אזוי לאנג ניט גיוועזן ? דוא ווייסט דאך , אז דוא ביזט ביי אונז פאר רעכינט פאר איין אייגענקינד .

אז איך וואלט בייא אייך גיוועזן פאר רעכינט פאר איין אייגענקינד — זאגט מיכל — וואלט אנדערס גיוועזן . . . בייא דיא רייד האט שמואל א קוק געטאן אויף גאלדען פיל בעטייטענד . . .

וועגין טענות ותביעות וועלין מיר שפעטערריידען — זאגט שמואל — דערוויילע צי אב דעם פאלטא מיט דיין רייזענטאש , אונ נעם אגלעזיל ווארעמס דוא ביזט געקומען אקוראט צום זודיגען סאמאוואר .

מיכל האט אב געצויגען זיין פאלטא , איז געבליבען אין אטוכענעם קורצען ראק , לאנגע שווארצע הויזען , אין אווייסע פלעט העמד , קורץ דיא גאנצע טראכט איז גיוועזן אקאנטראסט (הפך) קעגין דיא טראכט פון זיין אנקעל , פון דעסט וועגין האבין זייא זיך איינאנדער געליבט אונ געאכטעט , וויא טרייע אנקעל אונ נעפע דארפין צו זיין , ער האט זיך גיזעצט ביין טיש .

נוא וואס הערט זיך מיכל ? וויא גייט עס די גישעפטין ?

די גישעפטין גייען ב"ה גאר ניט שלעכט , איך האב ערשט פארדינט אפאר טויזענד רוביל אן אוואלד , נאר . . .

וויא אזוי האסטו דאס פארדינט ?

גאנץ איינפאך : א מבין בין איך אגרויסער , האב איך געקויפט אוואלד אין גלייכען געלט , איך האב מעהר ניט גענדארפט געבין איין אויפגאב טויזענד רוביל אונ דאס האב איך געהאט , דערווייליע האט זיך דערוואוסט נאך א סוחר , וואס האט מיר גינעבין מיד ליד פרנסה צוויי טויזענד רוביל .

אך געלויבט איז גאט ! — זאגט שמואל .

יע יע ! זאגט מיכל , פון דעסט וועגין גייט מיר קיין זאך ניט איין . . .

וואס איז ? קענסט זיך קיין שידוך ניט צו קלייבען ? הא ?

לאזט

לאזט מיר צוא רוה פעטער מיט די שידוכים, דאס ליגט מיר היינט אין דער לינקע פאה ניט.

וויא הייסט עס? . . . איונגער מאן . . . וויא קען מען דאס זאגין? . . .

עס וואלט גיוועז פאר מיר א שידוך אגוטער . . . נאר . . . לאמיר דאס אוועק לייגען . . . וואו איז דאס דבורהלע?

שטייט, דוא ווייסט גאר ניט? — זאגט שמואל.

וואס איז? איר האט אודאי געטאן שוין א שידוך? — פרעגט מיכל —

זיא האט שוין חתונה געהאט — זאגט שמואל.

זיא האט שוין חתונה געהאט! — האט מיכל אזאג געטאן האפטיג בעוועגט, טראכט ער ביי זיך, אלזא אלע מיינע האפונג צו גרונד.

ער האט זיך אנגעשפארט אן ביידע הענד, האט גענומען חליפען אין דער שטיל, שמואל אונ גאלדע ווארען בעוועגט, עס וואר שטיל אין צימער נאר עס וואר די שטילע גישטערט פון זידען פון סאמאוואר אונ פון מיכל'ס חליפען, נאך איינינע מינוט האט ער זיך נישטעלט, האט זיך אויס געווישט זיינע אויגען, אונ האט גענומען גיין האסטיג איבערין צימער הין אונ צוריק אין העפטיגער בעוועגונג, ענדליך האט ער זיך גישטעלט אונ פרעגט: ווארום פעטער האט איהר מיר גאר ניט געשריבען וועגין דעם?

איך וואלט דיר זייער געשריבען — זאגט שמואל — דען איך האב זייער געוואלט דוא זאלסט זיין ביא מיין דבורינקען אויף חתונה, נאר וואו הין האב איך גיזאלט שרייבען, אז איך וויס דיין אדרעסע ניט? דוא ביזט דאך שטענדיג נאראזיעזדע, איך האב דיר פון דעסט וועגין געשריבען, וואו איך האב זיך נימערקט עס קען דיר אנקומען, נאר עס איז ניט אנגעקומען, וואס האב איך גיזאלט אנדערש טאן? נאר עס מאכט ניט אויס מיכל, דיין חלק לעקאך איז אין גאנצען, מיר וועלין צוא ליב דיר איבער מאכין אשטיקעל חתונה, מיר האבין נאך אסך כבוד געבליבענע, דען די חתונה איז גיוועזן ניט לאנג פאר צוויי וואכין אסרו חג סוכות, עס איז גיוועזן ב"ה אגרויס ארטיגע חתונה, דוא וואלסט פיל נחת האבין, איצטער קלער איך צו מאכין אוועצערינקע אונ פארבעטין די מחותנים אהער, אדער מיר וועלין אריבער פארין אהין צו זייא, וויא מיינסט דו?

איך מיין בעסער — זאגט מיכל — מיר זאלין אריבער פארין אהין, אונ דוקא היינט, זייא וואוינען דאך היא?

אודאי היא אין רעכטין מיטען שטאט.

נוא איז גוט, לאמיר שוין נעמען א איזוואסציק אונ אריבער פארין, איהר פערשטייט דאך אליין פעטער, אז איך אינטערעסיר זיך ניט מיט דעם ווארעמעס צו מיט די כבוד, איך וואלט נאר וועלין זעהן די גאנצע אבסטא־נאווקע, וואו אונזער דבורהלע איז אריין געפאלין, זאגט מיר פעטער, האט זיא עפעס גוט אנגעטראפין?

געלויבט

גֶעלױבּט אִיז נָאט זַײעֶר גוּט , דֶער מחותן אִיז אַנגיר, הָאט אַײן אֵײגֶענֶעם מױעֶר , אִין שְׁטוּב אִיז פוּן כל טוּב , אַלֶעס אױף דֶעם הֶעכְּסְטִין אוֹפֶן .

דָאס אִיז אַלֶעס קְלֵײנִיגְקֵײטֶען , זָאגְט מיכל מִיט טְרֶערִין אִין דִי אױגֶען , אָבֶּער דֶער חתן אַלֵײן וָואס אִיז פַאר אַמֶענְשׁ ?

וָואס פַאר אַמֶענְשׁ זָאל עֶר זַײן ? אַײנְגֶעל בַּײא זַײן טַאטִין !

דָאס אִיז בַּײ מִיר קֵײן טִיטוּל נִיט . . . וָוער אִיז דֶער מחותן נַאקָאנֶעץ

דֶער מחותן אִיז אַלַײט, הָאט אַײן אַײגֶענֶעם מױעֶר , פִירְט גְרױסֶע קַאמֶערְצִיֶעס . . .

אָבֶּער זַײן נָאמֶען ? וָוער אִיז עֶר ?

דָאס אִיז ר' גרונם גרינשפאן אַלֵײן , פֶערְשְׁטֵײסְטוּ מִיךְ מיכל ?

דֶער הוּנְד ! גִיט מיכל אַגֶעשְׁרֵײ הֶעפְטִיג בֶּעוֶועגְט : אַי שְׁלֶעכְט שְׁלֶעכְט !

וָואס רֶעדְסְטוּ מיכל ?

אַי פֶּעטֶער עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער צוּ זָאגִין , אָבֶּער אִיךְ קֶען דִי הױז , דָאס אִיז אַהױז פוּן גזלנים פוּן גְרָאבֶּע מֶענְשִׁין , פוּן טִירַאנֶען , אִיבֶּער הױפְּט זִיא גְרֵינִיכֶע אִיז אַגְרױסֶע פְּסַאקְרֶעווּ . . . אוּנ דֶער זוּן . . . אַי לָאז זַײן , אִיךְ וִויל גָאר פוּן מַײן מױל נִיט אַרױס לָאזִין . . . שְׁלֶעכְט !

עֶס אִיז גֶעוָוארִין אַוֵײלֶע שְׁטִיל , אַלֶע זַײנֶען גֶעבְּלִיבֶּען צוּ טוּמִילְט , עֶנְדְלִיךְ רוּפְט זִיךְ אָב שמואל : דוּא הָאסְט גֶעמוּזְט הֶערִין פוּן שונאים , יֶעדֶער מֶענְשׁ הָאט דָאךְ שונאים .

וָואס זָאל אִיךְ אַײךְ זָאגִין פֶּעטֶער , אִיךְ בִּין עֶנְטְזֶעצְט זִינְד אִיךְ הָאבּ גֶיהֶערְט דֶעם נָאמֶען , נָאר אִיךְ וִויל אַײךְ נִיט מצער זַײן , פֶּעטֶער הלואי זָאל אִיךְ לִיגֶען זָאגִין , לָאמִיר שׁוין אַרִיבֶּער פָארִין צוּ זֵײ זֶעהֶן וָואס דָארְטִין טוּט זִיךְ אוּנ דוקא פְּלוּצְלוּנְג אַרױף קוּמֶען .

מִיט דִי רֵייד אִיז מיכל אַרױס גֶעגַאנְגֶען אָנְטָאן זַײן פַּאלְטָא . שמואל אוּנ גאלדע זַײנֶען דָא גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵײן . — וִויא גֶיפֶעלְט דִיר גאלדע ?

עֶס גֶיפֶעלְט מִיר זֵײעֶר נִיט , זָאגְט זִיא מִיט אַבִּיטֶערִין זִיפְץ , מֶען זֶעהְט אפילו אַז עֶר רֶעט דָאס פוּן הַארְצִין , אִיהם פַארְדְרִיסְט וָואס מֶען הָאט מִיט אִיהם נִיט גֶעטָאן . . .

אָבֶּער גָאר אַלִיגֶען אױס טְרַאכְטִין אִיז עֶר אױךְ נִיט סְפְּאסָאבְּנֶע , עֶס הֶערְט זִיךְ פוּן זַײא נִיט פַײנֶע מעשות , נָאר אִיךְ הָאבּ אִימֶער נִיט גֶעגְלױבְּט . גָאט וֵוײס , גָאט וֵוײס !

מִיט דִי רֵייד הָאט זִיךְ שמואל דבורה מאריאשעס אָנְגֶעצױגֶען זַײנֶע שבת-דִיקֶע קְלֵײדֶער אוּנ אִיז מִיט מיכלען אַוֶועק גֶעפָארִין .

2.

יעצט מיין ל. ער לעזער, איידער מיר וועלין פארט זעצען אונזערע ערציילונג רעכין איך עס פיר נ.יטווענדיג, דיא העלדען אונ דיא איבעריגע פערזאנען פון דיזער ערציילונג קענען צוא לערנען, אום דיא פארקאממענדע בעגעבענהייטען גענויא אונ ריכטיגער צוא וויססען, דער שמואל דבורה מאריאסעס האט געהאלטען איין איינפאר הויז אין פארשטאדט פון דער שטאדט ג׳, האט דער צו געהאנדעלט מיט פלאקס אונ מיט זוימין, וואס ער פלעגט אויפקויפין ביא דעם פויער אונ פלעגט צוריק פארקויפין דעם גרויסין סוחר, ער איז געוועזן זייער איין ערליכער מאן אונ דער צוא גאנץ תקיף אין מעמיד, האטש עהרליכקייט מיט תקיפות לאזט זיך ניט צו זאממען שיקען, ביא איהם איז אבער פארט געוועזן דער פאך: דורך זיינע עהרליכקייט האט ער געהאט צוא טרויען אי פון פויער אי פון סוחר, דורך זיינע עהרליכקייט האט עס צוא געצויגען, דיא רייזענדען זאלין פארקערין צוא איהם, דאדורך וואר ביא איהם אשפע אין הויז, וואס וואר נור געפיהרט פון זיין פרויא גאלדע אונ זיינע שיינע טאכטער דבורה, ער פון זיינע גישעפטין האט צוא זאממען געשלאגין אקאפיטאל פון עטליכע טויזנד רוביל אונ זיך ערבויט אפאר שיינע הייזער אין שטאדט.

פון דער אויבען פארגעבראכטע סצענע אונ פון זיינער גישעפטסארט איז שוין צוא ערוואַרטען, אז דער שמואל וואר איין אלטמאדישער איד, פון דעסט וועגין וואר ער קיין פיינד פון דער נייען וועלט, דען אגוטער מענטש קוקט אימער אויף דער גוטען זייט, אונ גוטעס געפינט מען איבעראלל, איין מאניע (שגעון) האט ער געהאט, וואס האט אויף איהם אונ אויף זיין הויז ארוף געבראכט אלע אונגליקען: ער האט געזוכט יחוס, אונ פאר יחוס וואלט ער דיא נשמה אוועק געבין, וויא דער לעזער האט גיזעהען פון זיין גישפרעך מיט זיין פרויא, דען וויא באלד ער האט זיך גירופין געוויינליך דבורה מאריאסעס, אהנע פאמיליע נאמען, קען מען פארשטיין, אז ער האט זיך אונטער דער אריסטאקראטיע ניט גירעכינט, אונ אז מען האט עטליכע רוביל, ווילט זיך זייער זיין העכער וויא מען איז, אונ אום צוא ווערין העכער זוכט מען צוא טאן אשידוך פון יחוס, אונ דאס האט ער געטאן.

זיין פרויא גאלדע וואר וויא מיר וויסען, דיא ווירטהין אין שטוב, אז דאס גאנצע הויז גישעפט וואר אויף איהרע הענד, דער צוא האט זיא געליבט דעם מאן אונ געשטימט מיט איהם אין אלעם, קינדער האבין זייא געהאט דרייא: איין טאכטער אונ צווייא זעהנע, דיא טאכטער דבורה, דיא העלדין פון אונזער ערציילונג, האט געהאלפען דער מוטער אין גישעפט, זיא וואר מילד אונ ליבליך אונ דער צוא זא רייצענד שיין אז וויא זיא וואר פאר טאהן אין גישעפט, איינפאך געקליידעט אונ מאנכעס מאהל איינגעשמוצט אין קיכזאכען, האט זיא ערדעגט יעדעס אויג, וואס פלעגט אויף איהר אקוק טאן, דער פרימסטער אין

מיטען

מיטען דאבנען אונ דער געשעפטסמאן אין רעכטען ראזגאוואר פון געשעפט, וויא זייא פלעגין איהר ערזעהען, פלעגין זייא ווערין באצויבערט, אונ פלעגין פאר געסען, וואו זייא זיינען אין דער וועלט, נאר זיא וואר זא נאאיוו (תם) אונ קייש (צנועה), אז זיא האט זיך גאר ניט געפיהלט, האט ניט געוואוסט, אז זיא איז שיין אונ אז שיינקייט זיא אזאך, וואס רייצט, וואס קען אנמאכען דיא גרעסטע אינטריגען, דר צו וואר זיא ניט אין אספערע (קרייז) פון אזעלכע מענשען, וואס זיינען אנגעשטעקט מיט דיא נייוועלטיגע ציוויליזאציע, דאס הייסט: וואו מען פארשטייט ניט דעם טאקט וויא מיט אפרויענצימער ארום צוא גיין אונ איהר צוא פאר פיהרען, פארשטייט מען ניט פון ציוויליזאציאן אונ פון בילדונג, בייא זייא אין הויז וואר נור אפארקעהר פון ארטאדאקסלנעם קלאס, וועלכע ווארען יא גערייצט פון איהר שיינהייט, אבער האבין פון זייערע געפיהלע קיינע מיסברויכע געמאכט, אלזא איז זיא אימער קייש (שולדלאז געבליבין.

שמואל רויזין האט גיהאט אפלימעניק מיכל גוטמאנן אשוועסטערס אזון איתום, וועלכער האט זיך בייא איהם ערצויגין פון זיינער קינדהייט אן, זינד ער האט פאר לארין זיינע עלטערין, ער האט איהם גיגעבין לערנען בייא דיא בעסטע מלמדים אונ לעהרער, ער האט זיך דורך זיין טאלאנט אונ וויסענס בעגירדע זייער אוים געצייכינט אי אין לערנען אי אין קענטעניסע, דען אבצוואר דער פעטער האט ניט גימיינט צוא מאכין פון איהם איין העכסט גילעהרטין מאן, אבער דאך האט ער איהם אין קיין זאך ניט גישטערט, צוא זיינעם זעכצעהנטין יאהר האט ער איהם אוועק גיגעבין צוא איינעם גרויסין גיהילצהענדלער אין גישעפט, דיזער האט זיך מיט דער צייט גיוואוסט דאס גאנצע צוא טרויען פון זיין פרינציפאל צוא ערווערבין, ער האט איהם אימער גיהעכערט זיינע גיהאלט, ביז ער האט איהם באשטימט איין גיוויסין טהייל אין דיא גישעפטין, וואס ער מיכל פלעגט אליין קויפין אונ פארקויפין, צו דער צייט פון אונזער ערציילונג איז ער שוין גיוועזן זעלבסט שטענדיג, האט גיהאנדילט פיר זיך אליין אונ האט פאר דינט.

דיא ביידע קוזינען, מיכל אונ דבורה, האבין זיך היים געליבט, אנפאנגליך וואר עס נור שוועסטער אונ ברידערליבע, נאכהער האט עס זיך פארוואנדילט אין דיא וואהרע ליבע, וועלכע זייא האבין אליין אויך ניט באמערקט, האבין זיך פיר איינאנדער שטארק אינטערעסירט, אימער אן איינאנדער גידיינקט אימער זיך אונטערהאלטען מיט איינאנדער, אין דען לעצטין צייטין פלעגין זייא פאר זיך געבין וואפראסין: וויא וואלט זיך דאס פאסין, זייא זאלין זיין מאן אונ פרויא? אבער זייא האבין ביידע ניט גיוואגט, עס איינאנדער ארוים צוא זאגין, דער צוא האבין זייא גיזעהען, אז דער פאטער שמואל קוקט גאר ניט דארויף, אלזא האבין זייא גימוזט שווייגין, מיכל גוטמאן וואר אויך וויא זיינע קוזינע ווייך אין חאראקטער, אונ וואר צוא דיא ליבעס אינטריגען גאר ניט גישאפין, נאר פון דעסט וועגין האט ער גיהאפט, דער פעטער וועט זיך באדיינקען אונ וועט גיפינען, אז דיא

פארטייא מיט איהם איז דיא בעסטע פון אלע, אז ער האט זיך דערוואוסט אז אין זיינער אבוועזענהייט האט דער פעטער גיטאן מיט דבורה'ן אשידוך, וואר ער, וויא מיר האבין גיזעהען אין דעם ערסטין קאפיטיל, העכסט באוועגט פון גראם (צער), אינדעם ער האט גיזעהן אז אלע זיינע האפענונגען צערטרימערט.

דער שידוך, וואס שמואל דבורה מאריאסעס האט גיטאן אונ דורך וועלכין ער האט זיך גיפיהלט אזוא גליקליך, וואר דער באוואוסטער ר' גרונם גרינשפאן. אונ אז מען זאל צוא הערין דיא שונאימשע צונג, ווייזט אויס, אז שמואל האט אשטיקיל טעות גיהאט, אמת ר' גרונם גרינשפאן האט גיהאט אפיינעם מויער אין שטאדט אונ וואר דער גאנצער גישעפטס פיהרער ביייא דעם גרויסין גביר, ר' צ"ץ, האט טאקע גיבויט אבמ"ד אונ האט זיך גימאכט אפיינעם נאמען דורך זיינע האדאטייסטוועס, פון דעסט וועגין האט מען גיזאגט, אז אין דיא יונגע יאהרין איז ער גיוועזן אמאלציק אין אשטוב אונ זיין ווייב נעבע האט דארטין גידינט, אונ דער פון איז דאס ארויס גיקומען זייער שידוך, אפיקשער יונג איז ער גיוועזין, האט זיך מיט דער צייט ארויין גימאכט פאר אשטיקיל פריקאסציק ביייא דעם ר' צ"ץ, אונ דא האט ער גינומען שטייגין פון טאג, דען ער האט זייער גיוואוסט וויא צוא טרייבין דאס גישעפט, דאס הייסט וויא צוא גנבענען פון קאזנא, וויא דיא בעלי מלאכות צוא דרייען אונ ווידער וויא צוא גאנבענען פון פרינציפאל אליין, אז יענער זאל נישט מערקין, מיט דער צייט איז ער ביייא איהם געווארין דיא רעכטע האנד, אז ר' צ"ץ האט זיך אן איהם ניט גיקענט אריהר טאן, וויא ער האט געפיהרט זיין ראלע אריכטאקראטיש, איז ער אין דער ווירקליכקייט ניט גיוועזן רייך, דען דיא שונאים האבין געזאגט: אז זיין מויער זייערט זיך אין פאזעמעלנע אונ וועכסלען האט ער אויף זיך וויא פיל האר ער האט אין קאפף, דען גאר זיינע געלט פלעגט ער פארשווענדין אויף פרונק אונ גלאנץ. —

זיין פרויא געכע וואר איענטע אונ אווערזמע צו זאמען, איהר געצוי קענען לערנען וועלין מיר ערכט אין דען פאלגענדען קאפיטלען פון דיזער ערציילונג.

וויא ער איז גיוועזן אין בארוף פאר אהעלד, פאר אבריה, האט ער אבער צוא הויזע גילעבט וויא מען זאגט: פאר באשמאקאם: זיא האט גיפיהרט דיא גאנצע ראלע אין שטוב אונ ער האט געמוזט טאנצין וויא זיא שפילט, אז ניט פלעגט זיא עפענען איהר מיילכעלע דאן פלעגט איהם ווערין פינסטער אונ ביטער, אז ער פלעגט זיך פארשילטין דעם לעבין, וואס ער האט גאר אנגעהייבין פון אזא אלעבין, פערשטייט זיך פון זעלבסט איז ער ניט גיוועזן גליקליך מיט זיין פרויא, נאר בעסער האט ער ניט גיקענט מאכין, דען ער האט זיך אמאהל ארויס גירעדט: ער וואלט זיך געטין, האט זיא איהם גיגעבין דיא גאב אז ער איז אבגילעגין קראנק איינגע וואכין, פון יעמאלט אן, דער לייב אין בהמ"ד אונ אויף דיא אסיפות, איז אין דער היים גיוועזן אשטילער שעפס: וואס זיא פלעגט טאן פלעגט ער אלס פאטאקעווען, טאמער פלעגט זיא טאן איין עולה אגרויסע, פלעגט ער אימער זאגין איך מיש זיך ניט.

קינדער האבין זייא געהאט פריער דרייא זין מיט איין טאכטער: דער עלטערער זון נפתלי איז גיוועזן פאר שיקט אין סיביר עפעס איבער אמעשה, וואס דיא מוטער נעכע האט איהם אריין געפיהרט, נאר אחסרון צוא אשידוך קען דאס ניט זיין, פלעגט זאגין נעכע, ווייל דאס איז גיוועזן אבילבול קען זיך דער גרעסטער צדיק ניט אויס היטען, פון דעם נפתלין האבין זייא קיין ידיעה געהאט, זיא האבין גירעכינט, אז ער איז דארטין גישטארבין אין סיביר, דער אנדערער זון זרח האט געפיהרט אלידערליכעס לעבין, האט גיטאן זעקס מאהל שידוכים, אכט מאהל האט איהם דער פאטער גיגעבין נדן, מיט דרייא ווייבער האט ער זיך גיגט, צוויא זיינען גישטארבין, אונ פון דער דריטע איז ער גישטארבין, דען ער איז איין מאהל גיקומען אהיים רעכט ניט ניכטער האט פאר פיהרט אסקאנדאל, עס איז גיווארין אגישלעג מיט דיא שכנים, פון דער דראקע איז ער ארויס מיט אצערבראכענעם שארבין אונ איז זיך אוועק גישטארבין, דיזער זון קען אויך קיין חסרון צוא אשידוך ניט זיין פלעגט זאגין נעכע: ערשטען ווייל ער איז דאך אגישטארבענער, אונ צווייטין איז ער דאך גישטארבין ניט מיט זיין טויט, איז ער דאך אקדוש, אונ אקדוש איז אדרבה נאך אמעלה אין אמשפחה.

דער דריטער זון משה יענקל, וואס איז ערסט גיווארין דבורה'ס מאן, איז גיוועזן דער פער פון גרינשפאנס הויז, פון איהם האבין זייא גיהאפט צו זעהען גאר דיא נחמה, זיינע ערציהונג וואר נאטירליך אונטער דיא לייטונג פון דער מוטער, קען מען פארשטיין, אז זיא האט גיפיהרט צוא וואס גרויס ארטיגעס. דיא וועלט פלעגט אפילו זאגין, אז ער שניידט זיך נאך זיינע עלטערע ברידער, דיא מוטער פלעגט אבער זאגין אז פון איהם וועט ארויס וואקסען ארב ניט אנדערש ווייל זיא האט גיהאט אברודער ארב אונ קינדער זיינען ע"פ רוב גיראטין אין דיא מוטערס ברידער. אז ער איז אויס גיוואכסען, פלעגט ער שטענדיג ניט זיין אין דער היים, דיא מוטער פלעגט זאגין ער זיצט אין בהמ"ד אונ לערינט, נאר שונאים פלעגין זאגין, אז ער טרייבט זיך ארום מיט לידערליכע יונגען אין דיא שיינקען, והראיה אז מען האט איהם וויא פיל מאל גיזעהען טאקע, וויא ער האט אויף טראגע מיט ניט פיינע מענטשין אונ ער איז בייא נאהע ניט אלע מאהל ניכטער.

זייא האבין געהאט אבת יחידה יאחנע, עלטער פאר דעם משה יענקלען, דיזע האט גראד קיין מעלות ניט גיהאט: זיא וואר ניט שוין אונ ניט קלוג, אויף אזויא פיל ניט קלוג, אז דיא וועלט האט דאס אנגירופין אידיאט (גולם), גאר דיא מוטער פלעגט דאס אנרופין איין ארענטליך קינד אן זויבער חכמות צוא אשידוך קען דאך דאס ניט שאדען, וואס איז שייך? דיזע יאחנע האט זיך גירופין ענונה, ווייל איהר מאן האט איהר אוועק גיווארפין, נאר קיינער האט איהם ניט גיגעבין אומרעכט, ווייל מען האט גיוואוסט דיא מעלות פון דער יאחנען.

נעכע האט גיהאט צווייא ברידער, איינער וואר קלב איין אויס געדינטער מאלדאט נאך פון דיא קאנטאניסטען, ער האט גיוואהנט אין וויאטקע אין טיף

רוסלאנד, דארטען וויילע עס איז זייער ווייניג אידען, מעהר ניט עטליכע אידישע סאלדאטען מיט איניגע בעלי מלאכות, — וואר ער אויס גיקליבען פאר איין רב, וועלכער האט גידארפט פיהרען דיא מעטערישע ביכער, נאר נעבען האט מען זיך ניט גיקענט אויס צאהלין מיט איהם: זיא האט פארקלונגען דיא וועלט מיט איהר ברודער דעם רב, האט אויף איהם שטאלצירט וויא אויף איין ווירקליכען רב, וויא וויט ער איז ווערט גיוועזן צוא טראגין אויף זיך דעם נאמען רב, וועלין מיר וויטער זעהען.

דער אנדער ברודער נתן צמח וואר אכלי קודש אין שטאדט: ער פלעגט קלייבען געלט פאר דעם האספיטאל, איז גיוועזן אבית דין שמש, אחזור, אשדכען אונ נאך אזעלכע דאלזנאסטען פריער איז ער גיוועזן אשוחט אין אשטאט, נאר איבער אקליינינקייט איז ער אראפ פון שטעל. דיא שוועסטער נעכע האט אויף איהם אויך ניט ווייניג שטאלצירט: זיא פלעגט איהם אנרופין אמאל דיין, אמאל גבאי, אמאל גוטער איד, אונ האט גיזאגט אז ער איז דער רעכטער פינטיל פון נאר דיא אידישקייט אין שטאדט, ער פלעגט אויך האנדלען מיט אלע דוחאונגע זאכין: מיט אתרוגים, מיט שמורה, אויך מיט ארץ ישראל ערד, מיט קמיעות מיט מגולות, פלעגט אבשפרעכין איין ע"ה, פותר חלומות זיין, אונ האט גידינט בכלל פאר איין נאמעסטניק פון אבעל שם, פון יעדער זאך פלעגט ער ציהען אנראשין אונ איז פארט גיוועזן איין ארום מאן, נאר פאר איחום אין דער משפחה האט ער גיקענט גאנץ גוט דינען, אקלייניגקייט אזא מענטש, וואס טהוט אזוא פיל ארום אידישקייט! אין חאראקטער האט ער ניט אוסטופייעט זיין גוטע שוועסטער נעכע אונ ער האט איהר געדינט פאר אגאנצין בעל יועץ אין אללע אירע זאכין.

יעצט, מיין ליבע לעזער, וויא מיר האבין קענען גילערינט דיא פערזאנען פון אונזער ערציילונג, לאמיר אריבער גיין צוא ר' גרונם גרינשפאן אין הויז, פריער וועלין מיר זעהען וויא גוט דבורה האט אנגיטראפין אונ נאכהער דעם וויזיט וואס שמואל דבורה מאריאשעס מיט זיין פלימעניק מיכל גוטמאנן האבען דארטען געמאכט.

3.

דיא שוויגער

דעם זעלבין טאג וואס שמואל רדיזין האט זיך אזוי פריילוך אויס גע-דריקט זיינע צו פרידענהייט פון דעם שידוך, וויא מיר האבין גיזעהן אין דעם ערשטין קאפיטעל, דעם זעלבין טאג אודר צווי בייא טאג איז דבורה גיוועזן אליין אין איהר צימער, די אויגען נארין פייכט פון טרערין אונ דאס געזיכט בלייך אונ העכסט פערקימערט, אויך אונטער דיזען טרויעריגען וואלקען וואר

זיא

זיא רייצענד שיין, זיא וואר הויך אונ שלאנק, זייער רעגעלמעסיגע געזיכטס-ציגע, איינע צארטע הויט פארבע, שווארצע אויגען, שווארצע האר, זייער מילד אונ איבער הויפט רייצענד, זיא וואר אנגעצויגען אין אבלאע זיידענע קלייד אונ האט ערשט אויף זיך אנגעטאן איין גאלדענע קעטע מיט בראשלעט אונ רינגען, זיא האט אקוק געטאן אין שפיגעל אונ רעט צו זיך: ווער וואלט זאגין אז אונטער דיזע קליידונג ליגט אבארג מיט צרות, די ארעמע לייט זיינען מיר מקנא אונ ווייסען ניט, אז איך בין מקנא די ארעמע לייט וועלכע האבין נור איין רוהיגען געמיט. יא איך האב זיך יעצט אנגעצויגען אין דיא קליידער וייל מיין גוטע שוויגער האט מיר געהייסען: זיא זאגט, אז א כלה דארף זיין אימער אויס געפוצט, אונ אין אמתן ווייס איך אז דאס איז נור אפרעטעקסט, וויא העגדיל אן מיר צו זוכען, באלד וועט זיא קומען אונ וועט צוריק שרייען, ווארום איך האב זיך אנגעצויגען אזוי, א וואס פאר א גיפטיגע שלאנג דאס איז! וואס מען טוט גיפעלט איהר ניט, וואס איך בעמיה זיך ניט איר אימער נאך צו געבין, אונ זיא זוכט אימער מיין לעבין צו פערביטערין, פרידיבייעט זיך צו מיר אן אויפהער פאר גאר נישט, ניט שוין זיינען אלע שוויגער אזוי? איך האב אפילו ווייניג וועלט גיזעהן, אבער אזעלכע שלעכטע מענשין זאלין זיין אויף דער וועלט, האב איך מיר ניט פאר גישטעלט. א טאטע! טאטע! דוא האסט געמיינט דו טוסט מיר גוטעס ניין דוא האסט זיך שרעקליך געאירט, דוא האסט מיך אריין געווארפין אין איין שלאנגען גרוב, די ערשטע איז די גוטע שוויגער וואס צאפט מיר מיין בלוט אימער אן ערבארימונג, אונ דער אנדערער דער גוטער מאן וועלכער איז קיין מאל ניט ניכטער... איין יודישער יונגער מאן זאל זיך אזוי לידערליך אויף פירען זאל זיין אזא פאר שווענדער אונ מיט זייער אגראבין באנעמען. שלעכט שלעכט! מיין מזל איז אפינסטערער אביטערער! נאט ווייס נאט ווייס וואס עס וועט נאך זיין פון מיר, איך פיהל מיך שוין קראנק פון טאצעגעס פון קלעמעניס. איך האב דאס מיין פאטער ניט געזאגט ווען ער איז דא געכטין גיוועזין, דען איך וויל איהם ניט קלעמען, אבער ער האט געדארפט אליין פארשטיין אז מיט מיר איז ניט גוט. נאר וואס קומט ארויס וואס קען דאס העלפין? איך בין פאר פאלין איך וועל פון דיזען שלאנגען גרוב ניט אויס געלייזט וועריז, איך מוז ליידען ביז מיין קורצעס לעבין וועט איין ענדע נעמען. א מיין קוזין, מיין נוטער מיכל וואלט וויסען וואס מיט מיר טוט זיך, ער וואלט ניט אויס האלטען... אדער ער וואלט זעהן מיך צו בעפרייען, וואלט אויף זייא ארויף בריינגען גרויסע צרות אז זייא זאלין אן מיר פארגעסין... א ווארום בין איך ניט זיין פרוי? וואס פאר אגליקליכע פאר מיר וואלטין דאס גיוועזין, מיר האבין אונזערע קינדהייט צו זאמען גילעבט, אונ איך האב געמיינט אונזער לעבין וועט אויף עוויג צו זאמען פערבונדען זיין, ערשט ניין, מיין פאטער האט געזוכט יחוס, אט האט ער

אוים

אויס געפֿירט, ער האט מיר גיגעבין צוקער פול מיט סם, ער האט געקוקט אויף דעם איסערליכען גלאנץ און האט ניט געזוכט דאס אינערע פון דיזעס הויז נאך צו פֿארשׁין, פֿארפֿאלין מען מוז ליידען מסתמא איז מיר אזוי בעשערט אפשר וועט מיט דער צייט בעסער ווערין מען דארף האפֿין.

מיט די רייד האט זיא גענומען איין יודישען ראמאן און זאגט: לאס איך זיך עטוואס צערשטרייען, אין דיזעס בוך ווערט בעשריבען וואסערע צרות עס קומט ארויס פון ליבעס אינטריגען, און איך קען נעבין אביישפיל אז מען קען האבין צרות נאר אן ליבעס אינטריגען און נאר אומשולדיג. א איך פֿירכטע פון מיר זאל ניט זיין צו בעשרייבען אשרעקליכע געשיכטע איך זאל ניט זיין דאס אפפער פון פיל טרויעריגע בעגעבינהייטען.

אין די רייד האט זיא אקוק געטאן אין פענסטער און האט אשוידער זיך געטאן.

א זאגט זיא אן גייט שוין מיין שלאנג מיין גוטע שוויגער, זיא וועט מיר ווייטער געמען טאצין מיט אירע אונצופרידענהייט, איך מוז זיך ערגעבין, וואס גאט וועט געבין דאס וועט זיין.

עס האט זיך נאך פון קארידאר געלאזט הערין לארמען מיט זידלעריי, גלייך דארויף האט זיך האסטיג גיעפֿינט די טיר, עס איז אריין געלאפֿין א יודינע אגרויסע אדיקע אשווארצעס געזיכט אנעשטופעלטע מיט בלאע ליפען מיט בייזע אויגען, מיט היבשע וואנשען, מיט אהאר באנד און אציפֿיק מיט בענדער, אין איין אטלעסענעם בורנאס, מיט אפאציילע צו געדעקט, האט זיך גענומען אויס טאן און לויפֿין האסטיג איבערין שטוב.

דבורה איז געזעסין און האט געציטערט וויא אבלאט.

וואס האסטו זיך עפעס אויס געפינזעט וויא אלאלקע, וואס איז היינט שבת יו"ט? האט זיא געשריען, אייביג וועסטו דאס זיין א כלה מיין גירעטעניס א! וואס אשוביצע ניט קען!.

איר האט דאך מיר פֿריער געהייסין זיך אנטאן אזוי שוויגער.

דוא וועסט נאך ריידען אנטקעגין, עזותניצע! וואו איז דאס גיהערט געווארין, אז אשנור זאל ריידען אנטקעגין אשוויגער... דאכט זיך אשוביצע קען קיין צווי ניט ציילין, פון דעסט וועגין אויף צו זידלען זיך און צו שילטען זיך איז דא אמויל נישקאסע! אך און וויא איז מיר, וואס פאר א שידוך איך האב געטאן! זאג מיר וואס האסטו זיך עפעס אוועק גיזעצט ווי ארבעטען קיין תהלים... וואס? עס איז גאר קיין ארבעט ניטא? ביי מיר איז ב"ה געווען פון כל טוב, ניט ווי ביי דיין מאמין דעם האליש, שמיינט געווען וואס פיר א שידוך איך האב געטאן! אלין מיין אלטער דער נאר וועט מורשה אויף אזא שידוך... וואס זיצטו אזוי? איך קריינק איך האריווע ניט שווייס, דארף קארמיגען אלע שווארין יאהר (רעט זיא פאר זיך אין דינער שטיל, יענע זאל פון דעסט וועגין הערין). נאך ניט גענוג וואס זיא פרעסט

אומזיסטיגע

אומזיסטיגע, דארפין איהר נאך אונטער טראגין פארטיגע... זיא זיצט זיך רוהיג זאגט זיך תהלים וויא אגעשוואליגע רבעצין, עסט אונ טרינקט פון אלעם בעקטין, אונ ווער דארף קריינקען הארייען? איך מיט מיין יאחנעלען די טרויעריגע ענונהלע, עס קלעקט איהר געבאך אזוי געגנוג... אונ זיא די שנירעלע שוין צוויי וואכין נאך איהר חתונה אקליינינקייט, אונ האט נאך ניט אקלאפ געטאן אפינגער אן אפינגער, ננא! רבותע! איז פון גאט, איז געלויבט איז גאט, מסתמא איז דאך מיר בעשערט צו האבין אזא פלאגע אויף מיין קאפ. מעהר וויא צו זיצען אוים געפינזעט קען זיא גיט, פס! מיין יחסענטע, אך אונ וויי איז מיר וואס פאר א שידוך איך האב געטאן, ווער איז זיא? וואס איז זיא? איהר טאטע דער פערד איז אשטיקעל קרעצמער, האנדעלט מיט דעם פויער אונ איז אפויער, איך בין דאך טאקע געקנאטין פון גרויסע לייט, זיא האט אפשר אברודער א רב אזוי וויא איך? האט אפשר אברודער א גבאי א דיין א קהלס מאן אזוי וויא איך האט אפשר אפעטער א בע"ש אזוי וויא איך? האט אפשר געבויט אסמענדרעס (בהמ"ד) אזוי וויא איך? איך אז איך וועל אי"ה שטארבין, וועלין דאך מיר נאך גיין מלאכים, אבער זייא, זייא וועלין פאר שווארצט ווערין אין גיהנום מיט דיא פויערים אין איינעם, מעהר וויא פויערים וועלין זייא ניט גיין אנטקעגין אויף יענער וועלט, שטיינס געזאגט וואס פאר אשידוך איך האב געטאן, וועמען האבין זייא אין זייער משפחה? אט זייער פלימעניק דעם אפיקורס דעם גוי, וואס איז אלץ מיט די טייצען אין איינעם, היינט אנאב האט מען איהר גינעבין, אך אונ וויי איז מיר, עטליכע שמאטעס סאמעטענע אונ בעטגעוואנד אנגעשטאפט מיט שפענער אונ מיט קלעצער, דער אויבערשטער זאל מיר ניט שטראפין פאר מיינע רייד.

דאס האט אלץ גירעט נעבע בודטא בו פאר זיך האט רייעדיג געקריצט מיט די ציינער אונ געגלאצט מיט די אויגען אין כעס, דבורה האט דאס אלעם גיהערט אונ האט זיך געמאכט ניט הערענדיג, זיא האט געציטערט איהר צו ענטפערין, דען זיא וואלט אויף איהר ארויף ניסען דעם גאנצען גיהנום, זיא האט מעהר ניט געציטערט וויא אבלאט אונ גענאסין זיך מיט טרערין.

זעה זעה! וואס האסטו זיך דא פאנאנדער געפלאנחעט! איך האב דיר דאך נאר ניסט געזאגט, פטור מען פארשטייט ניט די קונצען (זאגט זיא פאר זיך), מען בענעצט די אויגען מיט שפייעכטס, כלומרסט זיא האט געוויינט... ניסקאשע, איך בין אויך פון די נארען ארוים, איך פערשטייא! נוא וואס שטייסטו?

וואס זאל איך טאן? פרעגט זיא דעמוטהיג.

וויא פרעגט מען דאס וואס צו טאן? מען נייט מען שטריקט מען דארף דאך וואס עס איז קענען, קען מען דען יעדע קליינינקייט אוועק געבין אשניידער

אלץ

אלין געלט אויס געבין, אך און ווייא איז מיר, מיין משה יענקעלע וועט נעבאך בדלות ווערין, אז פאר יעדער לאטע פאר יעדער שמאטע אלין צאל, אשיינער מאכל חלעבין אוי ווייא איז מיר.

דבורה האט גענומען איהר נייא קיסעלע מיט אשע־ און האט זיך גיזעצט נייען.

זעה! גיט ווידער נעכע אנעשרייא: וואס האסטו זיך דא אזוי פאנ־אנדער גישטעלט, זעה וואס זיא האט דא אנגעווארפין אפין טיש, עס איז חלשות צו קוקען אקוראט וויא בייא אשניידער. א א וואס זיא האט דא מיר אנגעפאסקודזעט די שטוב, וואס ביזטו אשניידערקע, איך האב דיר גענומען פאר אשניידערקע? אשיינע מעשה חלעבין מעהר וויא דאס פעלט מיר ניט, מען האדעוועט אקינד, מען בלוטיגט זיך ביז ביין מען מאכט איהם פאר אמענשין לייטען גלייך, מען זעהט שוין נחמה אן איהם, מיט אמאהל נא דיר, געקראגין אשנור אשניידערקע אוי ווייא איז מיר, איך דארף זיך דאך באגראבען פון בזיונות אז די וועלט זאל זיך דאס דערוויסען, אדער מיינע ברידער וועלין זיך ח"ו דערוויסען... זאלסט מיר שוין אראפ נעמען די פאס־קודסטווע פון טיש הערסטו שטיק שניידערקע!

איהר האט דאך מיר ערסט געהייסען נייען — זאגט דבורה ציטערנדיג.

געהייסען האב איך דוא פארשטייסט זייער, וואס מען רעט מיט דיר שטיק גלאמפ! האט עפעס אברעקיל איבער לייג אין מוח, וואס און ווען. איך האב געהייסען נייען, אבער ניט פאר פאסקודזען די שטוב פארשטייסטו?

איך בין אפראסטע מענש — זאגט דבורה — וואס איהר הייסט מיר, דאס טוא איך.

אט דאס איז דער אומגליק וואס דוא ביזט אפראסטע מענש וואס איך האב געטאן אפראסטין שידוך, דאס האסטו טאקע אמת געזאגט אז איך האב געטאן אפראסטין שידוך... פאר וואס מיין רבצין האסטו זיך דאס היינט ניט געמישט אין קיך? לחייא וואלסטו אכטונג געבין אויף די מאד, די שמאד אין דער ערד זאל זיא גיין די נאסערקע, זיא נאסט אויף אלין אין קיך אז אויף דעם טיש איז ניטא וואס צו דערלאנגען... אווייבעצקע דארף קענען קאכין און קענען פירען חאזייסטווע.

איך האב זיך דאך היינט געמישט אין קיך שוויגער, איך האב דאך געקאכט געבראטין היינט.

אזוי! דאס האסטו געקאכט — גיט נעכע אנעשרייא — אט איז דיא מעשה, דערפאר טויג טאקע אלין אויף כפרות, שטיין דוא האסט דאך מיר היינט איבער געפירט דעם גאנצען ווארעמעס מיט די וועצערע, וואס וועל איך דערלאנגען צום טיש? היינט דארפין זיין בייא מיר אזעלכע געסט, מיין ברודער דער רב דארף היינט קומען, איך האב געהאט פון איהם אבריף..

הערסטו

הערסטו דבורקה זאלסט זיך מיר ווייטער ניט צו רירען צום קאכין , דו הערסט וואס איך זאג דיר מיין קעכין , אשיינע קעכין חלעבין , איך האב דיר גענומען פאר אקעכין ? אקעכין קריגט מען פאר צוואנציג רובל איאהר , און ניט וויא דו האסט מיר אב געקאכט טויזענדין , זאלסט מיר ווייטער אין קיך ניט אריין שמעקין , הערסטו מיין בריה.

איהר האט דאך מיר ערשט געהייסען שוויגער.

געהייסין האב איך פארשטייסט זייער וואס מען רעט מיט דיר ישובניצע מעהר וויא מיט דעם פויער קען זיא ניט ריידען... גייא שוין מיין ראס-טאטלעס קער אויס די שטוב , אבעלעבאטעצקע דארף קענען אשטוב אויך אויס קערין , אויס בעטין אבעט און...

איך האב דאך ערסט אויס גיקערט שוויגער.

אט דאס איז בייא דיר אויס גיקערט ! גיט נעבע אגעשריי מיט אקוויץ: עס איז דאך פול מיסט אונטערין קאנאפע און אונטערין קאמאד אויף פא-וואזקעס צו פירען , אבער אבריה פון א ווייב האט מיין משה יענקעלע גענומען , אז אך און וויי איז מיר אט דערפאר איז ער דאך נעבאך גיגאנגען מיט אבארד צו דער חופה , אנוטס קען דערפון ארויס קומען אקליינינקייט , דערוויילע איבער אירע בריותקייט האט ער קינדער פערזעסין און איז גיווען א בחור מיט אבארד... איך האב געזאגט אז וואס דאס קינד האט אבארד אזוי גיך איז ניט גלאט , די כלה קערט ניט נוט די שטוב אט נא דיר האט זיך אויס געלאזין אויף מיינע רייד , א חכמה בין איך טאקע , מיינע ווערטער זיינען טאקע צו דרוקען חלעבין , גייא שוין קער איבער די שטוב בעט איבער די בעטין , שטעל אויף דעם סאמאוואר עס קען זיין , אז מיין ברודער דער רב וועט באלד קומען , אט וועל איך דאס האבין נחת מיטען שעפיל צו שעפין , אקליינינקייט א רב אין א משפחה , ניט אומזיסט בין איך דאס אזוי געהויבין ביי דער וועלט... יע און מיין יאחנעלע דארף אויך באלד קומען פון באד , זיא איז נעבאך אליין אוועק געגאנגען שוין פון צוויי שעה מיט איהר קראנקען יאסינקען , צו האט זיך דארטין ניט געטראפין א סיבה ח"ו , זיא איז דאך אזא גוטע אזא שטילע, אלע צעפעגען איר גאר אומזיסט און אומניסט , מען לאכט פון איהר , פאר וואס ? ווייל זיא איז ניט אזוי פאר שפיצט וויא די איצטיגע הולטייקעס , די שניר וואס קענען זיך זידלען און שילטען מיט אשוויגער , אבער אזוי איז זיא דאך אנירעטעגיס , זיא וואלט דאך טאן אלע ארבעט אין שטוב , אז מען וואלט איהר נור לאזין , נאר זיא איז נעבאך אלין פאר טאן מיט איהר קינד דעם קראנקען , און זיא איז נעבאך פאר צרהט און פאר מארעט וואס זיא איז נעבאך אפינסטערע עגונה אבער אזוי וואלט זיא אפשר פרעגין וויא צו טאן און וואס צו טאן ? אט ווי די נירעטעגעס די שניר , וואס קענען מעהר ניט עסען און שלאפין און

פונדזירען

פונדזירען זיך, זעה מיין גירעטעניס וואס טוסטו? וואס קערסטו עפעס די שטוב, וואס איז דאס פאר א צרה?

איהר האט דאך מיר ערסט געהייסען איבער קערין די שטוב שוויגער.

די שטוב האב איך געהייסען איבער קערין, וואס נאך וועסטו זאגין? מאך שוין אויף מיר א ממזר בלבול אויך, מעהר וויא דאס פעלט שוין ניט, אך טאטע דער בארימיגער, נוא אשנירעלע האט מיר גאט גיגעבין, עס קלעקט מיר, מסתמא איז דאך מיר אזוי באשערט פאר מיינע זינד, אשנור זאל ריידען אשוויגער אנטקעגין, לייקענען אין די אויגען, די הימלען דארפין זיך דאך שפאלטין פון אזעלכע הטאים, וואס עס איז דא אויף דער וועלט. איך האב גאר געהייסען אויס בעטין די בעט, נעם שוין בעט איבער דיא בעטין אונ שטעל שוין אויף דעם סאמאוואר.

דבורה האט געשוויגען האט פארביסען די ציינער פון פערדרוס איז גע-גאנגען איבער בעטין די בעטין.

נוא זעה גיכער האט ווייטער נעכע אנגעהויבען: אז זיא טוט שוין איין ארבעט איז שוין אויך אז אך אונ וויי, קאם וואס זיא רירט זיך, קאם וואס זיא גייט, קאם וואס זיא שטייט, קאם וואס זיא לעבט, מעהר ניט צום עסין אונ צום טרינקען זייגען זייא בריות, מיין געראטענע שנירעלע, וואס האסטו גענומען בעטין די בעט, איך האב דיר דאכט זיך געהייסין מאכען דעם סאמאוואר? צו אזוי בעט מען אבעט, נעם לייג שוין איבער די קישען אט אהער פון דער רעכטע זייט אין די לינקע זייט.

דבורה רעט אווארט ניט איבער, נעמט דיא קיסען אונ לייגט איבער אין די לינקע זייט.

ווייטער! גיט ווידער נעכע אגעשריי: איך האב דיר דאך געזאגט, זאלסט ניט לייגען אין דער לינקער זייט, אט איז אביטעל א גלאמפ, דער אויבערסטער זאל מיר ניט שטראפין פאר מיינע רייד, אגוטע פלאגע איז ארויף געשיקט געווארין אויף מיין קאפ, נוא טאטע דער בארמיגער, מען זאל איטליכע זאך אלץ דארפין טאלקעווען לערנען קיין אייגענער שכל איז ניטא אויף אהאר, גייא שטעל שוין אויף דעם סאמאוואר מיין גירעטעניס, איך וועל שוין אליין דא פארבעטין די בעטין, אך אונ ווייא איז מיר אט אזוי מוז איך דאס אלע ארבעט אליין טאן, אלץ אליין אלץ אליין עס קאסט געלט קינדער, מען בלוטיגט זיך מען הארעוועט מען מיינט מען וועט ווען עס איז האבין נחמה אויף זייא, מען וועט ווען עס איז אב רוהען זיך פון די שווערע ארבעט, ערסט נאדיר הארעווע צו די עלטערע יאהרין נאך מעהר וויא אין די יונגע יארין, די געזינט ווערט גרעסער דארף מען נאך מעהר הארוועןי, אונ עס איז ניטא קיין אב בייט ניט אויף אהאר, א נס מיין טאכטעריל יאחנעלע, זיא העלפט מיר ווען עס איז יע, גלאט איך לאז איהר ניט, זיא איז געבאך אפערביטערטע הארץ, אבער אזוי איז זיא דאך אזא גירעטעניס

אזא

אַזאַ גוּט קִינְד , מֶעהְר נִיט שֵׁדִים ווַייסֶען זַייא דִי גזלנים ווָאס לַאבִּין פוּן אִיר ווַיילֶע זִיא אִיז נִיט פַאר שְׁפִּיצְט , אוֹי ווַייא אִיז מִיר פוּן ווָען אָן זִיא אִיז אִין בָּאד , צוּ הָאט זִיךְ דָארְטִין נִיט גֶעטְרָאפִין מִיט אִיהר עֶפֶּעס אַ סִיבּה, שְׁטֵיינְס גֶעזָאגְט מִיט אִיהר טְרֶעפְט זִיךְ אַלְץ סִיבּוֹת , מֶען דַארְף גֵיין זֶעהָען צוּ הָאט מַיין רַאסְטָאטְלֶעס גֶעמַאכְט דֶעם סַאמָאוַואר דָאס קִינְד ווֶעט קוּמֶען לָאז זִיא חָאטְש הָאבִּין אַווַארִימֶען זוּפּ. מַיין משה יענקעלע ווֶעט אוֹיךְ מכתמא בַּאלְד קוּמֶען , עֶר זִיצְט גֶעבַּאךְ אִין סְמֶעדְרֶעס (בהמ"ד) אוּנ לֶערִינְט תורה , קְלַייבְּט עולם הבא פְּרֶעג פַאר ווֶעמֶען ? פַאר זַיין גְרָאבֶּע קְלָאץ ווָאס קֶען קַיין צְווַייא גִיט צֵיילֶע׳ , אַזאַ טַייֶער קִינְד הָאבּ אִיךְ חתונה גֶעמַאכְט מִיט אַזאַ גְלָאמְפּ זִיא ווֶעט אִיהם גֶעבַּאךְ גוּט פַאר פִינְסְטֶערִין זַיין ווָעלְט .

מִיט דִי רֵייד אִיז זִיא אַרוֹיס אִין קִיךְ , נוּא הָאסְט שוֹין אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶעם סַאמָאוַואר ?

יֶע שְׁווִיגֶער אָט אִיז שוֹין אוֹיף גִישְׁטֶעלְט זָאגְט דבורה .

ווִיא הָאסְטוּ גֶעטָאן מַיין רַאסְטָאטְלֶעס דוּ ווַייסְט ווִיא אַסַאמָאוַואר אוֹיף צוּ שְׁטֶעלִין ? בַּייא דַיין טַאטִין הָאסְטוּ ווֶען גִיזֶעהֶען אַסַאמָאוַואר ? הָאסְטוּ גָאר ווֶען גִיהֶערְט דֶעם נָאמֶען סַאמָאוַואר ? אָךְ אוּנ ווַייא אִיז מִיר ווָאס פַאר אַשִׁידוּךְ אִיךְ הָאבּ גֶעטָאן , מֶען זָאל אַסַאמָאוַואר גִיט קֶענֶען אוֹיף שְׁטֶעלִין דָאס אִיז דָאךְ אַגְרוֹיל וואוּ אִיז דָאס גִיהֶערְט גֶעווָארִין ?

ווָאס ווִילְט אִיהר שְׁווִיגֶער ? אָט אִיז דָאךְ אוֹיף גִישְׁטֶעלְט גַאנְץ גוּט , בַּאלְד נֶעמְט עֶר זִידֶען .

אָט דָאס אִיז בַּיי דִיר גוּט ! הָאט נעכע ווִידֶער גֶענוּמֶען אַפִּין אוֹיבֶּער : אָט אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען דָאס אוֹיף אַסַאמָאוַואר , דוּא הָאכְט דָאךְ אוודאי גֶעגָאסִין דִי ווַאסֶער אִין קוּימֶען אוּנ אַ־וּם אִין סַאמָאוַואר גֶעלֵייגְט דִי קוֹילֶען , אָךְ אוּנ ווַייא אִיז מִיר אַ נֵס ווָאס קֵיינֶער אִיז דֶער בַּייא נִיטָא , מֶען ווָאלְט דָאךְ דָאס פַארְנַאנְדֶער טְרָאגִין אוֹיף טֶעלְער אִין גַאנְץ שְׁטָאט , עֶס קְלֶעקְט מִיר אַזוֹי אוֹיךְ גוּטֶע בזיונות נַאדִיר נָאךְ , שְׁטֵייץ מֶען זָאל גִיסֶען וַואסֶער אִין אַקוּימֶען אוֹי אִיךְ חַאלֶעם .

הֶלֶעבִּין שְׁווִיגֶער ווָאס בִּינְט אִיהר זִיךְ צוּ מִיר גָאר אוּמְזִיסְט ? ווָאס הָאט אִיהר צוּ מִיר ? אִיךְ מַאךְ דָאךְ אַלְץ ווִיא מֶען דַארְף גְלַאט אִיהר צֶעפֶּעט זִיךְ צוּ מִיר פַאר גָאר נִיסְט .

אַזוֹי אַזוֹי ! הָאט נעכע ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַפִּין אוֹיבֶּער : אָט אַזוֹי עֶנְטְפֶערְט מֶען דָאס אַשְׁווִיגֶער , ווֶעסְט זִיךְ נָאךְ קְרִיגֶען ווֶעסְט זִיךְ נָאךְ שִׁילְטֶען אַרְצֶעזוּתְנִיצֶע הוּלְטַייקֶע , עֶס זָאל זִיךְ אַמוֹיל נִיט צוּ מַאבִין צְווַיי שעה אַפִּין זַייגֶער , שְׁווֶעבִּיל אוּנ פֶּעךְ אִיז אִין דַיין מוֹיל אוּנ אַנְטְקֶענִין ווֶעמֶען ? אַנְטְקֶענִין אַשְׁווִיגֶער , אַשְׁווִיגֶער זָאל מֶען שִׁילְטֶען אוּנ זִידְלֶען אָךְ טַאטֶע דֶער בַּארֶעמִיגֶער אִיךְ ווֶעל נִיט אוֹיס הַאלְטִין .

ווָאס ווִילְט אִיהר שְׁווִיגֶער , ווֶען הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעשָׁאלְטִין גֶעזִידֶעלְט ?

שוייג שוין שווייג הולטייקע, זאג מיר וויא האסטו גישטעלט דעם סאמאוואר? פריער האסטו געגאסין וואסער צו פריער האסטו געלייגט קוילען?

וואס מאכט איהר מיר פאר אזא נארין שוויגער? זאגט דבורה דעמוטהיג גיט שיין ווייס איך ניט אז מען לייגט פריער די קוילען וועט זיך דער סאמאוואר צו שמעלצין.

האסטו אוודאי פריער געגאסין וואסער אונ דערנאך די קוילען?

יע!

נאדיר! מען דארף דאך נאך דעם די קוילען אונ פריער די וואסער איך האב געזאגט אז זיא וועט מיר איבער פירען דעם סאמאוואר, זאלסט מיר שוין איבער שטעלין דעם סאמאוואר הערסטו וואס איך זאג דיר.

איך האב דאך טאקע געטאן וויא איהר זאגט.

שטום שוין שטום הולטייקע געזונג דיר שוין מיר צו צאפין מיין בלוט, פון צוויי שעה אפין זייגער רייס איך זיך אוים פון איהר די הארץ אונ איצטער דערלייגט זיא מיר נאך, אוי מיין קאפ זיא האט מיר גאר קראנק געמאכט אוי איך וועל גיט אוים האלטען רבש"ע! אך אונ וויי איז מיר וואס פאר א שידוך איך האב געטאן, נאדיר נחמה אויף קינדער, אט אזוי האב איך געהאט פון יענע שניר, פון מיין זרחס ווייבער וואס האבין איהם אין דער ערד אריין געבראכט אונ אזוי האב איך פון דיזער, אקוראט וויא זיי וואלטין זיך צונויף גירעט די הולטייקעס מיין לעבין צו פאר פינסטערין. א נס וואס איך האב נחמה אויף מיינע אייגענע קינדערליך, אז ניט וואלט איך שוין לאנג גיוועון אונטער אבארג ערד, מיין משה יענקעלע אזא טייער קינד וואס שטורימט די וועלט מיט זיינע תורה וואס ער זיצט וויא טאג אזוי נאכט אונ קלינגט וויא אגלאק עס איז פראסט א מחיה ווען מען גייט פאר בייא דעם שטעדרעס (בהמ"ד) אלץ זיין זיסינקער קעלבעלע הערט זיך, איז אזא טייער קינד דארף האבין אווייב וואס קען זיך אזוי זידלען, קען קיין סאמאוואר גיט אויף שטעלין, אשטוב ניט אוים קערין, אך אונ ווייא איז מיר, גאט איז גירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט, היינט אגאב האט מען איהר גינעבין עטליכע זיידענע לופעטעס, בעט געוואנט אנגעשטאפט מיט שטרוי-קעס אונ מיט ברעטער, אונ מיין משה יענקעלע דארף נעבאך שלאפין אויף זייא, צו קיילען זיך די זייטעלאך זיינע, אז ער קומט נעבאך איין אן געהארעוועטער פון תורה אגאנצע נאכט, נוא טאטינקע! אבער שטראפסטו מיר, ניט נאך מיינע מעשים נאך, דאכט זיך איך האב ברידער רבנים תנאים תלמידי חכמים מיין זון לערינט וויא טאג אזוי נאכט תורה מיין מאן בויט בית מדרשן איך שרייב תורות אונ טוא אזוי פיל מצות. נא! אבער מיין יאהנעלע זאמט זיך אזוי לאנג, עס מוז זיין ניט גלאט, אלץ איבער איהר די ראסטאטלעס, בין איך פאר טאן אין אלע ארבעט אין שטוב, האב איך קיין

צייט

צייט ניט אריבער צו גיין נאך מיין טאכטעריל, שא עס הערט זיך טריט,
דאס מוז זיא זיין מיין טייערינקע, מיין גערעאטין קינד.
מיט די רייד איז נעבע איהר געלאפין אנטקעגין.

4.

דיא גיראטענע קינדער

עס האט זיך גיעפינט דיא טהיר, עס איז אריין אפיגורע אנידריגע, אדיקע, מיט אברייטע געזיכט, רויט וויא ציגאבער פארב, מיט אגלאנציגען שטערין, מיט אברייטע מויל מיט שווארצע ציינער, מיט נארישע אויגען, מיט אקינד אפין האנד, זיא שאפעט אונ הראפעט, האט גינומען ריידין אפין אויבער:
הערסטו מאמע האב איך דאס אונטער גינארט דעם שפאסניק אגרויל.

נוא וואס מיין טאכטער? וויא אזויא?.

הערסטו, ער האט מסתמא געוואלט דרייסיג קאפיקעס, אונ דרייסיג קאפיקעס, חאטש שים איהם אין מוח, אבער איך האב אויך איינגיזעצט: גיין, מעהר וויא צוויא גילדין וועל איך ניט געבין, וויא מיינסטו מאמע, וועד האט אוים געפיהרט מסתמא איך.

וואס רעדסטו. מיין טאכטער, דאס איז דאך אלס איינס זאגט נעבע.

יע, פס, גאר אניים! דוא האסט דאך מיר גיגעבין צוויא גילדענעם, ניט קיין דרייסיג קאפיקעס, אט האב איך טאקע אוים געפיהרט, גייא!.

יאחנעלע, דיא געלט, וואס איך האב דיר גיגעבין, איז גאר געוועזן צוויא פערטעלאך.

אזויא! צוויא פערטעלאך שרייט יאחנע איז נאך בעסער, האב איך איהם טאקע גוט אריין גענארט אנשטאט צוויא גילדין האב איך איהם גיגעבין צוויא פערטעלאך.... קוק אציקאוועס אונ ער האט אווארט ניט איבער גירעדט.... איך האב פארשטאנען, אז איך נאר איהם אריין, אט בין איך אויף גיך אריין געלאפין אין שטוב אונ פאר שפארט דיא טהיר, ער זאל ניט נאך לויפין נאך מיר.... זעה מאמע וויא יאסינקע שיינט! בשעת איך האב איהם גיטראגין אין באד, איז ער גיוועזן הויט אונ ביינער, גרין אונ געל, אונ זעה איצטער וויא ווייס וויא גראב ער איז, אן עין הרע, קיין בייז אויג זאל איהם ניט שאדין גאר אפרישער, אגעזונטער, מאמע גייא זעה! אבאד איז טאקע אגרויסע רפואה, אה מיין נחת, מיין תנא, מיין בעל שם, מיין שוחט! אונ מיט דיא רייד האט זיא גענומען קוסען אונ האלדזין דאס קינד, — מאמא! גייא זעה שוין מיין נחת, מען דארף שוין קיין דאקטער ניט אונ קיין רפואות ניט אונ קיין זאך ניט.

אט איך גייא געטפערט נעבע פון קיך, ווארט אט איך מאך דעם סאמאוואר

דיא

דיא מאד האט זיך אוועק געדרייט אין לאווארץ יאהרין אונ דבורקה, דיין גוטע שוועגערין וויל זיך ניט צוא ריהרען, זיא האט מיר דא אויס גיצאפט מיין בלוט, אט באלד וועל איך גיין זעהען, וואס איז דארט גיוואָרין מיט יאסינקען.

דבורה איז גיזעסין ביין פענסטער פארזונקען אין טרויעריגע געדאנקען, דיא אויגין ווארין פייכט פון טרערין, נור וויא זיא האט גיהערט דעם גס, וואס האט זיך געטראפין מיט יאסינקען, איז זיא צוא גיגאנגען האט אקוק גיטאהן אויף דעם קינד אונ זאגט מיט אשמייכיל: חכמה, דוא האסט פאר ביטין דיין קינד אין באר ה ה ה!

הא, וואס נאך וועסטו זאגין? רופט זיך אב יאחנע: יעם! פטור! גאר אנייס!

עס האט זיך גיעפינט דיא טהיו׳, עס איז אריין גילאפין אוויביל מיט אגעשרייא: זאג מיר דוא משוגענע יאחנע, וואס האסטו מיר אוועק גישלעפט מיין קינד אונ מיר גילאזען דיין דראב?.. . וואו איז ער?... א. אט איז ער!... נא דיר דיין געראטין קינד, אונ גיב מיר אוועק מיינעם.

עס איז אריין געלאפין נעכע מיט אקאצערע אין האנד אונ איז ארויס געפאהרין אפען אויבער: וואס איז דאס פאר אצרה! מאריאסעצקע! דוא וועסט גאר קוממען קינדער אוועק נעמען אין מיטטען העלען טאג! אזוא לאנג וועסטו קריינקען!.

שטייטם! שרייט דיא וויביל, יאחנע האט דאך פאר ביטען אידר קינד אויף מיינעם.

דוא ארצעאזוסניצע! שרייט נעכע מיט וואוטה: דוא וועסט מאכען מיין יאחנעלען פאר אמשוגענע! וואס? אונ מיט דיא רייד איז געווארין אגישלעג אין שטוב, עס איז גיפלויגין פעץ פון ביידע זייטען, עס זיינען אנגעלאפין מענטשין פון גאס, עס איז געוואָרין אגאנצער ווירוואר, נעכע האט אויף דעם קינד גאר ניט גיקענט איבער צוא צייגען זיך, טאמער איז מאקע פאר ביטען, אידר האט ניט געקימערט דיא זאך, זיא וויים גאר, אז מען דארף זיך שלאגין, אונ דאס האט זיא גיטאהן.

מיט אמאהל האט מען אנגעקלאפט אין פענסטער אונ מען זאגט: גייט וועד ארוים, אייער משה יענקל ליגט אין רינסטאק.

דיזע ווערטער האבין געמאכט אוואונדערליכע ווירקונג אויף דעם גאנצען שקאנדאל, וואס דא איז געווארען, נעכע האט זיך אויפגיהערט צו שלאגין אונ איז גלייך ארוים געלאפען, דער וויילע פאר שטייט זיך, איז פון דיא גישלעג ניסט גיוואָרין, מאריאסע, דיא ווירקליכע מוטער פון דעם קינד, האט גענומען איהם רייסין פון יאחנעס הענד, אונ יאחנע לאזט אלם ניט.

ווייסט אידר וואס, רופט זיך אב איינער פון דיא מענטשין, וואס ווארען אין שטוב, איך וועל אייך ראזבירייען: וויא רופט מען אקאָרסט אייערע קינדער? פרעגט ער מיט אשמייביל — מיינעם רופט מען רפאל, זאגט מאריאסע.

אונ וויא רופט מען דיינעם, יאחנע?.

ווייס

ווייס איך ? רופט זיך אב יאחנע צוא טומילט, האט אוים געשטעלט איהרע קעציישע אויגין אונ זאגט: אפשר ווייסט איהר ניט ווער, וויא מען רופט איהם ?.... שא ! אט איך לויף פרעגין בייא דער מאד, זיא ווייס אוודאי... הער תנקע ! האט זיא גנומען שרייען אונ לויפין אין קיך: הער תנקע ! וויא רופט מען מיין אינגעלע ?.

וואסער אינגעלע ? פרעגט דיא מאד פון קיך.

אט מיין יאסינקע, ענטפערט יאחנע.

נוא יאסינקע רופט מען איהם, ענטפערט זיא.

אי טאקע יאסינקע ! ענטפערט יאחנע מיט אפרייד, וויא זיא וואלט ענטדעקט אמעריקא.

טא וואס זע ווילסטו ? רופט זיך אב יענער, וואס האט גימאכט דיא פשרה, טא וואס זעה ווילסטו פאר בייטען יאסינקען אויף רפאלן ? דאס איז דאך צוויא בעזונדערע נעמען, טא וויא קען מען דאס ?... אז עס וואלט גיוועז גלייכע נעמען איז אנדערס.

אי טאקע איהר זייט גירעכט זאגט יאחנע לאמיר זיך אבבייטען.

מאריאסע האט ניט געוואַרט, ביז נעכע וועט אריין גיין, האט גינומען איהר קינד אונ איז גלייך אוועק גיגאנגען.

גלייך דארויף האט מען אריין גיטראגען אפיגורע אין געשמוצט אין קויט, איין פום אבארוועסע, דיא אנדערע מיט אטופלע אצעריסענע, אין הויזין פון גראבע לייוואנד און אראק, דאס געזיכט בלאה צוא קיילט אונ צוא ביילט אונ פאר בלוטיגט, און אהיטל.

אוי מיין טייער קינד ! מיין משה יענקעלע ! האט נעכע גענומען שרייען אונ ברעכען מיט דיא הענד, וואס איז דיר געוואַרין, מיין תנא ברא ? דוא ביזט דאך גיוועזן אין סמעדרעס, האסט גילערינט תורה, ווער האט דיר געטאן ? ווער האט דיר ארום געריסען ? מסתמא אויף אסיום התורה גענומען אביסיל בראנפין ? דוא מוזט זיך דאך מישין אין אלע שמחות, אה מיין קינד !.

משקא דיא שיינקערקע, קצארטו !... האט מיר ארום געריסען... פאר וואס איך האב איהר ניט בצאַלט, ענטפערט דער חולה פאר שיכערט, אונטערין נאז: אה גאנץ גוטע שפירט, אבער אין שוואַרץ יאהרען, זיא גיט אקליינע מאס..... אי וואנקע ! וויפיאם נא טוואיא זדראַוויע ! נוא קא סטאסו הארבאשענקע ! בובני... פיק ! געוואונען.... נוא מיין ראק אין קאן !... ניפאצאם !.. פראוואליוואי ! נוא מאשענקע פאצעלוי !.. איך באצאל... בררררר !

אוי וויי איז מיר ! וואס איך הער ! האט גענומן נעכע שרייען אונ ברעכען מיט דיא הענד, רייד ניט פון שלאף... דיר מוז זיך חלומען אשרעקליכען חלום, נעם מיין קינד צוכע זיך פאנאנדער. זעה איך בין דיין מאמע נעכע !

ביזט ניט מאשקע, טא סטופאי ! פראוואליוויא !.

אקלאג צוא מיינע יאהרין ! זאגט נעכע, אלס איבער דיא הילטיקע

אקליינינקייט

אקליינינקייט! אוייב קען צוא אלס ברייגגען, אלס זיא, אלס זיא, דיא מרשעת, דיא גוטע שנירעלע מיינע אשיינעם שידוך האב איך געטאן, ניטא וואס צו ריידין, גוט אוים געפיהרט אויף דיא עלטערע יאהרען, פאר שווארצט מיר גוט מיינע אויגין, וואס פאר איין אונגליק מיר איז דאס גישעהען! איך האב געמיינט, אז נאך דער חתונה וועט ווערין בעסער אונ דער פאר האב איך דאס איהם חתונה געמאכט, כדי ער זאל נעמען שטאטקעווען, ערסט נא דיר: נאך דער חתונה דיא זעלביגע זאך, וואס פאר דער חתונה, אונ ווער איז שולדיג? נאר זיא!... שטייא דאך אויף, משה יענקעלע מיין קרוין וואש זיך ארום, טוא זיך אן דיינע שבתדיגע קליידער, דיין פעטער, דער רב דארף היינט קומען, ער האט אונז געשריבין אבריף.

קצארטו דוא מיט דעם פעטער! איך וויל איהם ניט קענען, וואס באטרעפט ער, בייא מיר! האב איהם צעהען שווארץ יאהר!.

אוי ווייא איז מיר, וואס איך הער! וואסערע גראבע רייד! אלס זיא, נאר זיא האט איהם איבער געפיהרט.

עס האט זיך געהערט, וויא איין איזוואסציק איז אנגעפאהרען אונ האט זיך אב גישטעלט נעבען הויז —.

דאס מוז אוודאי זיין מיין ברודער דער רב פון ראסיע, וואס האט געזאלט היינט קומען, האט זיך נעבע אבגערופין, זיך האסטיג אנידער שטעלענדיג —.

אוי ווייא איז מיר! זאגט זיא ווייטער, ער וועט איהם געפינען אין אזא לאגע, וואסערע בזיונות! איך וועל ניט אוים האלטען, שטייא אויף משה יענקעלע גיכער!.

5.

דער פער פון דער משפחה

עס האט זיך גיעפינט דיא טהיר, עס איז אריין אמאן מיט אגראען בארד ארונדע, מיט ארויטע געזיכט וויא ציגעל פארב, דיא נאזע פאר נעמט דאס גאנצע געזיכט, וואר אפאלצינפערמיג מיט וויינפערלעך באדעקט, וואס ווייזט אז ער האט ניט פיינט דעם טרונק, ער וואר ניט ארעם געקליידעט, פון הינטען האט איהם דער איזוואסציק נאך גיטראגין צווייא סעפעטין, וויא ער איז אריין אין שטוב האט ער אראפ גענומען דיא היטיל האט זיך ארוים גיזעהען, וויא דער קאפף איז דורך אוים קאהל (פלעשיוו), אפין קארק וואר נאך אביסיל האר, וואס וואר אב געשארען פארקרוזקאם.

נוא וואט נאקאניעץ איך דא! רופט ער זיך אב, זיך אוועק שטעלענדיג אין מיטין שטוב, דיא שטימע וואר בייא איהם גראב אונ גירעדט מיט אפולע מויל,

נעבע

נעכע איז איהם געפאלען אפין האלז מיט אגעוויין און מיט אקוויץ: אה מיין ליבער ברודער! מיין קרוין! מיין יחוס! וואס מאכסטו?.

נוא דאוואלנע צו צמאקען זיך! רופט ער זיך אב גראב, שטארושקעס איך פיינט צוא פאר ברייננגען אין אזעלכע דילעם..... נוא דייקא מניע ראזדעוואטסא ווער ליגט דאס דא אפין דיוואן? דאס אוודאי דער חתן?... מאלאדעץ! יעי באהו! דאס גאר ניט פא זידאווסקי פראווא!... נוא פלעמיאש! וואסטאוואי! וויפיאס ספאכמעלי!... אין דער תורה שטייט טאקע געשריבען, קינדער גיראטען אין מוטערס ברידער, נוא וואט דייסטוויטעלנא, ער אין מיר געראטין גאר אין גאנצין, יעי באהו! מיט דיא רייד האט ער ארויס גינומען צוויא בוטלען פון דיא קעסענעס, האט אוועק גישטעלט אפין טיש. — איך..... פיינט, פאנימאיעש, צוא ווארטין, ביז איהר זיך אויס שלאפען צוא שיקען נאך בראנפען, און דער ווייליע איך זאל חירען, נוא גיעט!... בא מיר אלע מאל דא נא גא טאווע, זנאציט, עס קיין אסטאנאווקע ניט זיין..... נוא פלימאניק ליבעזני שעוועלים! מיר נעהמען צוא קאפעצקעס, ווערען געזונד!... נוא וואו שוין מיין שוואגעראק גאספאדין גרינשפאן?.

ער דארף באלד קומען, זאגט נעכע, ער איז אוועק געגאנגען מיט נתן צמחן אונזער ברודער, עפעס וועגין אקהלשע זאך, נאר ער מוז שוין באלד קומען... שא. עס הערט זיך טריט, דאס מוזען זייא זיין.

עס איז אריין גיגאנגען גרונם גרינשפאן מיט נתן צמחן. דער ערסטער וואר אהויכער אדיקער מיט אלאנגען בארד אשווארץ גראליכען, אגרויסין בויך, מיט ארוהיגעם געזיכט, דער אנדערער וואר אנידעריגער מיט אגעלבען בערדיל אקליינע אשיטערע ליסט (חיטראסט) און באזהייט איז אויס געמאלט אויף זיין געזיכט, וועלכע וואר באדעקט מיט זאמער שפראסען, וויא מען האט דער זעהען דעם פארנעהמען גאסט, האט מען זיך דער לאנגט שלום עליכם און צוא קוסט, גרונם האט אקוק געטאן אויף זיין זון. וואו ער ליגט נאך אימער נעגליזע, האט ער זיך אזאג גיגעבין גלייכגילטיג: א, דיא פאר צייטיגע מעשות!.

נוא אבער האסטו אסינאק! רופט זיך אב דער אורח, דארפסט האבין פון איהם נחת, יעי באהו!.

דוא האסט שוין גאר ניט פון וועמען צוא לאבין, זאגט גרונם מיט ערגער.

וואס פאר לאבין? שטא טעביע סטאלא? ער איז דאך אמאלאדעץ!...

דער מאן זיך... ער דאך מערטוועצקי פיאן, וואו זעהעט מען דאס אין אייערע אידישע שטעט? און וויא ער איז געראנעט יא פאנימאיו, ער גימוזט דער לאנגען גוטע קלעפ אויך, צעכטי אי סלאווא!.

אבער זיינע קליידער? זאגט גרונם.

עטא ניצעווא! ער גימוזט זייא פראאיגרייען וקארטי! דא! אמענטש ווּפאלנעם סמיסלע אמענש!.

דעם גוטען זון האט מען אריין געגאסען ספאחמעלי, ער האט גיעפינט זיינע

אונטער

אונטער געשלאגענע אויגען, מען האט איהם ארויס געפיהרט, ארום געוואשען, איבער געקליידעט און אוועק געזעצט ביין טיש, מען האט דער לאנגט משקה און פאר בייסען אפען טיש און מען האט גענומען וואס געניסען.

היינט וואו שוין דיא מאלאדוכא? פרעגט דער גאסט, אז ער האט שוין געהאט אוים געטרונקען דעם זיבענטען כוס. — אז דא געוועזן חתונה, וויא איהר מיר געשריבען, טא זנאציט, מוז דא דאך זיין א כלה אויך, אדער אוויבעל וויא ראוונא, טא וואו זיא? זיא שטעכנייעט זיך? צמא לי?.

אט איך וועל איהר גיין ארייין רופין רופט זיך אב נעכע, זיא מוז אוודאי נאך גאר ניט וויסען פון אונזער שמחה מיט דיא רייד איז זיא ארויס גיגאנגען, זיא איז ארייין גיגאנגען אין דבורה'ס ציטער, דבורה איז גיזעסין און האט גיוויינט, און דער לעזער וויים, אז זיא האט געהאט פיל אורזאכע צוא וויינען:

וואס האסטו זיך דא אוועק גיזעצט פלאנחענען, אקוראט וויא זיא וואלט אין דער אמת ארייין געפאלין אין איין ארעמע און ביזויעשע משפחה, רופט זיך אב צוא איהר נעכע, קום גיב אקוק אז איז מיין ברודער דער רב שוין גיקומען צוא פארין, גייא קלייב נחת און זעה אין וואס פאר איין גאלדענע משפחה דוא ביזט ארייין גיפאלין, גייא הער וויא ער רעדט, עס איז פראסט אמחיה צו הערין רק תורה ווערטער, רק תורה ווערטער קום שוין קום!

לאזט מיר שוויגער איך קען ניט גיין.

וואס עפעס דוא קענסט ניט? דוא מוזט גיין ער האט דיר גערופין.

איך קען אבער ניט, מיר איז זייער ביטער אפען הארצען איך וועל ניט גיין.

דוא וועסט ניט גיין! גיט נעכע אגעשרייא מיט כעס, זאלסט מיר שוין גיין דוא הערסט וואס איך זאג דיר, ווייניג האסטו מיר געצאפט מיין בלוט פריער וועסטו מיר נאך איצטער אן טאן בזיונות?

איך וועל ניט גיין ענטפערט דבורה ענשידען.

פרובייר אקארסט ניט גיין איך וועל דיר צוא פאצען דיין צורה, וואס איז דאס עפעס אשוויגער ניט פאלגין? עס איז דיין גליק וואס איך וויל מיין ברודער קיין בזיונות ניט אן טאן און קיין הארצווייטאג, אניט וואלט איך דיר גיגעבין, אז דיר וואלט פינסטער און ביטער גיוועזן, מיט דיא רייד האט זיא איהר דער לאנגט איין קניפ, אז זיא איז געווארין גרין און געל.

דבורה איז אויף גישטאנען און איז מיט איהר מיט גיגאנגען, וויא זיא האט איהר דורך געפירט דורך דיא פערעדנע, וואו עס זיינען גישטאנען איינגע וויבער שכנות, וואס זיינען גיקומען זעהען דעם בעריממטען רב.

האט נעכע זיך גימאכט אגוט פעניםל און זאגט צוא דיא וויבער: וויא געפעלט אייך וויבערליך? אט מיין שנירעלע געוונד זאל זיא זיין זיא איז גאר איין ישובניצע, זיא שעמט זיך פאר מענטשין, איך וויל איהר דאס פארשטעלין פאר מיין ברודער דעם לייט שעמט זיא זיך! זאגט זאגט וויבערליך; מע דארף

דאך

דאך נחת קלייבין פון אזא פעטער, איהר האט גיהערט ווייבערליך וויא ער רעדט? רק מיט תורה ווערטער, היינט זיין שטערין ווייבערליך האט איהר גיזעהען? עס איז דאך פראסט קיין קאפ גיטא פור שטערין עס ציהט זיך אוועק ביז פאטילניצע אקליינינקייט! וואו איז דאס גיזעהען געווארין אין אונזערע מקומות רבנים מיט אזעלכע שטערינס? ער מוז טאקע זיין איין גרויסער למדן מיינע נאמנות, קום דבורינקה מיין קרוין מיין טייערע שני-רעלע! דוא דארפסט דאך קוועלען; דוא ביזט דאך אין אהויז וואו מען ליבט דיך וויא דעם לעבין, וואו מע האלט דיך וויא איין אייגענקינד.

מיט דיא רייד האט זיא איהר אריין געפיהרט אין דיא קאמער וואו דיא געסט זיינען גיזעסין.

זעהט נאר דעם אויבערסטינס ניסים רופט זיך אב זעלדע אשכנתה.

אזו איין בראנד וויא דיא נעבע איז פון דעסט וועגין וואס פאר איין גוטע שוויגער דאס איז!

יע יע ענטפערט ציפה נאך איין שכנתה: דיא משמעות שלעכט איז זיא נאר פאר פרעמדע, אבער פאר אייגענע... אשפאס! וואלט זיא דיא נשמה אוועק געבין. קוק נאר מעהר ניט וואס פאר אמזלדיגע דאס איז; דבורה האט געמוזט געבארין ווערין אין איין גאלדענע העמדעלע, אז זיא איז אן גיקומען אויף אזא גוטס, אויף נאמנות!

דבורה איז אריין גיגאנגען אין סטאלאוואע זייער סקאנפוזעט בעוועגט פון בעס אונ פון צער.

אוואזנע שטוקע! רופט זיך אב דער רב, זיא אביסיל צוא זידאוואקע; נאר בייא מיין פלעמיאס ניצעווא! זיא ווערין אמענטש! נוא שטא? וואס דוא אזוא סקוצנע? דוא דארף דאך זיך פרייען מיט אזו איין מאן, דאס רופט זיך אן אמאן, וואס קען זיין אין איין אבסצעסטווע, איך זעה ער קען אריין גיסען פלאטנע אונ קען געבין איין קלאפ וואו מע דארף, ער זיך שוין ניט לאזין פאר טרייבען ניצעווא! סלושייטע, דעטקי, וואס איך אייך זאגין, אייער דיאדושקא פיל וועלט גיזעהען ער ווייס וויא צוא פירען זיך הערט קלוגע רייד: ווען דער מאן פיאן, דוא איהם אלע מאל צוא טראגין אצארעצקע ספאכמעלי, דאס זייער גייטיג אין געזונד, ווען דער מאן דיר געבען אקלאפ, דוא איהם אלע מאל געבין אקום. — אונ דיר פלעמיאס זאג איך אן אז דוא טרינקען בראנפען, דוא טוסט דער שזאנושקע אויך געבין, טאמער זיא ניט וויל וסיא ראוונא, אריין גיסען מיט גוואלד, אקלאפ דער ווייב קיין מאל ניט זאלעוועט, דער פון זיא ווערען מעהר מענטש, אונ פאר שטיין וויא צוא פאציטייען דעם מאן, אשזענשצינא אן סינאקעס (בלאע צייכענס) קען מען מיינען, זיא ניט אזאמושנאיא (ניט פער-הייראטהעט), ווייטער וואדאצקע זאל פאסטאיאנע זיין אין שטוב, ווען ניטא קיין געלט, דארף מען זאלאזען (פאר משכנען) וואס מען קען, דאס אלץ דער עיקר פון לעבין, פאנימאיעטע? אז איהר אזוא טאן איהר זיין אונוואזעט פון

אלעמען, אט מיין שוואנושקא פריער זיך ניט געוועלט סאגלאסען מיט מיינע מארעם, אבער פאטאם זיא זיך אזוא איין געוואוינט, אז עס גייט אוועק אוואך און קלעפ, זיא מיינט אז זיא ניט געזונט, אדער איך ניט געזונט, מכתמא איך קיין בראנפין געטרונקען. וואס שטא! אזוא רעביאטישקי, זאלט איהר זיך אויך אזוא פריוויקייען (געוויינען), איהר נאך דעם פאר שטיין וואס פאר איין קלוגען דיאדושקא איהר האט.

גאנץ וואזנע מוסר רופט זיך אב זיין ברודער נתן מיט אשמייכעל, פון אהיגען רב הערט מען גאר ניט אזעלכע תורה.

וואס איז דיא מעשה כלב וואס דוא ביזט ניט געקומען צוא אונז אויף חתונה, וואס איז גיוועזן נאך סיבות? מיר האבען דאך דיר געשריבען עטליכע בריף אונ טעלעגראמען, זאג כלב וואס איז דיא סיבה דער פון?

פערוויס דיעלאם רופט זיך אב דער גאסט: דוא מיר ניט רוף פא זידאווי־משקי, מיין נאמען איז איוואן איוואנאוויץ דארמאיעדאוו, דאס מיין נאסטאיא־סצאיא פאמיליע פאנימאיעש? נוא פאר וואס איך ניט גיקענט קומען אויף חתונה, אנאנצע איסטאריע: איך פאנימאיעש בין ארב, מא יעסט אקאזאנער רב, וויא אלע ראסייער ראבען אויס געקליבין צוא פירען דיא מעטריצעסקיא קניגי לאדנא! אנדרייא אנטיפאוו מיין טאווארישץ פא שלוזבע — מיר זנאצים ביידע געדיינט אין קאנטאניסטען נאך פאר ניקאלייען — נוא דער אנדרושקע זייער ניט געוועלט ליידען, פאר וואס מיר אויס גיקליבען אונ ניט איהם, ער האט אויף מיר אהארץ, לאדנא, וויא עס גיקומען דיא צייט פון קושצע (סוכות), איך געקויפט אלע דוחאווניע זאכין, טא יעסט: דיא חאלולים מיט דיא לימאנעס מיט דיא הקדשים...

דאס מוזשו מיינען זאגט נתן צמח מיט אשמייכעל: דיא לולבים אתרוגים אונ הדסים.

דא דא! דאס טאקע דיא זעלבע וויעשצי, נוא זנאציט איך זיך געלאזין דיא לוצשע (בעסטע) אונ ער גיקראגין דיא פאדלע, נוא פאניאטנא ער נאך מעהר אין כעס לאדנא! גיקומען סמאסטיירע (שמחת תורה), מען דארף גיין מיט הקפות טא יעסט זיך דרייען ארום דעם טיש, איך גינומען אלעמען פריגלאשא־יען פא פאריאדקו לאדנא, איז וויא איך אגעשרייא גימאן: ארחיפ שימיאנא־וויטש פערוואהא באטאליאנא וטאראי ראטי מיט דיא פערוועע האקאפע! — דער יונג מסתמא דער אנדרושקא, ער גיוועזן גוט פיאן ארויס גיפארין מיט אגישריי: וואס איך פאר איין רב! ער דארף זיין ארב ווארום ער גיוועזן איין באראבאנ־שציק אונ איין יעפרייטער מיט צווייא נאשיווקעס; דאס ער ניט ווייס אז איך גיוועזן איין פעלדפעבעל מיט דרייא נאשיווקעס, דער פאר מיר אויס געקליבין פאר איין רב, נוטקא ער גינומען שרייען: וויא שמעיע איך צוא ראספאראזיען זיך עפעס אזוא: וואס איך גיב אלעמען דיא פאדלע אקאפעס אונ מיינע טאווא־רישצעם דיא בעסטע, נוא דאוואי דראטסא איך געווארין אדראקע, איך איהם

אפלובע

אפלובע אין ראשזע, ער מיר אין דיא זובעס, איך איהם ווידער אין דיא רעב־רעם. א א! יא יעמו חאראשא ראוואל לאז ער וויסען וויא זיך מיט איין רב צוא פאר פירען, איין רב דער לאנגט פייער מאק טרעשציט! ... נאך דעם גיקומען פאליציא אונז ביידין צוא גענומען אין צאסט, דארטין איזוויעסטנא מיר גיזעסין ביז מיר זיך אויס געניכטערט, אז מען אונז ארויס געלאזין טווירעאז (ניכטער) ער פאר שטאנען אז ער אומגערעכט, ער גיקומען אין שול און פאר דעם גאנצין נאראד (עולם) געזאגט: איוואן איוואנאוויטש! איך בעט דיר מאבילא (מחילה)! פראסציע מיר מיינע גרעשקי, איך וועל ווייטער צעסטנא און שמירנא. נוא וואט איך איהם פראסציעט דערויף מיר אויס גיטרונקען אגאנצען וויעדרא אי לאדנא, אט איבער דיא איסטאריע איך ניט גיקענט קומען אויף חתונה, נאר וסיא ראוונא אט איך איצטער דא.

נוא גענוג שוין צוא ריידין, רופט זיך אב נעבע געמט וואס אין מויל, עס איז ב"ה דא פון אל דאס גוטס אפען טיש, גייא יאחנעלע מיין טאכטער גיב אכטונג אויף דעם טייא מאשין, איך האב איהם ערסט ווידער אן גיגאנגען, קורץ ראספאראזאיע זיך עפעס ארום דיא טייא פאר דיא געסט דיא מאר האב איך אוועק געשיקט.

יאחנע איז ארויס גיגאנגען.

נוא לאמיר נעמען צוא קאפעצקעס, רופט זיך אב דער פארנעמער גאסט, איך וויל נעפרעמענא נעמען מיט מיין פליעמיאניצא אט דיא נייע און ווייזען איהר, וואס ראסיע מאטושקא איז, נוא דבורעצקע דייקא וויפיאם!

זעהט לאזט מיר צוא רוה פעטער, איך קאן ניט טרינקען זאגט דבורה.

וואס איז דאס ניט קענען! בראנפען מוז מען קענען טרינקען, ועסט טרינקען מיט גוטען איז לאדנא, און ווען ניט טא וואט טעביע ווידאלטא פאנימא־יעש? יעי באהו אז מען קלאפט אונטער גייט גאר אינאצע... נוא יאשקע, איך דיר ניט רופין יענקעלע פא זידאווסקי, נוא יאשקע! שעוועלים! האלט איהר צוא איך איהר ארין גיסען, אבער ווייסטו? אהאלב שטאף, וועט זיא שוין ווערין איין אנדער צעלאוויעק, וועט פאר שטיין וויא צוא פאציטייען נאשעווא בראטא...

מיט אמאל האט זיך גיעפינט דיא טיר מיט האסט, עס איז ארין געלא־פין דיא קלוגע יאחנע מיט איר קינד אפען האנד, האט גיגעבין איין גוואלטיגין געשרייא גוואלד! ... ניט גוט! און מיט דיא רייד באל אן דער ערד זיא מיט דעם קינד, דאס קינד האט גינומען שרייען, זיא האט גינומען שרייען, אלע זיינען געווארין צוא שראקין צוא טריוואזעט, מען האט גענומען לויפען איבער שטוב... מען האט איהר קוים אויף געהויבין.

טאכטער מיינע וואס איז דיר גישעהען?

א! שרייט יאחנע זיך האלטענדיג פארין קאפ און פארין זייט... א! זעט דער געלער! ... איך האב פאר געסען וויא מע רופט איהם...

א , אוודאי שמקע דער שניידער וואס וויינט דא אפען געהעפט , רופט זיך אב נעכע מיט כעס : דער ימחשמוניק ! ער צעפעט איהר אלס מיין פייגעלע וואס האט ער דיר שוין גיטאן ?

ניין ניט שמקע זאגט יאחנע , גאר אט דער וואס האט איין גראבע בויך — איך האב פאר געסין וויא מע רופט איהם — אונ ער האלט זיך אין דיא באקעס . . .

נוא איז דאס ווינקע דער שרייבער פון דומע , שדים זאלין איהם רייסין ער צעפעט איהר אלס אלע קלאגין אויף זיין קאפ . . .

אך ניין זאגט ווייטער יאחנע קרעכצענדיג ניט ווינקע . . . אט דער וואס מיט דיא לאנגע האלז . . . שדים זאלען איהם נעמען . . . איך האב פאר געסין וויא מע רופט . . .

אויב מיט דיא לאנגע האלז איז דאס זרחקע דער מלמד , וואס פאר אקריינק אויף איהם ? ער צעפעט איהר אויך . . . איך וועל איהם אויס רייסען שרייט נעכע .

אך ניין זאגט ווייטער יאחנע , אט דער אין וועמען עס גייט אריין איין גאנצער עמער . . .

א , רופט זיך אב גרונם דאס מוז זיין פייווקע ציפה יענטעס דער פיאני- צע , ער גייט דא אפטער פאר ביי אונ אלע מאל פאר פיהרט ער זיך מיט איהר .

אקלאג צוא זיינע יארין ! שרייט נעכע .

אך ניין זאגט יאחנע , אט דער וואס איז מיט פיר פיסלעך . . .

דא זיינען אלע געווארין צוא טומילט אגעלער אגראבע בויך אלאנגע האלז וואס טרינקט אויס איין גאנצין עמער , אונ דער צוא מיט פיר פיסלעך . . . וואס איז דאס פאר אמאדנע בעשעפעניעס ?

צוא איז דאס ניט דער סאמאוואר , מיין גערעטענע פלימעניצע ? זאגט נתן צמח .

יע יע , טאקע גיטראפין ! רופט זיך אב יאחנע מיט פרייד .

נוא זאגט נתן צמח פאר זיך , דיין מאן איז ניט אום גירעכט , וואס ער האט דיר טיטולירט מיט דעם נאמען עגונה .

נוא וואס האט דיר דער סאמאוואר געטאן ? פרעגט גרונם אין כעס .

גאר ניסט זאגט יאחנע ; מעהר ניט ער פייפט ער שפריצט , ער רינט , עס גיסט . . .

ער לויפט מסתמא זאגט נעכע , גייא דבורה זעה וואס איז דארטין .

ניין ער שטייט אויף איין ארט זאגט יאחנע .

דבורה איז אריין צוריק אין שטוב אונ זאגט : דער סאמאוואר איז אויף דער וועלט ניטא .

אזוא

אזוא זאגט יאחנע , איז ער דאך טאקע געלאפין קוק אצוקאוויסין איין סאמאוואר זאל קענען לויפין אגרויל !

מען האט איהם גיגנבעט ! שרייט נעכע . אך אונ וויא אז מען האט אזוי איין שנור , זאל ניט זיין אויף וועמען צוא פאר לאזין זיך אסאמאוואר אויף צוא שטעלין אונ מע זאל גנבענען . . .

דאס קען איך ניט ליידען , זאגט גרונם דיין טאכטער דיא גערעטעניס מאכט אן אלע צרות , אונ דוא מאכסט איין אנדערין שולדיג .

וואס מיין טאכטער ! זאגט נעכע , זיא איז דאך געבעך איין טרויעריגע געמיטה : דער מאן האט איהר אוועק געווארפין דאס קינד איז ביא איהר איין קראנקע וואס איז זיא שולדיג ?

ווסיא עטא ווזדאר ! רופט זיך אב דער רב . דער ווייליע אונז צוטומילט אונ דבורה זיך ארוים געמאכט פון בראנפען טרינקען . נוא יאשקע פאדרעזי ! איך וועל אריין גיסען . . .

משה יענקיל איז צוא גיגאנגען אונ האט איהר געוועלט נעמען , דבורה האט איהם גיגעבין איין שטוים פון זיך מיט דיא ווערטער : אוועק פיאניצא ! גראבער יונג !

דוא וועסט מיין קינד זידלען דוא הולטייקע , האט אגעשרייא גיטאן נעכע : דוא וועסט נאך אפשר מיין ברודער אויך רופין ?

איינער איז ניט בעסער פאר דעם אנדערין זאגט דבורה .

אזוא ! דוא עזותניצע וועסט ניט פאלגען אין שטוב וואו מען האלט דיר בכבוד ! וועסט זיך זידלען אונ וועסט מאכען מע זאל ביא מיר סאמאווארין גנבענען ! מע זאל מיר בדלות שטעלין איבער דיר ארוים פון דאנען !

דבורה איז ארוים גיגאנגען פון זאל , נעכע איז איהר נאך געגאנגען אונ האט איהר געשטופט גאר פון שטוב . יאחנע האט נאך צוא געשפארט דיא טיר , דבורה איז געבליבען אין פאר הויז , האט זיך אן געשפארט אן וואנד אונ האט זיך פאנאנדער געוויינט .

6.

וואלף אונ שאף קענען ניט הויזען.

דער לעזער האט געוויס ניט פאר געסען אז שמואל רויזין מיט זיין פלימעניק מיכל זייען אוועק געפאהרען מאכין אוויזיט זייער מחותן גרונם גרינשפאן , אונ דער ווייל זעהען דיא גאנצע אבסטאנאווקע , וואו דבורה איז אנגעקוממען , צוא ענדע פון דער פאר געשריבענען סצענע זייען זיא אנגעפאהרען צו גרונמ׳ס הויז , זייא האבין דער הערט אטומיל פון הויז האבין זייא זיך אבגישטעלט ביין פענסטער הארכען

הארכען, — וואס קען דאס זיין פאר אטומיל דא אין שטוב? זאגט מיכל, עפעס גראבע קולות פון שיכורע סאלדאטען, וויא קומען אהער פיאניצעס? דא איז דאך נים קיין שינק, איהר הערט עפעס מע זידעלט, הולטייקע צוא איז דאס נים אונזער דבורה'ן?

פע, וואס רעדסטו? זאגט שמואל: אויף נאמנות, דוא האסט עפעס אהארץ אויף זייא, איך וויים נים פאר וואס, ביזטו נאטאוו אויף זייא אוים צוא טראכטען ווער ווייסט וואס אפילו ווען עס וואלט גיוועז אמת, אז זייא זיינען אזעלכע מענשען, וואלטען זייא דאך נים גיוועזין אזעלכע משוגעים צווייא וואכען נאך דער חתונה צוא מאכין סקאנדאלען, ובפרט אז מיין טאכטער איז אזא גוטע אזא שטילע, זיא קען גאר נים ברייגגען צוא קיין זאך מיט איהר גוטסקייט.

מיר וועלין שוין באלד זעהען, זאגט מיכל לאמיר אריין גיין.

וויא זייא זיינען אריין אין פארהויז, האבין זייא דער הערט עפעס מען חליפעט, פינסטער איז עס, — ווער קען דא וויינען? פרעגט מיכל.

מסתמא עפעס אקינד אבגעשמיסען, רופט זיך אב שמואל.

אבער בייא דער נאכט אין דער פינסטער, וואו טרייבט מען דאס אקינד? טאטינקע, טאטינקע! איך בין אומגליקליך! האט גיגעבין דבורה אגישרייא איז אים ארויף געפאלין אפין האלז און האט גינומען וויינען און חליפען.

שמואל און מיכל זיינען געבליבען פארשטיינערט, — דוא, מיין טאכטער, מיין לעבין! האט אנגעהייבין שמואל: דוא שטייסט דרויסען און וויינסט! אוי וויא איז מיר! וואס איז דא גישעהען?

נים גוט, נים גוט, טאטינקע! ראטעווע מיר פון דעם גיהינם, בעפרייע מיך פון דיא שלאנגען.

וואס רעדסטו, מיין טאכטער? אזעלכע מענשען... וואס איז דא ערסט גיוועז? מען האט מיך געשלאגען און ארויס געטריבען.

ארויס געטריבען! גיט ער אגעשרייא, שטייטס, פאר וואס? פאר וועז...

פאר גאר נישט, טאטינקע מען בינדט זיך צו מיר, מען טאנט פון מיר אן איין אויפהער, וואס איך טהוא, גיפעלט נים, און אלס מיט געשרייען, מיט לארעמען, מיט זידלערייא... איך בין שוין קראנק געווארין פון יסורים... אויב דוא וועסט מיך נים ארויס גערעטען פון זייערע הענד, וועל איך נים אוים האלטען.

נאט אייך אוועק, פעטער, מיינע רייד, איהר האט גיטאהן און איבער-לייגט, איהר האט זיך געצילט צום גלאנץ און איהר האט זיך נים פארגישטעלט, אז אין אגאלדענעם בעכער קען אויך זיין סאם, מען וויים, וויא מים דיא פארינע שנור איז גיוועזין.... זיא דיא וויערטע, גריניכע מוז האבין וועמען עס עס איז פאר אשעיר לעזאזל, זיא קען אן דעם נים לעבען, פריער פלעגט זיא זיך דרעקעווען איבער דיא הויזמארען, וועלכע פלעגין פון איהר ענטלויפין בשן ועין, און היינט אז זיא האט שניר, מיינט זיא, האט פראווע צו זייגען זייער בלוט אונגעשטערט, און אזויא האט זיא געטאן און טהוט איצטער.... און אונזער

דבורעלע איז אויך אריין געפאלין פאר איין אפפער אין איהרע קאנצעם.... אונ זיא דיא וויעדמע האט זיך אויף אזויא פיל ניט גיקענט איין האלטען, אז אין דיא ערסטע פאר וואכין מאכט זיא אזעלכע סקאנדאלין.

וואס האט זיך דארטען גיהערט עפעס גראבע מגושמדיגע רייד? ווער איז דארטען?

דאס איז איהר גרויסער יחוס, דער ראסיער רב גיקומען צוא פאהרען, אזא מין גראבע זאך זעהעט מען גאר ניט אין אונזער געגענד, דאס איז אפיינע הויז, אקוראט פאר קעהרט וויא דוא האסט זיך פאר גישטעלט טאטע, דער ברודער אויף וועמען זיא שטאלצירט אזוא, איז אגראבער יונג אפיאניצע, דער אנדערער ברודער איז גלאט אזוליק מיט אפרומע הילע, דער זון, מיין גוטער מאן איז אפיאניצע אונ אקארטען שפילער, מען האט איהם פריער געבראכט אפארבלוטיגטען אונ איינגעשמוצטען אונ אן קליידער, ווייל ער האט זייא פאר שפילט אין קארטין אך אונ וויא איז מיר, איונגער מאן זאל זיך אזו לידערליך אויף פיהרען, אונ דיא וויעדמע, וועמען מאכט זיא שולדיג? מיך, פאר גאר ניסט.

אונ דער שווער, ר' גרונם אליין? ער שווייגט גאר? פרעגט דער פאטער.

ער איז איין אנגעבלאזענער זאך, ער זיצט אונ דישעט מעהר ניט, ער איז זייער פעט, האט ער זיך איינגירעדט ער איז קראנק אונ אז קראנק פארשטייט זיך שוין, קען ער זיך אין קיין זאך ניט מישען, עס קען זיך קעהרן אין שטוב הימעל אונ ערד שווייגט ער.

נוא גינוג צוא ריידען איך וועל אריין גיין אין שטוב אונ וועל זייא אלעמען אוים רייסין זאגט שמואל.

טאטע, דוא וועסט ניסט העלפען, דוא ווייסט גאר ניט וואס דאס זיינען.

זייא זיינען אריין אינווייניג, האבין געפונען אלעמען נאך ביין טיש אונ מען שוועכט אויף וואס דיא וועלט שטייט, פון אנפאנג וואר שטיל, וויא פאר איין ערדציטערנים, אלע האבין זיך געקוקט איינע אויף דיא אנדערע, וויא דיא העגער, שמואל דבורה מאריאסעם וואר בלאה פון כעס אונ האט ניט געהאט קיין ווערטער מיט וואס דא אנצוהייבין, דא האט מיכל אנגעהייבין:

שטייטס! וויא טרייבט מען דאס ארוים אשנור? זיא איז ביא אייך איין איינגעבעטענע?.

איהרע פיר טויזענד רוביל נדן מיט דיא גאב ליגט ביא אייך אין שטוב, מיר דאכט אז זיא האט דא מעהר דעה פאר אייך!.... איהר שמייעט איהר ניט גראב צוא זיין אויף אהאר, ניט וואס ארוים צוא טרייבין.

וואס איז דאס פאר אצרה! האט אנגעהויבען נעכע אפין אויבער: וואס ביזטו דא פאר אקנאפף? ווער קען דיך? ווער ווייס דיך? קומט זיך צו שלעפין אשווארץ יאהר אונ קאמאנדעוועט ביא מיר אין שטוב.

דאס איז מיינע אשוועסטער קינד, בין איך מחויב זיך אנצונעהמען פאר איהר, פאר שטייט איהר? אונ איך וועל ניט דער לאזין, איהר זאלט איהר

טרעטין

טרעטין מיט דיא פים, פארשטייט איהר מיך! ניט מיינט אז איהר האט דא צוא טאן מיט קליינע קינדער מיט שליטעזלניקעס....

זעה זעה, וואס דא טהוט זיך! שרייט ווייטער נעבע אפין אויבער, מען האט פאר צעפעט אביסיל דיא קאריגע, אז דאס איז אזא שטיק שלאק — זאל מיר דער אויבערשטער ניט שטראפין פאר מיינע רייד — קען אטעפיל ניט צוא שטעלין, פון פרעגלען פון בראטען פרעג איהר בחרים, אין דער אמתן, וואס האט זיא גיזעהען ביא איהר טאטין? מעהר וויא בערלאווע ברויט מיט הערינג ראסעל האט זיא אין דיא אויגען ניט גיזעהען.....

הערט, ר' גרונם, רופט זיך אב שמואל צוא גרינשפאן, וואס איז גיזעסען אויבען אן אונ האט געשאפעט, האט זיך געמוזט ניט הערענדיג אלט וואס דא טהוט זיך: שטייטס ר' גרונם, איר זאלט דער לאזען, מען זאל אזוא בעהאנדלען מיין טאכטער! איהר ווייסט דאך, וויא פיל איך האב זיך געבלוטיגט פאר איהר איהר זייט דאך אמענש מיט יושר, וויא קענט איהר דאס צוא זעהען?

צעפעט זיך אב פון מיר, ענטפערט גרינשפאן אמאך געבענדיג מיט דער האנד, לאזט מיר צוא רוה איך מיש זיך ניט, איך בין אקראנקער מענש... פון מיינט וועגין רייסט זיך דא אראב דיא קעפף מיט דיא נעזער מיט אלעמען מיט דיא רייד איז ער אויפגעשטאנען איז אריין אין אזייטיגען צימער אונ האט זיך פאר שפארט, שמואל איז געבליבען שטיין פערבליפט, אונ דער ווילע האט זיך נעבע פאנאנדער געקאכט אונ האט גענומען האסטיגער אויף אהויכען טאן, דיא אויגען ווארען שפיציג, דימויל מיט סאם, דיא ליפען בלאה, האט אויס גיוויזען וויא לילית בשעתה:

אסאמאוואר קען זיא דאך ניט אויפשטעלין! האט זיא גענומען מאלען מיט האסט: אשטוב ניט אויס קעהרען!... היזיקות טהוט זיא מיר אן אפען פוד!.... צוא וואס זיא רירט זיך צוא, אטראך, אשטאך היינט איהר מויל איז פעך אונ שוועביל, שילט זיך אונ זידעלט זיך, עס מאכט זיך דיא מול ניט צו וויים ניט פון קיין אידישקייט, ביא איהר איז רעכט פלייסיג מיט מילכיגעס צוא זאממען... אזא גלאמפ, וואס מען זעהעט גאר ניט אין איצטיגע דורות, איך דארף זיך דאך באגראבין פון בזיונות... אונ דא דער אלטער פערד קומט נאך זיך אננעהמען פאר אזא דראב, פאר אזא גאר ניסט... וויא שמייעט איהר צוא קומען אין מיין שטוב מיט אזא גראבקייט, מיר אן טאן בזיונות פאר לייטישע מענשען!.

דוא וויעדמע! האט אנגעהייבין מיכל, וואס איז ארויס פון גידולד · וויא שמייעסט דוא מיין פעטער אזוא צוא זידלען, אונ זיין טאכטער אזויא צו פאר שווארצען! ווער ביזטו דאס אזעלכע?.

שטייטס ווער בין איך! האט ווייטער גענומען נעבע וויא אווינטמיהל: איך! אספאם!... ווער קען ניט ר' גרונם גרינשפאן דעם פיהרער פון שטאט? זיין מויער פאר בלאסקעט דיא אויגען, האט געבויט איין אייגענעם שמעדרעם,

אײן

איז אגבאי אין אלע חברות, אפילו אין חברה קדישא.... און ווער זייט איהר? אבער פויער און ווידער פויער, פס!.

איך וועל אייך אויף לייגן אפין טעלער ווער איהר זייט, זאגט מיכל: דער מויער אייערער איז פאר זאלצען אין פאזעמעלנע, אז איהר קענט אפילו איין ציגעל פון איהם ניט נעהמען, אייער אימוסעסטווע וועט מען באלד קומען אפיסעווען, דאס וויים איך, דעם בהמ"ד האט ער געבויט, אמת, אבער מיט פרעמדע געלט, פון וועלכע ער האט אראב געלאזען אין קעסענע עטליכע הונדערט רובל צוא פאפראווען דיא אבחטאיטעלסטווע, און ווייטער אייער לייטישקייט וויים מען גאנץ גוט: איהר האט אמאל געטראגין פאמוניצעס ביא אשניידער, און אייער מאן איז אמאל גיוועזן אמאלציג, איונג וואס פוצט דיא שטיוויל, און מכח אייער יחוס וויים מען גאנץ גוט אז אייער רב קען קיין עברי ניט און וויים גאר ניט, וואס איז דאס לערנען.

דא איז נעבע געווארען צוא קאכט פון וואוטה, איז געווארען רויט וויא צונטער און האט ניט געפונען קיין אותיות, וואס צוא ענטפערין.

עע!... מעע!... פפפפ!... בבבב'ן! ארוים פפפון דאנען! פפפאר פאסקודזשע מיר ניט מיין שטוב!... און מיט דיא רייד האט זיא איהם גענומען שטופען, מיכל האט זיך ניט גיקענט איינהאלטען און האט איהר אראב געלאזין צווייא פעץ, אז פונקען האבין זיך איהר באוויזען.

עע! אט דא אדראקע, האט אנגיהויבען דער רב, אט דאס מיין לעבין צוא אדראקע ביא מיר אויך הענד, דער זון משה יענקל האט זיך אויך אריין געמישט עס איז געווארען ארעבטע רוקאפשניא, אללע זיינען געווארין איין גרופע, עס האט זיך גיזעהען רויטע געזיכטער און בלאע, עס האבין זיך געהויבין הענט ארויף און אראפ, עס איז געפלויגען לייכטער אין דיא שויבען, אין דיא שפיגלען, אין שטוב איז געווארען אגאנצער חאאס.

ביא יעדעם איז געבליבען אצייכין איין אנדיינקען פון דעם גוטין אבענד, דער מיט אגוז אפין שטערין, דער מיט אבייל אונטערין אויג, דער רב האט געקראגען פון דיא בעסטע מתנה, ער איז געבליבען אן אפינגער, זיין טרייע שוועסטער האט איהם אב געביסען, ווייל זיא האט גימיינט, דאס איז שמואל'ס פינגער.

ענדליך, אז אלע זיינען שוואך געווארען, האט דיא דראקע אויך אויף גיהערט, שמואל מיכל און דבורה זיינען אוועק געגאנגען אהיים פאר וואונדעטע, פארצאנטע און פאר קלאנטע.

7.

דיא ליבע טרייבט קנאספען

דיזע נאכט האבין זייא פערבראכט אין זיצען און אין קרעכצין איבער די שמערצין, וואס זייא האבין געליטען פון דעם גישלעג, מיט וועלכע מען האט זייא אזוי פיין בעווירטעט (מכבד גיוועזן) ביי די מחותנים, אויף מארגין אין דער פריה, אז זיי האבין זיך עטוואס ערהאלט פון זייערע ליידען האבין זייא ערסט גענומען פילען זייער גרויסען אומגליק, מען איז אריין געפאלין מיט אזא נוטם צו אזעלכע מענשין, אמת די נדן איז איינגעלייגט אבער די נאב איז דאך ביי זייא, דער מאן איז איין אויס וואורף אטויגעניכטס, א גט וועט זיין שווער צו בעקומען און אלעבין איז נאך ערגער, שמואל און מיכל און נאך נוטע פריינד האבין זיך גענומען געבין עצות וואס צו טאן פאר פירען אפראצעס איז עפעס די אידישע דאקומענטין ניט אזעלכע ראיעלע מען זאל אויף זייא וואס בויען, וואס קען נוצען די תנאים און די כתובה אז זיי זיינען מעהר ניט אונטער געשריבען פון די עדות ניט פון די איינגענטהימער? און ווייטער איז דאך דא אוואפראס וועגין אלעבין צו א גט זא גיהערט דיא זאך שוין ניט צו גראזדאנסקע נאר צו דוחאוונע דאס הייסט צום רב, בייא זייא איז געבליבען אז עס וואלט זיך אויס לאזין מיט א גט וואלט גיוועזן אם בעסטין, נאר מאנען א גט הייסט עס, פארלירען די גאנצע נאב מיט די נדן און אפשר נאך דער לייגען געלט, און אויף אזוי פיל איז דער שמואל ניט אין שטאנד ער איז פון דער חתונה אויך געבליבען א בעל חוב, אלזא איז בייא זייא געבליבען אז זייא זאלין בעטין דיא רבנים זייא זאלין עפעס מאכין א פשרה.

דא האט מען אנגעהויבען צו חלאפאצין און דא האט מען בעגעגנט אנדערע שוועריקייטען, דא איז דער רב אויף אברית דא אויף א חתונה דא אויף א פדיון הבן דא גלאט אויף א סעודת מצוה דא איז ער גיוועזן אוועק געפארין, דא איז ער גיוועזן אונוואהל דא האט ער איהם געפונען שלאפענדיג און אז ער האט איהם שוין אנגעטראפין צו דער רעכטער צייט און האט שוין געוואלט פירען די ד"ת, האט זיך אנגעהויבין שוועריקייטען פון דעם מחותנס זייט, דא איז ער קראנק דען וויא מיר ווייסען האט ער זיך געזאגט אז ער איז אקראנקער ווייל ער פלעגט מער ניט אויס טרינקען אהאלב טוץ ביר אויף אמאל, אנשטאט וואס אמאל פלעגט ער אויס טרינקען אטוץ, נוא איז ער א חולה, דא איז ער אויך ניט גיוועזן דער היים, דא האט ער זיך געזאגט אז ער מישט זיך גאר ניט עס איז ניט זיין זאך. נעכע האט דעם ב"ד שמש גאר ארויס געטריבען מיט דעם פערזאנ אז אויב ער וועט קומען נאך אמאל וועט זיא איהם צו קיילען די זייטען, נוא האט ער שוין אויף

גיהערט צו גיין , היינט האט זיך געמאכט נאך אשטיקעל פרעפּיאצטווע נעבע איז מיט מזל גילעגין געוואָרין אונ האט געבראכט אויף דער וועלט א גרשולען וואס עס איז איהר ניט גיוועזען אויס צו צאלין זיך פאר דעם גליק וואס זיא האט געבראכט גרונומען , אונ זיא האט שטריינג אנגעזאגט ער זאל ניט שמייען צו גיין צום רב , נוא ווי ער איז גיוועזען „מוזש פאר באשמאקאם" האט ער איר ווילען ניט איבער געטראטין אויף אהאר .

דער ווילע האט זיך אוועק געצויגען צוויא מאנאטען אונ ביא שמואל דבורה מאריאשעס איז חושך ואפילה אין שטוב , זייא האבין זיך געפילט אז זייא זיינען פאר קראכין אין אזומפ וואס איז ניט ארויס צו קריכען ניט הין ניט צוריק , זיין דבורינקע די קרוין פון זיין לעבין איז היינט אקאנדידאטקע צו ווערין איין עגונה , א וואס פאר אביטערעס וואָרט דאס איז פאר איודישע טאכטער , אין די בעסטע יונגע יארין זיך פילען וויא בעגראבין לעבין אונ וויסען אז מען לעבט ניט , דען פון נעבען איז גאנץ גוט צו ערווארטען אז זיא וועט ניט דערלאזין צו קיין גט , אום זיא זאל קאראטייען אירע יארען .
אלע ווארין פארצאגט אונ בעטריבט , יעדער פלעגט וויינען פאר זיך אונ פלעגט זיך זעהען מונטער צו מאכין פאר דבורהן אין די אויגען אום זיא זאל נישט פילען וויא ווייט זיא איז אומגליקליך , זיא האט אבער ניט געדארפט קיין אנמערקונג , זיא האט אליין אויך גוט פארשטאנען איר לאגע , זיא פלעגט אב זיצען שטונדין ווייס אונ גיסען זיך מיט טרערין די אויגען זיינען איר שוין שוואך געוואָרין .

מיכל האט אויך גענוג געוויינט , ער האט בעקלאגט צוויא זאכין : ערשטין די לאגע פון זיין ליבע קוזינע אונ צווייטען וואס ער האט זיך אויך געפילט אומגליקליך דערפון .

אמאל איז ער אריין צו דבורהן אין צימער זיא איז גיזעסין ביין פענסטער די אויגען ווארין פייכט פון טרערין , וויא ער איז אריין האט זיא גלייך אויס געווישט אירע טרערין .

אומזאנסט ווישט דוא זיך די טרערין — זאגט ער צו איהר — איך זע גאנץ גוט אז דוא האסט געוויינט זאג מיר דבורהלע ביז וואנען וועסטו זיך דעם לעבין נעמען ? זעה דיינע אויגען זיינען שוין שוואך דיין געזיכט איז אב גיצערט , היט דיין יוגענד .

היטען — זאגט זיא — פאר וועמען האב איך צו היטען ? מיין לעבין איז אויס איך בין לעבעדיג געשטארבין .

דוא ביזט דאך יונג — זאגט מיכל — די יאהרין זיינען פאר דיר , עס טרעפט אמאל איין אונאנגענעמליכקייט אבער עס גייט פארביי , האף קוזינע עס וועט נאך גוט זיין .

אויף וואס זאל איך האפין ? פאר מיר איז אלע האפונג אב געשניטען

דיא

דִי זוּן שַׁיינְט שׁוֹין נִיט מֶעהר אוֹיף מִיר , דִי פִינְסְטֶערֶע נַאכְט הָאט אַיין גֶע-
ווִיקֶעלְט מַיין לֶעבֶּין •

פֶערְצְווֵייפֶעל זִיךְ נִיט אַזוֹי לִיבֶּע דבורהלע , דוּא שְׁטֵייסְט יֶעצְט אוֹיף
אַקְרֵייץ וֶועג עֶס הַאלְט אָדֶער עֶס זָאל זַיין אַ גֵט בַּיי אַייךְ אָדֶער אַלֶעבֶּין , דֶער
עֶרְסְטֶער פַאךְ אִיז דָאךְ גֶעוִויס גוּט אוּנ דֶער צְווֵייטֶער פַאךְ אִיז דָאךְ נִיט
עֶרְגֶער וִויא פְרִיעֶר צוּ דֶער חתונה •

דוּא הָאסְט אַ טעות מיכל אוֹיף אַ גט אִיז נִיט צוּ הָאפִין , מַיין שְׁווִיגֶער
אִיז נִיט אַזַא מֶענְשׁ וָואס זָאל פַארְגִינֶען דֶעם צְווֵייטֶען גוּטֶעס , זִיא וֶועט
אַלֵיין לֵיידֶען נוּר דֶער צְווֵייטֶער זָאל מִיט אִיהר מִיט לֵיידִין , נָאר דָאס קֶען יֶע
זַיין : אָדֶער אַלֶעבִּין , אָדֶער אִיךְ זָאל בְּלֵייבֶּען אַיין עגונה אוּנ דִי בֵּיידֶע זַאכִין
פִירֶען צוּ דֶער הֶעלֶע •

ווִיא אַזוֹי אַיין עגונה ?

אוֹיף מַיין שְׁווִיגֶער קֶען מֶען אַלֶעס קְלֶערִין , זִיא וֶועט אִיהם אַוֶועק
שִׁיקֶען וואוּ עֶס אִיז אוּנ וֶועט אִים חתונה מַאכִין , זִיא אִיז סְפָּאסָאבְּנֶע אוֹיף אַלִ'ין
אִיךְ קֶען אִיהר שׁוֹין צוּ גוּט •

דָאס גְלוֹיבּ אִיךְ אפילו נִיט — זָאגְט מיכל — אוּנ ווֵייטֶער אוֹיבּ אַלֶעבִּין ·
מִיט וָואס אִיז עֶרְגֶער וִויא פְרִיעֶר אִיז גִיוֶועין ?

עֶרְשְׁטִין קֶען אִיךְ זַייא אִיצְטֶער מֶעהר וִויא פְרִיעֶר , דָאס אִיז נִיט קַיין
לֶעבִּין , דָאס וֶועט זַיין אַיין אֵייבִּיגֶער גיהנום פַאר מִיר , נעכע וֶועט נִיט
וֶוערִין בֶּעסֶער , דֶער טִיגֶער קֶען זַיין הוֹיט נִיט אִיבֶּער בֵּייטֶען וִויא זַיין הַא-
רַאקְטֶער אוּנ מַיין מַאן , אָךְ אוּנ ווֵייא אִיז מִיר •• בֶּעסֶער זָאלִין מִיר נָאר
נִיט רֵיידֶען וֶועגִין דֶעם , אַז אִיךְ דֶער מָאן זִיךְ אָן אִיהם , גֵייט מִיר דוּרְךְ אַ
שׁוֹידֶער דוּרְךְ אַלֶע גְלִידֶער •

וָואס אִיז ? טָאמֶער הָאט עֶר הַיינְט נִיט גוּטֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטִין , וֶועסְטוּ
מִיט דֶער צַייט קֶענֶען פַארְבֶּעסֶערִין , אַווֵייבּ קֶען הָאבִּין אַגוּטֶען אַיינְפְלוּס אוֹיף
דִי אוֹיף פִירוּנְג פוּן מַאן •

פוּן אַדָארִין קֶען קַיין פְרוּכְט בּוֹים נִיט וֶוערִין — זָאגְט זִיא •

עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דִיר וֶוען ווַייזֶען פְרַיינְדְלִיךְ ?

וֶוען ? פְרֶעגְט זִיא — אַז עֶר אִיז אָמֶער נִיט נִיכְטֶער , אוֹיסֶער דֶעם-
מָארְגֶענְס , אוּנ דַאן אִיז זַיין בֶּענֶעמֶען שְׁרֶעקְלִיךְ גְרָאבּ , אוּנ וֶוען עֶר וָואלְט
זָאגַאר גִיוֶועין וִויא עֶס גִיהֶער צוּ זַיין אִיז מַיין לֶעבִּין שׁוֹין אוֹיךְ פֶערְבִּיטֶערְט ,
עֶס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבֶּען אַוָוארִים אִין הַארְצִין וָואס טָאצְעט מִיר , מִיט דִי רֵייד
הָאט זִיא פַאר דֶעקְט דִי גֶעזִיכְט אוּנ גֶעחָלִיפֶּעט •

וָוארוּם טְרֵייכְט דוּא מִיר נִיט אָן ? — זָאגְט מיכל — אִיךְ בִּין דָאךְ דִיר
פְרֵייא וִויא אַבְּרוּדֶער •

אִיךְ דַארְף דֶערְפוּן נִיט רֵיידֶען , אִיךְ בִּין פֶערְהֵיירַאט , אַז אִיךְ וָואלְט זַיין
נִיגְט וָואלְט אִיךְ דִיר פִילֵייכְט גֶעזָאגְט •

אִיךְ

איך פֿערשׁטײ דײַן װאָרים — זאָגט מיכל — דאָס איז אײַן פֿערלעצטע ליבּע טױט פֿערװואונדעט אָ אָ!... מיט די רייד האָט ער גענומען גײן האַסטיג -איבּערן צימער, אונ אַשטראָם פֿון טרערין האָט אױס געשטירצט פֿון זײַנע אױגען.

עס איז געװאָרין אײנע פױזע (שטילע), זײא װאַרין בּײדע פֿערזונקען אין טרױעריגע געדאַנקען, דיזע געדאַנקען האָבּין געטראָגין אײן ציל, נאָר זײא האָבּין זיך ניט געװאַגט אײנער דעם אַנדערין אַרױס צו זאָגין, ענדליך רופֿט זיא זיך אָב.

װאָס װײנסטו אַזױ מײַן ליבּער קוזין?

איך האָב פֿיל אורזאַכע צו װײנען — זאָגט ער — איך װײן אי פֿאַר דיך אי פֿאַר זיך.

פֿאַר מיר בּיזטו גירעכט, אָבּער פֿאַר זיך װאָס האָסטו זיך צו בּעקלאָגין װאָס פֿעלט דיר, דוא בּיזט שײן קלוג געבּילדעט אונ אַפֿאַרדינער, דײַן גליק איז מיט דער האַנד צו ערלאַנגען װעסט לעבּין גליקליך.

ניט רייד דבורהלע פֿון מײַנע גליקען, כל זמן דוא בּיזט אומגליקליך איז פֿאַר מיר קײַן גליק ניטאָ, מיר טאָצעט דער זעלבּער װאָרים װאָס דיר... נאָר איך דאַרף דאַפֿאָן ניסט ריידען.

אָ בּרודער בּרודער! האָט זיא אױס געשריען אים פֿאַלענדיג אַפֿין האַלז אונ חליפֿענדיג.

אָ שװעסטער שװעסטער! האָט ער אױס געשריען איר אומאַרעמדיג, מיר זײַנען נאָר געשאַפֿין אײנע פֿאַר די אַנדערע נאָר דאָס שרעקליכע שיקזאַל האָט אונז פֿאַרנאַנדער געריסען.

מיכל מיכל! װאָרום האָסטו דאָס פֿריער ניט געזאָגט? װאָלטין מיר צו אַזעלכע אומגליקען ניט קומען.

דבורהלע אַז מען זײט ניט װאַקסט ניט, אַז דו האָסט מיר קײַן פֿאָרװאָר ניט גיגעבּין האָב איך געמוזט מײַן געפֿיל פֿערשטיקען, אונ יעצט אָ װײ איז שױן צו שפּעט צו זײַען: דער װינטער דאָס בּילד פֿון טױט האָט זיך אונזער יוגענד צו פּריה בּעמעכטיגט, נאָר...

דיזעס גישפּרעך װאַר איבּער געריסען דורך דעם אַרײַן קומען פֿון שמואלן װעלכער האָט איהם געזאָגט אַז אַדײטש אַנעהילץ הענדלער האָט געשיקט נאָך איהם ער דאַרף איהם נײטיג האָבּין. מיכל איז אַרױס געגאַנגען, האָט מילד אױף דבורה'ן אַבּליק געטאָן װעלכער בּעדײַטעט: האָף איך װעל אַלעס אָן װענדין מיר זאָלין גליקליך זײַן.

װיא ער איז אַרױס אַפֿין גאַס טראַכט ער בּײַא זיך: אָ װיא דום איך בּין גיװען אַז איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען אַז זיא ליבּט מיר, װאָרום האָב איך דאָס ניט געװאָגט עס דעם פֿעטער צו זאָגין, אונ בּעטין בּײַא איהם די האַנד פֿון זײַן טאָכטער, ער װאָלט פֿון אָנפֿאַנג פֿילײַכט ניט אײַן װיליגען,

אבער

אבער ביא שטארקער איינווענדונג וואלט עס אנגענומען , אונ היינט דורך מיינע אונענטשלאסענהייט איז מיין ליבע דבורהלע אריין געפאלין אין די מויל פון קראקאדיל , זיא ליידעט שרעקליך אונ איך האב שוין אויף גליק ניט צו האפין , א שרעקליך איז אונזערע לאגע ! נאר מען דארף טאן מען דארף זעהן מיט אלע מעגליכקייטען מיין פעלער ווידער גוט צו מאכין , עס האט זיך געמאכט אראזוריוו צווישען זייא , דאס דארף מען בענוצען אז עס זאל אין גאנצען פארנאנדער גיין , אונ דאן איז צו מיין גליק נור איין שריט . אבער וויא פאנגט מען אן ? די קלאען פון דיזעם קראקאדעל זיינען צו שטארק אום צו האפין עס זאל לייכט די זאך דורך גיין . אבער מיט געלט אונ ענערגיע קען מען אלץ דורך ברעכין .

מיט דיזע געדאנקען איז ער געקומען צום דייטשען , דיזער ווער אים גאנץ אומבעקאנט נאר ער האט געוואוסט אז זיינע בעקאנטע דייטשען האבין איהם דעם מיכל נוטמאן רעקאמאנדירט פאר א גוטען פערשטייער אין גישעפט אונ פאר איין ארענטליכען מאן , אלזא אויב ער נעמט אן , פארלאנגט ער דער דייטש פון איהם ער זאל אויגען בליק פארין בעזעהן אוואלד וואס ער האלט ביין קויפען דא אין דעם געגענד , מיכל האט זאגאר קיין צייט געהאט צו גיין אבשייד נעמען פון דבורהן דען ער וואלט פאר זאמען דעם פאיעזד , נאר ער האט איבער געלאזין אבריף צו דבורהן ביי דעם לאקיי פון גאסטיניץ ער האט איר געטרייסט זיא זאל האפין , אונ דער ווייל ביז ער וועט קומען זאל מען ניט אב מאכין אויף קיין לעבין .

8.

צוריק אין גהינום.

בשעת מיכל נוטמאן איז ניוועזען ארויס געגאנגען פון שמואל רויזען , אין איינע מינוט ארום איז אריין געגאנגען נתן צמח פוכס נעבעם ברודער , וויא שמואל האט איהם דער זעהען איז ער געוואריין עטוואס פרייליכער , ער קלערט ביא זיך : מסתמא ברייננט ער עטוואס נייס אונ אויב נייס איז נוט נאר ווערבע , דען די איצטיגע לאגע האט ער גירעכינט פאר די ערגסטע , נתן צמח איז אריין אין שמוב בעניות מיט איין אראב געלאזענעם קאפ איין איינגעהויקערטין רוקען האט אוואורף געטאן זיינע שארפע אויגען פון אלע זייטען אונ רעט צו זיך : מיכקע איז ניטא גאנץ גוט דא וועט מיר קיין זאך ניט שטערין אין מיין פלאן , ער האט זיך אויס געהוסט אונ זאגט : גוט מארגן ר׳ שמואל !

א ר' נתן צמח — זאגט שמואל איהם רייכענדיג די האנד — זיצט וואס גוטס וועט איר זאגין ?

אזא יוד וויא איך — זאגט נתן צמח — קומט אלע מאל מיט גוטען, איהר קענט דאך מיר.

מיט די רייד האט ער זיך גיזעצט אונ האט זיך ווייטער אהוסט געטאן איהר האט אשמעק טאבאק ? (נעמט אשמעק טאבאק) א גאנץ גוטע טאבאק, בקיצור ר' שמואל איך בין געקומען צו אייך מאכין א שלום צווישען אייך אונ מיין שוואגער, אונ דאס טוא איך נאר לשם שמים, איהר קענט דאך מיר די מעשה... איך קען טאקע ניט צו זעהען אייער צער אונ זייער צער, מען נעמט יונגע קינדער מען פארביטערט זייא דעם לעבין פאר וואס, פאר ווען ? אמת מיין שוועסטער איז אהאקטיגע איך וועל אייך ניט לייקענען, אבער אין גרונד איז זיא אגאנץ גוטע, אונ ווייטער וואס טוט מען מיט ווייבער ? איין אומגליק וואס איך בין דערביי ניט גיוועזען בשעת די קריג, איך וואלט צו קיין זאך ניט דער לאזין, איך שווער אייך ביי מיין יוד, ווייזט נאך אשמעק טאבאק, גאנץ וואזנע טאבאק חלעבין ! וואו האלט איך ? יע מכח די גישלעג, איך בין יעמאלט גיוועזען אוועק געפארין עפעס וועגין א שידוך אויס פירען, אגב האב איך געדארפט האבין עפעס צום בע"ש, איהר ווייסט דאך איך בין ב"ה די אנדערע האנד פון איהם וויא רופט מען דאס ? עפעס א מין אגענט בין איך בייא איהם, ווארום ער קען זיך אויף מיר גאנץ גוט פערלאזין, וויא איהר ווייסט, לכן נוא מילא בכן יע וואו האלט איך ?. יע בין איך ניט גיוועזען דער היים עפעס עטליכע וואכין, ווי איך בין גיקומען האב זיך דער וואוסט וואס דא האט זיך געטאן האב איך זיי מסתמא אויס געבאטעלט בייזע חלומות, בקיצור איך האב זיי אזוי לאנג גענומען דעם לעבין ביז זיי האבין טאקע געפילט אז זיי זיינען אומגירעכט, קלערט ר' שמואל איהר זייט אביסעל אויך ביי איין עולה, ניט אזוי בעהאנדעלט מען זיך מיט מחותנים נאר וואס גיוועזען איז גיוועזען, איך וויל עס זאל זיין שלום, איר הערט ר' שמואל אט דאס בין איך געקומען אהער.

הערענדיג אזעלכע זיסע רייד (האטש זיי ווארין געזאגט מיט אטאן פון אויס לאכין נאר שמואל איז ניט גיוועזען אמענש אזוי פיל צו פאר שטיין) איז ער געווארין מונטער אונ פריילך ביי זיך.

איך דאנק אייך זייער ליבער ר' נתן צמח — זאגט ער — איהר זייט איין ערליכער יוד, הבאת שלום בין אדם לחבירו בין איש לאשתו איז אודאי גאנץ רעכט אונ א מצוה אויך, אבער וואס טוט מען אז עס וועט ווייטער זיין אזעלכע מעשות ?

פע ! חלשות איהר זאלט דאס זאגין ? — זאגט נתן צמח — חלעבין מיין שוועסטער איז נאר ניט אזא נאר זיא זאל מאכין לייטישע געלעכטער.

גענוג

גענוג איין מאל זיך בענארישט, אָבער נאָך אַמאָל וועט שוין דאָס ניט זיין, דאָס שווער איך אייך ביי מיין יוד.

איז וויא מאַכט מען? — פרעגט ער.

גאַנץ פשוט — זאָגט נתן צמח — קומט מיט מיר איך האָב שוין בע־שטעלט אַפּאר מענשין, איהר קלייבט אייך אויס אַדריטען און זייא וועלין שוין מאַכין אַ פשרה אַז עס זאָל זיין אי וואָלק סיט אי קאָזאַ צעלאַ, פאר־שטייט איהר מיך, מיט רבנים צו האָבין צו טאָן ווערט עס אָנגערופען מאַכין לייטעשע גילעכטער און דאָס פאַסט ניט פאַר אייך ניט פאַר מיין שוואָגער, איהר פאַר שטייט דאָך אַליין, איך מעג אייך זאָגין, אַז ביי מיין שוועסטער איז אַלץ רעכט זיא האָט אויף אַלץ חרטה, זיא וועט אייך שווערין ביי אַ ספר תורה, אַז זיא וועט ווייטער אייער טאָכטער בעהאַנדלען אָט וויא איין אייגען קינד ממש, זיא וויל היינט אַליין קומען מיט משה יענקלען אויף איין איזוואָסטציק איר אָב נעמען, פאַרשטייט איר מיך, בכבוד.

שמואל האָט זיך פיל ניט געלאָזט בעטין און איז מיט איהם אַוועק.

אַפין וועג האָבין זיי זיך פאַנאַנדער געטיילט, נתן צמח איז געגאַנגען צו זאַמען פירען צווייען פון טרעטייסקען סוד, דאָס הייסט אייגעם פון גרינם־פאַנס צד און אייגעם וואָס זאָל ניט האַלטין קיינעמס צד, און אויך רופען גרונם גרינשפאַן, און שמואל איז אַוועק געגאַנגען רופען אייגעם פון זיין צד, וויא זייא האָבין זיך פאַרנאַנדער געטיילט איז נתן צמח'ס געזיכט אויגענבליק גאָר געוואָרין איין אַנדערע, זיינע קעציישע אויגען האָבין גענומען שפריצען פייער, אַבייזער שמייכעל האָט אַשוועב געטאָן אויף זיינע ליפען און ער רעט צו זיך: עס איז אַראָפּ נוט וויא איך בין אַ יוד, ווי גוט עס איז צו האַנדלען מיט איין אינדיק, דער שמואל דבורהס ווייס ניט וואו ער איז אין דער וועלט אַז ער וואָלט האָבין איין איבער ליינ בייא זיך אין מוח, האָט ער זיך גע־דאַרפט בעדיינקען אַז איך קום צו איהם וועגין דעם אינטערעס, איז מסתמא ניט גאָר גלאַט, מסתמא דאַרף מען איהם האָבין, און אַז ער וואָלט טאַקע אַביסעל נאָך פאַרשין, וואָלט ער דערגיין אַגאַנצע מעשה, אַז מיין שוואָגער ר' גרונם גרינשפאַן האָט געטאָן דעם שידוך וויא מען זאָגט, עפעס מאַכין איין רעפאַראַציע אין גישעפט: ער איז זייער פאַר שווינדעלט אַז דער אויבערסטער זאָל זיך מרחם זיין, ער איז אַבעל חוב איבער די אויערין, וואָלט ער זיך מיט די 2000 רובּיל נדן וואָס דער שמואל האָט גיגעבין און מיט די דרשה געשאַנק און טאַקע מיט איהרע גוטע קליידער אויך, גאַנץ גוט איין־געקערט דער ווייל, נאָר ווייל דער שידוך האָט זיך אָן נדן פון זיין זייט ניט געריהרט פון אָרט, דאָ האָט ער אויף געטאָן מיט גרויסע צרות טויזענד רובּל אום צו בעקומען יענע 2000, דאָס איז אַלעס איין געלייגט און קיין איינציג רובּיל ריהרט זיך ניט אָן שמואלס סאַנלאָסע, אי איז דאָך אַ קשיא וואָס האָט זיך געבע געקריגט און וואָרום האָט גרונם ביז איצטער ניט געמאַכט אַטאַלק?

דערויף האט ער געהאט אנדערע אוים זיכטען, אבער היינט האט אים גוט צו גיקוועצט, אז עם האלט עם זאל זיך אוים לאזין מיאוס, אונ מיט דעם מויער קען ער זיך געווים אריר ניט טאן, דען ער איז פערזעצט אין פאזע-מעלני, לכן אז ר' שמואל דבורהס וואלט זיך היינט איין שטעלין וויא איין אקון ער וויל דוקא גט וואלט ווערין רעכט גט אויך נאר גרונם זאל האטם ארוים קריגען זיינע טויזענד רובל אביסעל אב צו האפין דעם אטעם. דער פאר האב איך דאם מורא פאר דעם מיכקען, ער איז אמענש מיט פער-שטאנד, ער וואלט זיך גוט ארום קוקען דעם אינטערעם אונ וואלט זיך ניט לאזין נארין אונ ער וואלט דוקא נאסטאיוועט אויף א גט ווייטע, וויא איך פערשטיי איז ער מיט דבורקען גאר פאר ליבט אונ זייא וואלטין זיך טאקע נעמען, נאר דאם לוינט פאר מיר ניט גאר איבער איין אנדער טעם, דיא פריילין זארא ראזענבערג פון קעניגסבערג איז אין דעם גוטמאן פערליבט איבער די אויערין, זיא איז די משמעות מיט א כיון אראב געפארין אהער, אויף זובען אשדכן וואס זאל צו זאמען פירען דעם שידוך, זיא איז זייער רייך, עפעם זיא האט געקראגין אגרויסע ירושה, אונ וויל פראסט אב שיטען יענעם וויער עם וועט אוים פירען דעם שידוך, מען האט מיך צו איהר רע-קאמאנדירט אונ עם איז ב"ה האלב רעכט, ביי איהר האב איך געפועלט הא הא! נאר מיט איהם האב איך נאך ניט גירעט, דען וויא עם האלט איצט די אבסטאיאטעלסטווע צווישען זיי אונ גרונמען, וועט ער בעסער וועלין די דבורקען ווייטע זיא האפט אביסעל שענער אונ יענע איז שוין אין יאהרין, נאר עם וואלט זיך ווענדין אן מיר וואלט איך בעסער וועלין טאקע די זארען ווארום רייכקייט איז טאקע בעסער פאר אלץ אין דער וועלט, אלזא אום אוים צו פירען די מאכעריי איז גיווען זייער נייטיג דעם מיכלען אקארסט צו בעזייטיגען, אונ דאצו האב איך געפונען עפעם אשטיקעל טייצען, הא הא הא! אונ פאר דריי פינפרובעלדיגע האט ער מיר געשפילט די ראלע פון אנעהילץ העגדלער אונ האט מיר דעם גוטמאן דער ווייטע אב געראטט פון וועג דיא געלט דערויף גיט מיר די זארע ראזענבערג, פאר וואס זיא שיט געלט פאר וואס זיא קאכעט זיך אזוי? פארשטיי איך ניט מסתמא מוז וואס זיין דערינען נאר צו מיר איז דאם ניט שייך, דערווייטע צו וועל איך אוים פיהרען צו ניט דערווייטע קלעבט זיך צו צו מיר אנראשין אויך, מהיכי תיתא אונ טאקע היינט וועל איך שוין האבין אגוטע וועצערקע דער פון. יע אונ פון די פשרה וואס איך מאך מיט מיין שוואגער אונ מיט שמואלן, וועל איך אויך אריין ריישען מסתמא אפינף אונ צוואנציגער, דערווייטע מיטיין טייצען האב איך אונטער געפירט, חלעבין! אונ ביי שמואלן האב איך אויך געפועלט מאלא-דעץ נתן צמח חלעבין, נאר קיין נאר ניט ער קען פיהרען מאכעריי. איצט דאכט זיך איז שוין האלב אוים געפירט, אדער אפשר באלד גאר, ווארום וועט ניט דבורקע איז די זארע פאר גוטמאנען טאקע אוואילער שידוך זיא איז

 דאך

דאך אזוי רייך . נאר מיין מזל שטיינס געזאגט , וואס האב איך שוין ניט איבער געטאן אויף מיין לעבען ? אונ קיין זאך גילט ניט אויס , איך פיר אונ פיר גאר גוט וויא עס קומט צום שפיץ דריבעלט זיך אלץ אויס , אונ נתן צמח בלייבט איין ארומאן וויא גיוועזן , נוא מיר וועלין זעהען וואס דא וועט זיין , מיט די רייד איז ער אוועק צום טרעטייסקין סוד .

אין אפאר שעה ארום איז שמואל רוזען געקומען אהיים זייער פריילך .

נוא גאלדע — זאגט שמואל — עס איז שוין ב"ה ווייטער גוט .

וואס איז שמואל ? — פרעגט זיא .

מיר האבין שוין אב געמאכט ב"ה אויף אלעבין , וואו איז דבורה ? א אין איהר צימער מסתמא , דבורה קום אהער ! איך האב דיר פריילכע נייס צו ערציילען .

וואס פאר נייס טאטע ? — זאגט דבורה ארויס גייענדיג .

וואוילע נייס מיין טאכטער , מיר האבין ערסט אב געמאכט ביי אטרע-טייסקי סוד , אז עס בלייבט ווידער אויף אלעבין . וואלסטו זעהען וויא זייא האבין מיר איבער גיבעטין , פראסט זייא האבין חרטה אויף אלץ . נוא מיין טאכטער , נעם וואש זיך ארום , קלייד זיך אן ארענטליך באלד וועט קומען נאך דיר דיין מאן מיט די שוויגער אויף איין איזוואסציק דיך אב נעמען אויפן פיינעם אופן .

דבורה איז געשטאנען אונ עס האט איהר געשווינדעלט , איהר געזיכט האט זיך געביטען אין אלע קאלירען .

טאטע ! — זאגט זיא — בעסער וואלסטו מיר אנגעזאגט אז באלד וועט מען מיך פירען אין טורמע , אין קאטארגע , צו דער תליה , אדער אנזאגין אז משה יענקעל האט מיך אוועק געווארפין פאר איין אייביגע עגונה , איידער דוא זאגסט מיר אן דיזע בשורה .

וואס רעדסטו מיין טאכטער ? די שוויגער האט געשווארין ביי א ספר תורה אז זיא וועט דיר אוואָרט נישט זאגין וואס דיר איז געפריאטנא , אונ משה יענקעל האט געשווארין אז ער וועט מעהר קיין בראנפען ניט טרינקען , היינט וואס דארפסטו מער ? די שוויגער וועט דיר האלטען וויא איין אייגען קינד , זיא זאגט עס וועט דיר מעהר ניט פעלין ביי איהר וויא פייגעל מילך אונ משה יענקעל פראסט וועט דיר האלטין , וויא ווער ווייסט וואס , אספאס עס וועט דיר איצטער זיין אי"ה וואול וויא די וועלט . אלע וועלין דיר מקנא זיין , נוא גייא מיין טאכטער וואש זיך ארום אונ קלייד זיך איבער , זייא וועלן באלד קומען צו פארין .

טאטע דערמאן מיר דאס ניט איך וועל ניט פארין איך קען ביי זייא ניט זיין , טאמער איז דיר שווער מיך צו האלטין , וועל איך גיין דינען אין דער פרעמד וואו עס איז , איך וועל טאן כל עבודת פרך , נאר ביי די שלאנגען ניט צו זיין .

דבורקע

דבורקע ניט מיין אז דא איז אקינדער שפיל — זאגט שמואל — ניט פארגעם אז עס ליגט ביא זייא אקאפיטאל פון פיר טויזענד רוביל, 2 טויזענד די גאב אונ צוויי די נדן, איך בין ניט קיין גביר, דאס האב איך אנגעהא-רעוועט מיט שוייס, פאר 500 רו"כ דער פון צאל איך נאך וואכער אויך, מענסט אביסעל רחמנות האבין איבער מיר אויך, וואס ביסטו אזוי ציטעריג ביי זיך? אז מען האט דיר שוין געזאגט אמאל ניט אנוט ווארט, איז שוין בייא דיר רעכט מיר אומגליקליך צו מאכען? פטור! אניים אז פון אנהייב גייט אלעבין עפעס ניט אזוי גוט, מיט דער צייט רייבט זיך איין אונ עס ווערט גוט, נעם מיין טאכטער וואש זיך ארום אונ טוא זיך אן, אונ מאך מיר ניט קיין הארץ ווייטאג.

גוואלד וואו איז מיכל? — זאגט דבורה מיט א פאר קלעמטעס הארץ— איצט האט מען אים געדארפט זייער נייטיג, וואס איז פאר א צרה וואו האט ער גיקענט אהין קומען.

מיכל איז אוועק צו אדייטשען — זאגט שמואל שוין געלאסין — דוא ווייסט דאך, אונ ווייטער וואלט מיכל נאר אויך אנדערש ניט געזאגט, ווארום וואס קען זיין בעסער?

וואס זאל איך טאן? וואס זאל איך טאן? — זאגט זיא — איך גיי זיך אנקליידען אבער דאס איז מיינע תכריכים, איך גייא אין דער העלע, א גאט אין וואס פאר אפינסטערין מזל איך בין געבארין געווארין, א אז עס וואלט בעסער גיוועזן אב געמאכט אויף א נט, טראכט זיא בייא זיך, וואס פאר א גליק עס וואלט גיוועזין, מיכל מיין נוטער מיכל וואלט מיך הייראטען, וואס פאר אגליקליכעם לעבין עס וואלט גיוועזן פאר מיר, פאר אונז ביידען, א ווי ער ליבט מיך אונ וויא איך ליב איהם, אונ יעצט דארף איך גיין לעבענדיגער הייט אין קבר, א איך וועל ניט אויס האלטין, נאר וואס קען איך בעסער מאכין? מיין טאטין קען איך קיין צער ניט אן טאן, איך מוז זיך ערגעבין, שלעכט, וואס גאט וועט געבין דאס וועט זיין, א מיכל מיכל! לחיי וואלסטו דא איצטער גיוועזן.

באלד איז אנגעפארין משה יענקל אונ נעכע, דבורה האט זיך ארום גענואשין אונ אן גיטאן אונ איז מיט זייא אוועק געפארין.

9.

וויא מען טוט אויס אמאסקע נאך דאס געלט נעמען.

נוא איז שוין דבורה מיט מזל צוריק אן גיקומען צוא איהר גוטע שוויגער, דיא ערסטע צווייא דרייא טעג איז ווירקליך גיוועזן שטיל אין שטוב, נעכע

איז

איז ארום גיגאנגען האלטענדיג פאר ביסען דיא ציינער. זיא פלעגט ארום גיין איין צוקאכטע, ברומען פאר זיך גלאטשין מיט דיא אויגין שילטען אין דער שטיל, אבער ארויס ריידין האט זיא אווארט ניט ארויס גירעט איין שלעכטען. פלעגט איטער ריידין מיט איהר פריינדליך און האט איהר גיזעהען נאך צו געבין אין יעדער זאך, דער ווילע איז אונטער גיקומען שבת, נעכע איז מיט איהר אוועק גיגאנגען אין בהמ"ד... האט זיך מיט איהר אוועק גישטעלט אויבען אן, דבורה האט געדאבינט און זיא האט נאך געשעפצעט, דען נעכע וואר ניט קיין וואויל געלערינטע וויא מיר ווייסען איהרע וואספיטאניע, זיא האט איטער גירעט מיט איהר לאסקאטעלנא און אלע ווייבער האבין איין שטימונג גיזאגט, אז דיא דבורקה איז געבארין געווארין אין אגאלדענע העמדעל, וואס זיא איז אן גיקומען אין אזוא אהויז וויא גרונם גרינשפאנס, משה יענקל האט זיך אויך ארדענטליך אויף געפירט דיזע עטליכע טעג, איז גיוועז דער היים, האט גירעט מיט דבורה'ן, היינט וואס דארף מען בעסער? שמואל פלעגט קומען אלע טאג געוואר ווערין ער פלעגט קוועלין.

דעם מאנטאג וואס נאך דעם שבת, איז משה יענקל מיט דבורה'ן גיגאנגען אין באנק ארויס נעמען דיא דרייא טויזינד רובל נדן, וואס דארטין וואר איין געלייגט, דען מען האט שוין אויף גיטאן איין גישעפט וואס צוא טאן מיט דיא געלט, און גרונם וועט לייטען דאס געשעפט וויא איין פאטער וואס איז גענית אזוא וואר עס אב געמאכט ביא דער זאסעדאניע וואס נתן צמח פוקס האט צו זאמען געפירט.

נעכע איז גיוועז אליין אין שטוב זיא איז ארום גילאפין פון איין קאמער אין דיא אנדערע, אזוא וויא זיא וואלט גיוועז שטארק פאר טאן אין חאזייסטווע און רעט פאר זיך.

גוא רבש"ע! אוועלט ארויס גיקומען! קינדער טרעטין פאטער און מוטער מיט דיא פים, מיין שנירעלע מיין גערעטעניס האט אוים געפירט און איך ניט ננא!... נוא טאטינקע אשיינעם דור האבין מיר דער לעבט טאטע דער בארמיגער!... מע טאר גאר אווארט ניט ריידין גאר שטומען שווייגען האלטען פאר שלאסין דיא מויל, אווארט ניט ריידין אפיסך ניט געבין, וואס איז? דיא שנירעלע וויל ניט... אז ניט דער לעבין וועט זיא ביא מיר אזא פאסקודסטווע דער אויבערסטער זאל מיר ניט שטראפין פאר מיינע רייד... איך פאר שטייא גאר ניט, אויף וואס בין איך אשוויגער אויף דער וועלט אויף וואס איז זיא איין שנור? פרעג איך אז איין שנור זאל זיך ניט לאזין לערנען וויא צוא לעבען אויף דער וועלט!... מיין משה יענקלע וועט דאך פאר איהר פינסטערט ווערין פאר חושבט ווערין, ווארום וואס קען זיא? וואס וויים זיא? מעהר וויא צוא פרעשין און צוא זויפען וויים זיא ניט, און ווער דארף הארעוועז קריע רייסען? אלם איך מען דארף דאך פלאצען קוקענדיג אויף אזעלכע צרות: קוקין און שווייגין, קוקין און שווייגין, אך טאטינקע! פאר וואס קומט דאס מיר, איך

אל

זאל האבין אזעלכע צרות אויף דער וועלט ? ... נאר ניסקאסע , ניט אייביג וועל איך זיך לאזין טרעטין מיט די פים ! ווארט לאז זיא אקארסט ברייגען די געלט אין שווארציארין ! איבער געלט דארף מען אויך קריינקען , די בעלי חובות (מלות) לאזין ניט עטעמען ... קראנק זיינען זייא צוא ווארטען די פארחעס די יונגאצעס ? מע זאל בעטין געלט , אלס געלט ! ... זייא קענען ניט פאר פינסטערט ווערין אן די געלט אספאס ! וויניג האבין זייא זיך אן געקאוועט נאך געלט ! נאך געלט ! פינחעצקע איז שוין גיקומען מיט אספיטעלנע ליסט (איספאלניטעלני ליסט) אזא האזע מע זאל קומען אין איין פרעמדע שטוב אונ וועלען ראבירען גאר וויא אין אוואלד , אונ דוירקע עסיגמאן אויך אויף מיין קאפ , ער איז זיך אויך גיקומען צוא שלעפין מיט אגוי אונ גענמט שרייבין , גאר וויא ביא זיך אין דער היים , איך האב זייא גיוועלט געבין מיט איין סייט האלץ אין קאפ , נאר מיין גרונם דער חכם דער לאסט ניט , ער זאגט מען קען אוועק שיקען דער פאר אין סיביר , וואו מען האט מיין נפתלן אוועק געשיקט , אט האב איך זיך געמוזט איין האלטין אונ פלאצען קוקענדיג היבשע משפטים אויף דער וועלט ! זאל איך ניט זינדיגען מיט מיינע רייר . היינט הענעבקע דער פארך , וואס וויל ער ? ער בעט אויך געלט , וואס איז איהם פאר איין קריינק ! היינט יאסקע האפמאן מיט נחמי׳ זילבער , אט וויא הייסערקין זיינען זייא אלע בעפאלין אויף אונז אונ ווילען אונז צוא רייסען , פרעג פאר וואס ? פאר ווען ? ... יע היינט הויבט זיך אן מיט די קרעמער : דער בעט פאר די קליידער , וואס מען האט איהם געמאכט צוא דער חתונה , דער סוסטער פאר שטיוועל , די קצבים פאר פלייש , די פישער פאר פיש . א דער אויבערקטער זאל אוים היטען פון זייערע מיילער , איך גיב זייא אפילו גוט עס קלעקט זייא , אבער ווער קען זיך מיט זייא איספראווען ? יע היינט רייסט דער גאלדהענדלער די יארין פאר די צירונג , די שמירונג וואס מען האט איהר געדארפט שיקען , — אלס איבער איהר איבער די פסאקרעוו , די שנירעלע אלס איבער איהר קריינק איך אין ווייטיג , אונ ביא איהר איז דאס אן געלייגט אוודאי ! האט מיר נאך אן געטאן אזעלכע בזיונות געמאכט לייטישע געלעכטער גערופין צוא די רבנים ... נוא רבש״ע ! וויא פלאצט מען ניט פון אזא שנירעלע , נאר ניסקאסע איך וועל זיך מיט איהר אב רעכענען אויף דער וועלט ... זיא מיינט אין דער אמת איך בין דאס אזוא גלאט מרוצה געווארין אויף איין לעבין , ווילע איך האב איהר האלט , ווילע איך גייא אוים נאך איהר ... אז ניט זוכה אז ניט רואה , ... אז מיר וואלט ניט גיוועזן אזוא איין נויט , אזוא לאנג זאלין זייא קריינקען וויא לאנג איך וואלט ניט מרוצה ווערין אויף איין לעבען , איך וואלט איהר פאר מאטערין ביז די נשמה וואלט זייא ארויס וויא איך בין אאידישע טאכטער , לאם איך נאר אקארסט לויז ווערין פון די מתבלים וואס רייסען מיר די יארין אום זיסט אונ אום גיסט . לאזין זייא אקארסט ברייגען די געלט , — אט וועט ווערין אוועלט , יעמאלט וועל איך איהר הערין וויא די קאץ ... הא

דבורעלע יעמאלט וועסטו וויסען וואס פאר אשוויגער דוא האסט, אבער וואס זאמען זייא דארטין אזוא לאנג? צוא דען געלט אב צוא נעמען דארף אזוא פיל דויערין? צוא האט זיך עפעס ניט גיטראפין אסיבה, אוי וויא איז מיר, . . . סא אן גייט דבורקה וואס גייט זיא עפעס אליין?

דבורה איז אריין גיגאנגען אין שטוב.

דבורינקע האט אן גיהויבין נעבע פריינדליך: וואס האסטו זיך עפעס אזוא לאנג געזאמט? דוא האסט זיך אוודאי פאר מאטערט גייענדיג? נעם זעץ זיך דבורינקה, רוה זיך אב . . . אוי וויא, דוא ביזט פאר שוויצט מיין לעבין? צוא האסטו זיך ח"ו ניט פאר קילט? נעם טוא זיך אוים דעם פאלטא, נעהם אראב דיא פאציילע אונ רוה זיך שוין אב, נעם דבורעלע זעץ זיך שוין צוא דארטין, ביזטו אוודאי דיא גאנצע צייט גישטאנען אויף דיא פים? אין באנק איז אוודאי דא וואו צוא צוא זעצען זיך? אוים געריטען זאלין זייא ווערען, בייא זייא איז דאך רעכט צוא פאר מאטערין איין מענטשין ביז דאס לעצט איר האט אב גינומען דיא געלט?

יע ענטפערט דבורה אב ציהענדיג דעם פאלטא.

וואו איז משה יענקל? פרעגט נעבע.

איך וויים ניט עס האט איהם בעגעגנעט עפעס אמיידיל צוא איין ווייביל, איך וויים ניט אונ האט זיך מיט איהם גינומען קריגען, ער האט מיר געהייסין גיין אהיים, ער וועט באלד קומען האט ער גיזאגט.

אונ וואו איז דיא געלט?

אט איז 2600 רובל אונ 400 איז בייא איהם, ער זאגט ער וויל אב בייטין פיר הונדערטער אויף קלענערע.

נעם רוה זיך שוין אב דבורינקע זאגט נעבע ציילענדיג דיא געלט, אוי וויא איז מיר וויא דוא ביזט פארמאטערט . . . ביזט אוודאי גיגאנגען צו פום? שטייטס פאר וואס האסטו קיין איזוואסציק ניט גינומען? גוואלד וואס היטסט דוא ניט דיין געזונד?

וואס מען קען פאר שפארין איז גאנץ גוט זאגט דבורה. הלואי וואלט משה יענקיל גיוואוסט אביסיל צוא היטען געלט, איך האב מו"א פאר יע"ע 400 רובל וואס ער האט בייא זיך . . .

וואס נאך וועסטו זאגין, האט אן גיהויבין נעבע מיט איין אנדער טאן אריין לייגענדיג דיא געלט אין קעסטענע: וועסט אפשר זאגין ער וועט פאר טרינקען פאר שפילען דיא געלט?

איך זאג דאס ניט שוויגער, נאר עס איז שוין גיוועזען פריטערין, וואס מאכען מיך אומרוהיג.

אזוא, דוא וועסט איהם רופין קאטערזניק איין אייגענעם מאן זאל מען אזוי האלטין, שעמען זאלכטו זיך דבורקה! עס איז דיין גליק וואס איך בין דיר איין גוטע פריינד, עס וואלט גיוועזען אויף איין אנדערע, וואלט מען דיר גע-

דארפט

דארפט צוא פאצען דיא צורה פאר אזעלכע ווערטער... גאר אניים, נאך אויס טראכטין אויף מיין משה יענקלען אזעלכע זאכין, הערסטו דבורקה איך זאג דיר אן זאלסט זיך היטען ארוים צוא לאזין פון מויל אזעלכע רייד, פאר שטייסטו ? איך וויל דאס ניט ליידין, אמאן דארף מען פאציטייען אפילו ווען ער וואלט גיווען ווער ווייסט ווער, אפשיטא מיין משה יענקל ער איז דאך עפעס ניט גלייך צוא ווער ווייסט וועמען פאר שטייסטו ?

דבורה האט געפילט אז דאס אוועק געבין דיא געלט האט גערעשעט איהר שיקזאל.

נעבעס מאנאלאג וואר איבער געריסין דורך איין בעזוך פון איין אונבעקאנטע פערזאן, עס איז אריין אפרויענצימער איינגעהילט אין איין שווארצע טוך קוקט זיך ארום. נעבע איז געווארין שטיל דען וויא מיר ווייסין וואר איהרע מעטאדע פאר מענטשין צוא שווייגין, דיא אונבעקאנטע איז צוא גיגאנגען צוא דבורה'ן אונ זאגט: הערט איך האב מיט אייך וואס צוא ריידין, דיזע איז מיט איהר אריין אין איהר צימער, האט איהר גיבעטין זיצען, יענע האט זיך געזעצט אונ זאגט: מאדאם גרינשפאן, איהר קענט מיך ניט איהר זאלט וויסען, אז איך בין זייער איין אונגליקליכעס פרויענצימער איהר האט גערויבט מיין גליק.

איך פאר שטייא ניט וואס איהר זאגט, זאגט דבורה קוועצענדיג מיט דיא פלייצעס.

משה יענקל גרינשפאן זאלט איהר וויסען האט מיך געליבט, האט מיר פערשפראכין צוא הייראטהען, ער האט מיך פאר פירט מיט זיינע זיסע רייד... וואס עס האט זיך אויס געלאזין ווייסט איהר, ער איז אייך אן גיקומען אונ איך בין געבליבין אונגליקליך.

מען קען גאר ניט וויסען וואס גליק אונ וואס ניט גליק איז זאגט דבורה, עס קען זיין, אז איך בין אונגליקליכער פאר אייך... קיינער וויים ניט וועמען דער שוך קוועצט.

לאמיר דאס דיספוטירען אוועק לייגין אן אזייט, זאגט דיא אונבעקאנטע מיט ערגער... קורץ איך בין אונגליקליך, איך האב דאך אייך געזאגט אז ער האט מיך פאר פירט: איך בין אין דיא הויכע חדשים...

אשוידער איז דורך געלאפין דבורה'ן איבער אלע גלידער.

אלזא קורץ זאגט יענע פערלאנג איך פון אייך איר זאלט מיר געבין האטש אויף הוצאות, איך זאל קענען אוועק פארין אין פעטערבורג, איך זאל האטש קענען מיינע שאנדע וויא עס איז פאר דעקין, אונ אויב ניט זאלט איהר וויסען וועל איך אייך צוא ווארפין דאס קינד.

דבורה איז גישטאנען גאנץ פערבליפט, מעהר וויא דאס האט מיר ניט גיפעלט טראכט זיא ביא זיך.

נוא וואס זאגט איהר? פרעגט איהר דיא אונבעקאנטע.

איהר

איהר האט דאכט זיך פריער באגעגנט משה 'קלען וואס האט ער אייך געזאגט ?

פון איהם איז קיין טאלק ניט צוא דער גיין זאגט דיא אונבעקאנטע ; ער זאגט צוא אונז געבען וועט ער קיין מאל ניט, אלזא בין איך גיקומען צו אייך, פון אייך זאל איך מעהר טאלק דער גיין .

קומט מארגען צוא גיין איך וועל זעהען פאר אייך צוא דאקאזען געלט זאגט דבורה .

נוא אבער ניט אנדערש זאגט דיא אונבעקאנטע ניט פאר געסט אז איהר האט ביי מיר צוא גינוטען דאס גאנצע גליק . אדיו ! מיט דיא רייד איז זיא ארויס גיגאנגען .

וויא דיא אונבעקאנטע איז ארויס גיגאנגען, לויפט אריין צוא איר נעכע מיט אגעשרייא :

וואס איז דאס פאר אצרה ! דוא וועסט גאר האבען געשעפטלעך מיט דרהצקע דיא הולטייקע ! ... אקלאג איז צוא מיינע יארין ! אוי וויא איז מיר ! אויף דער מפלה האב איך זיך גאר ניט געריכט ! ... דוא וועסט גאר האבען געשעפטין מיט הולטייקעס מיט עזותניצעס פאר שווארצין מיר מיינע אויגען, אוי וויא איז מיר ! איך דארף זיך דאך בעגראבין פון בזיונות, טאטע דער בארמיגער ! פאר וואס שטראפסטו דאס מיר אזוא ? אשיינע שנירעלע האב איך גינומען, ניטא וואס צוא ריידין ! מסתמא האסטו מיט איהר געפירט פיינע געשעפטעלעך פאר דער חתונה אויך, אוי איך וועל ניט אוים האלטין !

שווייגער נעמט זיך ניט אזוא דעם לעבין אום זונסט, זאגט דבורה איך קען איהר ניט אונ האב איהר ניט גיקענט, אז אייער זון וואלט ניט האבין מיט איהר קיין אויפטראגע וואלט זיא איצטער ניט גיקומען אהער .

דוא ! דוא עזותניצע וועסט נאך שטייען צוא עפענען איין מויל ! אנשטאט וואס דוא דארפסט זיך בעגראבין פון בזיונות אונ שטומען, האסטו נאך אזו איין האזע צוא ריידין ענטגעגען ! צוא בעריידין מיין זון מיין קינד וואס גאט אונ לייט ווייסען אז ער איז איידען קינד וואס איז דאס פאר אצרה אויף מיין קאפ ! איך וועל דיר צוא פראסקענען דיין טרייפענע צורה דוא הערסט עזותניצע גיהערט ! שוט אל דאס ביין, פאר שווארצט מיר מיינע אויגין אונ טראכט אוים אויף מיין קינד אויף מיין כשר קינד אזו איין שם רע .

דבורה האט זיך פאר שפארט אין איהר צימער אונ האט זיך ביטער פאנאנדער געוויינט .

10.

װִיא קָארְטִין אִיז אַפְּעֶרעֶוָאז צוּ יֶענֶער װֶעלְט

נעכע הָאט גֶעכוּשְׁעֶװעֶט אוּנ גֶעלַארֶעמְט דְרַייא שָׁעָה אַפִּין זֵײגֶער, משה יענקל װאר נָאךְ אִימֶער נִיט גֶעקוּמֶען, דָאס הָאט אוֹיךְ גִיגֶעבִּין גֶענוּג שְׁטָאף צוּ אִיהר לַארְמֶען, עֶנְדְלִיךְ פוּן אָבֶענְד אִיז אַרַיין גֶעלָאפֶען משה יענקל מִיט אַגִישְׁוָאלֶענֶע אוֹיג, אוּנ מִיט אַבַּייל אַפֶען שְׁטֶערִין עֶר אִיז גִיוֶוען אוּנְמוּטְהִיג, צוּא קָאכְט אוּנ אִין כַּעַס.

וואוּ אִיז דבורקע? גִיט עֶר אַגְעשְׁרַייא.

אִין קַאמֶער אִיז זִיא, זָאגְט נעכע צוּא נַייעֶנְדִיג צוּא אִיהם, זֶעה מַיין זוּן װָאס פַאר אַבַּייל אִיז בַּייא דִיר אַפֶען שְׁטֶערֶען? װָאס פַאר אַיין אוֹיג! דוּא בִּיזְט גֶעפַאלֶען? װָאס? זָאג זֶעה.

דבורקע! וואוּ אִיז דִיא גֶעלְט? הָאט עֶר גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן אוּנ קְלַאפֶען אִין טְהִיר מִיט װאוּטְה.

בַּייא דֶער מַאמֶען, עֶנְטְפֶערְט זִיא, אִיהם עֶפֶענֶענְדִיג דִיא טְהִיר.

מַאמֶע! גִיבּ אַהֶער דִיא גֶעלְט!

װָאס דַארְפְסְטוּ דִיא גֶעלְט, מַיין קִינְד? נֶעהם רוּה זִיךְ אָב, עֶס װָאס עֶס אִיז, דוּא בִּיזְט דָאךְ פַאר שְׁמַאכְט, גֶעבַּאךְ אַגַאנְצֶען טָאג אִין דַיין מוֹיל נִיסְט גֶעהַאט.

דִיא גֶעלְט! דִיא גֶעלְט גִיבּ אַהֶער! הֶערְסְטוּ?.

דוּא הָאסְט דָאךְ גֶעלְט, דִיא פִיר הוּנְדֶערְט רוּבִּיל?

נִיט פְרֶעג מַאמֶע יֶענֶע גֶעלְט אִיז נִיטָא!... גִיבּ אַהֶער דִיא גֶעלְט, דוּא הֶערְסְט?

אוֹי װֵייא אִיז מִיר! גִיט נעכע אַגְעשְׁרַייא, דִיא גֶעלְט אִיז נִיטָא? וואוּ זַיינֶען זֵייא אַהִין גֶעקוּמֶען?

גֶעלְט גִיבּ אַהֶער!.. גֶעלְט!... שְׁרַייט עֶר פַארְוֶוערְטְס מִיט װאוּטְה, מִיט אַרַייסֶענְדֶע שְׁטִימְמֶע.

אִיךְ װֶעל דִיר נִיט גֶעבֶּען קֵיין גֶעלְט, זָאגְט נעכע.

דוּא װֶעסְט קֵיין גֶעלְט נִיט גֶעבֶּען? שְׁרַייט עֶר פַארְוֶוערְטְס, אִיהר וַוייזֶענְדִיג אַגְעבַאלְמֶען פוֹיסְט: דוּא זֶעהסְט, װָאס דָאס אִיז? אֵיין צָאהן װֶעל אִיךְ דִיר נִיט לָאזֶען אִין מוֹיל.... גֶעלְט!... זָאל מִיר װֶערִין!...

װָאס אִיז דִיר גֶעוָוארֶען מַיין קִינְד? בִּיזְט נִיט גֶעזוּנְט זֵייא הָאבִּין דִיר װָאס אָבְּגֶעטָאן, אוֹי װֵייא װָאס אִיז דִיר פַאר אַגוּטְס? צוּא הָאבִּין דִיא נִיט גוּטֶע דָא עֶפֶּעס װָאס אָב גֶעטָאן?

גֶעלְט!... גֶעלְט זָאל מִיר װֶערִין! שְׁרַייט עֶר װִיטְהֶענְד, נוּא, דוּא גִיסְט נִיט? װֶעל אִיךְ אַלֵיין גֶעהמֶען, מִיט דִיא רֵייד הָאט עֶר גֶעחַאפְּט אַהַאק אוּנ אִיז גֶעלָאפִין צוּם קַאמֶער, נעכע הָאט זִיךְ אִיהם גֶעשְׁטֶעלְט אַפֶען װֶעג אוּנ שְׁרַייט: בַּארוּהִיג דִיךְ מַיין קִינְד, גֵייא רוּה זִיךְ אָב שְׁלָאף זִיךְ דוּרְךְ.

פראוואליוואי! שרייט ער וויטער: אוועק! אז ניט, קריגסטו מיט דער היים אין קאפף, מאמע! געלט גיב אהער! מיט דיא רייד האט ער גענומען האקין דעם קאמאד, אנייער וואס מען האט איהם ניט לאנג געבראכט פון שטאלער.

אה! איך מוז האבען געלט, אום אב צוא געווינען יענע 400 וואס דיא זוליקעס האבין מיר אבגעוואונען, אונ דעם פוטער, איך וועל זייא געבען! ניסקאסע!.. וועל איך אבגעווינען דיא געלט צוריק איז רעכט, אז ניט, איז מיין לעבען קיין לעבען ניט!... איך וועל זייא מאכען דעם טויט!... אין דיא רייד האט ער אריין געלאזען דיא האק אין שפאלט פון קאמאד, עס האט גיגעבין אטרעסק, האט ארויס געבראכין דיא וואנט פון שופלאד, האט געכאפט עטליכע זילבערנע לעפיל אונ האט זיך געלאזט לויפען, נעכע האט זיך איהם גישטעלט ענטגעגען אונ האלט איהם אב.

פראוואליוואי קא וסיעם צערטיאם! האט ער גיגעבין אגעשרייא אונ האט איהר גיגעבין אשטויס, אז זיא איז געפאלען מיטין אויג אין ווינקל פון קאמאד, אונ איהר אויג האט אויך געקראגען דעם זעלבען געשטאלט וויא משה יענקלס.

ער איז ארויס געלאפען וויא אשטורעם, אונ נעכע האט גענומען קרעכצען, בייא אהאלבע שטונדע אז זיא איז גילעגין אפען דיוואן, אהנע אווארט צו ריידען מעהר ניט שטארק געקרעכצעט, ענדליך אז זיא האט אנגעהייבען צוא קומען צוא זיך, האט זיא אנגעפאנגען צוא עפענען דיא מויל אויך: אך אונ וויא איז מיר! אי, צו וואס זיא האט איהם געבראכט! זיא האט מיר איהם איבער געפיהרט גאר אין גאנצען, אי! ער איז אוועק אין אשלעכטע וועג גאר דורך איהר, אי, מיין אויג! אה, טאטינקע! צוא וואס אווייב קען ברייננגען, אזא זיידען קינד וויא דאס איז גיוועזן, אונ היינט אמאמען אזוא גראב צוא באהאנדלען דאס איז נאר זיא, נאר זיא דיא שנירעלע דיא גוטע, זיא האט איהם אנגילערינט, ער זאל מיך שלאגין אונ זאל מיך שילטין, רבש"ע! פאר וואס קומט דאס מיר? אה אזעלכע צרות! נא דיר זא סוואאי גראשי חוואראבע קופילא! אוי מיין אויג! אוי מיין הארץ!.

וואס בין איך שולדיג? רופט זיך אב דבורה, וואס האט איהר צו מיר?.

דוא רעדסט נאך מרשעת.... זיא האט נאך אהזע צוא ריידין ענטגעגען! וויניג צרות טהוט זיא מיר אן, דוא דוא האסט איהם געבראכט דער צוא... וויא ער וועזט נעבאך אויס, מיין פייגעלע, חושך וויא דיא ערד, צוא קיילט אונ צוא ביילט. דיא געלט פיר הונדערט קארבען ניטא, אונ אלס פאר וואס? ווייל זיא פאר טרייבט איהם פון זיך, האט איהם אוועק געלאזען אליין, וואס איז? ווייל זיא האט זיך גערארפט זעהען מיט אירע חברתעס, מיט אירע הולטייקעס, אך אונ וויא איז מיר, וואס פאר אשידוך איך האב געטאן! זיא איז אשלימזלדיגע אונ צוא ליב איהר מזל איז ער אזויא איבער געפיהרט געווארען, זאל מיר דער אויבערסטער ניט שטראפען פאר מיינע רייד אוי וויא מיין אויג מיין הארץ!.

איך

איך פארשטייא גאר ניט ענטפער דבורה מיט מוטה, וואס האט איהר צוא מיר? אייער זון איז אקארטענשפילער, אהולטייא, האט פאר שפילט 400 רובל, האט אייך געשלאגען, — בין איך שולדיג, איהר מיינט מען פארשטייט ניט וואס דא איז? וויא איהר האט צוא גענומען דיא געלט, זייט איהר געווארען אנדערס, עס איז נאך ווייניג, וואס איך האב צרות אזויא, דארפט איהר מיר נאך דער לייגין.

דוא הולטייקע! דוא ארצעאזוסניצע! גיט נעבע אגעשרייא: דוא וועסט נאך האבין אהאזע צוא ריידין אנטקעגין!.... אזויא זידלען!... איך וועל דיר...

דיא רייד נעבעס ווארען איבער געריסען דורך דאס פלעצליכע אריינלויפען פון יאחנען, וועלכע האט אגעשרייא געטאן מיט פריידען: מאמא! דוא ווייסט? מיר וועלין שוין האבין צווייא משה יענקעלעך.... העע!.

וואס רעדסטו מיין טאכטער? גיט אגעשרייא נעבע, וועלכע האט פערשטאנען, אז דא איז ניט גלאט.

אט יע! זאגט יאחנע איממער פריייליך: אן לויפען אסך מענשען, איינער האט געזאגט, מען האט איהם צוא שפאלטען אויף העלפט, און מען פיהרט זייא ביידען אף אסאפאסניק.

וואס פלוידערסטו? פרעגט נעבע מיט שרעקען.

ווייס איך, זאגט יאחנע אללע זאגען אזוא אן פירט מען אים, ווייס איך?.

דא איז ניט גלאט, אוי וויא איז מיר גיט אגעשרייא נעבע, דא האט געמוזט טרעפען איין אומגליק אה אה, דיא שנירעלע!... אקלאג צוא מיינע יאהרען, מיט דיא רייד איז זיא ארויס געלאפען, יאחנע נאך איהר אויך שרייענדיג.

דבורה איז געבליבען אליין אין שטוב אין דער גרעסטען אונרוהע, אין צעהען מינוט ארום לויפט אריין ווידער יאחנע און זאגט: העע, זייא האבין מיר אונטער גענארט.... ער איז גאר ניט צושפאלטען אויף העלפט, עס איז גאר אליגען.

וואס דען איז דארטען? פרעגט דבורה העכסט אונרוהיג.

גאר ניסט, גאר ניסט, זאגט יחנע, פון וואס זייא מאכין דא אוועזען, מעהר ניט אהאנד איז בייא איהם אבגעהאקט ווייטער גאר ניסט.

אהאנד אב געהאקט! גיט דבורה אגעשרייא מיט שרעקין, וואס רעדסטו? עס פעהלט דיא האנד?.

ניין! עס פעהלט ניט דיא האנד איז אין גאנצען אן ליגט זיא ביין ספאסניק אויף דיא קניא.

הא! וואס רעדסטו? שרייט דבורה מיט שרעקין.

זעה זעה וואס פאר אגעשרייא זיא האט געטאן, אקוראט וויא ווער ווייסט וואס!... פטור וועט ער זיך ניט שלאגען ווייטער, און וואס דיא אויג איז בייא איהם ארויס געשלאגען, וועט ער טראגען פאסקולען (ברילען), און וואס זעקס צייגער איז בייא איהם ארויס געבראכין, וועט ער זיך ניט בייסען, אטייערע מעשה! אספאס!...

אוי וויא, אוי וויא איז מיר! האט דבורה אויס געשריען אונ איז גלייך
ארויס געלאפין אפין גאס, דא האט זיך איהר פאר געשטעלט אשרעקליכע סצענע
עס איז אטאלפא מענשין, משה יענקל ליגט אויף איין איזוואשציק מעהר טויט
וויא לעבעדיג, ער איז געל אונ בלאה, דיא האנד איז טאקע ביי איהם אב־
געהאקט בוקאוואלנא, דיא ציינער אויס געבראכען, איין אויג אויס גערונען,
קורץ אצובראכענער סארבין, — ער וועט שוין מעהר ניט לעבען זאגין אללע,
ער האט זיך געשלאגען מיט זוליקעס עפעס אין אטראקטיר איבער קארטען, ער
האט זייא דעסטען גוט גיגעבין: איינער איז אוועק אן איין אויג, דער אנדערער
אן ציינער: אט האבין זייא געמאכט פון איהם איין ענדע, גוטס קען עפעס ארויס
קומען, אז מען שפילט אין קארטין מיט ניט פיינע מענשין אונ דער צוא איז
מען שכור אונ מען האלט אהאק אין האנד? יענע האט מען אויך אוועק גיפיהרט
אין באלניצע, מען מעג שוין זאגין ברוך דיין אמת אויף משה יענקעלען.

דבורה האט גירעכינט, אז ביי דער איצטיגער פאלאזעניע איז זיא אין
שטוב ביי גרונומען האלב איבעריג זיא איז אוועק געלאפין צו איהר פאטער.

11.

וויא חליצה שפראצט ארויס פון קארטין

שמואל רויזין האט שוין געהאלטען אין שלאפין, דען עס וואר שוין שפעט
אין דער נאכט, ער האט זיך גוט ערשראקען פון דעם פלעצליכען קומען פון
דער טאכטער, ער האט זיך אבער מעהר ערשראקען, אלס זיא האט איהם ער־
ציילט, אלס, וואס עס האט פאסירט: אז צוא ליב דאס געלט זיינען זייא דאס
געווארין גוט צוא איהר, אונ אז דאס געלט וואר דיא אורזאכע פון דעם יעצטיגען
אונגליק, דאס הייסט, אז ער האט געקראגען מיט וואס צוא שפילען אין קארטין,
האט ער געשפילט אונ איז דאדורך געווארען אגעהארגעטער, עס איז פאר איבער
געלאפען דיא נאכט אין גרויס אונרוהע פאר שמואל דבורה׳ס הויז, וויא עס
איז געווארען טאג, איז ער גלייך אוועק געלאפען צום מחותן גרונם גרינשפאן,
האט ער געפונען גרונומען אליין, וועלכער האט איהם ערציילט, אז דא זיינען
שוין גיוועין צווייא דאקטורים אונ דיא דקטורים האבין געזאגט, אז מעהר וויא
נאך אטאג וועט ער ניט ציהען, ווייבער האבין איהר איין עצה גיגעבין, אז
זיא זאל מיט דעם קראנקען פאהרין אין רזיב צום קבר, אוויארסט פונפציג
פון דאנען, אלזא איז נעכע מיט דעם קראנקען אוועק געפאהרען, יאחנע איז
אויך מיט זייא געפאהרען, וויא זיא איז ניט געראטען, אלס קען זיא צוא
וואס עס איז צוא נוץ קומען, איך גלויב אפילו ניט, אז דער קבר זאל העלפין
זאגט ווייטער גרונם, נאר גלאט דער ווילע וועט זיין שטיל אין שטוב אווילע,
אויך

אויך גוט, אונ משה יענקלען איהם קומט, וויא ער האט זיך אויף געפיהרט, אזא סוף האט ער.

שמואל איז געקומען האט ערציילט, וואס ער האט גיהערט, — נוא, זאגט ער, וויא דער אויבערסטער פיהרט, אזוי איז רעכט, וועט דבורה ניט האבין אמאן אטרינקער אונ אקארטענשפילער, ניסקאסע אפשר וועט איהר נאך דער אויבערסטער בעשערען וואס גוטעס, אונ איהם קומט דעם שייגעץ: גוטס קען עפעס ארויס קומען, אז מען לאזט זיך אוועק אין אשלעכטין וועג? דער אויבערסטער וויים וואס ער טהוט.

אלזא עסט איהר זיך ניט אזויא אב דאס הארץ פון דער געשיכטע, וויא עס ווייזט אויס, רופט זיך אב צוא איהם איין אורח וואס איז בייא איהם איינגישטאנען אונ וואס האט גיהערט דיא גאנצע געשיכטע, — פון דעסט וועגין זאלט איהר זיך ארום קוקען, ר׳ שמואל, צוא בלייבט זיא אקארסט ניט אחלוצה, דאס איז אגוטער מאכל פאר איידישע טאכטער.

אי! גיט שמואל אגעשרייא, שלעכט! נעבע האט אנייא געבארענעם קינד, דא איז איין אונגליק!.

איך האב איין עצה, רופט זיך אב דער אורח. איהר זאלט שוין נעהמען אונ אריבער פאהרען צוא דעם קדר, וואו זייא געפינען זיך יעצט, נעמט מיט געלט, אונ שמארעט זיך אז ער זאל איהר געבין גט פארין שטארבין.

אה איהר זייט גירעכט, זאגט שמואל אונ האט זיך שוין גענומען אנקליידין צוא דער רייזע. מען מוז לויפען, שא דעם פאיעזד האב איך נאך ניט פארזאמט דארטען וועל איך האבין צו פאהרען פערראקס אוויארסט פופצעהען, נאר דער אויבערסטער וויים צו האב איך ניט פארזאמט... אפשר איז ער שוין גישטארבין!.. אוי וויא איז מיר! מיין טאכטער, מיין דבורינקה אביטערע חלוצה... פינסטערין 15 יאהר אקליינינקייט, נאר אויב איך וועל איהם אפילו געפינען ביין לעבען, איז מיט איהר מיט נעבעצקען אויך ניט גאר גרינג צוא פיהרען איין אינטערעם... אה רבש״ע! רבש״ע!....

דער פאר נעמט מיט געלט וואס מעהר, אז איהר וועט איהר געבין געלט, וועט איהר פון דעסט וועגין דורך ברעכען, זאגט דער אורח.

שמואל האט מיט גענומען געלט וויא פיל ער האט געהאט בייא זיך אין שטוב אונ איז אוועק געפאהרען, דבורה אונ גאלדע איהר מוטער זיינען דא געבליבען אין ענגסטליכער ערווארטונג, דען אן דעם איין טאג וועגדעט זיך איהר גאנצעס שיקזאל: אדער זיא וועט בעפרייעט ווערין אונ וועט געניסען דאס גליקליכע לעבען צוא זאממען מיט איהר ליבען מיכל, אדער זיא בלייבט לעבענדיג באגראבין, פארנאכט איז אנגעקוממען אטעלעגראממע פון שמואלין, אז ער האט געפויעלט בייא נעבען, משה יענקל זאל געבין גט, עס איז איהם אנגעקוממען זייער שווער אונ עס קאסט גענוג געלט, נאר עס וועט זיין אסוף, דבורה זאל גלייך מיט דעם פארנאכטיגען פאיעזד ארויס פאהרען, דיא צייט איז קורץ, ער קען אללע ווייל

פארלירעי

פארלירען דעם זינען, דבורה האט זיך גלייך אנגעקליידעט ווארעם, דען עס וואר ווינטער, וויא מיר ווייסען, אונ איז אוועק געפאהרען, זיא האט שטארק באדויערט, וואס מיכל איז ניט געווען, דען ער וואלט איהר צוא דיזער לאגע זייער פיל נוטצען ברייגען.

12.

דער שוחט אן אשלאכט מעסער.

דעם זעלבען טאג דעם מארגענס איז נתן צמח פוקס געזעסין אין זיין לאבאראטאריום אונ האט עוסק געוועין אין מעדיצין, אבער ניט מיין, מיין ליבער לעזער אז דא ווארען מאשינען מיט אלערלייא סאסטאיען, דא וואר גאנץ איינפאך: דאס הייזעל וואו ער האט געוואוינט, וואר טפח על טפח שמוטציג ביז האלז דיא שויבען פאר לאטעט מיט פאפיר אונ מיט שפענדלעך, דער טיש וואס האט געהונקען אויף איין פוס, וואר אן געהויפט מיט דעם טייערסטין מעדיצינמאטעריאל: שאלעכטס פון אייער פון אפעלסין, זוימען פון אוגערקעס, ציגענע פילען, שטיקלעך פארמיט, שטיקלעך פעל, האר, זאלץ, איינגבער, איין שטערין סום, שווארצע שטיינדלאך, איין זעקעלע מיט ווייסע זאמד.

נתן צמח נייט קרעפעלעך פון אלע זארטען, דרייא עקידיגע פיר עקידיגע אויך אכטעקידיגע אונ האט יעדערע געשטאפט מיט דיא געזאנטע מעדיקאמענטען אונ רעט צוא זיך איבאניש:

אט דיזע איז דיא ציינדרעלעך זאל זיך גיך אויס שניידען, דיזע איז צו ע"ה דיזע צוא איין חלום, יענע צוא קינדער... אי וואס? עס האט דאך גיקענט זיין פאר קערט, אדער איין רפואה פאר אלע קראנקייטין, — דאס טויג אבער ניט: טאמער געפינט זיך איין יונגאץ אונ עפינט איין קרעפעך אונ מאכט חוזק.... לאז מען מיינען אז עס איז דא וואס עס איז אז עס האט עפעס אבעדייטונג. דאכט זיך איך מאך גוטע גישעפטין, אט דיא אלע סחורה וואס דא ליגט קאסט מיר קיין שום געלט ניט, אדער אפשר איין פראצענט פאר דין איך 99 פראצענט, — וואו איז גיהערט גיווארין אגישעפט וואס מען זאל אן איהם פאר דינען ניין אונ ניינציג פראצענט? אט דער זעקעלע ארץ ישראל ערד, איך האב איהם אליין געגראבין בכבודי ובעצמי פון הינטערין ווינט מיר, וועל איך ארויס נעמען אודאי איין צעהען רובלדיגין; אמת עס איז גוטע ערד, גאנץ פרישע הה הה! וואס רייד איך? דא איז אחסרון פרישע ניט אלע סחורות איז גלייך, דיא איז דווקא גוט אלטע אז ניט איז געשוואלין, נאר עס מאכט ניט אויס איך וועל שוין ניט פאר געסין צוא זאגין אז דאס איז אלטע, געגראבין פון צפת צוא פון רחלס קבר, אונ מע וועט מיר גלויבין אין דיא זאכען איז קיין ניט גלויבין ניטא, אז איך

זאג

זאָג אַז דער שוואַרצער שטיינדעל איז אַדוגער שטיין, גלויבט מען מיר. חלעבען
מיינע סחורה איז נאָך בעסער פאַר גאָלד, גאָלד מוז האָבען איין פּראָבע, אונ
מיר גלויבט מען אָפען וואָרט פון דעסט וועגען איז מיר אַחידוש ביא אַזעלכע
גליקליכע געשעפטין בין איך פּאָרט איין אָרומער אונ דיא דָקטורים מיט דיא
אַפּטייקאַרעס זיינען רייך, וואָס קען דאָס זיין? אויב מע קוקט נאָך דער ווירקונג
פון דיא רפואות, ווירקען זייא דאָך ביידע גלייך, אַדרבה מיינע האָט נאָך אַמעלה
זיא מאַכט ניט קיילע לכל הפחות אונ זייערע דאָס רוב מאַכט קיילע אַז עס פאַר
שלעפּרט אויף אייביג, אונ נאַרען דאַכט זיך גוזדייע איך זיך אויך ניט אונ בין
פּאָרט איין אָרומאַן. דיא ערסטע יאָרען האָב איך יע געמאַכט גוטע געשעפטין
בשעת איך האָב זיך צוא זאַמען גירעט מיט נפתקע דעם קצב אונ דער אַקענאַווע,
האָב זיינע בהמות כסדר כשר געמאַכט אונ דיא איבעריגע קצבים זייערע בהמות
טרייף געמאַכט, איך האָב זיך גאַנץ גוט פאַפּראַוועט אונ נפתקע אויך, האָט
דאָס אָבער ניט אויס געהאַלטין מען האָט דערוואוסט אונ איך האָב געמוזט
פליטען פרעג פאַר וואָס? וועמען האָב איך געטאָן שלעכטעס? דיא בהמה האָט
אפשר געהאַט דורך מיר מעהר יסורים ביין קוילען? ... אלא וואָס דען? גאָר
גיסט; דער ווילע האָב איך געקרייענקט, נאָך דעם האָב איך גינומען האַנדלען
מיט תפילין, האָב איך פערקויפט זייער וואָלוועל, דען מיר האָט געלוינט ווילע
אַנשטאַט פרשיות פלעג איך לייגין טרוקענע בייגעל נאָר דיא וואָג זאָל האַלטין
איך האָב זיך דער פון אויך ניסקאַסע פאַפּראַוועט, — האָט מען דאָס אָבער דער
טאַפּט אונ איך בין ווייטער שיעור גיגאַנגען לעזאזל. איך האָב אָבער אָב גע-
צויגין היינט וואָס טוט מען ווייטער? איך וויים דאָך אָבער דעם פּסוק: עהרליך
לעבין, שווערליך לעבין, האָב איך גינומען האַנדלען מיט וואָס דיא מענטשען
רופין אָן ניט עהרליך: מיט לינקע בילעטען חאַפּענע מיט עצות אויף שווינדעל
האָב איך אויך ניסקאַסע געמאַכט, איין מאָל האָט זיך געמאַכט איך בין גיפאָרין
מיט לינקע סחורה (גניבות) אויף גיגאַנבעטע פערד, אין קעסענע האָב איך געהאַט
אַגינטין פעקיל פאַלשע בילעטין, אין וואָגין איז גילעגין אַפעסעלע פולווער, איין
פעקעלע קאַנטערבאַנד, דער צוא האָב איך קיין פּאַס אויך ניט געהאַט דאַכט
זיך זיכער ניטא וואָס צוא ריידין, — האָט מען מיר געשליכעט אונ איך וואָלט
בעגראָבין ווערין מיט איין קלאָרע קאָפּ, וואַר אַנם מיינע פיס האָבין מיך גע-
רעטעט איך האָב גיגעבין פליטה. פון יעמאָלט אָן גייט מיר ניט אונ עס גייט
מיר ניט חאָטס צוא ריים זיך, דאַכט זיך קיין טרוס בין איך ניט בין ספּאָסאָבנע
אויף אַלעם, אונ וואָלט דאַכט זיך טויגין צוא ווערין פון דיא גדולים פון שטאָט,
דיא משמעות מע דאַרף האָבין געלט, מיט בריותקייט אַליין מאַכט מען ניסט,
אַז איך וואָלט האָבין געלט וואָלט איך אויך האַנדלען אָפען באַהן מיט סחורה
אָן דעם אייגענטהימערס ידיעה, אַזוא וויא ר׳ זרח פופקין אונ וואָלט נאָך דעם
געוואָרין אַזוא וויא ער אַגרויסער גבאי, אַז איך וואָלט האָבין געלט, וואָלט
איך טיילין דעם צאָרני נאַראָד געלט אונ ווערען נאָך דעם אַנלאַסנער, אַז מעהר

וויא

וויא געלט דארף מען דער צוא ניט , ניט קיין שכל ניט קיין געזונד וועד רעדט קענטניס , — זאל דער אויבערסטער משמר ומציל זיין ! יענער ווערט נאר איין גלאזנער , ווער עס טיילט געלט אונ גיט בראנפין די געלט מעג זיך זיין ניט כשרע מאכט אויך ניסט אויס , דען דיא בראנפין פאר לירט דאדורך איהר טעם ניט נאך דעם אז איך וואלט שוין ווערין אגלאזנער , וואלט איך אויך מאכין יד אחד מיט דיא איבעריגע , מיר וואלטין אויף טאן אפראיעקט צוא בויען עפעס איין זראניע . אונ פון אונז וואלט נעמען דעם פאדראד , מסתמא וואלטין מיר איהם לאזין גוט פאר דינען דען מיר דארפין זיך דאך טיילין , דער פאדראדציק וואלט דער לאנגען אז ער ווערט אן געלט , איז בכן בעט ער אדאבאוויצנע סוממע , וואלטין מיר דיא אויך מסתמא מסכים זיין , דען דיא דאבאוואצנע דארפען מיר זיך אויך טיילין , דער פריאמסציק פון דיזעם פאדראד וואלט ווידער גיוועז איינער פון אויזער סאיוז וואלט ער איהר מסתמא צוא נעמען אן הענט אונ אן פים , נאר מיר זאלין פעררינען אונ קריינקען וואלט שטאט וואס ארט עס אונז ? זייא האבין גינומען געלט אונ משקה צוא מאכען אונז פאר גדולים , לאזין זיי ליידין מיט זייערע האלופקעס . דאכט זיך איך פאר שטייא איין אינטערעס , פון דעסט וועגין צוא זיין איין מאשעניק איין אפעריסט קען מען מיט אליידיגע קעסענע ניט זיין . מילא צוא זיין איין פראצענטניק אונ צוא אפיסעוען אהויז פאר דרייא רוביל , וואס יענער האט ניט דער צאלט אזוא וויא ר׳ גדליה עסיגמאן , דאס וואלט איך געווים קענען , אבער געלט מוז מען דער צוא האבין , אפילו צו זיין איין אנזעצער דאס הייסט לייען אונ נאך דעם זאגין אין לי , אונ דיא איטוס-צעסטווע איבער שרייבין אויף דער ווייבס נאמען , אזוא וויא תנחום פייטעלס האט געטאן , — מוז מען אויך האבין געלט . געוואלט געלט ! אן געלט ניט פון ארט אט דער פאר קריינק איך דאס ווייל איך האב קיין געלט , דער גאנצער נס מיינער וואס איך שלאג זיך דורך וויא עס איז , וואס איך האב ערעפינט ארעפא פון דוחאוונא סחורה . דא גייא איך וויא אויף איין איזערנעם בריק ; דא האט מען פאר מאשעגסטווא קיין מורא ניט , ווארום מען גלויבט כסדר וואס איך זאג ; דיא סחורה איז קוראנטנע גוט פאר ארעם אונ פאר רייך פאר קליין אונ גרויס אויסער פאר קלוגע טויג עס ניט ; נאר קלוגע וואו איז דא איצטער קלוגע ? וויא באלד אז היינטיגע יאהרען קען עקסיסטירען איין בעל שם , איז דיא וועלט נאך דיא זעלבע וואס געוועז , — פון דעסט-וועגען בין איך פארט איין ארוטאן שיידען אז איך וועל ארין רייסען איין מטבע אט פון דעם שידוך פון מיכל גוטמאן מיט זארא ראזענבערג דאכט זיך עס גייט אן . איך האב ארויף געפירט אויף איין רעבען ביי מיין פלימעניק משה יענקלן מיט דבורקה׳ן , דאס הייסט איך קין ניט אויסען גיוועזן דעם הבאת שלום בין איש לאשתו ; דאס ארט מיר דוקא ניט , פון מיינט וועגין קענען זייא ביידע גיין אין אלע שווארציאהר , איך האב זיך נאר געקוואפעט , אז מיכל זאל דבורקה׳ן ניט קענען נעמען , דאן וועט ער מוזען נעמען זארען , ווארום זייא האבין עפעס אויך צווישען זיך אשטיקעל

שייכות

שייכות. אלזא דא האף איך שוין וועל איך אריין רייסין אמטבע, אונ וויא איך האפ זיך נאך ארויף אויף דעם גראשין, דאן וועל איך נעמען האנדלען אפען באהן מיט סחורה, וואס דער קאנדוקטער ווארפט ארויס פון די וואגאנעס בלי ידיעת הבעל הבית, אונ איך וועל ווערין אגרויסער אין שטאט אונ נאך אפשר איין גרויסער גבאי, אור זרוע וועט זיין מיינע ניט אנדערס עס מעגען פליען פינף אונ צוואנציגערס דאן וועט מען שוין פאר געסין, וואס איך האב אמאל כשר געמאכט פלייש כסדר, אונ וואס איך פלעג פירען תפילין מיט אלטע בייגעל, נתן צמח פוכס וועט זיין איין לייט... ווער גייט דארטין?

עס האט זיך גיעפינט דיא מיר אונ עס איז אריין זיין פרויא אהויכע, אדארע, אגעלע אגרינע אפארמארעטע בעדעקט מיט לומפען.

דוא האסט גיהערט אניים? זאגט זיא.

נוא? זאגט ער נאר קיין געלט בעט ביא מיר, ניים קענסטו דער ציילין וויא פיל דוא ווילסט נוא וואס?

משה יענקל איז געהרגעט געווארין.

הום, זאגט ער קאלט בליטיג. אלזא האב איך מיט אפרימעניק ווייניגער נוא לאז ער גיין געזונטערהייט לעזאזל. איך האב פריער געוואוסט אז ער וועט פיל ניט ציען. לאם איך אקארסט איהם אוועק לייגין אן אזייט... צוא איז דאס אקארסט גיט אחרון צוא מיינע פלענער? דבורקה הייסט עס איז איצטער איין אלמנה, איין יונגינקע אלמנעלע חלעבין, וועט דאך מיכל איהר קענען נעמען בין איך דאך געשוואלין וויא אבארג!... שלעכט!... ניטא קיין מזל חאטס צוא רייס זיך... פטפו! וואס רייד איך? איך האב דאך נאך איין פרימעניק געזונט זאל ער זיין זא מוז זיא דאך בלייבין איין הלוצה... גוט וויא איך בין אאיר! לאז זיא זיך ווארטען דרייצעהן יאהר ב"ה, אונ מיכל וועט דאך אזוא לאנג ניט ווארטין קענען, אט בלייבט שידוך מיט זארען וויא גיוועז.

נוא וואס? פרעגט ער ווייטער זיין פרויא: מיין נעבע מוז איצטער לאזין דיא נאל שרייענדיג? הא?

זיא איז גאר ניט היא איצטער זאגט דיא ווייב. זיא איז אוועק געפארין מיט דעם חולה צום קדר אין כויב.

וויא הייסט עס? ער לעבט נאך?

ער לעבט נאך נאר דיא דקטורים האבען איהם אב געזאגט ביא אים איז אב געהאקט דיא האנד, אויס געבראכין אלע ציינער אונ צוא בראכין דיא ביינער פון הארצען...

וואס ווייבער זיינען הההה! מען נעמט איין צוברעכענעס שארבען אונ מען פירט צוא אקדר וואס קען איין פערצארעטען ניט העלפען. נאר צוא מיר האט דאס ניט. רעט ער פאר זיך אי וואס? אויב ער לעבט נאך, טאמער וועט זיך שמואל דבורה מאריאסעס חאפען אויף אפלאן אונ וועט זעהען צוא בעקומען איין גט, דאן ליג איך ווידער ארצה... ניין! דאס וועל איך שוין ניט דער

לאזין. איך פאהר שוין אין כזיב, גיסקאסע מיט מיין שוועסטער דארף מען פיל ניט האנדלען צוא מאן עפעס איין דעה. עס וועט זיין רעכט אי וואס? עס איז איין רחמנות אויף דבורקה'ן דיא רעכטע יונגע יאהרען פאר ביטערין איהר וואס ארט דאס מיך? לאז זיא זיך בעקלאגין אויף דיא זאקאנאדאטעלעס פון דער חליצה. איך בין מעהר ניט וויא איין בשר ודם, אונ דארף מיר זוכען מיין שטיקעלע ברויט.

נתן צמח פוכס איז גאר ניט אזוא איין נאר, ער זאל שטיין אונ קוקען וויא דבורקה לעבט איין גוטען טאג מיט מיכלן אונ ער זאל הירען אפע! דאס טוט נתן צמח ניט איך דארף נאר זעהען וואס זיך איז גוט, אונ ווייטער מעגען אלע ברעכען האלז אונ גניק. חלעבען איך בין דאך מעהר ניט וויא אפעטער פון דעם חלוץ אונ איך וועל אויך ניט איין קערבעל אריין רייסען דער פון ה ה ה! ה ה ה! חליצה! ... געזונט זאלסטו זיין חליצעלע דוא ביזט מיר אגוטע קוועלע פון פרנסה, מיר דאכט עס איז ניט ערגער פאר באהן געשעפט אונ פאר גלאס-נעריא, אונ דער צוא נאך כשר אונ עהרליך דען דאס איז דאך זאקאנא איך פאהר שוין, אבער אויף צוא פארען דארף מען האבין עטליכע רובל אונ וואו נעמט מען זיא? ניסקאסע דערויף וועט פריילין ראזענבערג געבען אבער וואו נעהם איך איהר? זיא האט געזאלט קומען אהער היינט... שא אן גייט זיא איך זעה שוין דורך דעם פענסטער.

ער האט גלייך גינומען איין שטומציגען לייעך אצעריסענעם האט ארויף געווארפין אויף זיין לאבאראטאריום, אום דאס פריילין זאל ניט זעהען זיינע מא-כעריא, ער האט זיך אוים געשנייצט דיא נאזע, האט זיך געמאכט אכשר פנימל אונ איז איהר גיגאנגען ענטגעגען זיא איז אריין גיגאנגען דאס וואר אהויכע, אשיינעם פראווינציעמער רייך געקליידעט דאס געזיכט פערהאנגען מיט אוואוואל. ער האט איהר געבעטין זיצען אויף איין צובראכענע טאבורעטקע זיא האט זיך גיזעצט אונ זאגט:

ענטשולדיגען זיך מיך העיר פוכס, וואס איך בין גיקומען צוא אייך אין אזא צייט, נאר איך האב ערהאלטין אטעלעגראממע אז איך מוז גלייך פארין נאך הויזע, אלזא וואלט איך וועלין פאר מיין אב רייזע אונזערע זאכע געהעריגליך איין צוא ארדענען... זאגט מיר וואו האלט עס?

עס האלט גוט זאגט נתן צמח אונ עס וועט זיך אוים לאזין גוט מיט דעם אויבערסטענס הילף.

זאגט מיר: גוטמאן ליבט זיינע קוזינע?

וואס איז שייך ליבען זאגט ער, אשוועסטער קינד מוז מען זיין טרייא איז ער איהר טרייא וויא אברודער נאטירליך.

אזוא וויא אברודער זאגט איהר? גלויב איך אייך.

געוויס וויא אברודער נאר פון דעסט וועגין אז זיא וואלט גיוועזען אין גנטע קען זיין וואלט ער איהר נעמען, דאס הייסט פון רחמנות וועגען, אבער איצטער

האב

האב איך געמאכט צוריק אויף אלעבען איהר איז גאנץ גוט וואס צו בערוויערין איהר האט ער ניט, לכן האלט עס היינט, ער זאל אייך נעמען ווארום וואו וועט ער קריגין אבעסערין שידוך וויא מיט אייך פריילין? ... נאר ...

וואס נאר? ... טוט איך וועל אייך שוין בעפרידיגען גוט.

פאר שטייט איהר מיך, אום צוא דייסטעווען מוז מען האבין געלט, דען ער איז איצטער ניט היא, אונ איך מוז פארין צוא איהם.

פון געלט איז קיינע רעדע נאט אייך פופציג רובל דער וויילע, אז עס וועט זיין אויס געפירט קריגט איהר ביא מיר פינף הונדערט רובל, נאר זעהט הערר פוכס דער שידוך זאל זיין אויס געפירט, דער מיכל גוטמאן מוז זיין מיין מאן איר הערט? אויף אייך פאר לאז איך זיך, איך זעה איר זייט ניט קיין נאר.

איך בין אפילו ניט קיין נאר, פון דעכט וועגען וואלט איך פרעגין ביא אייך איין נאריסקייט, אויב איהר וועט נאר קיין פאר איבעל ניט האבין ה ה ה!

פרעגט איך וועל אייך ענטפערין.

מיר איז אחידוש פאר שטייט איהר מיך, וואס איהר ווילט דורך אויס אט דעם שידוך, איהר זייט דאך אזוא רייך אונ אזוא געראטין, ניט שוין וואלט איהר ניט קענען קריגין אשידוך נאך אבעסערין וויא מיכלן? איך אליין וואלט אייך צו שטעלין חאטש צוואנציג חתנים מיט געלט אונ...

איהר רעט גאר ניט וויא איין אייראפייער, הערר פוכס... וויא הייסט עס? אונ ליבע איז גאר ניכט? איך קען אייך זאגין אז איך בין אין דעם מענטשין שטערבליך פערליבט.

אזוא איבער ליבע איז מען זיך דאס אזוא פיל ממית! איך הער דאס ערשט, אבער וויא קומט איהר צוא דיא ליבע?

גאנץ איינפאך זאגט זיא: דער מאן האט געדינט ביא מיין פאטער אין געשעפט, איך האב איהם קענען געלערנט אונ האב איהם גיפונען פאר אזייער פיינעם הארַאקטער, וואס קען זיינע פרויא גליקליך מאכין, אונ ווידער האט ער זיך ביא מיין פאטער ע"ה אזוא בעליבט געמאכט, אז אין זיין צוואה האט ער איס אב געזאגט אטהייל אין דער ירושה בתנאי אויב ער וועט מיך הייראטען. פאר שטייט איר הערר פוכס אז דא איז פראגען צווייא פרינציפען: ליבע אונ מאטעריעל וואס ציען מיך צוא דיזער פארטיע. ער ווידער האט ער מיינעם פאטער פער־שפראכין, אז אויב ער וועט זיין קוזינע ניט קענען נעמען וועט ער קיינע אנדערע ניט הייראטהען וויא מיך. אלזא וויא איך האב ערפאהרען אז זיינע קוזינע האט שוין געהייראטעט, בין איך גיקומען אהער וועגען דיזע זאכע צוא טאן איך האב דא נאך גיפרעגט אויף איין קלוגין מאן ווער עס זאל קענען זיין פערמיטלער אין דער זאך, האט מען מיר אייך רעקאמאנדירט, אונ איך זעה טאקע אז איך האב זיך מיט אייך ניט גענארט. נאר דיא זאך מוז צוא גיין אין געהיים, דען מיינע ברידער אונ שוועסטער דיא אנדערע ערבען (יורשים) ווערין געוויס זיך בעמיהען ניט צוא צו לאזין דיזע פארטיע ווייל זייער טהייל קען דאדורך געמינדערט ווערין

לויט

לויט דיא צוואה פון אונזער פאטער. דארום בין איך גיקומען אהער אים דיא זאך אין געהיים אב צו האנדלען.

איצטער פאר שטייא איך גאנץ גוט דעם ענין זאגט נתן צמח, איהר מעגט זיך אויף מיר פאר לאזין וויא אויף זיך אליין פריידין.

אלזא פאהר איך אוועק רוהיג ווען קען איך האבין פון אייך אבריף?

דיזע וואך לא יאוחר איך פאר שוין.

נאט אייך מיינע אדרעסע, זאגט זיא אונ איז ארויס גיגאנגען, נתן צמח האט איהר בעגלייטעט ארויין גייענדיג צוריק ווייזט ער דער ווייב דיא פופציג ה״כ אונ זאגט:

דוא זעהסט דאבקה וואו מיר האלטין! אפופציגער איז שוין דא! באלד וועט זיין פינף הונדערט וויא איך בין אמיד! נא דיר איין דרייא רובעלדיגען גייא ריכט איין דיא דייזע אונ קויף פאר דיא יאטלעך וואס אכלה אונ פאר רוק זייא דיא האלז, איך פאהר אוועק זיך גיזעגענען מיט מיין ליבען פלימעניק.

מיט דיא ווערטער האט ער זיך גינומען אן טאן וגארעם, דען עס וואר איין שטרייגגע קעלט אונ איז אוועק גיגאנגען אפען וואגזאל אום צוא פארין קיין כזיב.

דיא ערסטע זאך טראכט ער בייא זיך ווען איך זעהען אז אויף כזיבער שטאנציע זאל קיין פורען ניט זיין, אויב עס וועט ווער פארין פון זייערע לייט, דער ווייטע וועל איך געווינען צייט אונ מיין גוטער פלימעניק וועט זיך אוועק שטארבין אין איין גוטע שעה, אונ מיט מיין שוועסטער נעכע וועל איך בעזונדער ריידין, אז זיא זאל קיין גט ניט לאזין געבין. עס וועט זיין רעכט! גאר דיא זארא ראזענבערג מאר פון קיין זאך ניט וויסען עס קען זיין אז איהר גוט הארץ וועט אויס טראגין רחמנות צוא האבין אויף דבורקה׳ן, אונ אלע מיינע פלענער וועלין דער ווייטע געשוואלין ווערין, מען דארף טאן קלוג אונ גראט, עהרליך אונ כשר אונ נתן צמח זאל שוין אן הויבען צוא ווערען אלייט.

מיט דיא רייד איז ער אריין אין וואגאן אונ איז אוועק געפארין מיט איין פאיעזד שפעטער וואס שטואל דבורהס איז אוועק געפארין.

דיא שוויגער

כִּי יֵשְׁבוּ אַחִים יַחְדָּו
וְחָלְצָה נַעֲלוֹ מֵעַל רַגְלוֹ
(דברים כה)

איין ראמאן אין דרייא טהיילע

פאן

עוזר בלאשטיין

אויס דינאבורג.

צווייטע טהייל

ווילנא

שנת תרנ"ב לפ"ק

ДИ ШВИГЕРЪ

Свекровъ. Романъ въ 3-хъ частяхъ.

Часть II.

Авзера Блоштейна.

Дозволено цензурою. — 26 Іюня 1892 г. Кіевъ.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.

צווייטער טהייל

13.

בעגראבין אין שנייא
אדער וויא אפרויענצימער זוכט פרייהייט.

דער זעלבער טאג פון די אויבען פארגעשריבענע בעגעבינהייטען וואר אשטריינגער ווינטער טאג, עס וואר צו ענדע דעצעמבער מאנאט, דער ווינטער האט שוין געהאט פערשפרייט זיינע ווייסע הילע איבער דער ערד, דאס איז די תכריכים פון דער נאטור, עס בעווייזט אז אלעס איז אב געשטארבין. אריי סענדער ווינט מיט אשנייא האט גערוישט איבער דער ערד, דיא בוימר האבין ערטעגט אזוי איין ארט קלאג געשרייא, וויא זייא וואלטין בעקלאגין זייער זומער לעבין וואס איז אוועק, עס איז אנגעקומען דיא נאכט, קיין לעבינדעס בעשעפענים איז ניט צו זעהען ניט אין שטאט ניט אפין פעלד, זעלבסט פייגלען, טהירע האבין זיך פערשטעקט אין זייערע היילין אום דיזע מעטעלניצע אויס צו מיידען, דער הימעל איז בעדעקט מיט אוואלקען אש קאליר און מאכט די פינסטערניס נאך שרעקליכער, דיא וועגין ארום שטאט זיינען לער, קיין רייזינדער האט ניט געוואגט אין דיזע נאכט געשעפטס האלבער צו רייזען, קיין קארבעלניק האט זיין פוס ניט ארויס גישטעקט פון קרעצמע אום צו טראגין ווייטער זיין פעקיל צו פערדינען פאר זיין ווייב און קינדער זיין שווערע שטיקעל ברויט, קיין בויער האט ניט געוואגט אין דיזע נאכט ארויס צו פארין גנבען אוועגיל האלץ צו פירען אין שטאט פערקויפען. דער ווינד היילט שרעקליך מעהר וויא ער הערשט ניט אין דער נאטור, אבער עס איז אוואונדער, דארטען אפין בארג אויף דעם וועג וואס פירט פון באהן קיין כזיב פאזע וואלד זעהט זיך דאכט זיך אלעבענדעס בעשעפענים גייענדיג, עס איז פינסטער, מען קען ניט גוט בעטראכטין, ווער איז דאס אזא וואנהאלז, וואס איז זיך אזוי פיל מפקיר, וואס לאזט זיך גיין אין אזא געפערליכען וועג, קיין חיה איז דאס ניט דאס איז אמענש, אבער וואס פאר א וויכטיגע געלעגינהייט צווינגט איהם צו מאכין זיין רייזע אין אזא שרעקליכע נאכט, איין קארבעלניק איז דאס ניט דען ער טראגט קיין פעקיל ניט. א וויא אומגליקליך מוז דיזער מענש זיין, אז ער האט אזא ביטערין נויט צו גיין אין אזא שויד ערליכען אונגעוויטער.

דער

דער רייזענדער איז אנידער געפאלין, דער ווינד האט איהם געווארפין, ער ליגט איינינע מינוטען ער קען זיך ראש ניט אויף הי פערזאן האפט זיך אויף זייער שווער, וויקעלט זיך איין אין איין אונ גייט לאנגזאם ווייטער. פון דער פאציילע אונ פון די איבעריגע איז צו ערראטהען, אז דער רייזענדער איז אפרויענציטער, דא איז צו בעוואונדערין, אפרויענציטער אשוואכעס גישעף, זאל זיך לאזי אזא שטורים וועטער אין אזא שניידענדע קעלט, פרנסה צווינגט אין ניט, דען די פרויענציטער האבין אזעלכע פרנסות ניט, וואס זאי צו ראנגלען זיך מיט דער נאטור, זייער ארבעט איז נור צו הויז: אקראם, אבער וואס דען? געוויס אגרויסער אומגליק האט איהר גי איך בין זייער נייגעריג צו וויסען ווער דיזע אומגליקליכע איז, קום לעזער לאמיר צו טרעטין געהעגטער פיליכט וועלין מיר הערין פון ווארט אדער אזיפץ, וואס דורך דעם זאל אונזערע נייגעריקייט פאר ווערין.

דער ווינד היילט גוואלדיג ער רייסט אוים שטיקער שנייא מינ זאמען, דער פראסט שמאלעט אין געזיכט, דיא וואלקין האבין איין אנדער קאליר, פון שארע איז געווארין שווארצע שטיקער, ווי ווינט טרייבט האסטיג, עס האט אשיין געטאן די לבנה. דיא פרו האט זיך ווידער איינגעהילט אין איהר הילע, דערווייליע האבין מי בעמערקין איהר געזיכט, איהר מינע איז ערשראקין, דאס געזיכט רויט פון פראסט אונ פון ווינט, דיא אויגען צו זאמען גיקלעבט פון אטעמט שווער, דא שטייגט אונזער וואונדער, איינגעם פרויענצי גיין אין אזא צייט, וואס קען זיא טרייבען, וואס קען זיא צווינגען? צו זיך, א נאט! וואסערע אומגליקליכע בעשעפנים מיר פרויענצים אויף דער וועלט, איך גייא איך לויף דער אינפעט טראגט מיך או פינען מיינע פרייהייט.

א ביטער, ביטער איז מיר ווי דער טויט! עס איז מיר היים מיר קאלט, טויט שרעקענים בעפאלט מיר אלע ווייליע, עס שויד אלע מיינע גלידער, איך בין מיד איך בין שוואך, איך בין איין גע שוואיים אונ אלין ווארום? ווייל איך בין איין פרויענציטער איך לויף מיינע פרייהייט, וועלכע איז בייא גזלנים אין דיא הענט, א מיינ ענטפליין פון מיר איך קען ניט גיין.

מיט די רייד איז זיא געפאלין אן דער ערד, אונ רעט צו זי נייגט מיך צום שלאפין, דאס איז דער שלאף פון טויט, א! דאס אגרינגער טויט, איך וועל ענטשלאפין ווערין אונ דאמיט וועט זיין צו מיינע ביטערע צרות, איך האב ווייניג גילעבט אבער די לי האט מיר גינעבין אזוי פיל צרות, וואס קען אריבער וועגין אל

דעם גרעסטין מארטירער (מוצעניק). איך האב מיר וויא פיל מאל געוואלט מאכין דעם טויט, יעצט איז ער מיר געקומען צו דער האנד, איך וועל דעם שלוציי ניט איין לאזין.

מיט דיזע געדאנקען האט זיא זיך איין געוויקעלט אום אנטשלאפין צוא ווערין דעם אייביגען שלאף, דער ווינט שרייט פירכטליך דער פראסט ברענט אונ קנאקט, דיא בוימער פון וואלד הוזען גוואלטיג, דאס וואר דאס רעכטע בילד פון טויט.

מיט אמאל גיט זיא זיך אחאפ וויא אשלאנג וואלט איהר אביס געטאן איז האסטיג אויף געשטאנען אונ רעט צו זיך: א דוא אומגליקליכעס פרויענ־צימער דוא ווילסט שטארבין אנגרינגען טויט? ניין! דוא זאלסט ניט שטארבן דיר איז אזא גליק ניט בעשערט, א איך האב דאך אפאטער אונ מוטער, אז איך וועל שטארבין אונ זייא וועלין זיך ווען דער וויסען, אדער מען וועט מיין טויטען קערפער געפינען אדער איניגע לומפען פון מיינע קליידער, וויא יאמערליך זייא וועלין אוים שרייען: אונזער טאכטער איז טויט! זיא איז פאר פראריז געווארין אין וואלד אין אשרעקליכע נאכט אדער ווילדע חיות האבין איהר אויף גיגעסין. א איך האלט ניט אוים, איך מוז מיט דעם לעבין זיך ראנגלען וויא ווייט איך קען, אום מיינע עלטערין אזעלכע ליידען צו דיא עלטערע יארין ניט צו פערשאפין, אונ מיין ארומער קוזין מיין ליבער מיכל, וויא פיל ליידעט ער נעבאך פון מיינעט וועגין! ער האפט אויך איך זאל פריי ווערין אום מיט מיר דאס לעבין צו געניסען, פון זיינט וועגין מוז איך אלעם טאן, איך דארף אנווענדין אלע מעגליכקייטען פיליכט וועל איך דיזע פרייהייט בעקומען, איך לויף!.

מיט די רייד האט זיא זיך געלאזט גיין האסטיגער, איך לויף — זאגט זיא ווייטער צו זיך — אבער וואו הין? איך לויף צום טייער בעטין רחמנות, צו מיין גוטען מאן, אונ בעטין די שלאנג מיין גוטע שוויגער, זיא זאל זיך פאר מיר אן נעמען, א אשוואכע האפונג, משה יענקל האט מיך געקויפט פאר איין צוואנציגער, אונ איך בין געווארין זיין איינענטהום, ער האט איבער מיר צו שאפין וויא איבער זיין פערד, זיין קוה. איך וואס איך פיהל זיך מענש אונ דארף האבין אלע רעכטין דער מענשליכקייט, בין איך אב העגניג פון איינעם טיראן פון איין אוים וואורף, פאר וואס קומט דאס די פרויענצימר אזוי פיל צו ליידען?

איך בין דאס איינענטהום פון א שיכור, פון איין טויגעניכטס ער בע־האנדעלט מיך זייער שענדליך, בעליידיגט מיך אין זיינע פיאנסטווא, אונ איך דארף קוקען אונ שווייגען, דארף זאגאר אוואורט ניסט ריידען, דען ער איז מיין העער. א א! יעצט איז ער קראנק צום שטארבין, זיינע שכרות ברייננט איהם אין דער ערד אריין אונ מיט זיין שטארבען בין איך נאך ניט בעפרייט פון איהם, נאך זיין טויט דארף איך מיך בעטראכטין אויף דער

וועלט

װעלט װיא אַנְגעשְׁטאַרְבּענֶע , אויב איך װעל פון איהם ניט האָבּין קֵיין גט , דען קֵיין קִינְדער האָב איך ניט , זָא װעל איך מוזען װאַרְטען אויף חליצה בּיז זיין בְּרוּדער װָאס איז אַמָאנַאט אַלְט , װעט װערין דְרַיי צֶעהן יָאהר , דער־װייל װעט פַאר׳לויפֶען מַיינֶע בְּלִיהֶענְדֶע יוּנְגֶע יָאהרין , אָ װיא שְׁרֶעקְלִיך ! מַיין גוּטֶער מַאן װעט מִיר קֵיין גט ניט װעלין גֶעבּין , אוּנ עֶר װעט נאָך דַאבַּייא קֵיינֶע זינְדֶע טָאן עֶר װעט נאָך פַאר דִיזֶע מֶערְדֶערִישֶׁע טְהַאט קֵיינֶע זינְדֶע האָבּין חָאטְשׁ עֶר װעט האָבּין גֶעקוילֶעט אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶעס בֶּעשֶׁעפֶענִיס , אוּנ דער צוּ נאָך מַיין גוּטֶע שְׁװִיגֶער זיא װעט גאָר ניט דער לאָזין מִיר גט געבּין , איך קֶען זיא , זיא װעט זיך נאָך פְרַייעֶן אַז זיא האָט גִילֶעגֶענְהַייט צוּ זֶעהֶען װיא איך הַאלֶעשׁ פַאר איהרֶע פִּיס , אָ װָאס פַאר אַיין אוּמְגְלִיקְלִיכֶעס בֶּעשֶׁעפֶנִיס אַפְרוֹיעֶנְצִימֶער איז ! איך לויף , איך לויף אָבֶּער װאוּ הִין ? צוּם מֶערְדֶער , פון דֶעסְט װֶעגין דַארְף מֶען פְּרוּבִּירֶען טָאמֶער … לאָס איך צוּ זיך נִיסְט האָבִּין •

זיא האָט גֶענוּמֶען גֵיין הַאסְטִיגֶער , װיא דער אִינְפֶּעט װאָלְט איהר טְרָאגִין , זיא גֵייט פָארְװֶערְץ אוּנ דער װִינְט שְׁנַייט אִין גֶעזִיכְט , עֶס איז פַאר פְרָארִין גֶעװָארִין איהרֶע בְּרֶעמֶען די פִינְגֶער פון דיא פִּיס , זיא האָט גֶענוּמֶען שְׁװֶער אַטְהִימֶען , עֶס קוּמְט איהר אוֹיס צוּ גֵיין אַרָאב בַּארְג דֶער שְׁטוּרִים טְרַייבְּט איהר זיא איז גֶעפַאלִין , האָט זיך מִיט הַאסְט אויפְגֶעהַאפְּט אוּנ לויפְט װַייטֶער , זיא איז אַרוֹיף אויף אַטָאל זֵייעֶר אַגְלַאטִין , דָאס װַאר אַפַאר פְרָארֶענֶער טַייכֶעל , עֶס האָט אַטְרֶעסְק גֶעטָאן דָאס אַייז אוּנְטֶער איר זיא איז אַרַיין אִין װַאסֶער , אַשְׁרֶעקְלִיכֶער שׁוידֶער האָט איהר אָנְגֶענוּמֶען , זיא האָט זיך שְׁטַארְק גֶענוּמֶען צַאפְּלֶען , זיא האָט זיך מִיט אַלֶע קְרֶעפְטִין אַרוֹיס גֶעמַאטֶערְט אוּנ איז אַװֶעק אָן אַזֵייט צוּרִיק איז גֶעבְּלִיבֶען שְׁטֵיין צוּ טוּמִילְט צוּ מִישְׁט , אוּנ װַייס ניט װאוּ צוּ גֵיין װָאס צוּ טָאן , די קְלַיידֶער איהרֶע װַארִין נַאס , עֶס שׁוידֶערְט איהר פִירְכְטְלִיך , דער װִינְט שְׁנַייט װיא מִיט מֶעסֶער , עֶס האָט זיך גֶעלָאזְט הֶערִין דָאס הוילֶען פון װָעלְף , זיא האָט שְׁרֶעקְלִיך אַשׁוידֶער גֶעטָאן • נוּא — זָאגְט זיא צוּ זיך — איך בִּין פֶערְלָארִין , הַיינְטִיגֶע נַאכְט איז די לֶעצְטֶע פון מַיין לֶעבִּין • אָ װָארוּם בִּין איך ניט אַיין גֶעשְׁלָאפִין פְרִיעֶר װָאלְט איך דָאך פון די אִיצְטִיגֶע טויט שְׁרֶעקֶענִיס ניט װִיסֶען , אַדיוּ לִיבֶּער פָאטֶער אוּנ לִיבֶּע מוּטֶער , איך גֵיי אַװֶעק פון דֶער װֶעלְט װִילְדֶע חיות װֶעלִין מִיך צוּ רַייסֶען , אָדֶער דער פְרָאסְט װֶעט מִיר מַיין לֶעבִּין אַװֶעק נֶעמֶען •

מִיט דיא רַייד איז זיא גֶעפַאלִין אָן דער עֶרְד , האָט זיך פַאר רוּקְט אִין אַקוּפֶּע שְׁנֵייא האָט גִישֶׁעפְּצֶעט אַיינִיגֶע װֶערְטֶער װידוּי , אוּנ זָאגְט זַייעֶר שְׁטִיל : לִיבֶּער גָאט דוּא האָסְט מִיר גִיגֶעבִּין אַקוּרְצֶעס לֶעבִּין אָבֶּער מִיט אַסַך צרות , איך גֵייא אַװֶעק אַיוּנְגֶע פון דער װֶעלְט , בֶּעהִיט מִיך חָאטְשׁ װִילְדֶע חיות זָאלִין מַיין לַייב ניט צוּ רַייסֶען , לָאזִין חָאטְשׁ מַיינֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע עֶלְטֶערִן

געפינען

געפינען מיין קערפער אונ לאם איך חאטש קומען צו קבורה, שמע ישראל...

דא האט זיך שוין איהר שטימע ניט גיהערט, זיא איז געווארין שטיל דער שנייא גייט פארוועריטם, ער האט איהר ביסלאך וויז גענומען בעדעקין מיט זיין ווייסע הילע, עס איז געווארין אויף איהר אקופע שנייא, וואס האט געדינט פאר איהר קבר, עס איז גאר ניט גיוועזן צו ערקענען, אז אונטער די שניי ליגט אוועלט מיט צרות.

14.

וויא מען מאכט פון א מצוה אשלאכט מעסער

אויף מארגין פון דיזער שרעקליכע נאכט איז שמואל רויזען געקומען פון זאבגען אויף זיין אכסניא אין כזיב זייער אונמוטהיג, האט אויף געהאנגען זיין טלית זאק אויף דער וואנד, האט זיך אוועק גיזעצט ביין פענסטער אן געשפארט אן עלינבויגען אונ די אויגען האבין גענומען גיסען טרערין, האט זיך אנידער גישטעלט האסטיג גינעבין אברואך מיט די הענד אונ אויס גע-שריען: א רבש"ע! וואס טוט זיך דא מיט מיר? וואו איך גיב זיך אקעהר, איז איין מאל שלעכט! נעכטען האט מיר שוין געבטין אויף געווים צו גע-זאגט א נט אונ דערויף בויענדיג האב איך דאס נעבטין געשיקט נאך דבורהן זאל קומען אהער, אונ היינט איז גאר אנדערס איז זיא משנה גאר אין גאנצין איך בין בייא איהר היינט גיוועזן, האט זיא מיר אויס געלאכט אונ האט מיר פראסט ארויס געטריבען. פאר וואס זאל זיא ניט קומען? מיין טעלעגראמע האט זיא דאך געווים ערהאלטין, אפשר איז זיא ניט געזונט? א יע מער וויא דאס פעלט מיר ניט.

עס האט זיך גיעפינט די טיר אונ עס איז אריין געגאנגען נתן צמח פובס מיט זייער אפריינדליך פנים, מיט איין געהויקערטין רוקען אונ מיט פייערדיגע אויגען — אונ זאגט — גוט מארגין ר' שמואל! וואס זיצט איהר עפעס אזוי פארקימערט?

וויא הייסט עס מיר איז גוט? — זאגט שמואל — איך האב דען וואס פריילעך צו זיין? דאכט זיך דער אויבערשטער האט מיר צו געשיקט נוטע צרות, עס קלעקט מיר, אקליינינקייט! געבטין האב איך שוין געהאט גאר אב געמאכט מיט אייער שוועסטער אויף א גט אונ היינט איז גאר אנדערס, אזוי פיל משנה צו זיין.

איהר ווייסט ניט וואס די ווייבער זיינען איהר האט מיט די ווייבער גאר ניט געדארפט אנהויבען חלעבין.

טוא מיט וועמען? מיטען זון? ערסטין איז ער א מסובן אונ צווייטען

זאגט ער אז אן די מוטער טוט ער גיסט , א״ג גרונם ערשטין מישט ער זיך ניט אונ צווייטען איז ער דא ניטא .

אגוט יאהר אויף אייך ר׳ שמואל וועגין מיר האט איר גאר פארגעסין ? ניט שוין ווייסט איהר ניט אז מיינע דברים זיינען אביסעל נשמעים ביי מיין שוועסטער ? איך מוז אייך זאגין ר׳ שמואל אז אייער לאנגע האט מיך אן גענומען פארין הארצין , עס איז טאקע אזאמער לאזין אקינד די יונגע יארין פאר ביטערין , פרעג פאר וואס , פאר ווען ? אט האב איך גענומען מיט מיין נעכטען טענהן זיא זאל געבין א גט , קלערט איך האב געלאזין די גאל ריידענדיג , איך האב זיך מיט איהר צו קריגט אויך ממש וויא איך זאג אייך אונ עס האלט איך זאל אוים פירען , נאר די מעשה פאר שטייט איהר מיך , יע טאן א טובה , וואס איז שייך ? דערוייף זיינען מיר יודען , נאר ר׳ שמואל איהר ווייסט דאך איך בין איוד איין ארומאן א בעל הוצאה א מטופל מיט קליינע קינדערליך זאלין געזונד זיין , דער יקרות איז גרוים , הײנט אז מען טוט אמענשין א טובה וואלט גאר קיין עולה ניט גיווען די טובה זאל בע־פרידיגט ווערין , מהיכי תיתי , מען איז דאך מעהר ניט וויא א בשר ודם , וואס איז שייך ?

איך פאר שטייא וואס איהר מיינט — זאגט שמואל — איך וועל אייך גאנץ ארענטליך בעפרידיגען , זעהט ר׳ נתן צמח נאר מאכט דער ענין זאל גיין .

טוא ניט אהער אפופציגער — זאגט נתן צמח — חלעבין ר׳ שמואל וועט עס גיין וויא געשמירט .

דאם איז אפילו צו פיל ר׳ נתן צמח , נאר פון דעסט וועגין וועל איך אייך געבין , וואס זאל איך טאן ? אז מען איז אריין אין אזומפ מוז מען זעהן ארוים צו קריכען .

איהר ווייסט ר׳ שמואל — זאגט ווייטער נתן צמח פוכס מיט א שמייכיל אז מען פארט אין אוועג שמירט מען פריער די רעדער אונ נאך דעם פארט מען , ניט מען קומט פריער צו פארין אונ דער נאך שמירט מען די רעדער , הה ה !

איהר זאגט אפילו ריכטיג ר׳ נתן צמח , נאר ניט פארגעסט מיין פאלא־וענע אויך , דער שידוך האט מיר אב געקאסט בלוט איך צאל נאך איצטער אויך וואכער פאר 500 רו״כ , אקאפיטאל פון 4000 נדן מיט די גאב ליגט בייא אייער שוועסטער אין האנד , איך וואלט שוין דאם אלין מוחל גיווען נאר לאז שוין זיין א סוף .

דאם איז אמת אפילו נאר וואס איז שייך .

אלזא נאט אייך דער ווײלע אפינף אונ צוואנציגער , די איבעריגע קריגט איהר נאך דעם גט .

לאז שוין זיין אזוי — זאגט פוכס נעמענדיג דעם 25 גער — איך וויל

אייך

אייך טאקע ניט דריקען, איך בין א ייד און איך האב טאקע איין יודישע הארץ, עס רייכט מיר גענוג די הארץ אז איך דארף ביי אייך נעמען געלט גלויבט מיר אויף מיין יודעשקייט, אז איך וואלט גיוועז אביסעל תקיפער אין מעמד וואלט איך זיך נאך לאזין קאסטין געלט צו ליב דעם ענין, ווארום עס איז טאקע אדבר מצוה, אקליינינקייט מחיה זיין נפש אחת מישראל איך מיין דאס אייער טאכטער, איונג קינד זאל פאר בונדען ווערין אויף אייביג, עס איז גרינג צו זאגין, נאר עס איז פאר זארגט ניסקאשע עס איז שוין אוים געפירט, וואו איז אייער טאכטער? מיר קענען שוין גיין צום רב הייסען שרייבען א גט.

מיין טאכטער איז נאך ניטא — זאגט שמואל — איך האב נעכטין געשיקט נאך איהר, איך בין זייער אומרוהיג צו איז זיא ח"ו ניט קראנק? צו האט זיך ניט געטראפין איהר עפעס א סיבה? דער אויבערשטער וויים וואס דאס איז.

דאס איז אפילו אשלעכטע מעשה — זאגט נתן צמח — אט איצטער באקט עס, מיט נעכען האב איך שוין דורך געמאכט, משה יענקל איז יעצט ביין זינען, מען האט גיקענט גאנץ לייכט אב פטרין, איך וועל דער ווילע אריבער לויפען צום רב און הייסען שוין נעמען שרייבען דעם גט און איהר זעהט דער ווילע אייער טאכטער זאל דא זיין וואס גיכער, אגוטען טאג דער ווילע ר' שמואל, מיט די רייד איז ער ארוים געגאנגען.

וויא נתן צמח פוכס איז ארוים פון שטוב האט ער זיך פאר שטעלט די מויל מיט דעם ארבעל און האט גענומען לאכין און רעט צו זיך: חי חי חי! נתן צמח איז אביטערער יונג חלעבין, אט קען ער דאס פירען ארעדיל און זיא דרייט זיך גאנץ גוט, און פון יעדער דריי ווערט רובילם הה ה! זארע ראזינבערג וויל אשידוך ניט זיא געלט, שמואל רויזען וויל א גט ניט ער געלט נאך דעם וועט ער ווערין חליצה וועט ער געבין געלט, און נתן צמח בלייבט דער צו איין ערליכער יוד און א בעל טובה הה ה! מיין שוועסטער די נאר האט שוין גיוועלט געבין גט, דא וואלט געשוואלין ווערין אלע מיינע פלענר האב איך זיך אבער ארין געמישט און עס האט זיך גענומען דרייען אנדערם די ערסטע זאך האב איך גענומען שרויפען אז קיין גט זאל ניט זיין כדי זארע זאל קענען נעמען מיכלען, אום דאס אוים צו פירען האב איך געטאן צוויי זאכין: ערסטין האב איך גיזעהען אז דבורקע זאל אויף כזיבער וואגזאל קיין פור נאך כזיב ניט קריגען, איך האב בעצאלט אלע פורמאנעס און האב זייא פאנאנדער געשיקט מיט אלערליי תרוצים, דער ווילע האט זיא ניט געהאט קיין פור פופצעהן ווערסט און אין א מעטעלניצע קען מען ניט גיין צו פוס איז אדער זיא איז אפין וואגזאל געבליבען אדער זיא האט זיך אקאלייעט אפען וועג, און צווייטען האב איך דורך געמאכט מיט מיין שוועסטער, אז זיא זאל ניט געבין קיין גט, אלזא איז די זאך גוט פאר קלינעוועט, פון

דעסט

דעסט וועגין איז נתן צמח קיין נאר ניט און גייט נעמען געלט ביא שמואלן און ער גיט, פאר וואס זאל מען ניט נעמען? דאס איז צו שטייער פאר דיא פורמאנעס וואס איך האב בעצאלט אפין וואגזאל, איך בין דאך ניט מחויב אויס צו לייגען אייגענע געלט פאר זיין טאכטער, דאס הייסט זיא זאל קיין פור ניט קריגען, ה ה ה! אגוטער מחבל נתן צמח, וויא איך בין איוד, מען קען מיך נאך איצטער אויך רופען שוחט, חלעבין פריער האב איך געקוילעט בהמות און איצטער מענשין, א חליצהלע, חליצהלע! וואס פאר אמעלקעדיגע קיעלע דוא ביזט פאר אונזערע ברידער, ווארום ווען ניט חליצה וואלט דאך דבורקה גיווען אפראסטע אלמנה, מיכל וואלט איהר נעמען, זארע וואלט בלייבען אויס גישטעלט, און מיין קעשינע וואלט געבליבען טרוקען, אבער איצטער אויסער דעם שידוך מיט זארע ראזינבערג, שטעלט זיך מיר פאר א גאנצע קוועלע פון געלט, דען אום צו קריגען חליצה אין דרייצעהן יאהר ארום פון משה יענקלס ברודער וואס איז ניט לאנג געבארין געווארין, אדער פון דעם ברודער וואס איז פארשיקט אין סיביר, וועט מען אלעס אן נתן צמח ניט אויס קומען, א חליצה אפעטער ביסען וויא איך בין איוד, און ווער האט פון איהר הנאה? איך אפעטער פון דעם חלוץ, איך האב גענומען געלט און וועל נאך ערסט נעמען געלט, און איך בלייב איין ערליכער יוד, קיינער האט צו מיר ניסט, ווארום דאס איז דאך אידישע זאך וואס איז שייך? אי וואס? עס איז א רחמנות אויף דבורקען, זיא וועט אב פינסטערין איהרע יונגע יאהרין וואס איז זיא נעבאך שולדיג? אויף דעם אופן קען מען פרעגין: וואס האט מען צו דער בהמה וואס מען פאר גיסט איהר בלוט און מען עסט איהר פלייש וואס איז זיא שולדיג? וועמען טוט זיא שלעכטעס? אלא וואס דען, דערויף איז פאראנען אפראסטער תירוץ, אשטיקעל פלייש איז גאנץ געשמאק, איז דא אויך דער זעלבער תירוץ: חליצה געלט איז גאנץ גוט און געשמאק, און פאר דבורקען ארט מיך ניט, עס איז פאראנען נאך טויזענד זאכין אויף דער וועלט וואס מען טוט נאר פאר זיך און פאר דעם צווייטען ארט ניט.

און די זעלבע זאך איז מיט האצקל שפיוואק אויך, וואס האט אוועק געווארפין די ווייב מיט זעכס קינדער און איז זיך אוועק געפארין אין אווייטע שטאט און האט גענומען איין אנדער ווייב איונגע און אשיינע, איז זיא אויך שולדיג: למאי איז זיא איין אלטע און א מיאוסע? הכלל יעדער טוט נאך זיין געשמאק, און וואס מען גנבט שלמה עסינמאנס סחורה אפין באהן איז ער אויך שולדיג, וואס טרויט ער אן סחורה אן פרעמדע מענשין וואס ער קען זייא ניט, קראנק איז ער צו טראגין די סחורה אויף זיך? יעמאלט וואלט קיינער פון איהם ניט גנבנען, אי וואס? ער פוילט זיך צו טראגין אדער ער קען ניט, ווער איז איהם שולדיג? יענער וואס נעמט טוט נאך דער נאטור נאך זיינעם געשמאק.

און

און דאס איז טאקע דער ענין, וואס די גדולי העיר זוכען אריין צו רוקען אפיסעל אין אבסצעסטוועגע זאכין אין אדומע א ביקור חולים קאראבקע ודומיהם, עס וואלט דאך אפשר וועד מיינען ח"ו אז זייא צילען זיך לטובת הכלל עפעס זארגין פאר ארעמע, פע! דאס קען איך שווערין אז ניט, דאס איז נאר מחמת דעם אלטין טעם: אגרינגער גראשין איז אסך געשמאקער ווי אפאר הארעוועטער.

נאר גענוג צו ריידען מען דארף האלטין דעם צונג פארביסען צווישען די ציינער, עס קען ווער עס איז הערין, איך בין דאך עפעס ר' נתן צמח א גיוועזינער שוחט, פאסט פאר מיר ניט אויס צו ריידען זיך עפעס וואס, נאר וואס איז שייך? פאר מיר איז דאך דאס גאנץ גוט חי חי חי! איך בין געוויס קאנטעט פון חליצה ווייא איך בין איוד! האט מען וועו גיהערט אז אטרונע מאכער זאל זיך קלאגין וואס עס איז צופיל טויטע? אדער אדאקטער וואס עס איז צו פיל קראנקע? אדער איין אן זעצער וואס מען טראגט איהם צו פיל געלט? אזוי דארף איך זיך קלאגין אויף די חליצה.

מיט די גידאנקען איז ער אוועק צום קדר, וואו זיין שוועסטער נעכע איז גיוועזן מיט איהר זון דעם מסובן.

15.

דיא פאר פראֶרענע טאכטער און דער געהאנגענער פאטער

בשעת שמואל רויזין איז געבליבען אליין אין זיין צימער האלב בארוהיגט פון נתן צמח פוקס, נאר אין דער גרעסטען אונרוהע, וואס זיין טאכטער דבורה איז נאך ניט גיקומען, איז יעמאלט אנגעפאהרען אפוהר פון וואגזאל פון איהר איז אראב מיכל גוטמאן, לויפט אריין האסטיג אין שטוב און פרעגט: וואו איז דבורה, פעטער!.

זיא איז ניטא, זיא איז נאך ניט געקומען, ענטפערט שמואל מיט אזיפץ.

הא! וואס רעדט איהר פעטער? שרייט מיכל מיט שרעקין, איך פאהר דאך ערסט פון דער היים, האט מיר דיא מומע געזאגט, אז דבורעלע איז אוועק געפאהרען מיט נעכטען פארנאכטיגען פאיעזד...

אוי ווייא איז מיר! גיט שמואל אגעשרייא און אפאץ מיט דיא הענד, דבורה איז ארויס געפאהרען... און זיא איז נאך ניטא?... איין אונגליק האט דא געטראפין! אוי ווייא איז מיר! אוי ווייא איז מיר!... וואס טוט מען?

דא איז געוויס איין אונגליק, פעטער לאמיר לויפען, לאמיר פאהרען איהר זוכען....

אבער וואו ? שרייט שמואל אונ דיא האר האבין זיך איהם גישטעלט וויא צוועקעס , אונ איז געווארין בלייך וויא אטוך .

צוריק אפען וועג צום וואגזאל , שרייט ווידער מיכל , אוי ווייא , אוי ווייא ! דא איז אסיבה איין אונגליק , מיט דיא רייד זיינען זייא ביידע ארויס געלאפין , האבין זיך אריין גיזעצט אין דיא זעלבע פוהר וואס מיכל איז געקומען צו פארין אונ איז נאך געשטאנען דרויסען האבין בצאלט וואס מען האט גיבעטין אונ האבין זיך געלאסט פאהרען , דיא וויטטערונג וואר גוט , עס וואר קיין ווינט אונ קיין שנייא , דיא זון האט אויפגעשיינט אונ דער שליטוועג וואר זייער גוט , זייא זיינען ניט געפאהרען , זייא זיינען געפלויגען .

זייער לאגע לאזט זיך מיט קיינער פעדער בעשרייבען , זייא האבין געוויינט , געבראכען מיט דיא הענד געריסען זיך דיא האר פון קאפף , — אה , רופט זיך אב מיכל , איין אונגליק , וואס איך האב זיך נעכטין פאר זאמט , איך בין נעכטין געקומען שוין נאך דעם פאיעזד , איך האב פאר שטאנען , אז דא וועט ניט גוט געבען , אז מען לאזט אקינד אליין אין אזא פאנארע , זיא איז דאך מעהר ניט וויא אקינד , וואס איז קיין מאל פון שטוב ניט ארויס , איך האב גיוואלט נעהמען אפוהר איהר אנייאגען , האב איך זיך מיישב גיוועזן , אז איך וועל איהר שוין אפען וואגזאל ניט געפינען , אלזא בין איך דאס געקומען היינט מיט דעם פריהיגען פאיעזד אהער אום איך זאל אייך אין וואס בהילפיג זיין דען איך וויים דא מיט נעבעצקען איז ניט לייכט דורך צוא מאכין , אונ וויטער האב איך מיט געבראכט געלט אייגענע , אום עס זאל קיין אסטאנאווקע ניט זיין גאר ארויס צו קריגען פון זייערע קלעסצעס , ... מיט אמאל איז גאר איין אנדער אונגליק : דבורינקה איז ניטא ! ...

אך איין אונגליק האט מיר גישעהען , וואס איך בין גאר אוועק געפאהרען , עפעס אטייוון אפיאניצע האט מיך פארפירט אויף פוסטע באלעס : ניט דעם וואלד קען מען קויפען , ניט מען פאר קויפט איהם , איך וויים גאר ניט , פון וועסט וועגען ער האט דאס געטאן פון וועסט וועגין האט ער מיך גיוואלט פארפירען , גנא רבש"ע ! דער ווייל בין איך דא ניט גיוועזין , אונ דא האט זיך איבער גיקעהרט אוועלט : איהר זייט מרוצה געווארען אויף אלעבען מיט דעם אויסוואורף , אונ דיזעם לעבען האט אויף אונז געבראכט אטויט ! ... איצטער איז שלעכט , זייער שלעכט ! ... וואלטין מיר איהר חאטש געפונען וואו עס איז .... אפשר איז זיא געפאהרען מיט אפויער אונ זיא איז אריין געפאהרען צום פויער זיך אנווארעמען ? .... אדער אפשר איז זיא אין אקרעצמע ? ..... איהר זעהעט פעטער ! גיט מיכל פלוצלונג אגעשרייא .

וואס ? גיט אפרעג שמואל , וואס האט זיך אויפגעחאפט וויא פון אטומיל . אן טראגט אפויער אפאציילע אקוראט וויא דבורה'ס .

אוי ווייא טאקע ! שרייט שמואל , מען האט אשטיין גיגעבין דיא פערד אונ עז

מען האט אנגעיאגט דעם פויער, — וואס איז דאס פאר אפאציילע? פרעגן זייא ביי איהם.

קופי, זאגט דער פויער.

וואו האסט איהר גענומען?

אין דארטען געבען וואלד, ענטפערט ער.

קום ווייז וואו, דער פויער האט זיך גיזעצט צו זייא אין שליטען אונ מען איז ראש צו געפאהרען צו דעם ארט, וואו ער האט געפונען די פאציילע, מען האט דארטען גאר ניסט געפונען, מעהר ניט וויא דער שנייא איז גיוועזען שטארק צו ראיעט, קענטיג טריט פון מענשין אונ פון חיות, זייא זיינען געבליבען ביידע שטיין וויא מארמארנע שטאטועען פון גרוים שרעקין, ענדליך האט מיכל אויס געשריען ברעכענדיג די הענד:

ניט שוין האבין איהר וועלף צעריסען! אה גאט ניט שוין וועסטו לאזען אזא אומשולדיג קינד אזוא גרויזאם אומקומען? זיא האט דאך געבאך גאר קיין וועלט ניט גיזעהען... מעהר וויא צרות האט זיא אויף איהר קורצעס לעבען ניט געוואוסט... אה ניין, גאט האט דאס ניט דער לאזען..... זיא מוז זיין וואו עס איז, פעטער לאמיר לויפען, לאמיר זוכין טאמער וועלען מיר וואס געפינען אשלאד פון איהר, מיט די רייד האט ער גענומען דעם האלב טויטען שמואלן פארין האנד אונ האט מיט איהם גענומען לויפין דורך דעם וואלד, זייא האבין ניסט געפונען, זייא זיינען אוועק אין איין דער בייאיגען דארף, האבין קיין איין הויז ניט דורך געלאזען — ניטא קיין שלאד פון דבורהן האבין זייא ניט גיפונען.

גוואלד! איך וועל ניט אויס האלטען! האט גענומען שמואל שרייען אונ רייסען זיך די האר פון קאפף, מיין דבורינקה איז טויט..... מיין דבורינקען האבין וועלף צעריסען... א א א! גוטער גאט! וויא האסטו דער לאזען, אז ווילדע חיות זאלין בארירען אזא צארטען קערפער? א א א! אזא שרעקליכער טויט! איך וועל איהר ניט איבער לעבען! איך מוז שטארבען, איך וועל זיך דער טרינקען א א א!

לאמיר זיך ניט פערצווייפלען, פעטער זאגט מיכל: לאמיר נאך זוכין, דאס הארץ זאגט מיר, אז עס איז נאך ניט גאר געקאנצעט, לאמיר אקארסט נאך פרעגין אין די קרעצמעס.

זייא האבין זיך געלאזט ווייטער פאהרען, זיינען אריין אין אפאר קרעצמעס, ניטא, אין די דריטע קרעצמע האט מען זיא אויך געזאגט די זעלבע זאך, אז זייא ווייסין פון קיין זאך ניט, דאן האבין ווידער שמואל אונ מיכל אנגעהייבין איאמער אונ אקלאג. עס האט גערידערט אלע הויזלייט פון דער קרעצמע, אללע האבין מיט געוויינט, שמואל איז געווארען זייער שוואך, מען האט איהם אריין געטראגין אין איין אפארטעם צימער אונ אוועק געלייגט אפען בעטיל, מיכל איז דער ווילע ארויס געלאפין נאך פרעגין אין איין דער בייאיגען דארף.

שמואל איז געבליבען אליין אין צימער, ער איז גילעגין פאסט בעוואוסטלאז,

אין

אין איניגע מינוטען ארום האט ער גיעפינט דיא אויגען, קוקט זיך ארום אונ רעדט צוא זיך:

אה איך האב מיך ערוואינגערט וואו איך בין... מיין טאכטער, מיין דבורינקע איז טויט ווילדע חיות האבין מיט איהר צארטען לייב געשטילט זייער הונגער א א א! איך האלט ניט אויס, איך מוז שטארבען, איך קען דאס ניט אריבער לעבין! מיט דיא רייד איז ער האסטיג אראפ פון בעטיל, האט אראפ גענומען פון זיך דעם רימען האט געמאכט אפעטלע, האט זיך אנגעטאן אויף דעם האלז, האט זיך געשטעלט אויף אשטול, האט אנגעבונדען דעם רימען אן קרוק פון פאטאלאק, האט אזאג גיגעבין שמע ישראל, אונ האט האסטיג אשטויס געטאן דעם שטול, דער שטול האט אנגעריהרט אטישיל, וואס איז גישטאנען דער בייא, אויף איהם ווארען בוטלען, דער טישיל איז אויך געפאללען, דער בראזג פון דיא בוטלען מיט דעם פאללענדען טישיל האט געמאכט אגרויסען לארעם: פלוצלונג האט זיך אויף געריסען דיא טהיר פון אזייטיגען צימער עס איז אריין געלאפין אפרויענצימער מיט פאנאנדער געלאזענע האאר, בלייך וויא קאלך העכסט נעגליזע, האט אנגעכאפט שמואלן, וועלכען אשוידער איז אריבער איבערין גאנצען קערפער, האט זיך שוין גענומען צאפלען מיט דיא פים אונ קעמפפען מיט דעם טויט.

טאטע! טאטע! האט זיא גינומען שרייען מיט אררייסענדע שטימע, טאטינקע! וואס האסטו דאס גיטאן? ... גוואלד ראטעוועט... ראטעוועט מיין אונגליקליכען פאטער! מיט דיא ווערטער איז זיא גיפאלין אן דער ערד.

פון גרויס לארעם אונ פון איהר געשרייא זיינען אנגעלאפען נאך מענשען פון קרעצמע זייא ווארען אללע צוא טומילט אונ האבין ניט געוואוסט וואס פריער צוא טאן: צוא ראטעווען איהר דיא גיחאלעסטע, צוא ראטעווען דעם גיהאנגענעם? פלוצלונג איז אריין געלאפין מיכל.

הא! וואס טהוט זיך דא! גיט ער האסטיג אגעשרייא! מיין פעטער האט זיך געהאנגען... גיבער אמעסער... שניידט אב דעם רימען!... ראטעוועט! טאמער וועט מען איהם גאך קענען אבראטעווען, מען האט גלייך אבגעשניטען דעם רימען אונ מען האט גענומען איהם מינטערין....

ווער איז דאס? גיט מיכל אגעשרייא דער זעהענדיג דאס פרויענצימער אויף דער ערד. הא! וואס זעה איך? דבורינקע!... מיין טייערע דבורינקע! דוא ביזט דא!... דוא האסט גיזעהען, וויא דיין פאטער היינגט זיך איבער דיר.... דוא האסט גיחאלעסט.... אה גאט מיין גאט! ראטעוועט!... גיבער אהער וואסער! וואסער! רבורינקע קום צוא זיך... זעה דיין פאטער איז גירעטעט, עפען דיינע אויגען, זעה דיין טרייער מיכל איז נעבען דיר, מיט דיא רייד האט ער איהר גענומען קוסין, מען האט געבראכט וואסער, ער האט איהר גינומען שפריצין, זיא האט גיעפינט דיא אויגען.

מיין טאטע, מיין טאטע! האט זיא גינומען שרייען מיט אשוואכע שטימע.

דער

דער ווייל האט מען אבגעמינטערט שמואלן.

וואס האט איהר מיר ניט גילאזין שטארבען? זאגט ער זייער שוואך. מיין טאכטער איז טויט, דארף איך ניט לעבין.... הא! וואס זעה איך? ווער איז דאס? דבורינקע! דוא לעבסט.

טאטע איך לעב, איך בין געזונט! האט דבורה אגעשרייא גיטאן אונ איז איהם גיפאלין אפין האלז, אלע ווארען גירירט, אללע האבין גיוויינט.

אה גילויבט איז גאט! זאגט מיכל, וואס ער האט אונז אזו וואונדערבאר גירעטעט, אונז אזוא גליקליך גימאכט אין דער צייט, ווען מיר האבין פארלארין אלע האפענונגען, נוא איצטער אז דער אויבערסטער האט אונז ביז הער גיהאלפין, מסתמא וועט ער אונז ווייטער אויך העלפין, וויא קומסטו אבער אהער דבורינקע?

דאס וועל איך אייך זאגין, האט זיך אבגירופין איין אלטער איד, וואס איז דא גיוועזען צווישען אלע אנוועזענדע, — איך בין גיפאהרען היינטיגע נאכט נאך כזיב, מיט מיר האב איך איטמער מיין גוטען הונט, מיין טרעזאר וואס האט מיר שוין צווייא מענשען גירעטעט, בייא דער נאכט וואר אגרויסע מאצעלניצע, קיין לעבענדע באשעפענים וואר צוא זעהען, מיט אמאל פלוצלונג האט מיין טרעזאר שרעקליך אנגעפאנגען צוא בילען, איך קען דאך מיין הונד, אז אומזאנסט וועט ער ניסט בילען, האב איך פערשטאנען, אז דא איז ניט גלאט, איך בין נאך געגאנגען נאך איהם, וואו ער האט מיך גיפירט נעבען וואלד אראפ בארג האט ער זיך אבגישטעלט, אונ בילט פארוועטס, איך קוק זיך ארום, איך זעה גאר ניסט, דער הונט האט גינומען שארען מיט דיא פיס דעם שנייא, איך האב אויך גינומען שארען מיט דיא הענט, עס האט זיך מיר באוויזין עפעס אבגד איך האב גענומען ווייטער גראבען איך האב ענטדעקט אפרויענצימער אפאר־פרארענע, איך האב איהר גלייך גינומען אוועק גילייגט אין מיין שליטען, בין גיקומען אהער אין דער קרעצמע, האב אבגענומען איין אפארטעס צימער אונ האב איהר גינומען טאן אלע מיטלען איהר אב צוא רעטין, מיין צימער וואר קאלט, דאס איז גוט דער צוא, איך האב איהר גינומען רייבין מיט שנייא, האב איהר אריין גיגאסין אין מויל אביסיל בראנפין, זיא האט גיעפינט די אויגין קיין אבגעפרארענע גלידער האט זיא ניט גיהאט, זיא איז לייכט גיקומען צוא זיך, איך האב איהר ווארשיינליך גיפונען אקארסט וויא זיא איז פון פראסט אנטשלאפין גיווארין, איך האב איהר גירעכינט צו האלטען אטאג ביז זיא וועט פאלקאממען גיזונט ווערין, אונ דאן וואלט איך איהר אבפירען צו אייך.

אגרויסין דאנק, ליבער מענשענפריינד! רופין זיך אב שמואל אונ מיכל אויף אמאל רייבענדיג דעם אלטען איד דיא האנד, אדאנק אייך גוטער מענש, איהר האט מיר גירעטעט מיין טאכטער, אה איך וועל אייך דאס קיין מאהל ניט פאר געסען.

איהר דארפט מיר גאר ניט ב נקען ליבער פריינד, זאגט דער אלטער,

איך האב גיטאן וואס דיא מענשליכקייט פארערט, וואס יעדער מענש וואל אנדערס ניט גיטאן.

יע יע, זאגט מיכל: דער גוטער מענש מיינט, אז דיא גאנצע וועלט זיינ מלאכים, שטעלט זיך גאר ניט פאר אז מיר האבין מתבלים גענוג צווישען או אונ מיר זיינען זייער אפפער, אבער זאג מיר דבורעלע, וויא קומסטו צוא זיין א אזא לאגע? צוא גיין אין אזא שרעקענעס נאכט איינע אליין? וויא האט מ דאס אויף זיך אזוא קיין רחמנות ניט?.

וואס האב איך זיך גיוואלט אנדערש טאן? איך האב ערהאלטען פון פאטע אטעלעגראממע, אז איך זאל קומען וואס גיכער, ער האט אבגעמאכט אויף אגט אונ יעדע סעקונדע קען ער פארלירען דעם זינען, האב איך דאך געמוזט איילע קיין פוהר האב איך אויף דעם וואגזאל ניט גיקראגין, אט האב איך זיך גילאז גיין צוא פוס: איך האב גיקלערט אז דיא פופצעהען ווערסט וועל איך קענען א גיין וויא עס איז, גזלנים הערט זיך ניט אין דעם געגענד, אונ פאר דיא קעלט האב איך גירעכינט, איז ניטא וואס מורא צוא האבין, דען איך וואר ווארע אן געקליי עט.

יע יע! זאגט שמואל מיט אביטערין זיפץ, אבער זעה, וואס עס האט זין אויסגעלאזין, איך בין באלד אוועק פון דער וועלט איבער דיר, מיין טאכטער.

אבער זעה וויא גאט האט געפיהרט זאגט דבורה: בין איך אבער גיוועז דיינע רעטערין אויך.

וויא אזוא איז דאס גיוועז? פרעגט מיכל.

אט דעם הערינס צימער, וואו ער האט מיך אריין געפיהרט, גרענעצ זיך מיט דיזעם זאגט דבורה, איך בין גילעגין אפין בעטיל נאך אימער שוואך אונ האב האלב גידרעמילט, מיט אמאל האב איך דער הערט אגוואלטיגין בראז פון כלים, איך בין מיט אינפעט אראפ פון בעטיל, איך גיב אקוק דורך דע שפאלט פון טהיר, איך האב גלייך דער קענט מיין פאטער, איך זעה ער הייננט.. ווער קען זיך פארשטעלין מיינע לאגע? איך האב גיגעבין אשופ מיט אינפעט אונ האב אויף געריסען דיא טהיר, ווארשיינליך איז זיא גיוועזן ניט קיין צו געשלאגענע, איך האב געגומען שרייען גוואלד! עס זיינען אנגעקומען מענשען דיא איבעריגע ווייסט איהר שוין אליין.

זייא האבין אזוי פאר בראכט נאך אשעה ביז זייא האבין זיך ערהאלט א זיינען אללע דרייא אוועק געפאהרען קיין כזיב אויף שמואל׳ס שטאנציע, דע ווייל עס איז שוין געווארען נאכט, שמואל איז אוועק געגאנגען אויפזוכען נתן צמח ער האט איהם געטראפין בייא מעריב, האט ער איהם געזאגט, אז מארגין א דער פריא וועט מען קענען מאכין דעם גט, גישקאסע ער וועט נאך ציהען אפא טעג גוטע זאגט ער, זייא זיינען אוועק צום רב אונ צום סופר אונ האבין ז באשטעלט אויף מארגין אין דער פריה צוא מאכין דעם גט.

16.

דער הספד

עס איז פאראיבער געלאפין דיא נאכט, יעצט מיין ליבער לעזער, איידער שמואל רויזין מיט זיין טאכטער וועלען קומען נעהמען גט, לאמיר פריער אריבער גיין צום קדר, וואו נעכע מיט איהר קראנקען זון איז, זעהען וואס דארטין טוט זיך.

דער קדר, וואס האט אזא שם אויף דער וועלט דורך זיינע רפואות און מופתים, האט געוואוינט גאנץ איינפאך אין אפראסטער הילצערנען שטוב, וועלכע וואר געטיילט אין צוויא האלבע: אין איינער האט ער אליין געוואהנט און אין דער אנדערע פלעגט ער האלטין דיא קראנקען, דאס וואַרען צוויא צימערין, גיט שטוקאטורעטע, נאר מיט שווארצע פאר רייכערטע באלקין, דיא פענסטער זייער קליינע, קיין פאמאסט איז גאר ניטא, עס איז היילע ערד קאטהיג, אין דעם זייטיגען קאמער איז גילעגין אונזער בעקאנטער משה יעקב, ניט אויף אבעט נאר אויף אנגעמאסצעטע ברעטער, ער איז בלייך און בלאה, דאס געזיכט אין וואונדען. איין אויג איז גאר ניטא, דאס האר אויס גיקראכין, אויס געריסען, אטהעמט שווער הוסטעט שרעקליך, קרעכצעט זייער איבער דיא יסורים, וואס ער ליידט פירכטערליך, נעכע זיצט דער ביא אויף אבייינקעלע און וויינט, ביין וואנד שטייט נתן צמח, דאבינט שאקילט זיך, פאצט מיט דיא העגד, שפרינגט אונטער, קנאקט מיט דיא פינגער שרייט, קוויצעט, קורץ ער קעהרט וועלטין נאר משה יעקב זאל געזונט ווערין.

ביין פענסטער זיצט דער קדר אליין בכבודו ובעצמו און שרייבט קמיעות, דאס איז קיינע בוכשטאבען, נאר שטריכען און פונקטען אן שורות, אן טאלק און אן ארדענונג, דער ביא ליגט אשווארצער קאטער אגרויסער, וועלכען ער האלט צוא בשעת שרייבין, אויף אטישיל דער ביא איז אנגעווארפין מאך און גראזען אלערלייא, ער האט זיך אנידער גישטעלט, האט גענומען משה יענקלען פאר דעם קליינעם פינגער און האט גענומען שעפצען, האט אוועק גישטעלט אגלאז וואסער, האט איגוויינינג אריין געווארפין אפאר שטיקלאך פארמעט פאר שריבענע און האט געהייסען נעכען שטעכען דאס וואסער מיט אמעסער, אויב עס וועט גיין בלוט, האט זיא גובר גיוועזן דעם משחית און משה יענקל וועט זיין געזונט און אז ניט, איז ניטא וואס צוא האפען, נעכע האט אזו געטאן און עס איז טאקע ניט געגאנגען קיין בלוט.

נוא פאר פאלין! זאגט דער קדר, איך האב גענוג געטאן, מעהר קען איך שוין ניט העלפען, נעכע האט אויס געבראכין אין אגעוויין.

עס איז אריין געלאפין יאחנע מיט אזאק אויף דיא פלייצעס, זיא וואר פארשוויצט און רויט וויא צינאבער פארב, דאס האר באנד אויף אזייט, האט זיך ארום גיזעהען דיא אבגעגאלטע קאפף, זיא האט גיגעבין אוואָרף דעם זאק געבען

דעם

דעם חולה אונ ניט אנגעשרייא :
משה יענקעלע , מיין ברודער ! אט האב איך דיר געבראכט ארץ ישראל ערד
אמתע גוטע קען ווערים זאלין דיר ניט טאצען אי"ה אז דוא וועסט שטארבין , דאס
האב איך גינומען ביין פעטער נתן צמח , וואס ער האט געבראכט אהער פון דער
היים .... דאס איז טייערע זאמד היילע קרופצאטקע .... נוא וואס משה יענקעלע
דוא שטארבסט טאקע ? זאלסט אקארשט ניט פאר געסין דיין נאמען , מען רופט
דיך משה יענקעלע גידיינק זעה ! ... מאמע , וואס וויינסטו עפעס .
דוא זעהעסט דאך , מיין טאכטער , עס איז ניט , זאגט נעכע מיט טרערין .
אזויא משה יענקעלע , דוא ווילסט טאקע שטארבין ! האט יאחנע גיגעבין
אגישרייא מיט אקוויץ , האט גינומען שאקלען מיט דעם קאפף אונ פאנאנדער רייסין
דיא ליפען : — מיין ליבער ברודער , דוא גייסט טאקע אוועק פון דער וועלט
אונ מיר לאזטו אליין , אוי אוי אוי ! גוואלד ! ... ווער וועט זיך איצטער אנגעהמען
פאר מיר , אז מען וועט מיר פאר צעפען ? ווער וועט מיר איצטער לאזין
זיין חלק וועצערע ? .
שווייג , מיין טאכטער , רייד ניט קיין נארישקייט זאגט נעכע .
אזוא ! נארישקייט איז דאס ביי דיר פס ! אזו אלע מאל ווען ער פלעגט
ניט קומען נעכטיגין , פלעג איך אויף עסין זיין חלק וועצערע , אבער איצטער אוי
ווייא איז צוא מיר ! וועט מען דאך שוין פאר איהם קיין וועצערע ניט לאזען !
אוי אוי אוי ! .
דא האט זיא גיגעבין אוויש דעם נאז אונ פאנאנדער גיפיהרט איבערין
צורה , האט אוים גישטעלט דיא ברייטע ליפען אונ האט גינומען וויינען :
אי וואס פאר אטייער קינד דאס איז גיוועז ! האט זיא ווייטער אנגעהייבן :
דרייא פונט חלה איז ביי איהם גיוועז אויף אשפייא ! שיטערע פלעגט ער זופען
פון טאפף אונ גידיכטע פלעגט ער נעהמען מיט דיא הענד ! ... אז דיא מאמע פלעגט
איהם ווען געבין קאריק , פלעגט ער אוואַרט ניסט ריידין ... ער פלעגט מעהר
ניט שילטין אונ שרייען , דיא שטארקסטע שפיריטעם פלעגט ער אוים טרינקען
אגאנצע גלאז אונ פלעגט זיך אקרים ניט געבין ! ... אז מען פלעגט נאר שטיין
לעבין איהם , פלעגט מען אפילו פון גרוך שיכור ווערין ! .
שווייג שוין , יאחנעלע , גענוג שוין , זאגט נעכע .
היינט איז ער גיוועז אזא גיטינקער , אז אנושקא דיא שיינקערקע האט גילעבט
פון איהם אליין , ער פלעגט ביי איהר דינויען אונ נאצויען : פלעגט קיין מאל קיין
געלט ניט ציילין , פלעגט געבין וויא פיל מען פלעגט בעטין ! אוי אוי אוי ! אזא
קינד ! ... דיא קעסענעס זיינען ביי איהם קיין מאל ליידיג ניט גיוועז : איינע
איז גיוועז מיט בראנפין אונ מיט קארטין אין דיא אנדערע מיט פאר בייסין
אונ פלעגט אלעמען מכבד זיין ! היינט איז ער גיוועז אזא גוטער האט האלט גיהאט
דיא גאנצע וועלט אונ ניט גיוועז קיין בעל גאוה , אז איהם האט ניט גיארט
שיבערער הייט צוא קוסין זיך האטס מיט דיא וואראנאסקע ! ... פלעגט גיין אויף
אלע

אלע סיום התורות, אויף אלע בריתין און חתונות ... און פלעגט שלעפן אלם פון שטוב נאר פארשטאכטע מחיה צוא זיין.

מאמע, לאז זיא אויף הערין, רופט זיך אב משה יענקל מיט אשוואכע שטימע. נעכע האט גינומען יאחנען ארויס שטופען.

זאג מיר ליבער ברודער וועסט מיר קומען צוא חלום? זאגט יאחנע, זעה, צוא מיר זאלסטו קומען פריער וויא צוא אלעמען, איך וועל פאר דיר אנגרייטין אגלאז שפירט אבציגנעראדאווע, נאר זאלסט ניט קומען אין תכריכים, איך זאל זיך ניט איבער שרעקין, דוא הערסט?

גוואלד, מאמע, פיהר ארויס דיא נאר, לאז זיא מיר חאטש לאזין רוהיג שטארבין, זאגט ער זייער שוואך.

יע, משה יענקל זאלסט מיר ברייגגען אשטיקיל פיס פון לויתן, וואס מען וועט דיר געבין, איך וויל וויסען צוא מען עסט דיא פיס מיט חריין צו מיט זענעפט אדער גימארענירטע, איך האב האלט געפילטע פיש.

נעכע שטופט איהר ווייטער, און זיא לאזט זיך ניט און זאגט ווייטער: טאמער האסטו ניט אין וואס צוא ברייגגען, וועל איך דיר מיט געבין אין קבר איין שפאגעל נייען צינונציג, וואס איך האב גיקויפט פאר דרייא וואכין מיט איין אכטאג .... יע און זאלסט לאזין גערישען דיא באבען יאחנען, נאך וועמען איך בין אנאמען, און זאלסט איהר זאגין, אז דיא פאצייליע, וואס זיא האט מיר גילאזין ירושה, איז שוין צוא ריסען אויף ברעקלאך, — זאל זיא מיר צו שיקין איין אנדערע, און ווייטער זאלסטו לאזין גערישען מיין לייבעצקען, וואס איך האב געהאט אחודש פאר דער חתונה, ער מוז שוין זיין אהיבשער אינגעל, ער מוז שוין ארום לויפין, איך שיק מיט דיר צוא איהם עטליכע קאנפעקטען, אבער זאלסט ניט אויפנאשען אפין וועג, הערסטו?.

שטיל שוין שטיל! גרויסע נאר! שרייט נעכע איהר שטופענדיג ווייטער.

זעה איך בעט דיר נאך אמאל, משה יענקעלע, זאלסט דאס מיר טאן, זאגט יאחנע שוין שטייענדיג ביין טהיר, ווארום איך האב פאר דיר אויך אסך געטאן, איך האב ארויס גענומען נאר דיא אייזען פון אונטער דיין גילעגער, כדי דיא נשמה זאל בייא דיר וואס גיכער ארויס גיין .... אך אזא טייערין ברודער אנצוווערין, עס פאר דריסט מיך אזוא, אז איך וואלט אנווערין אקארב, וואלט מיר אזוא פיל ניט פאר דריסען.

דא האט זיא אויף גיהערט צוא טענען, דען נעכע האט איהר ארויס גיפיהרט.

דיא גאנצע צייט פון יאחנעס טענות איז נתן צמח גישטאנען שמונה עשרה, אך! זאגט ער אוים גייענדיג עושה שלום: אבער האט זיא דא אנגיפלוידערט דיין גולם! וואס האסטו איהר נאך גידארפט מיט נעמען? עס איז דאך צו פלאצין הערענדיג איהרע פלוידערייא.

נוא וואס? רופט זיך אב נעכע איהר איז געבאך אויך ניט צוא פאר דיינקען, דיא הארץ איז איהר נעבאך פארביטערט, אט הערט זיא ניט, וואס זיא ר עדט.

קורץ

קוּרְץ, נעבּע לָאמִיר דָאס אַוֶועק לֵייגְן אָן אַזַייט, זַייא וֶועלִין הַיינְט קוּמֶען מְכַבֵּד דֶעם גֶט, וָואס וֶועסְטוּ דָא זָאגְן ?.

אִיךְ וֶועל גֶעוִויס זָאגְן אַז נִיט, נִיטָא ־קיין גֶט, וִויא מִיר הָאבְּן אָבּ־גֶערֶעדְט, אָבֶּער וִויא וֶועט ־זַיין אַז זַייא וֶועלִין נֶעהמֶען מָאנֶען דִיא נְדָן מִיט דִיא קְלֵיידֶער ?.

חַא חַא חַא! דֶער פַּאר הָאסְטוּ מוֹרָא! זַייא הָאבְּן אוֹיף דִיר וָואס צוּא וַוייזֶען ?, דִיא גֶעלְט אִיז דָאךְ דבורקה אַלֵיין גִיגַאנְגֶען מִיט משה יענקלען אַרוֹיס נֶעהמֶען, אוּנ אוֹיף דִיא קְלֵיידֶער הָאבְּן זַייא דָאךְ ־קיין אַיינְגֶעטוּנְקְטֶע פֶּען נִיט, לָכֵן אִיז מַיין עֵצָה אַזוֹ, הֶערְסְטוּ נעבּע ?.

וִויא זַייא וֶועלִין קוּמֶען וֶועסְטוּ זִיךְ אַקָארְסְט שְׁטַארְק אַיינְשְׁטֶעלִין אוֹיף נִיט ־קיין גֶט, אִיךְ וֶועל דֶער בַּייא נִיט זַיין, נָאךְ דֶעם וֶועל אִיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען מִיט אֶפְשָׁרָה, אַז זַייא זָאלִין גֶעבְּן גֶעלְט, גֶעלְט וֶועלִין זַייא גֶעוִויס גֶעבֶּען דָארְפִין וִויא פִיל עֶס אִיז, נָאר אַלֶענְפַאלְס לוֹינְט פַאר אוּנְז גָאר נִיט צוּא גֶעבְּן ־קיין גֶט, דָאס וֶועט זַיין פַארְשְׁטֵייסְטוּ מִיךְ פַאר אוּנְז אַמֶעלְקֶעדִיגֶע קִיעֶלֶע,

אִין דֶעם מֶשֶׁךְ פוּן דִיא 13 יָאהר בִּיז דַיין גֶערְשֶׁעלֶע וֶועט אִיר קֶענֶען גֶעבְּן חֲלִיצָה, וֶועלִין מִיר אַלֶעס צִיעֶן דֶעם גֶרָאשִׁין פוּן זַייא, אַז נִיט וֶועלִין מִיר זַייא שְׁטְרָאשִׁין, אַז גרשון וֶועט ־קיין חֲלִיצָה נִיט גֶעבְּן פַאר שְׁטֵייסְטוּ ?.

זַייא זַיינֶען נִיט קְרַאנְק צוּא גֶעבְּן, נָאר דָאס דַארְפְסְטוּ וִויסֶען נעבּע, אַז פוּן יֶעדֶערֶע גֶעלְט וָואס זַייא וֶועלִין גֶעבְּן, מוּז אִיךְ הָאבְּן אַחֵלֶק פַאר מַיינֶע עֵצוֹת: אֶמֶת דוּא בִּיסְט שְׁפַּאסָאבְּנֶע אוֹיף אַלֶעס, אָבֶער אָן מִיר בִּיזְטוּ אַזוִויא וִויא אָן אַהַאנְד.

אָה חֲלִיצָה! זָאגְט נתן צמח פַאר זִיךְ רֵייבִּינְדִיג דִיא הֶענְד מִיט פֶערְגֶענִיגִין.

וָואס פַאר אַטֵייעֶרִינְקֶע פַּרְנָסֶעלֶע דָאס אִיז! אָן מִיה אוּנ אָן מַאטֶערְנֶעס, אוּנ גֶעלְט וֶועט זַיין וִויא מִיט דֶעם שְׁפִּיל, וִויא אִיךְ בִּין אַאִיד!.

שָׁא אָן גֵייעֶן זַייא, נעבּע, אִיךְ וֶועל אַרוֹיס גֵיין דוּרְךְ אַיין אַנְדֶער טִהיר, אוּנ דוּא נִיט פַאר גֶעס, וָואס מִיר הָאבְּן גִירֶעדְט.

עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיין טִהיר, אוּנ פוּן דֶער אַנְדֶער טִהיר אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען שמואל רויזין מִיט זַיין טָאכְטֶער דבורה, וֶועלְכֶע וַואר נָאךְ אִימֶער זֵייעֶר בְּלֵייךְ אוּנ שְׁוַואךְ, זִיא הָאט אֲפִילוּ נִיט גִיקֶענְט גֵיין, נָאר זִיא קֶען דָאךְ אִיהר שְׁוִוגֶער, אַז זִיא קֶען זִיךְ צוּא בִּינְדֶען צוּא אִיהר דֶער פַאר, וָואס זִיא קוּמְט נִיט מְחִילָה בֶּעטִין אִיהר מַאן פַארִין טוֹיט.

17.

טינט איז ערגער פאר סם

מיין טייערע שנירעלע — האט אנגעהויבן נעכע אפין אויבער — ביזט געקומען קלייבען נחת פון דיין מאן וואס ער גייט אוועק איונגינקער פון דער וועלט, אלין איבער דיר.

וואס עפעס איבער איהר? — זאגט שמואל מיט פערדרום — וואס איז זיא שולדיג?

וויא הייסט עס! פאר וואס איז ער ניט געשטארבען פאר דער חתונה? דאס איז אלץ איבער איהרע מכשפהרייא ניסקאשע איך פארשטייא אלץ! דער קדר האט אויך געזאגט, אז דא איז איין אב געטאנענע זאך פון דיא ביט גוטע.

מען ווייס דאך אבער — זאגט שמואל — אז דאס איז געקומען פון א גישלעג אין טראקטיר.

איהר זייט געקומען אהער זידלען זיך איר אלטער פערד! אז מיין קינד גייט אוועק איין אומשולדיגער פון דער וועלט, זייט איהר נאך געקומען דער מאנען אויף איהם אומזיסטע חטאים? כדי ער זאל קיין תקומה ניט האבען אויף יענער וועלט! אזוי?

הערט שווינגער — זאגט דבורה מיט אשוואכע שטים שטייענדיג אנגע-שפארט אן פאטער — עס איז שוין צייט איהר זאלט זיך בערעכינען וואס עס טוט זיך מיט אייך און מיט אונז אלעמען, האט אמאל גאט אין הארצין איהר זעהט דער אויבערשטער שטראפט אונז מסתמא זיינען מיר ווערט, הייבט שוין אן צו ווערין בעסער, שווינער.

זע זעה! וויא זיא האט זיך דא פאנאנדער גירעט נאר וויא א מגיד! איך האב נאר דעם גליק ניט געוואוסט אז איך האב אשנור אמגידיכע, נוא וואס זע ווילסטו מיין לעבין גט? וואס?

יע — זאגט שמואל — אזוי וויא מיר האבין אב גירעט.

אפע! — ניט נעכע אנגעשרייא — נאך ניט גינעבין? וואסערע נארין דאס זיינען, פארשטייען אפילו קיין גלייך ווערטיל ניט, אשיינע מעשה חלעבין מיין זון וואס גייט אוועק פון דער וועלט איונגינקער בוימעלע וועט איהר געבין גט, זיא וועט זיך פטור ווערין פון חליצה, וועט זיך חתונה האבין די עזותניצע מיט איהרען אלובאוניק וועט זיך לעבין אנוטין טאג, און מיין זון וועלין טאצען ווערים, נוא גיעט! כל זמן מיין קאפ איז אויף דיא פלייצעם וועט דאס ניט זיין, אז מיין משה יענקעלע וועט ליגען אין דער ערד מוסטוא בייא מיר אויך ליגען אין דער ערד, ניסקאשע! קריינק קלאג און וויין נאך איהם ביז מיין גרשולע וועט אלט ווערין דרייצעהן יאהר, און דאן ווייס איך

נאך

נאך אויך ניט, אויב דיא חליצה וועט דיר אן קומען גרינג, הא הא הא! איך בין נאך ניט אזא נאר איך זאל טאן אזא נארישקייט, ניסקאשע!, ניטא קיין גט, אונ גאר.

דבורה איז גישטאנען גרין אונ געל עס האט איהר געשווינדעלט וויא א בלאט, נאך דעם — זאגט זיא דעמוטהיג — ליבע שוויגער וואס האט איהר צו מיר וואס האב איך אייך געטאן? איר האט מיך ארויס גינומען פון מיין פאטערס הויז וואו איך האב קיין צער ניט געוואוקסט אונ דא לייד איך אזוי פיל, זיא האט גענומען וויינען.

אט אזוי וויין אונ קלאג אויף דיין מאן אונ לאז דיר גיט ליגען קיין דודעס אין קאפ, גטעלאך אונ חתונות.

זיא ווינט טאקע גענוג — זאגט שמואל — נאר וועגין גט הלאפאצע איך גאר איך בין דאך אפאטער דארף איך זארגין פאר מיין קינד, דער לעבעדיגער דארף דאך לעבין.

אז אמאן שטארבט — שרייט נעכע — איז ניטא קיין לעבין, ניטא קיין גט.

האט רחמנות — זאגט שמואל — זיא איז איונג קינד האט נאך קיין גוטס ניט גיזעהן, בעפרייט איהר פון חליצה, ווארום זאלט איהר איר פארביטערין דעם לעבין? דערמאנט זיך זיא איז נעבאך געגאנגען פופצעהן וואכעט צו פוס הייניגע נאכט אין אמעטעלניצע, מען האט איהר געפונען אפערפראריגע מען האט איהר קוים אב געראטעוועט.

דאס יע — זאגט נעכע — וואלט זיא גיוועזן געשטארבין וואלט איך זעהן מען זאל זייא ביידען לייגען אין איין קבר, די וועלט זאל וויסען וואס פאר א טרייע פאר פאלק דאס איז גיוועזן, אבער גט — ניין, דאס ניט!

הערט נעכע — זאגט שמואל העכסט בעוועגט — ביא אייך איז פא- ראנגען מיינע פיר טויזענד רובל נדן מיט קליידער, איך לאז ביא אייך פאלין די נדן, נאר גיט גט.

הה הה וואס ער גיט מיר! דאס וואס איך האב דאס איז מיינע, איהר וועט אזוי זעהן די נדן מיט די גאב אט אזוי וויא איהר זעהט דעם ליינקען אויער, איהר האט עפעס אויף מיר וואס צו ווייזען? איך קען אייך גאר ניט! אייער טאכטער האט אליין ארויס גענומען די נדן, אונ אויף די גאב האט איהר אצעטיל? איך וויים אז איך וועל זיין אגוטע וועל איך אייך צו ווארפין עטליכע שמאטעס צוריק.

איך וועל אייך נאך דער לייגען געלט, נאר לאז זיין אסוף.
גיט פאר קיין געלט, אונ גייט זיך אייך געזונטער הייט.

מיין ליבער איידים — זאגט שמואל צום קראנקען מיט טרערין, מיין זון איך האלט דיך פאר אקינד, דוא האסט פון אונז ח"ו קיין שלעכטעס ניט גיזעהען, וויא קענסטו צו זעהען דעם צער פון מיין טאכטער דיין ווייב וואס

האט

האט נאך קיין גוטעס ניט גיזעהען , גיב איהר גט , דערפאר פאר דיין יודישע הארץ וועט דיר דער אויבערשטער העלפין , וועסט גענעזין ווערין פון דיין קראנקהייט , אונ אז דוא וועסט ווערין געזונט וועט איהר זיך נאך דעם ווייטער נעמען .

איך וואלט אייך דאס זייער גערין טאן — ענטפערט ער שוואך — נאר איך קען די מאמען ניט אריבער , איהר פארשטייט דאך אליין , שווער ? קען איך בייא מיין איצטיגע לאגע , ניט מקיים זיין כבוד אב ואם ? מאמע ! איך וויל איהר געבין גט , דבורה איז דאך געבאך ניט שולדיג .

ניין ! — ניט נעבע אנגעשריי — איך הייס ניט ! דוא הערסט ? אט מיט די מצוה פון כבוד אב וועט דיר גאט העלפין פון דיין קראנקהייט .

גיט אקוק נעבע וויא מיין דבורינקע זעהט אוים — זאגט שמואל — זיא איז גיווען פאר דער חתונה געזונד אונ היינט איז זיא אזא שאטין האט אמאל גאט אין הארצין נעבע .

ניין אונ ניין ! זאג איך — שרייט נעבע — לאז זיא טאקע קראנקאטאיען אירע יארין , לאז זיא טאקע וויסען ווי גוט עס איז אנצו ווערין אמאן לאז זיא קריינקען אט אזוי וויא איך אמאמע .

טאטע טאטע ! איך האלט ניט אוים — שרייט דבורה — נעם מיך ארוים פון דער שלאנג .

זיא איז געפאלין דעם פאטער אפין הארצין אונ האט גענומען וויינען אז אשטיין האט געדארפט צו רירט ווערין .

עס איז ארויין געלאפין נתן צמח קוקט הין אונ הער אונ רופט זיך אב מיט אווייכע שטימע :

וואס טוט זיך דא מיט דיר נעבע ! הלעבין דוא ביזט גאר משוגע וואס האסטו צו זייא ?

גיב זייא גט אז דוא ווילסט — זאגט זיא — איך וויל ניט .

פע חלשות נעבע ביזט גאר אנאר , זאלסט זייא געבין גט , טאמער ווילסטו עטליכע רוביל , וועלין זייא דיר אויך געבין . ר' שמואל גיט איהר אדרייא פיר הונדערט רוביל אונ צעפעט זיך אב פון איהר , וואס טוט מען מיט דיא ווייבער ?

ווי קען איך געבין נאך געלט ? די נדן מיט די גאב איז ביי איהר אין די הענד , איך בין גענוג בדלות געווארין פון דעם שידוך .

אט הייבט זיך אן מיט אידין — זאגט נתן צמח — ער מוז זיין קארג ביז די לעצטע מינוט , איהר זעהט דאך — זאגט ער איהם אויפין אויער — אז עס האלט באלד דיא גסיסה , ניט איצטער איז אצייט אויף צו דינגען זיך צייליט אב דיא געלט אונ א סוף , אן גייט שוין דער רב מיט דעם סופר איך האב זייא ערסט גערופין , איך טוא וויא איין ערליכער יוד דארף טאן איהר זעהט דאך .

איך האב א.ער מעהר ניט וויא ק״ן רובל ביי זיך, נאט אייך אונ אויף די איבעריגע וועל איך געבין אוועקסיל.

ניין — זאגט נעכע — אויב יע געלט טא שוין אין מזומן, אונ דאס טו איך דיר נתן צמח.

וואס זאל איך טאן? — זאגט שמואל. אין דעם אויגענבליק איז אריין מיכל וועלכער איז געשטאנען דרויסען אונ האט אלעם צו גיהארכט, האט דער לאנגט נעכען פיר הונדערטיגע בילעטין אונ זאגט: נאט אייך די געלט אונ לאז זיין אכוף פון דעם ביטערין עסק.

נוא — זאגט נעכע — דאנקט מיין ברודער נתן צמחן, דאס טוא איך נאר איהם.

עס זיינען אריין דער רב אונ דער סופר. נעכע האט זייא געהייסען שרייבען א גט, דער סופר האט זיך גיזעצט שרייבין, דער רב האט גענומען בראווען זיינע צערעמאניע. נתן צמח איז צו געגאנגען צום סופר אונ זאגט איהם אין דער שר״ל:

ר׳ חיים ג. ״ זאלט זעהען וואס מעהר פסול צו מאכין אונ פאר יעדער פסולן גט קריגט א.הר צוויא קערבליך, ער איז ווידער צו געגאנגען צו נעכען האט איהר עפעס געזאגט אויפין אויער, דיא אויגען איהרע האבין גענומען גלענצין פאר פריידע, משה יענקל איז באלד אנוסס האט ער גיענדיגט זיין בראזע, עס וועט זיין רעכט.

שמואל אונ דבורה אונ מיכל זיינען זיך געשטאנען אן אזייט אונ ווארטין עס זאל זיך ענדיגען דער גט.

דער סופר איז גיוועזען איין ערליכער יוד האט געהאלטין ווארט, האט געשריבען זייער לאנגזאם, עס האט געדויערט דרייא פערטיל שעה דער שרייבען, מיט אמאל גיט אקוק דער רב אונ האט געפונען אז דאס ווארט דבורה איז ניט מיט א בית נאר מיט א וואו, נוא איז פסול מען דארף שרייבען איין אנדער גט. ער האט זיך גיזעצט שרייבען נאך איינעם, האט ווידער געדויערט דרייא פערטיל שעה, מיט אמאל האט מען געפונען דאס ווארט משה יענקל מיט א כמך ניט מיט א שין, נוא דארף מען ווייטער איבער שרייבען, מען האט אזוי איבער געשריבען פיר מאל. מיכלען איז דאס געוואורין קשה, ער גייט צו צום סופר אונ זאגט: איהר ר׳ חיים זאלט דא מיט אונז קיין קונצען ניט מאכען, איך פארשטייא דא איז איין אונטער געפירטע זאך עס זאל דויערין דער גט אונ דא האלט עס ביי די לעצטע מינוט איהר וועט ביי מיר פארשווארצט ווערין, פרובירט מיר נאך איינמאל מאכין א גרייז זאלט איהר זיך גיזעגנען מיט דעם לעבין.

דער סופר האט זיך דער שראקין פאר די רייד אונ האט שוין איצטער גיזעהן עס זאל קיין גרייז ניט זיין.

עס איז אריין איינגעל האט דערלאנגט נתן צמחן אבריף, ער לייענט

איבער

איבער אונ זאגט : ר׳ שמואל איך מוז שוין פארין , דאס איז איין ענין פון אשידוך וואס איך טאר ניט פאר זאמען .

נוא פארט ווער האלט אייך ? — זאגט שמואל — מען וועט שוין דא קאנצען אן אייך .

יע אמת — זאגט נתן צמח — אבער מיין פינף אונ צוואנציגער וואס מיר האבין גירעט איהר זעהט דאך איך האב אוים געפירט מיין זאך , אט באלד וועט זיין דער גט , נאר איך קען ניט ווארטין .

נאט אייך — זאגט שמואל איהם דערלאנגענדיג אפינף אונ צוואנציגער וואס זאל איך טאן מיט אייך ?

נתן צמח האט גינומען די געלט האט זיך גיזעגינט מיט דער שוועסטער אונ איז ארוים געגאנגען .

נוא עס איז שוין פארטיג דער גט — זאגט דער סופר — דער רב האט זיך אוועק גיזעצט אונ האט איבער גילעזין אונ זאגט : עס איז גוט מען קען שוין מאכין דעם גט .

פלוצלונג איז צו געלאפין נעכע צום טיש , האט אחאפ געטאן דעם סופרס טינטער אונ האט אפלוך געטאן אויף דעם גט , אונ האט אגעשריי געטאן : ניטא קיין גט !

אלע זיינען געבליבען צו טומילט , עס איז געווארין שטיל אין שטוב , אזא שטילקייט וויא פאר איין ערד ציטערניס , מיט אמאל האט זיך געלאזט הערין פון קראנקענס צימער וויא ער האט גענומען שרעקליך הארכלען . אלע זיינען ארין געלאפין אין קאמער , האבין אקוק געטאן אויף דעם קראנקען .

עס איז אלץ פארפאלין — זאגט דער רב — עס האט זיך אנגעהויבין דיא גסיסה .

חחח ! — האט זיך נעכע פאנאנדער געלאכט — ניטא קיין גט .

מיכל איז צו געלאפין אונ האט איהר דערלאנגט צוויי פעטש פון ביידע זייטען , עס איז ארוים געפאלין פון נעכען פיר ציינער אונ איז פאר לאפין מיט בלוט אונ האט ארוים גינומען פון איהר טאשע זיינע פיר הונדערט רו״כ אונ האט איהר דערלאנגט צווייא רוקעס אין דיא זייטען , זיא איז געפאלין אן דער ערד .

דבורה האט געחאלעסט , שמואל איז אראב פון זינען , מיכל האט מיט צרות זיי אוועק געפירט אין זייער קוואטיר אונ גערופין אדאקטער , מען האט זייא קוים געבראכט צו זיך . אין אפאר שעה ארום זיינען זייא אוועק געפארין אהיים גאנצליך גידער געשלאגין .

18.

א טעות אין פשט.

עס איז פאר איבער געלאפין אוואך צייט זייט דיא פאר געשריבענע מצענע, נתן צמח פוכס גייט זיך ארום אין זיין חאלופקע מיט אפרייליכען געזיכט רייבט זיך דיא הענד פון פערגעניגען, נוא האב איך אוים געדרייט א רעדיל, חלעבין גאר מעשה בריה מעשה העלד אב געטאן אזא מייסטער שמיק און דער סוף לאזט זיך אוים געלט פאר נתן צמחן, דבורקה איז איצטער ב"ה פאר זאלצין מיכל נוטמאן קען איהר שוין ניט נעמען און קען אויף איהר נישט האפין, אלזא בלייבט פאר איהם ניט קיין בעסערער שידוך וויא מיט זארא ראזענבערג, איך האב איהם ערסט אוועק געשיקט אצע-טעלע מיט דעם גאנצען פלאן פון שידוך און איך האף עס וועט גיין וויא געשמירט, איך וועל אריין רייכען 500 קערבליך פון איהר וואס זיא האט מיר צו געזאגט און אפשר וועל איך נאך קריגען א מתנה אויך, זיא איז איין עדעל מענש, היינט מיכל פון זיין זייט וועט אויך וואס געבין, ער איז אויך קיין גראבער מענש ניט, עס וועט זיין אוועלט וויא איך בין איוד! פון אזא מעשה קען א נתן צמח ווערין אגרויסער, אפירער אין שטאט, איך האב שוין מיט דיא עטליכע רובל וואס איך האב גענומען ביא שמואלן גענומען האנדלען מיט סוריא (גנבות) און עס וועט גיין וויא געשמירט, מען האט מיר שוין נעכטין געבאטין מיד ליד דאפעלט וויא מיר האט געקאסט, חלעבין א כשר גראשין גייט גאר אנדערם אין קריפט, נאר וואס קומט שוין מיין שליח ניט? פון ווען אן איך האב איהם געשיקט צו נוטמאנען, איך וואלט שוין גערין הערין וויא וועט ער אן נעמען דעם פלאן, שא אן גייט ער.

עס איז אריין געגאנגען איין ארימער יונגיל האט דער לאנגט נתן צמחן אצעטיל, ער לעזט איהם איבער מיט גרוים ענטציקען. הא! גיט ער איין געשרייא און אשפרונג, וואול! וויא איך בין איוד, ער בעט מיר איך זאל אויגען בליקליך קומען צו איהם אויף זיין קוואטיר, נוא דיא זאך איז שוין פארטיג, דער שידוך איז אין קעסינע. הא נתן צמח וואס פאר אטייערער מענש דוא ביזט, וויא איך בין דאס קאנטעט פון דיר, איך וואלט דיר געבין אקום אז איך וואלט קענען, מען דארף שוין לויפען צו איהם אז עס באקט לאז באקען, אבער דארף מען זיך דא היטען אז ער זאל ניט דערגיין אז איך בין דער מעבאניק פון דער העלישע מאשין מיט דבורקהן, אז ניט קען ער אזוי פאר איבעל האבין, אז ער וועט מיך מקבר זיין אלעבענדיגען, מיין שוועסטער נעכע האט פון איהם געקראגין אשיינעם פראזענט בשעת מעשה נט, זיא ליגט נאך איצטער אויך קראנק און מייגלעך וועט זיא שוין קיין מאל ניט קענען עסען, דען עס פעלט פיר ציינער, הה! איך האב געשפילט

און

אונ זיא האט געטאנצט , עס איז גאנץ גוט צו שארין קוילען מיט פרעמדע הענד , נוא מען דארף שוין גיין , אבער זעה נתן צמח דוא זאלסט זיך היטען פאר איהם צו ריידען .

ער האט זיך אן געטאן זיינע שבתדיגע קליידער אונ איז אוועק .

בשעת ער איז אריין צו מיכל גוטמאן אויפין קוואטיר , איז יענער געזעסין ביים טיש אן געשפארט אן עלענבויגען פערזונקען אין טיפע געדאנקען ער האט ניט גיהערט וויא נתן צמח איז אריין , ער שטייט ביים טיר איין געהויקערט אונ ניט אהוסט .

א נתן צמח ! — ניט אזאג מיכל אויף איהם אקוק געבענדיג .

איהר האט מיך גערופין מכח דעם שידוך וואס איך האב אייך פאר געלייגט , דאס איז טאקע אגליקליכער שידוך פאר אייך ר' מיכל, אויף מיינע יודישקייט .

אז איהר שווערט אויף אייערע יודישקייט — זאגט גוטמאן — איז דאס בעוונים ניט אגוטער שידוך .

פטור גלייך ווערטלאך , עס איז דאך טאקע אוואוילער שידוך , זיא איז שיין קלוג אונ רייך , אקליינינקייט ! איהר וועט ווערין א גביר דורך איהר איר וועט ניט דארפין הארעווען . קורץ וואס זאל איך אייך אפילע בריען ? איר וועט האבין א גן עדן אויף דער וועלט פאר איהר .

איהר וואלט טאקע וועלין דעם שידוך ? — פרעגט מיכל .

וויא הייסט עס , וואס איז פאר א קשיא ?

פאר וואס ווילט איהר אזוי שטארק דער שידוך זאל זיין ?

הם , וואס איז שייך ? איך מיין טאקע פראסט אייער טובה , ווי הייסט עס איך בין דאך איין ערליכער יוד וויל איך טאקע פראסט אייך טאן א טובה , איהר גיפעלט מיר זייער וויל איך טאקע דער גליק זאל אייך אנקומען זאל דאס מיר צו קומען וואס איך ווינש אייך , איך בין טאקע ממש אייך אגוטער פריינד , אונ פאר וואס ניט ? איהר זייט דאך טאקע אפיינער מענש איין ערענטליכער מאן .

אזוי — זאגט מיכל — איהר מיינט טאקע לשם שמים ? אונ געלט האט איהר גאר ניט אין זינען ?

מהיכי תיתא מען איז דאך מעהר ניט וויא א בשר ודם , וואס איז שייך ? אז מען טוט ארעכטע זאך מסתמא וועט נאך דעם ווערין א מטבע אויך , אכשר גראשין וואס איז די עולה ?

אזוי איהר זוכט נאר אכשרן גראשין ? — זאגט מיכל מיט אשמייכיל — קורץ ר' נתן צמח איהר זאלט מיר זאגין וואס האט אייך זארע ראזענבערג צו געזאגט פאר דעם ענין ?

הע , מע , וואס איז שייך ? הם — האט נתן צמח גענומען שטאמלען .

איהר זאלט מיר ניסט לייקענען ר' נתן צמח איהר זאלט מיר זאגין דעם

ריינעם

ריינעם אמת, איך מוז דאס וויסען איהר הערט? אז ניט רייד איך מיט אייך אַוואַרט ניט וועגין דעם.

אַי שלעכט! — רעט נתן צמח פאר זיך — אט דא איז אַביסעל גע־שוואַלין, אַז ער וועט וויסען אַז זיא ניט אַ סך וועל איך פון איהם גאר ניסט האָבין, אונ ווידער צוריק ריידענדיג איז דוקא אַ מעלה, לאז ער וויסען וויא ווייט זיא האט איהם האלט.

נוא וואס שווייגט איהר, דאס איז אַשווערע זאַדאַצע?

העע, וואס זאל איך אייך פיל ברייען, זיא גיט מיר פינף הונדערט רוביל.

פינף הונדערט רוביל! — גיט מיכל אַגעשרייא אונ האט זיך געחאפט פארין קאפ — אט ערסט איז רעכט אַלע קשיות, מיכל האט גענומען האסטיג ניין איבערין צימער, נתן צמח האט גענומען גלאצין מיט די אויגען אונ ציטערן ער האט פארשטאנען אַז דא איז ניט גלאט.

איהר ווייסט ר׳ נתן צמח — זאגט מיכל איהם אנקוקענדיג אין די אויגען איהר ווייסט ווער עס האט אומגליקליך געמאכט מיין אָרימע קוזינע אונ מיך איהר! איהר ר׳ נתן צמח זייט אונזער גזלן.

ביי דיא ווערטער האט נתן צמח אַשווידער געטאן, ער איז געבליבען צו טומילט אַוויילע, האט אַראב געלאזין זיינע אויגען, דען ער האט ניט גיקענט אויס האלטין דעם דורך דרינגענדין בליק פון מיכלען, ער האט זיך אָבער גלייך פארפראוועט אונ זאגט:

אַגוט יאהר אויף אייך ר׳ מיכל וואס רעט איהר? איך בין דאך גאר אַ זייטיגער מענש, אונ ווייטער חליצה האב איך דען בעשאפין? פון מיינט וועגן קען דבורה היינט חתונה האבין, זיא איז דאך איין אלמנה.

הערט אויף אייערע פלוטעוואטע רייד מיט וועלכע איהר ווילט מיר וואַרפין שטויב אין דיא אויגען, זאגט מיר ווער האט געמאכט אַז קיין איין פור זאל ניט זיין אויף דעם וואגזאל בשעת זיא איז געפארין קיין כזיב? דארטין האט זיך קיין מאל ניט געטראפין עס זאל פעלין אפור דאס מאכט מען מיט געלט וואס מען נעמט ביי זארא ראזענבערג.

בע פע מע ע! גאר ניט איך, וואס מאלע — האט גענומען נתן צמח שטאמלע.

שווייג דוא הונט שלאג מיר ניט איבער. ווער האט איבער געמאכט מיט גרזניכען, אַז פריער איז זיא מרוצה געווארין אויף אַגט אונ נאך דעם ניט? דאס איז נתן צמחם אַרבעט, דען ער ווייס וויא באלד דבורה וועט פרייא וועל איך איהר נעמען, דאן פארלירט ער די שדכנות וואס זארא האט איהם פערשפראָכין, דיר איז דאס נאך ווייניג, האסטו אויס גענאַרט פון איהר אָרימען פאטער נאך פופציג רוביל אונ האסט אָב געצויגען מיט אַקתין דורך אַבריף וואס דוא האסט אַליין געשריבען, אום ניט צו זיין דער בייא, וויא דיין גוטע שוועסטער וועט אַרויף גיסען דעם טינטער אויף דעם גט וויא

דוא

דוא האסט איהר אן נילעריגט. איך האב דאס אלעס בעמערקט אונ האב איטער גיקלערט וויא דאס צו דער גיין אויף קלאר, ערסט דיין היינטיגער צעטעלע וועגין דעם שידוך אונ דיא גרויסע סומע שדכנות האבין מיר גיעפינט דיא אויגען.

שלעכט — זאגט נתן צמח פאר זיך — אלע מיינע פלענער ליגען אין דער ערד, מיט דיא רייד האט ער גענומען ארויס רוקען זיך פון צימער.

ניין דוא וועסט בייא מיר ניט גיין! — ניט מיכל אנגעשרייא איהם אן נעמענדיג פאר דעם קראגען מיט איין האנד אונ מיט דער אנדערער האנד פאר שליסענדיג דיא טיר, דוא ווייסט הער פוכס פון וועסט וועגין איך האב גע-שיקט נאך דיר?

מכח דעם שידוך מסתמא — זאגט נתן צמח.

האסט א טעות איך וועל דעם שידוך ניט טאן איבער עטליכע אורזאכין ערסטינס כל זמן דבורה איז אומגליקליך וועל איך גלאט ניט חתונה האבין דאס האב איך מיר אזוי בעשלאסין, אונ צווייטען קען איך די פארטיי מיט זארען ניט אן נעמען ווייל דיזע פארטיי האט פארגאסין מיין דבורינקעס בלוט פארשטייסטו? אונ דריטען קען איך דיר גלאט זאגין, אז נאר אגישעפט צו אשידוך וואס נתן צמח מישט זיך אריין טוא איך ניט.

זארען זאלט איהר נאר ניסט שולדיג מאכין ר׳ מיכל — זאגט נתן צמח זיא איז גאר ניסט שולדיג.

אז זיא איז ניט שולדיג קען איך אפשר גלויבען, אבער אז דאס אלץ איז דיינע ארבעט קענסטו מיר ניט אב לייקענען, אלזא וועל איך דיר איצטער זאגין, אז איך האב דיך גערופען אהער אום דיך צו בעגראבין, דוא זעהסט אט דיזע פאפיר וואס ליגט אפין טיש? דא איז אנגעשריבען אדאנאס אויף ר׳ נתן צמח פוכס, אז מען זאל מאכין ביי איהם אין שטוב איין אביסק וועט מען געפינען א סך זאכין וואס מען האט דיא לעצטע צייט גענגבעט פון הייזער אונ פון באהן.

א ר׳ מיכל האט רחמנות קוילעט מיר ניט! — האט גענומען נתן צמח איהם בעטין אונ קושען די פיס אונ וויינען.

שווייג עס איז נאך ניט גאר, ר׳ נתן צמח האט אמאל געהאנדעלט מיט פולווער מיט פאלשע בילעטין אונ נאך צוואנציג זאכין, נאר ער איז אנטלאפין אונ מען זוכט איהם וויא מיט ליכט, איז אין דיזעם פאפיר שטייט וואו ער געפינט זיך איין.

אוי גוואלד! האט רחמנות ליבער גוטער ר׳ מיכל מאכט מיך ניט אומ-גליקליך מיט מיין ארימע פאמיליע.

אונ דוא מיינסט דוא מערזאוויץ אז מיט דיין רחמנות פנימל וועסטו זיך אויס קויפען פאר אלדאס בייז וואס דוא האסט געטאן, נאך ניט, היי לאקיי! באלד גייט דער לאקיי אריין מיט איהם שיק איך אוועק דיזען דאנאס. איך

וועל

וועל דיר דער ווייליע צו האלטין דוא זאלסט זיך ניט אב טראגין, אונ באלד וועט מען דיר צו נעמען אי"ה אונ דוא וועסט אביסעל אב קומען פאר דבורהס אומשולדיגע בלוט וואס דוא האסט פאר גאסין.

עס איז אריין געגאנגען דער לאקיי, נתן צמח האט גענומען ציטערין וויא אבלאט אונ האט גענומען שרייען אוי אוי אוי! ר' מיכל האלט אב אווייליע איך קען נאך דבורהן העלפין.

וויא אזוי? — פרעגט מיכל אונ האט געהייסען דעם לאקיי ארויס גיין אווייליע.

וויא הייסט עס וויא אזוי? וואס פאר שטייט איהר דא ניט? די גאנצע זאך פון דבורהס אומגליק איז דאך גרשולע מיין שוועסטערס יונגעלע וואס איז גיט לאנג געבארין געוואורין, איז פאר שטייט איהר מיך, אז ער וואלט ניט גיוועז, וואלט דבורה ניט דארפין ווארטין אויף חליצה ווארום דער עלטערער ברודער נפתלי וואס מען האט פארשיקט אין סיביר איז דאך ניטא ער איז דאך ידוע פאר געשטארבין.

נוא איז וואס? — זאגט מיכל.

גאנץ פשוט איך וועל זעהן אז גרשולע זאל ניט זיין אויף דער וועלט.

איך פארשטיי ניט — זאגט מיכל.

וואס איז דא ניטא וואס צו פארשטיין, דער יונגעל פארשטייט איהר מיך זייגט ארויזיג, אפעטער בין איך אט וועל איך אריין שיטען אין ראזיג צו שטויסענע מיסיאק, אונ דיא זאך וועט אוועק וויא א מזמור, אז אהאן וועט ניט קרייען!

דוא מארזאווייץ! דוא אזים וואורף! — גיט מיכל אגעשריי — אז דוא ביזט אמערדער ווילסטו נאך איך זאל זיין די סיבה פון דיינע מערדעריא.

נוא נוא שא איהר ווילט ניט איז דא נאך איין מיטעל.

שא וואס וועסטו מיר ווייטער זאגין פאר אפאדלאסט?

דאס איז שוין ניט מיינע אפאדלאסט, דאס איז מיין פלימעניקס משה יענקלס, ער האט געהאט אגעליבטע רחל די פוצמאכערין וועלכע ער האט פאר פירט אונ האט איהר צו געזאגט מיט איהר חתונה צו האבין אונ נשים זיינען דאך דעתן קלות, אט איז געבארין געוואורין אקינד פון דער הבטחה, אונ וויא דאס איז ידוע אז אפילו ניט א כשר קינד בלייבט פון מאן איז דיא ווייב די אלמנה אויך פטור פון חליצה, זא איז אייער דבורה היינטיגען טאג אפרייע אונ איהר וועט זיך קענען מיט איהר חתונה האבין מיט מזל, חלעבין ר' מיכל, אט דער פאר אליין בין איך שוין אויך ווערט א מטבע, אט זעט מען אז נתן צמח איז ניט קיין שלעכטער.

בייא דיזער ענטדעקונג איז מיכל געבליבען אביסעל פארטראכט, נאך דעם פרעגט ער: איז דאס אמת? טאמער ווילסטו מיך פאר פירען זע זאלסטו זיך היטען!

גאט איז מיט אייך ! — זאגט פוכס — איך וועל אייך פאר פירען ? איך ווייס דאך מיט וועמען איך רייד , אט איז איהר אדרעס , זיא האט נאך געבארען דאס קינד אייער נעכטין .

דאס איז אפילו גאנץ גוט — זאגט מיכל — נאר אויב דאס איז ניט אמת אדער אויב דאס וועט זיך ניט אויס לאזין זאלסטו וויסען וועל איך דיך אלץ בעגראבין זאלסט וויסען אז איך וועל דיר ניט לאזין אונבעשטראפט פאר די צרות וואס דוא האסט אנגעמאכט .

אויב דאס וועט ניט אויס גילטען ח"ו , האף איך וועט איהר מיר אויך ניסט טאן .

וואס איז ? מיט וואס ביזטו דאס עפעס אזוי תקיף ?

ווייל איך האב נאך אמיטל אונ אזיכערין , חאטס אביסעל שווערליך .

נוא וואס ? לאם איך שוין הערין .

איהר ווייסט אז משה יענקל האט געלאזין נאך אברודער נפתלי וואס איז פארשיקט אין סיביר ?

דאס ווייס איך , אבער איהם האלט מען פאר געשטארבין .

ער לעבט אונ איז געזונד אונ איז אגוטער מענש , ער וועט געבין חליצה אין איינס אונ צוויא , ער וואונט אין אירקוטסק , איך ווייס אפילו זיין אדרעס.

פאלג מיר אנאנג איבער זיבען טויזענד ווערסט פון דאנען , נאר פון דעסט וועגין איז דאס בעסער וויא צו ווארטין דרייצעהן יאהר , גיב מיר זיין אדרעס , ער איז דארטין אין די זאוואדין אדער וואלנע פאסעלענע ?

ער איז וואלנע פאסעלענע — זאגט נתן צמח איהם געבענדיג זיין אדרעס , איהר קענט צו איהם דער ווילע שרייבען , איידער איהר וועט קריגען איין ענטפער , וועט איהר דער ווילע אב פטרין דעם עסק דורך דעם ביא געבארינעם .

וואס צו טאן ווייס איך איהר ר' נתן צמח רוקט זיך ניט מיט אייערע עצות , דען איך בין שטארק אין ספק , אויב עס סקריוויעט זיך ניט וואס עס איז זוליקערי אונטער אייערע זיסע רייד .

איהר מעגט מיר גלויבען אויף מיין יודישקייט .

אז איהר הייבט אן מיט אייערע יודישקייט איז ניסט , אמענש וואס וויל פאר סמען איין אומשולדיג קינד , איז זיינע יודישקייט ביא מיר ווערט א ציבעלע .

נוא ניט אויף מיינע יודישקייט , איהר מעגט מיר גלויבען אז איך האב אייך דעם מאל אלץ געזאגט אמת , וויא באלד איך זעה אז פון שידוך וועט זיך ניסט אויס לאזין , וויל איך טאקע אייך האבין פאר אגוטען פריינד , אונ אגב פארשטיי איך וועט איהר מיין אבידע ניט פארלאנגען , אז איהר וועט אי"ה אין קורצען חתונה האבין מיט דבורהן , וועט איהר זיך דערמאנען אז

נתן צמח איז אגרויסער ארימאן און אז ער האט אייך עפעס געהאלפין אויך, איצטער קען איך שוין גיין אהיים ?

וווארט שיינער מענש פריער דארף איך זיך אקאראסט איבער צייגען צו איז דא א מציאת אמת אין דיינע רייד, חאטש איך בין אפילו זיכער אז דעם מאל האסטו מיר ניט געגארט, איך וועל אריבער שיקען צו דיין פלימעניקס פערמיינטע כלה און וועל זעהען צו איז ווירקליך געבליבען איין אנדענקין פון איהם, און דער ווילע איהר ר׳ נתן צמח זעצט זיך שרייבען איין בריף צו אייער פלימעניק נפתלי אין אירקוטסק, איר שרייבט זיך איינע צו די אנדערע ?

יע זייער אפט — זאגט פוכס — ער איז דארטין תקיף ער שיקט מיר געלט און איך דאנק איהם אב.

נוא טא זעצט זיך טאקע שרייבען און שרייבט טאלקאם, אז ער זאל אן נעמען אייער גיבעט, דען אז איך וועל האבין פון איהם אשלעכטין ענטפער וועט איהר בעגראבין ווערין אין דעם זעלבין טאג. זאגט מיר וויא קומט עס, וואס דא איז ארויס אקול אז ער איז געשטארבין ?

דעם קול האב איך ארויס געלאזין פארשטייט איהר מיך כדי די געלט וואס ער שיקט זאל אנקומען מיר אליין, אז ניט איז פאראנגען נאך ארימע קרובים און נעבע אליין וואלט זיך אויך ניט פוילען צו פארלאנגען פון איהם און איך בעט אייך טאקע ר׳ מיכל אז מעהר וויא צווישען אונז זאל דאס ניט בלייבין דער ווילע.

דוא ביזט אגוטער מאשעניק ר׳ נתן צמח, נאר האב דיך אשווארץ יאהר! די טובה וועל איך דיר טאן קיינער וועט דאס ניט וויסען דער ווילע נעם שוין שרייב.

נתן צמח האט זיך גיזעצט שרייבען און דער ווילע האט מיכל אוועק געשיקט דעם לאקיי פון גאסטיניצע צו רחל די פוצמאכערין דער גיין צו זיא האט געבארין אקינד.

נתן צמח האט אנגעשריבען דעם בריף מיכל האט איבער גילעזין איז איהם גיפעלין גיוועזן, דערווייל איז געקומען דער לאקיי און זאגט: די ערשטע זאך האב איך ערפארין אז זיא איז ווירקליך קראנק וואס און ווען האבין מיר די שכנים ניט געוועלט זאגין, עס איז אבער ארויס געגאנגען אקינד פון דארטין האב איך איהם גיגעבין אצוקערקע האט דאס קינד מיר געזאגט אז רחל האט ווירקליך געבארין אקינד, נאר היינט אין דער פריה האט מען דאס קינד אוועק געטראגין.

אוועק געטראגין! — ניט מיכל אנגעשריי — אלעבעדיגען צו אטויטען ?

דאס האב איך אויך גיפרעגט, וויים דאס קינד ניט.

מיכל האט זיך אנגעהאפט פארין קאפ און האט גענומען לויפין איבערין צימער וויא ווארזיניג — א גאט! האט ער אוים געשריען — ווען וועט שוין זיין אסוף פון אונזערע צרות ?

זייט רוהיג ר׳ מיכל — זאגט נתן צמח — דאס וועט מען שוין קענען דער גיין און אפשר האט דאס קינד גלאט געפלוידערט, אבער דער ווייל זעהט איהר אז איך האב אייך ח״ו ניט גענארט, איצטער קען איך גיין?

גייא און טאמער וועקטו מיר עפעס קענען טאן א טובה, וועל איך דיר גוט בעפרידיגען.

נוא גוט, אבער ע ע מכח ע ע אט דאס וואס ע ע מיר האבין גירעט.

וואס עקעסט דוא דא מיר? זאג מיר ריינע ווערטער!

אט מכח דעם שידוך ע ע ע מיט זארא ראזענבערג דאס איז אגאנץ גוטער שידוך וויא איך בין איוד חלעבין זייט זיך מישב ר׳ מיכל.

דוא האסט שוין ווייטער אנגעהויבין! — זאגט מיכל — זאלסט מיר ווייטער דאס גאר ניט דער מאנען כל זמן דבורה איז אומגליקליך טראכט איך גאר ניט וועגין אשידוך.

נוא טא האט אייך אגוטען טאג! מיט די רייד איז ער ארויס געגאנגען אויף דרויסען האט ער גיגעבין אביטערין זיפץ: נוא נתן צמח דוא ביזט איצטער געשוואלין וויא אבארג, גיטא קיין שדכנות 500 רובל און ליגסט נאך אזוי אין לאפע ביים דעם גוטמאנען, איך האב איהם נאך אויס געזאגט אזא פאר טייערע סודות, וואס איז ווערט אב צו שיטען מיט געלט, נאר וואס האב איך גיקענט בעסער מאכין? אז ער וואלט נאר איין כליבע טאן (אויס זאגין) בין איך פארלארין אויף אייביג, דער ווייל האב איך געטאן נאך מיין נאנג, אז מיין גרעסטער שונא זאל מיינען אז איך בין זיין אמתער גוטער פריינד פון די סודות וואס איך האב איהם מגלה גיוועז וועט ער מיך האלטין פאר אגוטען פריינד, פון דעכט וועגין אז איך וועל דארפין וואס טאן און וועל קענען וועל איך גענויס טאן, אבער די קוילען וועל איך אלע מאל שארען מיט פרעמדע הענד, מיט דיזע געדאנקען איז ער אוועק געגאנגען אהיים ניט אזוי פריילך וויא בשעת ער איז געגאנגען צו מיכלען, ווען ער איז גיוועז פול מיט האפונג.

גלייך נאך דעם איז מיכל אוועק גיגאנגען צו שמואל רוזען.

19.

דער צד (דונגסט)

נאך דיא קאטאסטראפע (אונגליק) פון גט, וויים דער לעזער, אז דבורה האט געחאלעשט, מען האט איהר אבגעמינטערט און גיבראכט אהיים, אין דער היים איז זיא גיווארין קראנק, נאר דער פאטער שמואל און מיכל האבין אנגעווענדעט אללע מיגליכקייט, זיא האט זיך אנגעהייבין צו בעסערין אין געזונט, דעם זעלבען

טאג

טָאג וָואס עֶס אִיז גִיוֶועֶן דִיא אוּנְטֶער הַאנְדְלוּנְג פוּן מִיכלעֶן מִיט נתן צמח, וִויא
עֶס אִיז בֶּעשְׁרִיבֶּען אִין דֶעם פָארִיגִין קַאפִּיטִיל, — הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין בַּייא שמואל
רוֹיזִין אִין שְׁטוּבּ אַיין עֶרְאֵייגְנִים, וֶועלְכֶע הָאט אִיהם אוֹיף זַיין הויז אַרוֹיף
גֶעבְּרַאכְט נַייֶע צָרוֹת.

פַאר טָאג הָאט זִיךְ גִילָאזְט הֶערִין אִין שְׁטוּבּ אַשְׁטִימְטֶע פוּן אַקְלֵיין קִינְד,
שמואל אוּנ גאלדע הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גֶעחַאפְּט פוּן שְׁלָאף צוּא טוּמִילְט, עֶס אִיז
פָארְט דִיא שְׁטִימְטֶע פוּן אַקִינְד זַייא הָאבִּין גִינוּמֶען לוֹיפִין אִיבֶּערִין שְׁטוּבּ צוּא
טוּמִילְטֶערְהֵייט, הָאבִּין אוֹיף גִיוֶועקְט דִיא הויז אִידֶענֶע, זִיא זָאל זָאגִין, וָואס
דָאס אִיז, — זִיא וֵויים אוֹיךְ נִיט, מֶען אִיז אַרוֹיס גִילָאפִין דְרוֹיסִין אִין פָארְהוֹיז,
דָא הֶערְט זִיךְ דִיא שְׁטִימְטֶע קְלֶערֶער, מֶען הָאט דֶער זֶעהֶען אַקֶערְבֶּעלֶע שְׁטֵייט
אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּנ אִינְוֵוייניג לִיגְט אַקִינְד מִיט אַרָאזִיג אִין מוֹיל אוּנ וֵויינְט.

וִויא קוּמְט אַהֶער דָאס קִינְד? שְׁרַייט שמואל, דִיא טְהִיר אִיז דָאךְ גִיוֶועןְ
פַאר שְׁפַארְט.

וֵויים אִיךְ? עֶנְטְפֶערְט דִיא אִידִינֶע, אַ! יָע! אִיךְ וֵויים, דִיא וַואסֶערְטְרֶעגֶערְקֶע
הָאט גִיטְרָאגִין וַואסֶער, הָאבּ אִיךְ אִיהר גִיעֶפִינְט דִיא טְהִיר, אוּנ הָאבּ פַאר
גֶעסִין צוּא פַאר שְׁפַארֶען.

גְוַואלְד וָואס הָאט אִיהר דָאס גִיטָאן? שְׁרַייט שמואל, אִיהר הָאט דָאךְ
אוֹיף מִיר אַרוֹיף גִיבְּרַאכְט אַיין אוּנְגְלִיק! וֵוינִיג הָאבּ אִיךְ צָרוֹת פוּן אֵייגֶענֶע
קִינְדֶער, נַא דִיר פְרֶעמְדֶע! נוּא, רבש״ע, אָבֶּער שְׁטְרָאפְסְטוּ מִיר!.

דֶער וַוייל̈ע וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִיא טַעֲנוֹת, זָאגְט גאלדע, דָאס קִינְד
וִויל דֶער וַוייל̈ע עֶסִין, עֶס אִיז דָאךְ פוּן דֶעסְט וֶועגִין אַרַחֲמָנוֹת, אִיהם מוּז זַיין
קַאלְט אוֹיךְ, נֶעמְט חַיֶיע, טְרָאגְט אִיהם אַרַיין אִין שְׁטוּבּ בְּרִיהט אָן מִילְךְ אוּנ
גִיט אִיהם עֶסִין.

דִיא אִידִינֶע חַיֶיע הָאט אַזוֹא גִיטָאן, דֶער וַוייל̈ע דבורה הָאט דֶער הֶערְט
דֶעם טוּמִיל, אִיז זִיא אוֹיךְ אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן אִיהר צִימֶער אַבְּלֵייכֶע, אַשְׁוַואכֶע,
זִיא הָאט דֶער זֶעהֶען דֶעם קִינְד אִיז זִיא פַארְצִיטֶערְט גִיוָוארִין, מֶען הָאט אַקוּק
גִיטָאן, פוּן דֶעם קִינְדֶם צוּא קָאפִּין שְׁטֶעקְט אַרוֹיס אַפַּאפִּיר, שמואל הָאט גִיחַאפְּט
דָאס פַּאפִּיר אוּנ לֶעזְט אַזוֹא: מֵיינֶע לִיבֶּע פְרֵיינְדִין דבורה, אָט שִׁיק אִיךְ דִיר
אַמַתָּנָה פוּן דַיין לִיבִּין מַאן משה יענקל, עֶר הָאט מִיךְ פַאר פִיהְרְט דֶער אוֹיס
וְהאוֹרְף, הָאט מִיר פַאר שְׁפְּרָאכִין צוּא הֵיירַאטְהֶען אוּנ גֶענוּמֶען הָאט עֶר דִיךְ,
חָאטְשׁ דוּא בִּיזְט אוֹיךְ נִיט גְלִיקְלִיךְ, אָבֶּער מַיין עֶהְרֶע הָאסְטוּ פוּן מִיר אַוֶועק
גִירוֹיבְּט: וֶוען עֶר וָואלְט מִיךְ גֶעהֶמֶען, וָואלְט אִיךְ צוּא קַיין שַׁאנְדֶע נִיט גִיקוּמֶען,
אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּא דִיר פַאר אַפָּאר וָואכִין צוּרִיק זָאלְסְטוּ מִיר גֶעבֶּען אוֹיף
הוֹצָאוֹת אַוֶועק צוּא פָאהְרִין קַיין פֶּעטֶערְסְבּוּרְג, הָאסְטוּ מִיר נִיט גִיגֶעבִּין, אִיךְ
הָאבּ דִיר צוּא גִיזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר דָאס קִינְד אַרַיין שִׁיקִין, אִיצְטֶער הַאלְט
אִיךְ וָוארְט, דַיינֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פְרֵיינְדִין רחל.

אט איז דיר אפאר בייסין נאך דיא אלע צרות! רופין זייא זיך אב אין דער גרעסטין באקלעמונג, ווייניג ליידין מיר פון איינענע אונגליקען, נא דיר האדעווע פרעמדע ממזרים! אה גאט מיין גאט! גאלדע האט גינומען וויינען, בייא שמואלן האבין זיך באוויזין טרערין אויף דיא אויגין, דבורה האט אטרער ניט ארויס גילאזין, זיא איז מיט איין פאר קלעמטין הארצין אריין גינאנגען צו זיך אין צימער, אום אונגישטערט זיך איבער צוא געבין איהרען טרויעריגין גידאנקען, זיא האט זיך אוועקגיטאן אויף איהר בעט, האט פאר דעקט דאס גיזיכט מיט איהרע הענד אונ האט אנגיהייבין צוא חליפען: אה! זאגט זיא, דיא מאס פון מיינע צרות איז שוין צוא פול, איך קען שוין לייגער ניט ערטראגען, אה גאט! ווארום האסטו מיך באשאפין פאר איין איגרושקא (שפיל צייג) פון אזו פיל אונ־גליקען? מיך ארעמע שוואכע באשעפענעס האסטו גימאכט פאר אציל פיר אלל דאס בייז, וואס קומט פון דער נאטור אונ פון מענשען, ווארום לאזט דוא מיך לעבין, אום ווידער שרעקליך מיך צוא קוועלין? איך בין שוין וויא פיל מאל גיוועזן בייא דער טהיר פון טויט, אונ יעדעס מאל וויא אשטארקע האנד רייסט מיך גוואלדיג אב אום ניט פון דער שרעקענעס וועלט זיך ענטרייסין צוא קענען, אה וויא מאכט מען שוין אסוף צוא מיינע צרות?...

רחל האט מיר צוא געשיקט איהר קינד, ווייל זיא מיינט איך בין שולדיג, וואס איך האב ניט גיהאלטין ווארט, דאס וויים זיא ניט, אז איך האב איהר ניט גיקענט העלפין, ווייל דעם זעלבען טאג איז גיקומען מיין מאן אגעהארגעטער אונ עס האט זיך ענטשידען מיין טרויעריגעס שיקזאל, אויסער וואס איך בין אלליין גינוג אונגליקליך: בין אחלוצה, איין עגונה, דארף איך נאך האדעווען אפרעמד קינד, נאך אריין פאלין אין לייטישע מיילער!... ניין! גענוג צו ליידען!. איך מוז מאכין פון מיר איין ענדע, אבער וויא אזוא?

יעמאלט האט זיך גיהייצט דיא ליזאנקע, זיא זיצט אנטקעגין קוקט אויף דאס פייער אונ רעדט צוא זיך: וואס פאר אוואהלטעטער דאס פייער איז! ער גיט אונז ליכט אונ ווארעמקייט, יעצט איז דרויסען אפראסט אונ אווינד אונ דורך דאס פייער ווייסין מיר גאר ניט דער פון, יא! אבער דיזעס פייער איז אמיסעטעטער (פועל רע) אויך: וויא פיל אונשולדיגע אפפער (קרבנות) האט דיזעס גרויזאממע עלעמענט (יסוד) פאר צערט! עס איז צוא ציילין מיליאנען וויים, פיללייכט וואלט דאס פייער אויך מיין וואהלטעטער זיין? אה עס ברענט אהעלישעס פייער אין מיינעם בוזען, אפייער, וואס וואלט מיך אמאל גליקליך גימאכט אונ היינט, אוי וויא! פערצייעט עס מיך אין גאנצין, דאס איז מיינע ליבע צוא מיין גוטין קוזין, אה וויא פיל דער מענש ליבט מיך! וויא פיל ער אפפערט פון מיינט וועגין! וואס דער מענש צוא טהוט, אום איך זאל דיא פרייהייט באקומען, אום מיט איהם צוא זאממען דאס לעבין צו געניסען! אה וואס פאר אגליקליכע עהעפאאר מיר וואלטין דאס גיוועזין! אבער אה שרעקין! אגרויזאמעס גיזעטץ האט מיך אין איזערנע קייטין גיפעסעלט, עס האלט מיך פעסט מיט אייזערנע צוואנגען

אוי

איך זאל זיין געשטארבען אונ וויסען , אז איך בין געשטארבען , אה שרעקליך , שרעקליך איז מיין שיקזאל ! אה גאט ! מיט וואס בין איך ערגער פאר מיינע פריינדינען , וועלכע האבען גליקליך געהייראטעט , אונ געניסען דאס פאמיליען גליק ? איך אליין איך אליין בין אויף דער וועלט אזוא פארלארען , איך בין אבגעשניטען פון דער וועלט וויא א געשטארבענע , אבער וויא שרעקליך איז עס צוא פיהלען אז מען איז געשטארבען ! אה וויא טרויעריג איז דאס לאאז (גורל) פון דער פרויענצימער ! .

נאר וויא פיל אלע פרויענצימער ליידין , איז מיר אנגעקומען דער גרעסטער חלק , פון איין זייט בין איך איין אונגליקליכע אלמנה , דארף נעהמען חליצה אונ ווארטען דרייצעהען יאהר , דער צו בין איך אין דער געוואלד פון שלעכטע מענשען , פון דער אנדער זייט האב איך אזא הימלישע ליבע , ווען ניט דיא חליצה וואלט איך דאס העכסטע גליק פון דער וועלט געניסען , איך וואלט פיהרען א הימלישעס פאראדיזישעס לעבען , אה אינ דיזע שיינע הימלישע בלומע ווערט פאר וועלקט פאר דער צייט .

א א א ! אזא גליק ווערט מיר פון מיינע הענד ארויס געריסען אום מיינע יונגע בליהענדע יאהרען צוא פינסטערין .

נאר וואס קומט ארויס פון דיא רייד ? גענוג , מען דארף מאכען א סוף , עס יאמערט מיך מיין ארעמער פאטער אונ מוטער , וועלכע וויינען אונ קלאגען איבער מיין אונגליק , וואס ווערענד איך לעב בין איך פאר זייא איין אייביגע וואונדע , אבער מיט מיין שטארבען וועל איך זייא באפרייען פון פיל צרות ... אבער וויא באקומט מען דעם רעטונגסענגיל דעם טויט ? ... שא עס איז מיר אריין איין גליקליכער געדאנקען , דיזעס פייער לאקט מיך צו זיך , עס וועט מיך פון אלעם באפרייען , דער דונסט (צאר) איז אלייכטער מיטעל , מען ליידעט ניט פיל אונ מען איז באלד דאהין .

דבורה איז אויפגעשטאנען , האט צוא געמאכט דיא טהיר זיא פענסטער ווארען פעסט , דאס צימער וואר אזויא אויך קליין אונ דושנא , גאנץ געשאפען צום צאר , דיא ליזאנקע וואר אויך פריער איינינע צייט ניט געהייצט , יעצט וואר זיא זייער הייס אנגעהייצט , זיא האט גלייך צו געמאכט דעם קוימען דער בלאער פלאם אויף דיא קוילען איז נאך געבליבען , זיא האט נאך אריין געווארפען א שטיק פעטעס אין דיא קוילען , האט זיך אוועק געזעצט קוקין אויף דיא גליהענדע קוילין , וויא דאס בלאע פייער שוועבט איבער זייא .

אה , זאגט זיא צוא זיך וואס פאר א שיינע וועלט עס איז , זעלבסט דיא משחיתים אין איהר : פייער , וואסער , אלע זיינען שוין , אונ דיזע שיינע וועלט וועל איך באלד ניט זעהען , אה וויא שרעקליך איז דיזער געדאנקען , אז דיא עלטערין מיינע וועלין אריין אין דיזעם קאממער וועלין מיך שוין ניט געפינען ביים לעבין וואס פאר א רייסענדע סצענע עס וועט זיין ! פערצייהעט מיר , ליבע עלטערין , פאר דאס ליידען וואס איך פערשאפע אייך , יא זייא וועלין מיך ניט

באשולדיגען

באשולדיגען זייא וועלין מיינען, דאס איז אשלוציא זייא וועלין מקבל באהבה זיין, וואס דער אויבערסטער טוט איז אלס רעכט, זייא וועלין ויינען קלאגען, מיך באגלייטען אפין בית עלמין, וועלין ווידער אוים ברעכען אין אגעוויין, בשעת זייא וועלין זעהען מען לאזט מיך אריין אין דיא פינסטערע גרוב, אויף מארגען וועט עס ווערין לייכטער, וועלין זיצען שבעה וועלין עסין וועלין נאך טרינקען מייא דער לעבעדיגער מענש דארף דאך לעבין, עס וועלין קומען גוטע פריינד זייא צוא טרייסטין, ווער וועט ווייטער וויינען, אבער שוין שוואכער וויא נעכטין אונ אזויא ווייטער וועט אלס ווערין שוואכער ביז מען וועט פאר געסין אן מיר, יע אזויא איז דיא וועלט געשאפען: אללעס גייט צו פערוועזונג (רקבון) אונ דיא צייט מאכט אללעס פארגעסין יא! אדיו מיינע ליבע גוטע עלטערין, וואס האבין מיך אזו פיל געליבט, אזוא פיל געאפפערט פון מיינט וועגין, איך דאנק אייך פאר אלל דאס גוטס, וואס איהר האט מיר גיטאן, אדיו, מיין ליבער מיכל, דוא האסט אין מיר אנגעצונדען אפייער פון ליבע, וואס פריער האב איך דער פון ניט גיוואוסט, אבער וויא דיזע הימילשע געפיהלע האבין מיין הארץ גיעפינט, האבין זייא מיך גיבראכט צום גראב, דיזע היילינע געפיהלע קענען ניט פערווירקליכט ווערין, גרויזאמע גיזעטצע האבין אונזערע הערצען ערבארמונגס-לאז פאנאנדער געריסען, דאס קען איך ניט אריבער טראגין איך מוז שטארבין, אה וויא ביטער עס איז צוא שיידען זיך מיט אגעליבטען, ווען מען פאהרט נור פון איהם אוועק אויף אקורצע צייט, אבער וויא יאמערליך איז עס, אז מען דארף זיך שיידין מיט איהם אויף אייביג אָ אָ אָ! מיין הארץ צערשפרינגט אין מיר! אבער וואס געלט מיר דאס לעבין? אקוואלפאלעס לעבין איז ערגער פאר דעם טויט!... אה, דער גוטער שליח פון טויט האט שוין גענומען ווירקען, דער קאפף טהוט מיר שרעקליך וויא, עס רוישט מיר אין דיא אויערין, עס.... קלאפט מיר אין... דיא אדערין... אָ אָ!... עס איז אגוטעס מיטעל.... דיא לופט... אין צימער איז בלאה... דושנע... באלד וועט פון מיר... ווערען אוים... אה עס שווינדעלט מיר שרעקליך דער קאפף... נעכע מיין גוטע שוויגער גייא קוק אויף דיינע ארבייט... דוא האסט אוים געפיהרט.... וואס דוא... האסט געוואלט.... טאטע!.... מאמע!... פערצייהעט מיר!...

זיא איז אנידער גיפאלין אפין בעטיל, האט זיך אוים גיצויגין, האט צוא גימאכט דיא אויגין, האט גענומען שעפצען: אבער עס וואָרען שוין ניט קלארע ווערטער, דיא באקין האבין זיך באדעקט מיט אפורפער, אבער אפורפער פון איין אינווייניגסטען פייער זיא האט אזאג געטאן זייער שוואך מיכל! האט גינומען שווער אטהעמען, איז געוואָרען שטיללער אונ שטיללער, איינע טאדעס שטיללע האט געהערשט אין גאנצען צימער.

20.

דיא האפענונג האט אשיין גיטאן אונ ווידער פערשוואונדען געווארען.

בשעת דבורה איז אריין אין איהר קאמער איזשמואל אונ גאלדע געבליבען דא ביא דעם קינד אין דער גרעסטען פערלעגענהייט:

וואס טוט מען איצטער? שרייט שמואל ארום גייענדיג האסטיג איבערין שטוב, דאס קינד טאר דא ניט זיין, ער מוז דא ניט זיין! עס קען ארויס אשם רע אויף מיין קינד, מעהר וויא דאס פעהלט מיר ניט.... שא! געפאלען אויף אפלאן, וויא איך בין אאיד! הא איך בין אויך פון דיא נארען ארויס חלעבין!... גייט שוין חיע נעמט דעם קינד מיט דיא קערבעלע מיט אלעמען אונ טראגט אוועק צוא נעבעצקען, דאס איז איהר אייניקעל, לאז זיא זיך מיט איהם האלטען, לאז זיא האבין איין אנדיינקען פון איהר גוט קינד, גייט מיט ארומיגע געסלאך, קיינער וועט ניסט מארקען.

דאס איז מיר אפילו זייער שווער צוא טאן... זאגט חיע.

איהר מוזט דאס טאן ווארום איהר זייט אליין שולדיג, וואס איהר האט ניט פאר שפארט דיא טהיר נאך דיא וואסערטרעגערקע.

דיא אידינע האט גענומען דיא קערבעלע דאס קינד האט גראד יעמאלט געשלאפען עס וואר זאט, זיא איז אוועק געגאנגען.

גאט וייס מיט וואס זיא וועט קומען, רופט זיך אב שמואל, ווער ווייסט צו וועט איהר גלאט אראב דער אינטערעס? אך רבש"ע! ניט וויניג צרות האסטו מיר צוא געשיקט פון דעם שידוך מיט גרונומען! ווער וואלט זיך ריכטען אויף אזא צרה! אזוא פיין וויא עס האט פריער אויס געוויזען דער שידוך, איך האב דאס גירעכינט פאר אגליק, פאר כבוד, פאר גדולה מיט אמאל נא דיר אזוא פיל צרות! ווער וואלט זיך דאס ריכטען פאר דרייא חדשים צוא ריק, אז מיין ארעמע דבורינקה וועט אזוא אונגליקליך זיין!

מיר דארפין זיך גענוג רייסען דיא האר פון קאפף זאגט גאלדע, וואס כ'ד' האבין ניט געטאן צווישין זיך מיט אונזער מיכלען, ער איז דאך אזא דימענט, זיא וואלט דאך לעבין גליקליך פאר זיין קאפף, אונ איצטער נעבאך מיין פייגעלע האט נאך גאר קיין וועלט ניט גיזעהען איז זיא שוין איונגע אלמנה, אחלוצה אונ אפשר גאר איין עגונה... אקליינינקייט ווארטען דרייצעהן יאהר ביז איהר זון וועט אויף וואקסען! דער ווילע וועט אוועק גיין איהרע יונגע יאהרען, אונ נאך דעם ווער ווייסט, נעבעצקעם אקינד וועט איהר ערסט מסתמא אן טאן נייע צרות.

א א א! דבורינקע אזא יונגינקער בוימעלע איז שוין אונטער גיהאקט גיווארין.

אה יע, זאגט שמואל אלס בין איך שולדיג, איך אלטער נאר האב אלס געזוכט גלאנץ אונ האב געטאן אן איבערלייגין, מען האט מיר גענוג געזאגט אויף זייער הויז, נאר איך האב דערויף ניט געקוקט, דער ווילע האב איך איהר

אלעבעדיגע

אַלֶעבֶּענְדִיגֶע בַּאגְרָאבִּין, אָה אִיךְ בִּין דֶער גַזְלֶען פוּן מַיין קִינְד, אִיךְ מוּז זִיךְ דֶעם לֶעבִּין אַוֶועק נֶעהמֶען, אִיךְ קֶען נִיט צוּא זֶעהֶען, וִויא מַיין אוּמְשוּלְדִיגֶעס קִינְד לַיידֶעט.

עֶס אִיז גִיקוּמֶען מיכל גוטמאן, דָאס וַואר נָאךְ זַיין סְווִידַאנִיֶע מִיט נָתָן צמחען.

גֶענוּג אַיךְ שוֹין צוּא קְלָאגֶען אוּנ צוּא וַויינֶען פֶּעטֶער אוּנְזֶער אוּנְגְלִיק אִיז גָאר נִיט אַזוֹא גְרוֹיס, עֶס אִיז פַארַאנֶען מִיטְלֶען וִויא צוּא הֶעלְפִין זִיךְ.

וִויא עֶס הֵייסְט עֶס?.

עֶרְסְטֶען זָאלְט אִיהר וִויסֶען, אַז אִיךְ הָאבּ דֶער גַאנְגֶען, אַז משה יענקעלעס עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער נפתלי, וָואס אִיז אִין סִיבִּיר לֶעבְּט, אוּנ עֶר וֶועט לַייכְט גֶעבִּין חֲלִיצָה, וָוארוּם עֶר אִיז אַגוּטֶער מֶענְש לֶעבְּט אִין אִירְקוּטְסְק זֵייעֶר אָפֶּענְטְלִיךְ, אָט אִיךְ שִׁיק הַיינְט צוּא אִיהם אַטֶעלֶעגְרַאמְמֶע מִיט אַבְּרִיף, עֶס אִיז אֲפִילוּ אַגוּטֶער בִּיסֶען אַוֶועארְסְט אַכְטְהַאלְבֶּען טוֹיזֶנְד אָב צוּא פָאהרֶען, אָבֶּער אַלְס אִיז דָאךְ דָאס גְרִינְגֶער וִויא צוּא וַוארְטֶען 13 יָאהר. צְוֵויטֶען וָואס וֵייס מֶען? אֶפְשֶׁר אִיז גָאר דבורינקע גִיבְּלִיבִּין שְׁוַואנְגֶער פוּן אִיהר מַאן, זִיא וֶועט הָאבִּין אַקִינְד אוֹיף לַאנְגֶע יָארִין, וֶועלִין מִיר לוֹיז וֶוערִין פוּן אַלְלֶע צָרוֹת, אוּנ דְרִיטִין אִיז אֲפִילוּ דָא נָאךְ אַמִיטִיל, אִיךְ הָאבּ אִיהם שוֹין גֶעהַאלְטֶען גָאר אִין יַד, אִיז עֶס דֶער וַויילֶע נִיסְט גֶעוָוארִין.

וָואס אִיז? פְרֶעגְט שמואל.

אָט אִיךְ הָאבּ דֶער גַאנְגֶען, אַז משה יענקעלעס אַגֶעלִיבְּטֶע הָאט גֶעהַאט אַקִינְד, אוּנ דָאס וֵייס מֶען דָאךְ אַז אַמַמְזֵר פַּאטֶערְט אוֹיף פוּן חֲלִיצָה, אִיךְ הָאבּ שוֹין נָאךְ גֶעשִׁיקְט אוּנ נָאךְ גֶעשְׁפִּירְט, אִיז דָאס קִינְד דֶערְוַוייל נִיטָא, דָאס וֵייס אִיךְ נִיט צוּא לֶעבְּט צוּא עֶס אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

אוֹי וֵויא אִיז מִיר! הָאט שמואל גִיגֶעבִּין אַפַּאטְשׁ מִיט דִיא הֶענְד.

וָואס אִיז, פֶּעטֶער? וָואס אִיז פַאר אַמַעֲשֶׂה? פְרֶעגְט מיכל מִיט הַאסְט.

אַלְס אִיךְ, אַלְס אִיךְ בִּין דֶער שוּלְדִיגֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטֶען דֶעם גְלִיק אִין הַאנְט אוּנ הָאבּ אִיהם אַלְלֵיין אַרוֹיס גֶעלָאזֶען.

אִיךְ פַאר שְׁטֵייא נִיט, וָואס טוּט זִיךְ דָא! זָאגְט מיכל מִיט פַארְוואוּנְדֶערוּנְג.

עֶס הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט דִיא טַהִיר, עֶס אִיז אַרַיין גֶעלָאפֶען דִיא הוֹיז אִידִינֶע מִיט אַשְׁטְרַאהלֶענְדֶען גֶעזִיכְט אוּנ גִיט אַגֶעשְׁרֵייא: נוּא גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! פָּטוּר גֶעוָוארֶען פוּן דֶער צָרָה! הַהַהַ!... אִין פָארְהוֹיז הָאבּ אִיךְ נִיט גִיקֶענְט אַוֶועק לֵייגֶען, וַויילֶע מֶענְשֶׁען זַיינֶען אַרוּם גֶעגַאנְגֶען, שְׁלֶעכְט, וָואס טוּט מֶען? הָאבּ אִיךְ אָבֶּער דֶער זֶעהֶען אַיין אָפֶענֶען פֶּענְסְטֶער אִין אַצוּלַאנְצִיק פוּן פִירְהוֹיז הָאבּ אִיךְ דָארְטֶען אַוֶועק גִישְׁטֶעלְט דִיא קֶערְבֶּעלֶע אוּנ בִּין אַוֶועק.

וָואס אִיז דָא גִיוֶוען פַאר אַמַעֲשֶׂה פְרֶעגְט מיכל.

שְׁטַייטְס! אִיהר וֵייסְט גָאר נִיט? זָאגְט דִיא אִידִינֶע, מִיר הָאבִּין דָאךְ גֶעהַאט אַיין אוּנְגְלִיק הַיינְטִיגֶע נַאכְט, מֶען הָאט אוּנְז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפֶען אַמַמְזֵר.

וֶוער? וָואס? וֶוען? זָאגְט מיכל.

אט איז אבריף, לייען, זאגט שמואל איהם געבענדיג רחלס בריף, מיכל נעהמט לעזין דעם בריף, עס האט זיך אין איהם געביטען אלע קאלירען — . אה גזלנים! וואס האט איהר דאס געטאן? איהר האט גענומען אגליק אונ ארויס געלאזען פון האנד.

וואס רעדט איהר? שרייט דיא אידינע.

הערט, חייע, זאגט מיכל מיט אינפעט: לויפט שוין נאך דעם קינד אונ ברייננט איהם אהער, וואו דין האט איהר איהם אהין געטאן?.

ביא נעכען, עס איז איהר איינִיקעל, לאז זיא איהם האדעווען.

אה שלעכט, זאגט מיכל, אויב נעכע וועט זיך דער וויסען, וואס פאר אגליק דאס קינד קען זיין פאר אונז, וועט זיא זעהען, אז מיר זאלין איהם ניט האבין, לויפט גיכער חייע, ברייננט דעם קינד, איך גיב אייך אצעהענרובילדיגען אפינפאונצוואנציגער, לויפט.

זאל איך אזו וויסען פון שווערע פאקען, וויא איך וויים וואס ער רעדט זאגט דיא אידינע, נאר פאר פאלען איך לויף! עס איז מיר אפילו זייער ביטער, דאס איז ניט קיין גרינגע שטיקיל ארבייט, נאר וואס זאל איך טאן? מיט דיא רייד איז זיא ארויס געלאפען.

וועט זיא ברייננען דעם קינד צוריק, זאגט מיכל, זיינען מיר גליקליך, מיר וועלין לויז ווערין פון אללע צרות, נאר אויב ח״ו ניט, האבין מיר נאך אויך גוטע האפענונגען, לאמיר ניט אראב פאלען, ניסקאסע, יע אים מחשבותן וואו איז דאס דבורה? עפעס זיא זעהעט זיך ניט.

זיא איז אין איהר קאמער, זאגט שמואל, זיא מוז נאך שלאפין, זיא איז פריה אויף געשטאנען איבער דעם קינד.

מען האט געדארפט אקוק טאן, אפשר זיצט זיא אונ וויינט, גוואלד פעטער, וואס דער לאזט איהר איהר זיך אזו פיל נעהמען דאס לעבין? מיט דיא רייד איז ער צוא געגאנגען צום טיהר, זיא איז פארשפארט.

דא איז ניט גלאט! האט מיכל אגעשרייא געטאן, קיין מאל איז איהר צימער ניט פאר שפארט, פאטער אונ מוטער זיינען צוא געלאפין, האבין גענומען קלאפין אין טהיר, זיא זאל עפענען, זיא עפינט זיך ניט.

מען מוז אויף ברעכין דיא טהיר! שרייט מיכל, דא איז ניט גוט, אונ מיט דיא רייד האט ער גיגעבין אזעטץ אין טיהר, זיא איז איינגעפאלען, דא האט זיך זייא פארגעשטעלט איין שרעקליכעס בילד, דיא לופט איז שטיקענד, אשרעקליכער גערוך פון צד, האט זייא אשפאר געטאן אין געזיכט, זייא זעהען דבורה ליגט אוים געצויגען טויטענבלאס אונ בלאה.

אה רבש״ע! גוואלד! האבין אלע גענומען שרייען, זיא איז פארצארעט.. זיא האט דאס געטאן מיט אבין!... זיא האט איהרע צרות נעבאך ניט גיקענט אריבער טראגען, אוי וויא! זיא האט קיין אטעם!... מען זאל פאנאנדער רייסין דיא פענסטער! גלייך האט מיכל אוים געבראכען צווייא פענסטער, עס האט

אשפאר

אַשְׁפַּאר גֶעטָאן אִין צִימֶער פְרִישֶׁע לוּפְט מִיט פְּרָאסְט צוּא זַאמֶען, מֶען הָאט אִיהר אָבְּגֶעצוֹיגֶען אִיהרֶע קְלֵיידֶער, לוֹיז גֶעמַאכְט פַאנַאנְדֶער גֶעגַארְטֶעלְט, נָאךְ דֶעם הָאט מֶען אִיהר אַרוֹיס גֶעטְרָאגֶען אִין פָארְהוֹיז אוּנ אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַז דֶער קָאפְּף אִיז אוֹיס גֶעקוּמֶען הֶעכֶער פַאר דֶעם קֶערְפֶּער, מֶען הָאט אִיהר אַרוּם גִילֵייגְט דֶעם קָאפְּף מִיט טִיכֶער אַיינְגֶעטוּנְקְט אִין קַאלְטֶע וַואסֶער, מֶען הָאט אִיהר גִיגֶעבִּין טְרָאפֶּענְס, גֶערִיבֶּען אִין הַאלְז מִיט אַפֶּעדֶער אַיינְגֶעטוּנְקְט אִין בּוֹימְאֵייל, אוּם זִיא זָאל אוֹיס בְּרֶעכֶען, עֶס הָאט גֶעווִירְקְט, זִיא הָאט גֶענוּמֶען אָטְהֶעמֶען, הָאט גֶענוּמֶען בְּרֶעכֶען, הָאט גִיעֶפִינְט דִיא אוֹיגֶען, מֶען הָאט אִיהר גֶענוּמֶען רַייבֶּען מִיט עֶסִיג אוּנ גִיגֶעבִּין טְרִינְקֶען עֶסִיג. דִיא סְגוּלוֹת הָאט אַלְס מיכל גֶעהֵייסִין טָאן דֶען אִיהם אִיז שׁוֹין פָארְגֶעקוּמֶען צוּא זֶעהֶען וִויא מֶען רֶעטֶעט אַפֶּערְצַאדֶעטֶען, דֶער וַויילֶע אִיז גֶעקוּמֶען דֶער דָאקְטֶער, עֶר הָאט אִיהר פַארְשְׁרִיבֶּען אַרֶעצֶעפְּט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט זִיא וֶועט זַיין גֶעזוּנְד, שמואל אוּנ גאלדע וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִיא גַאנְצֶע צַייט וִויא פַארְשְׁטֵיינֶערְט פוּן שְׁרֶעק, הָאבִּין פְרַייא אוֹיפְגֶעאַטֶעמְט, אָה גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! הָאבִּין זֵייא בֵּיידֶע אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן, מִיט אֵיין הַאנְד שְׁטְרָאפְט עֶר אוּנְז אוּנ מִיט דֶער אַנְדֶערֶע בֶּענְשְׁט עֶר אוּנְז, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין אַזַא גוּטֶען פְרֵיינְד מיכלען, וֶוען נִיט עֶר וָואלְטֶען מִיר שׁוֹין לַאנְג אוּנְזֶער דבורינקען נִיט הָאבִּין.

דֶער וַויילֶע אִיז גֶעקוּמֶען חייע אוּנְמוּטְהִיג אוּנ זָאגְט, אַז דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין נִיטָא דָארְטֶען, וואו זִיא הָאט אִיהם אַוֶועק גֶעלֵייגְט.

אָךְ וֵויא אִיז מִיר! וָואס פַר אַיין אוּנְגְלִיק אִיךְ הָאבּ אַרוֹיף גֶעבְּרַאכְט אוֹיף זִיךְ!

נֶעמְט זִיךְ נִיט דֶעם לֶעבֶּען פֶּעטֶער, אַז נעבעצקע הָאט צוּא גֶענוּמֶען דָאס קִינְד דָאס אִיז גֶעווִיס פוּן אִיהרֶע הֶענְד וֶועלִין מִיר אִיהם נִיט בַּאקוּמֶען דָאס פַארְשְׁטֵייא אִיךְ אוֹיךְ דֶען אִיהר גַאנְצֶער בַּעַל יוֹעֵץ אִיז נתן צמח דֶער מֶערְזַאווִיטְשׁ, נָאר מִיר דַארְפִין זֶעהֶען צוּא דֶער גֵיין דָאס קִינְד אָן זֵייא, אוֹיךְ דִיא רחקען גוּט בַּאפְרִידִיגֶען, וֶועט אַלְס זַיין רֶעכְט, אָבֶּער וִויא הֵייבְּט מֶען אָן צוּא דֶער גֵיין?..

שַׁא גֶעפַאלִין אוֹיף אַפְּלַאן אַוֵוילֶען, וִויא אִיךְ בִּין אַאִיד! מֶען דַארְף דַאקַאזֶען אַהֶער דִיא צוּצֶעלֶע יאחנען, פוּן אִיהר וֶועלִין מִיר שׁוֹין אַלְלֶעס דֶער גֵיין, אָבֶּער וִויא בַּאקוּמְט מֶען אִיהר?.

אִיךְ וֶועל אִיהר שׁוֹין בְּרֵיינְגֶען, זָאגְט חייע, מָארְגֶען אִיז אַבָּאד טָאג, זִיא לָאזְט קַיין מָאל דִיא בָּאד נִיט דוּרְךְ, וָואס פַאר אַתִּירוּץ זָאל אִיךְ אִיהר זָאגֶען?

זָאגְט אִיהר, אַז עֶס אִיז דָא אַיוּנְגֶער מֶענְשׁ, וָואס הָאט פַאר אִיהר אַגֶערוּס פוּן אִיהר מַאן, וֶועט זִיא קוּמֶען.

אִיךְ וֶועל אִיהר שׁוֹין בְּרֵיינְגֶען, אַזוֹא אוֹיסֶער דִיא בָּאד אִיז קַיין מִיטִיל נִיטָא, וִויא אִיהר צוּא בַּאקוּמֶען, וַויילֶע דִיא מוּטֶער לָאזְט אִיהר פוּן שְׁטוּבּ נִיט אַרוֹיס, זִיא פַאר בְּלָאנְדְזֶעט דִיא גִירֶעטֶענֶעס.

21·

דומהייט בריינגט אויך נוטצען

אויף מארגען איז געקומען חיע מיט יאכנען, אזויא וויא זיא האט פאר שפראכען מיכל האט שוין געווארט אויף איהר, יאחנע האט געשיינט, דיא צורה רויט וויא ציגעל, גלאנציג דער שטערין ארום בלאה פון דיא אבגעגאלטע האאר, אויף איין האנד האט זיא געטראגען איהר יאסינקען אונ אין דער אנדערער האנד אבעזים אנאסען.

שמואל אונ גאלדע אונ דבורה, וועלכע האט זיך שוין רעכ[?] האלט, זיינען געזעסין ביין טיש אונ האבין געטרונקען טייא, מיכל איז ארום געגאנגען איבערין שטוב.

איך וואלט גערין זעהען, וויא וועט ער מיט איהר אנהייבען, זאגט שמואל.

איך וועל אנהייבען מיט איהר פראסט זאגט ער, וויא הייסט עס! מיט יאחנען אויך זיך צערעמאניערען?.

וויא געפעלט אייך איין אקט הלעבין! האט אנגעהייבען יאחנע אריין גייענדיג אין שטוב, אברודער זאל ניט שיקען אלאז גערים, זאל ניט שרייבען קיין שום בריף!... אט גאר וויא אין וואסער אריין!... איך וויים ניט, וויא האט מען דאס אזא הארץ?.

וואסער ברודער? פרעגט מיכל, וואס האט גירעכינט, אז דאס מיינט זיא נפתלין, וואס אין סיביר, אונ דאס אינטערעסירט איהם זייער צו וויסען.

וויא הייסט! איהר קענט ניט מיין ברודער משה יענקעלען, וואס איז געשטארבין פאר אכטאגען ביין קדר, איך האב איהם גיבעטין רחמים, ער זאל קומען צוא מיר צום חלום, איך האב פאר איהם אנגעגרייט טייערע שפיריטוס, אונ ער קומט ניט.... קוקט אטציקאוויסט, וויא עס בייט זיך ביא אמענשען דיא נאטור: בשעת ער האט גילעבט, פלעגט ער לויפין נאך בראנפין וועה וייסט וואו, אונ איצטער זינד ער איז געשטארבען איז גאר נימט.

בייא אייך האט מען געפונען געכטין אקינד? פרעגט איהר מיכל.

אוודאי ענטפערט יאחנע, איהר דארפט אפשר אקינד, קען איך אייך אוועק געבין אט מיין יאסינקען איך האב פון איהם שויא וויא שויא גרויסע צרות, עט קאסט מיר רפואות, אפילו דער קדר קען איהם אויך ניט העלפען, הערט איהר, האב איך גיזעהען ביין קדר אשווארצע קאץ, וואס איז אגרויל! זיא קען אייך אריבער קלעטערין דעם גרעסטען פארקאן אן אלייטער, אפילו מיין מאמע זיא איז דאך געווים אבריה, אונ דער טאטע רופט איהר קאץ אויך (ווילע זיא צוא דראפעט איהם אלע מאל דיא צורה) — קען זיא אויך אזוא ניט קלעטערין.

וואס האט דיא מאמע געטאן, אז זיא האט געפונען דעם קינד?.

איהר ווייסט ניט, וואס זיא האט געטאן? אהיבשער מענש הלעבען! זיא

האט

האט יעמאלט געבערעקעלט לאקשען, איך קריג זיך אלע מאל מיט דער מאמען, זיא האט האלט ברייטע, אונ איך האב האלט דינע אט וויא זייד, זאגט בין איך ניט גירעכט? וואס לאכט איהר עפעס פון מיר? אמאדנע זאך, וואו איך גייא אונ וואו איך שטייא, אלס מען לאכט, אלס מען איז פריילך.

מען פרייט זיך דאס מיט דיר זאגט מיכל, נוא וואס האט זיא געטאן מיט דעם קינד?.

וואס זאל זיא טאן? זיא האט אריבער געשיקט נאך מיין פעטער נתן צמחן, אונ ער האט געהייסען איהם אוועק געבען צוא איין נאם, ער האט געזאגט דאס איז גאנץ גוט: עס וועט ווערין געלט דער פון, ער האט געפונען אשטיקיל פאפיר אויף דעם קינד האט ער געזאגט, אז דאס איז אהאלבער בריף איז דאס רחקעס, וואס האט געוואלט זיין משה יענקעלעס כלה.... נאר וואס רייד איך? דיא מאמע האט מיר אנגעזאגט, איך זאל זאגין איך וויים ניט, וויים איך טאקע ניט, איך וויים ניט פון קיין מעשה אונ פון קיין קינד גאר ניסט, ניטא!... ער האט געזאגט אז איצטער וועט דיא מאמע קענען נעמען בייא שמואל רויזין זאלאוואניע דרייצעהען יאהר נאך אנאנד.... הערט בייא וועמען נעמט איהר מעהל אויף חלה! דיא מאמע שילט אונ קאראנייעט תמרהן, וואס זיא גיט היילע קלייען ניט מעהל, האט איהר עפעס געהאט שבת אגוטען צאלענט? בייא אונז איז אויס געדארט גיווארען אלס מיט אנאנדער אויף פולווער, אט וויא איך זאג אייך.

וואו איז איצטער דער קינד? פרעגט ווייטער מיכל.

זעה, זעה! וויא ער לאזט ניט ריידען, האט זיך איינגעקליפעט אין דעם קינד! איהר ווילט אקינד? אט נעמט מיין יאסינקען אונ לאזט מיר ריידין, הערט בייא וועמען גייט איהר אין באד? צו פייטעל ציפעס זאל קיין איד ניט גיין, בייא איהם איז גאר קיין דוך ניטא, אט האב איך דאס היינט געהאט אבעזים וייך וויא פוטער.

וויא רופט מען דיא נאם, וואו מען האט אוועק געטראגען דעם קינד.

איהר קענט אט דעם שוסטערס וייב, וואס קויפט אלע מאל פלייש אין יאטקע אונ פיש אפין פישענמארק, אט איהר נאמען ליגט מיר אפין שפיץ צונג, ניט שוין ווייסט איהר ניט וויא מען רופט איהר? אויך מיר אמענטש, זאל ניט ווייסען וויא מען רופט דעם שוסטערס וייב, אט וואס וויינט אין שקלעפ, יע איך האב זיך שוין דער מאנט, מען רופט איהר.... ניין, איך וועל ניט אויס זאגין, דיא מאמע וועט מיר שילטען אונ דער פעטער וועט מיר קנייפען, הערט איהר, אז דער פעטער נתן צמח קנייפט זיך טוט אזוא ווייא אגרויל! אט דיא גאנצע פלייצע איז מיר פול צייכענס אויב איהר ווילט, וועל איך אייך שוין ווייזין...

זאג מיר וויא מען רופט איהר, וועל איך דיר זאגין, וואו דיין מאן איז.

יע טאקע! איך וואלט טאקע זייער וועלין ווייסען, וואו ער איז, אזו בין איך איין פינסטערע עגונה, זאגט דיא מאמע, אז ער וואלט קומען, וואלט איך

קיין

קיין ענונה ניט זיין, זאגט די מאמע, אז ער וואלט מיך גנט, וואלט איך קענען נעמען איין אנדער מאן, זאגט דיא מאמע, אוויבעל אן אמאן איז ניט גוט, זאגט דיא מאמע, אפילו אז מען וואלט אידם געפינען אגעשטארבענעם, צוא אטויטען צו אגיהארגעטען זאגט דיא מאמע, וואלט אויך זיין גוט, אפילו איך פארשטייא ניט, וואס איז דיא גוטסקייט, אז מען האט אגעשטארבענען מאן? אגעשטארבענער איז דאך גלייך צוא אטויטען.....

טא זאג זשע שוין, וויא מען רופט דיא אמטע?

שא, וויא ער לאזט ניט ריידען, ארום מיין מאן וועט איהר מיר שוין אויך ניט לאזען ריידען? דיא מאמע זאגט, אז מען האט נאר אסימן אויף אטויטען איז שוין גוט, אונ איך האב טאקע סימנים אויף מיין מאן, ער האט האלט צאלענט, דאס איז געוועז זיין לעבין, שא, וואס לאכט איהר? איהר מיינט דאס איז ליגען? קען איך אייך שווערען, זאל איך אזוא געוועזען.... זאל איך אזוא זוכה זיין אלע מאל התונה צוא האבין מיט אזא מאן אט וויא ער איז געוועזען.... שא אויב איהר ווילט, האב איך איין אנדער סימן ער האט אלם גערעדט קארטאווע, נוא וואס דארפט איהר מעהר? דאס וויסען דאך אללע, דאכט זיך גוטע סימנים... נאר אויף איין זאך בין איך אויף אידם אין כעס, אז בשעת מיר האבין גיגעסען דיא גאלדענע יוך נאך דער חופה, האט ער אויס געלאוועט גאר דיא געדיכטע אונ איך האב געמוזט עסען דיא סיטערע, איך האב געוואלט נעהמען שרייען, האט מיר מיין פעטער נתן צמח דער לאנגט אקניפ אז שיעור דיא נשמה איז בייא מיר ארויס... יע איך האב זיך שוין דער מאנט, דעם שוסטער רופט מען פייטיל אונ זיין ווייב צפורה יענטע זייא ווייגען אין שול גאס.... מיין איך, מען רופט אידם גאר ניט, אונ מען רופט איהר גאר ניט, עס איז גאר ניסט, אזו האט מיר דיא מאמע אנגעזאגט זעהעט איהר וויא איך געדיינק, מען דארף פאלגען אמאמען, אז ניט קנייפט זיא זיך אונ אז זיא קנייפט טהוט אזוא וויא! איהר האט פאר געסען וויא מען רופט פייטיל דעם שוסטער?.

איך האב פאר געסין, איך וויים גאר ניסט, זאגט מיכל, קענסט שוין גיין אהיים אז ניט וועט דיא מאמע מיינען ❀ דוא ביזט פארפאלין געווארין.

אט איך גייא טאקע זאגט יאחנע, טאמער וועט קומען צוא אייך משה יענקל, אדער ער וועט אייך שיקין אלאז געריס, זאלסטו מיר שיקען אנזאגען, וועל איך קומען.

עס איז טאקע גלייכער זאלסט שוין גיין צוא אידם זאגט מיכל, איהר עפענענדיג דיא טהיר.

נוא פעטער, וואס זאגט איהר צוא אזא פלאגע? איצטער זעהעט איהר אז גרונם איז מעהר געשטראפט פאר אייך, אז וויא אייך איז שלעכט זייט איהר גליקליך אנטקעגין גרונעמען, מיט אייער טאכטער איז דאך לכל הפחות אפאר געגען צוא ריידען אונ צוא אונטערהאלטען זיך, נוא יעצט זאגען מיר שוין

גילויבט איז ער אפין פערד וויא מען זאגט, איך פאהר שוין אריבער צו ... ־שער פון דעם קינד צוא רחקע די פוטצמאכערין, איך וועל איהר געבין געלט, וויא פיל זיא וועט בעטין, אז זיא זאל גיין צום רב זאגין, אז זיא האט געהאט אקינד פון משה יענקעלען, אויך וועל איך אריבער פאהרען צוא דער אממע, וועל איהר אויך געבען אמטבע, אז זיא זאל היטען דאס קינד, אדער זיא זאל איהם ברייננען אהער, מיט דיא רייד איז ער ארויס גינאנגען.

22.

וויא א כלי קודש גייט אריין אין דעם צווייטענס לאגע

אין צוויי שטונדען ארום איז געקומען מיכל צו פארין זייער פריילך.

נוא פעטער — זאגט ער — עס איז שוין אלעס גוט, עס איז מיר אן געקומען זייער שווער, איבער הויפט ביי רחקען זיא זאל גיין צום רב זיך מודה זיין וועגין דעם קינד, איך האב איהר געבאטין הונדערט, צוויי הונדערט, קורץ פאר דריי הונדערט איז זיא מרוצה געווארין, די געלט האב איך איין געלייגט מארגין וועט זיא גיין מיט אונז צום רב, דער אממע האב איך אויך געמוזט צו זאגין אפופציגער אז ניט זאגט זיא מוז זיא אוועק געבין דאס קינד דעם ווער עס האט איהר גיגעבין, קורץ פאר געלט מאכט מען אלעס גע־לויבט איז נאט באלד וועט זיין אסוף צו אונזערע צרות, איך בין שוין גיוועין ביין רב, האב איהם דערציילט די גאנצע מעשה וואס דא איז אונ האב איהם גיבעטין ער זאל מארגין זיין דער היים, נוא געלויבט איז גאט מארגין אין דער צייט וועט שוין דבורינקע זיין פרייא פון אלע צרות.

ביא שמואל רויזין אין שטוב איז געווארין אורה ושמחה וששון מען האט קוים דער ווארט מארגעדיגען טאג מיט דער גרעסטין אונגעדולד, נאך האלבין טאג איז שמואל מיט מיכלען אוועק געפארין אויף איין איזוואסציק צו רחל די פוצמאכערין, זיא ווידער האט זיך אויך אוועק גיזעצט אויף איין איזוואסציק אונ איז אוועק געפארין צו דער אם, וועלכע האט גענומען דאס קינד אונ איז מיט איהר צו זאמען אוועק געפארין צום רב, פאר דעם גוטען גראשין טוט זיך אלעס לעבעדיג.

זייא זיינען אלע אריין צום רב, די רביצין האט זייא געהייסין שטיל זיין דען דער רב שלאפט נאך דעם ברית, נוא וואס זאל מען טאן? מען ווארט מען האט אב געווארט א שעה אונ צוויי ער שלאפט אימער אונ אוועק גיין קענען זייא ניט, דען עס האלט ביא אקריטישע צייט וואס דארף זיך ענט־שידען דער גאנצער מזל פון דבורהן, ענדליך אין א שעה ארום איז ער אויף געשטאנען, ער איז ארוים געגאנגען פון זיין צימער לאנגזאם, אונ האט זיך

געריבען

גֶעריבֶּען דִי אויגֶען אִיז זִיךְ גֶעגַאנגֶען לַאנגְזַאם אָב וַואשֶׁן אוּנ הָאט נָאר נִיט גֶעקוּקְט אויף זַייא , מיכל אִיז צוּ גֶעגַאנגֶען אוּנ זָאגְט : רבי ! אָט דָאס זַיינֶען דִי מֶענְשֶׁן וָוענֶין דֶעם אִינְטֶערֶעס וָואס מִיר הָאבֶּין גֶעבֶּעטֶין גִירֶעט .

נוּא וָואס זֶעה ווִילְט אִיהר ?

מַיין טָאכְטֶער אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ חלוצה — זָאגְט שמואל — נָאךְ אִיר מַאן וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּין אָן קִינְדֶער , אִיצְטֶער הָאט מֶען דֶער גַאנְגֶען אַז פוּן אִים אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַקִינְד .

ווִיא הַייסְט עֶס ? — זָאגְט דֶער רב — אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִיט , פוּן אַייעֶר טָאכְטֶער ? אִיהר זָאגְט דָאךְ . . .

נִיט פוּן מַיין טָאכְטֶער — זָאגְט שמואל — נָאר פוּן אַיין אַנְדֶערֶע .

אַזוֹי אַ ממזר ! — גִיט דֶער רב אַגֶעשְׁרֵיי מִיט אַקְווִיץ .

יָע נִיט אַ כשר קִינְד נָאר פוּן חליצה קֶען עֶר דָאךְ פַּטְרִין , אָט אִיז דִי מוּטֶער פוּן דֶעם קִינְד , עֶר הָאט אִיהר פַאר פִירְט עֶר הָאט אִיהר צוּ גֶעזָאגְט חתונה צוּ הָאבֶּין .

אָט דָאס אִיז דִי עזותניצֶע ! — גִיט עֶר ווִידֶער אַגֶעשְׁרֵיי מִיט כעס — דוּא הָאסְט גִילֶעבְּט מִיט אַפְּרֶעמְדִין מַאנְס בִּילְד , אַךְ דוּא הוּלְטַייקֶע שְׁטַייטְס אַזַא עבירה צוּ טָאן , דוּא וֶועסְט דָאךְ קַיין תקומה נִיט הָאבֶּין אויף יֶענֶער וָועלְט , מִיט אַזֶעלְכֶע חטאים בְּרֵיינְגְט מֶען דָאךְ אַלֶע צרות אויף יוּדֶען אוּנ דוּ הָאסְט נָאךְ אַהָאזֶע צוּ קוּמֶען צוּ אַ רב אִין שְׁטוּב , דוּא הוּלְטַייקֶע דוּא אַיינֶע .

רחל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט גֶעצִיטֶערְט ווִיא אַבְּלַאט , אויף דֶער מפלה הָאט זִיא זִיךְ גָאר נִיט גֶערִיכְט .

רבי ! — זָאגְט מיכל — וָואס הָאט אִיהר זִיךְ דָא פַארְנוּמֶען מִיט מוסר ? אִיצְטֶער אִיז נִיט דִי צַייט דֶער צוּ , מִיר זַיינֶען דָאךְ גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אִיר זָאלְט אַרָאבּ נֶעמֶען פוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער קִינְד דֶעם חיוב פוּן חליצה .

אוּנ בַּייא דִיר אִיז רֶעכְט אִיךְ זָאל שְׁווַייגֶען אויף אַזַא נבלה בישראל ! שְׁטַייטְס שְׁטַייטְס ! עֶס וָואלְט גִיוֶוען פַארְצַייטִיגֶע דורות וָואלְטִין אִיהר דָאךְ גֶעדַארְפְט אָב טָאן אַלֶע אַקְטֶען , לָאזִין אִיהר אַלֵיין גֶעבְּטִיגֶען אַפִּין בית עלמין שְׁטֶעלִין אִין קוּנֶע , פִירֶען אִיבֶּערִין שְׁטָאט מִיט אַפּוּיק , שְׁפַּייֶען חְרַאקֶען אִיהר אִין צוּרה , אוּנ אִיצְט בעונותינו הרבים אִיז גָאר נִיסְט דִי תּוֹרה אִיז קַיין תורה נִיט , יוּדִישְׁקַייט קַיין יוּדִישְׁקַייט נִיט , גָאר נִיסְט אוּנ מֶען הָאט נָאךְ אַהָאזֶע צוּ קוּמֶען צוּ אַ רב אִין שְׁטוּב אַ אַ !

זִיא אִיז נִיט אַזוֹי שוּלְדִיג — זָאגְט שמואל — משה יענקל הָאט אִיהר צוּ גֶעזָאגְט חתונה צוּ הָאבֶּין פְלֶעגְט גֵיין אָפְט צוּ אִיהר אוּנ הָאט אִיר פַארְפִירְט .

אַרוֹיס פוּן דַאנֶען עזותניצֶע ! — גִיט דֶער רב אַגֶעשְׁרֵיי — אִיךְ קֶען אַייעֶרֶע רֵייד נִיט הֶערִין אַרוֹיס !

רחל הָאט זִיךְ בֶּעגָאסִין מִיט טְרֶערִין אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנגֶען , אַלֶע

זיינען

זיינען פארציטערט געווארין, מיכל איז גיוועז אין כעס אפער ער האט ניסט גיקענט מאכין ענדליך זאגט ער:

רבי אבער מכח אונזער אינטערעס איז שוין געקאנצעט? איהר ווייסט דאך שוין אז פון איהם איז געבליבען אקינד.

וואו איז די הולטייקע? איך האב דאך פון איהר ניסט גיהערט, טאמר איז אליגען די גאנצע מעשה.

איהר האט דאך איהר ארויס געטריבען וואו זאל איך איהר איצטער נעמען? זיא וועט ניט וועלין גיין איצטער.

איך מוז איהר האבין — זאגט דער רב — אן איהר קען איך גאר ניסט טאן, גייט ברייגנט איהר.

שמואל האט ווייטער גענומען בעטין, טענהן עס העלפט ניט. מיכל איז אוועק ווידער נאך איהר, דעם מאל האט זיא שוין ניט געוואלט גיין, זיא קען אזעלכע בזיונות ניט אריבער טראגין, מיכל האט איהר גיבעטין מיט טרערין אונ האט איר דערלייגט נאך אפופציגער זיא איז קוים מרוצה גיווארין זיא איז אוועק נאך אמאל צום רב.

זאג מיר הולטייקע ווען האכטו געהאט דעם קינד?

אויב איהר נעמט זיך זידלען גייא איך ווייטער אוועק — זאגט רחל.

נוא זאג שוין זאג.

עס איז נאך קיין וואך ניטא — זאגט זיא.

וויא אזוי ביזטו געווארין מיט משה יענקלען בעקאנט?

ער האט מיר איין גירעט ער וועט מיט מיר חתונה האבין, איין מאל האט ער מיר געבראכט וויין האט מיך געצוואונגען איך זאל טרינקען, איך בין געווארין בערוישט.

וואו זייט איהר גיוועז בשעת איהר זייט גיוועז אויף געטראגין?

איך בין גיוועז אויף מיין קוואטיר, נאר ער פלעגט קומען ווען ניט וועט מיר בעזוכען.

דאס איז ניסט! — זאגט דער רב גלייך גילטיג.

וואס איז ניסט? — פרעגט מיכל מיט האסט.

דעם קינד נעם איך ניט אן פאר זיין קינד.

וואס רעט איהר רבי? — האבין אנגעשריי געטאן ביידע שמואל אונ מיכל אונ זיינען געווארין בלייך אונ בלא.

א ממזר וואס זאל פטרין חליצה רעכינט זיך ניט אנדערש שיידען עס זאל זיין ידוע אז די גאנצע ניין חדשים איז ער גיזעסין תפוס מיט איהר אין איין חדר, אז ניט איז זיא ניט בעגלויבט צו זאגין אז דאס קינד איז פון אים.

וויא אדונער האט גינעבין די ווערטער שמואלן אונ מיכלען, זיי האבין זיך אראב געלאזין פון די פים אונ זיינען געבליבען פערבליפט אונ צו טומילט

איינע שרעקליכע שטילע האט גיהערשט אין צימער, זייא זיינען באלד זיס פאלין אין אונמאכט.

לכן מוז זיא געמען חליצה — רופט זיך אב דער רב.

דערמאנט זיך רבי וואס פאר איין אומגליק דאס איז — האט אנגעהויבין מיכל מיט הארץ — איין ברודער פון דעם געשטארבינעם וואונט אין אירקוצק אוויארסט זיבען אכט טויזענד פון דאנען אי דאס ווייס מען ניט צו ער לעבט דער אנדערער איז ערסט אלט א חודש אין איין ערך דארף זיא ווארטין דרייצעהן יאהר, דערמאנט זיך רבי!

רבי — זאגט שמואל — טאמער איז פאראנען א היתר, איהר וועט פארדינען אגרויסע מצוה, אונ איך וועל אייך בעדאנקען מיט אשיינע מתנה.

איך קען ניסט העלפין, ביא יודין איז ניטא קיין צווייא תורות.

רבי טאמער איז מיגלאך עפעם פארט א היתר — האט ווייטער אנגעהויבין שמואל.

גייט גייט — זאגט דער רב — איך האב פאר אייך קיין התירים, גייט זיך צו איין אנדער רב, וואס ווילט איהר פון מיר האבין?

זייא זיינען אוועק פון דארטין גאנץ נידער געשלאגין, אונ זיינען אוועק צו נאך אפאר רבנים, האבין זייא אויך בעקומען די זעלבע אנטווארט, זייא זיינען געקומען אהיים מיט ניסט, אונ אלע הלאפאטין זיינען געווארין צו ניסט אונ דיזע גאנצע האפענונג וואס זייא האבין אויף איהר אזוי געבויט, איז גיסט געווארין.

אז שמואל אונ מיכל זיינען געקומען אהיים, האבין זייא גאלדען אונ דבורה'ן ניט געפונען דער היים, די יודינע האט געזאגט אז זיי זיינען אוועק געגאנגען זיך אביסעל דורך גיין, דען דבורה'ן איז דא געווארין עטוואס איבעל אפין הארצין אונ האט געבראכין, נאר עס איז קיין סכנה ניט עס איז איהר בעסער.

איך ווייס גאר ניט וויא מען הייבט איהר אן צו דער ציילען, אז פון אונזער פלאן אונ פון אונזער האפענונג איז ניסט געווארין — זאגט שמואל, איך קען איהר פראסט גלייך אין די אויגען ניט קוקען וואס זיא צו ליידעט נעבאך, מיין אומגליקליכע דבורינקע.

שא אן גייען זייא שוין גאלדע מיט דבורה'ן, אסור אויב איך ווייס וויא מען הייבט אן צו זאגין אז אלע אונזערע מיהע איז אומזיסט.

עס איז אריין געגאנגען גאלדע אונ דבורה מיט אפרייליכען שמייכיל אויף די ליפען.

23.

דאס קינד אלס רעטער

נוא וואס הערט זיך ? — פרעגט גאלדע ביא שמואלן אריין גייענדיג אין שטוב .

עס איז שלעכט גאלדע — זאגט שמואל — אלע מיטלען פארלארין , איך האב געהאט גרויסע צרות ביז איך האב אלעמען צונויף געפירט ביין רב צום סוף האט דער רב געזאגט אז דעם קינד נעמט ער ניט אן , וואס לאכסטו עפעס גאלדע ? איך פארשטייא ניט , דאכט זיך נאך אזא בשורה איז ניטא וואס צו לאכין .

אז איך וועל דיר זאגין וועסטו אויך לאכין — זאגט גאלדע .

איך פארשטיי ניט , זאג שוין דיינע חלומות אונ קוועל מיך ניט .

עס איז אהאפונג אז אונזער דבורינקע וועט פטור זיין פון חליצה פון יבום פון אלע צרות הע הע — זאגט גאלדע .

וויא אזוי ? — גיבען אפרעג מיט האסט מיכל אונ שמואל.

דבורה וועט שוין האבין איין אייגענעם קינד .

איין אייגענעם קינד ! — גיבען זייא ווידער אגעשריי מיט ענטציקען .

איך האב נאך לייגגער בעמערקט אן דבורהן אזעלכע סמנים אז זיא איז שוואנגער , נאר היינט האב איך מיר שוין איבערצייגט אויף קלאר , זיא איז געבליבען שוואנגער פון משה יענקלען .

געלויבט איז זיין ליבער נאמען ! — האבין ווידער אויס געשריען מיכל אונ שמואל — פטור געווארין פון אלע צרות , איצטער קענען מיר רעכט פריילין זיין , פטור געווארין פון חליצה פטור געווארין פון דער גוטע רייזע נאך סיביר , אונ אם בעסטין וואס מען איז פטור געווארין פון דער וויעדמע פון געבעצקען . אבער איצטער מיין טאכטער — זאגט שמואל — מוזט דו ערסט זעהען זיך צו היטען אז דאס קינד זאל געבארין ווערין אגעזונטער , דען דער דין איז , אויב דוא וועסט ח"ו איהם האבין פאר ניין מאנאטען וועט זיך דאס נאך אלץ ניט רעכינען פאר אקינד ביז נאך דרייסיג טעג פון זיין געבורט .

א — ניט דבורה ווידער אזיפץ — איך האב געמיינט עס איז שוין גאר ערסט נאך ניט , נאך וייטער צרות אונ אלץ איבער די גיזעץ , נוא אבער האט מען אונז פרויענצימער גוטס געטאן אקוראט וויא מיר וואלטין גיוועזן די גרעכטע פרעסטופעניצעס , ווייניג ליידען מיר פרויענצימער פון דער נאטור וואס מיר דארפין געבארין קינדער מיט העלישער קוואל אונ שמערצין , וואס מיר זייגען אונטער ווארפין אזעלכע קראנקהייטען וואס מאנס פערזאנען ווייסען דערפון ניט , וואס מיר דארפין ווידער האדעווען די קינדער מיט שטענדיגער אונרוהע , מיט אנאויפהערליכען ליידען וויא אין אקאטערגע , וואס מען האט

אונז

אונז געמאכט גאנץ אב העננִיג פון דעם מאן אזוי וויא אשקלאפען, ווי דאדורך האט מען אונז גאנץ אב געשוואכט אונ מען האט אונז געמאכט וויא זייא דריקען זיך אוים פאר אצארטעס וועזין, האט מען נאך דאצו אונז ארויף געלייגט אזעלכע גרויזאמע געזעצע, אונ מיר ארימע שוואכע גישעפע דארפין אזוי פיל ליידען!

זיא רעט גאנץ ריכטיג — זאגט מיכל.

זיא רעט גאר ניט ריכטיג — זאגט שמואל — וויא וויל זיא זיין ניט אב העננִיג, אז זיא קען זעלבסט שטענדיג ניט זיין? זיא איז פון דער נאטור זייער שוואך.

וואס קענען מיר עפעס זעלבסט שטענדיג ניט זיין? — זאגט דבורה — ווייניג פרויענצימער זעהען מיר וואס פירען גישעפטין האלטין קראמען פארין מיט סחורה? אונ יענע זיינען טאקע געזונד, די הויז מיידלאך זיינען אלע געזונד אונ שטארק, פאר וואס? ווייל ארבעט אין גישעפט קרעפטיגט דעם מענשין, דיזע זיינען טאקע גליקליך ווייל זייא זיינען זעלבסט שטענדיג אונ אויסטופייען דעם מאנס פערזאן ניט אין קיין זאך, אויך אין בילדונג זעהען מיר די פרויענצימער שטייגען די העכסטע שטופען, מיר זעהען ערצטע אונטער זייא, פערפאסערינען, אין אמעריקע זיינען פרויענצימער סודיאען (ריכטער), ביי אונז האבין זייא שוין אויך גענומען בעטרעטין גרויסע שטעלען, זעהט מען דאך אז דאס פרויענצימער איז פון דער נאטור בענאבט מיט די אלע איינענשאפטען אונ פעהיגקייטען פון דעם מאנס פערזאן, מעהר ניט ביי אונז יודען ווערין זייא נאך אונטער דריקט אזוי וויא אין אזיען, מען האט איהר ארום גיוועבט אונ ארום געפלונטערט מיט אזוי פיל שטיסלענע זאקאנעס, אז זיא קען זיך ניט אקער טאן. מען האט אויף איהר ארויף געלייגט אוואָרט ענונה אוואָרט חליצה, אט פילט זיא זיך דאדורך באנראבין גייט צו גרונדע, עס קען איהר פארשטיין די גרעסטע גליקען אויף דער וועלט, זיא איז אבער געבונדען, אז זיא קען עס ניט דערלאנגען, אט וויא דא איז דער פאך מיט מיר — זאגט ווייטער דבורה מיט הארץ — וויא פיל צרות בין איך דאס אויס געשטאנען איבער דעם וואָרט חליצה, וואס איז? ווייל מען האט מיך געמאכט פאר אין איינענטהום פון א משה יענקלען, דאדורך בין איך ארין געפאלין אין די הענד פון אוויעדמא אונ זיא זעקעוועט זיך איבער מיר פאר גאר ניסט, מעהר ניט ווייל איך בין אפרויענצימער, אונ היינטיגען טאג, אז עס האט זיך גיעפינט פאר מיר אשטיקעלע האפונג לויז צו ווערין פון דעם גרויזאמען וואָרט חליצה, נאדיר! בין איך נאך פאר פלונטערט, אז ביז דרייסיג טעג נאך דער געבורט בין איך נאך ניט זיכער מיט מיינער פרייהייט א ארימעס פרויענצימער וויא בעדויערינס ווערט ביזטו אויף דער וועלט! איין נוטע איין ריכטונג איז נאך פאראנען ביי יודען דאס איז גוט, דיא קייטען פון דער חתונה זיינען ניט אויף אייביג געבונדען, ווען מאן אונ פרוי

קענען זיך ניט שטימען זא קענען זייא זיך פאנאנדער גיין, אבער דא וואר אויך ניט געמיינט א טובה פאר דאס פרויענצימער ח"ו, דא האט מען נור געמיינט צו געבין אלע פרייהייטען דעם מאנס פערזאן, אז ווען איהם גיפעלט אייניע אנדערע קען ער דיזע גטן אונ נעמען זיך איין אנדערע האטס פאר די ערסטע איז דאס גרעסטע אומגליק, נאר דערצו האבין זיך געפונען גרויסע רבנים וואס האבין צו גיזעהען די גרויסע צרות וואס דער פון קומט ארויס, האבין זייא פון מיט לייד איין געשטעלט אז קיין גט זאל ניט גישעהען אן די מאגלאסיע פון דעם פרויענצימער.

זיא רעט זייער פערניפטיג — זאגט מיכל.

יע יע! — זאגט שמואל — נאר וואס דארפין מיר אלע טענות? גאט צו דאנקען פטור געווארין פון דעם זיסען מסחר.

בייא שמואל דבורה מאריאשעס איז שוין געווארין רעכט פריילין אין שטוב, עס איז שוין אוועק די טרויעריגע וואלקען וואס האבין גישוועבט אין זיין הויז אלע זייגען געווארין הייטער מונטער, שמואל אונ גאלדע האבין שוין פעסט געזעצט וויא דבורה וועט נאר מיט מזל איבער קומען זאל מען איהר חתונה מאכין מיט מיכלען, מיכל אונ דבורה האבין זיך שוין בעטראכט פאר חתן אונ כלה, דבורה האט גענומען שיינען עס איז שוין ניטא די אונ-מוטהיגע פארטרויערטע פארצאגטע פארוויינטע דבורה, זיא איז געווארין שיין וויא די זון, אזייצענדער פורפור האט גענומען שפילען אויף איהרע באקין די אויגען ווארין הייטער, זיא פלעגט אימער זינגען לאכען, פלעגט שטונדען וויים ארום גיין מיט איהר חתן מיכלען, פלעגין אימער ריידען פון זייער קינפטיגען גליק.

24.

אויף דעם וועג צום גליק

עס איז פאר איבער געלאפין וואכין אונ מאנאטין די אבסטאיאטעלסט-וועס בייא שמואל רויזען אין שטוב האבין זיך ניט גיענדערט, איין מאל עס גייט צום גוטען, מיכל וואס וואר בעטראכטעט אין הויז פאר דבורהס חתן, וואר אונטער דער צייט אוועק געפארין געשעפטס האלבער, האט זיך מיט ד־ורהן זייער ליבע פאל קארעספאנדירט, האט געמאכט גוטע געשעפטע אונ איז געקומען צו פארין אין פינף מאנאטין ארום נאך די פאר געשריבענע בעגעבינהייטען, דער גענענשטאנד פון זייער פריידע האט זיך געלאזט הערין

אונ

און פילען, צו דיזעם פאל און אויך צו דעם אנקומען פון מיכל גוטמאן האט שמואל געמאכט איין אבענד, האט פארבעטין זיינע אייגענטימע פריינד, מען האט זיך געוואונשען גוטעס, און יעדער האט פערשטאנען אז דיזער אבענד איז איין ארט תנאים צווישען מיכלען און דבורהן, האטש מען האט דאס ניט ארויס געזאגט.

אויף מארגין איז מיכל מיט דבורהן אויס געקומען צו זיין אליין אין שטוב, דען שמואל איז גיוועזן אוועק געגאנגען געשעפטס האלבער און נאלדע איז אוועק מאכען פאקופקעס וואס האט זיך געפאדערט צו דען פארשטעה-ענדין פריידענטאגען, וואס בעלאנגט אן קליידער און עסענזאכען.

נוא וואס! מיין ליבע — רופט ער זיך אב צו דבורהן איהר קוקענדיג מילד אין געזיכט וועלכעס האט געשיינט פון ליבע און גליקזעליגקייט, זעסטו דבורינקע וואס פאר א גוטען גאט מיר האבין, ער האט אונז ארויס געפירט מאפילה לאור גדול, האט אונז בעפרייט פון אזוי פיל אומגליקען און איבער הויפט פון דער וויעדמע, זעהסטו מיין לעבין דוא האסט זיך גיוועלט וויפיל מאל דאס לעבין נעמען, מען דארף זיך קיין מאל ניט פערצווייפלען די האפנונג קיין מאל ניט פערלירען, מען ליידעט מעהר ניט ביז אצייט נאך דעם באצאלט ער מיט דער פולער האנד.

יע יע — זאגט דבורה — אבער דוא ווייסט דאך אין וואס פאר אלאגע איך בין גיוועזן, אז מען האלט אגליק אין האנד מוז מען איהם ארויס לאזין, א וויא פירכטערליך עס פלעגט מיך קוועלין דער געדאנק אז דיך מיין ליבען קוזין מיין לעבין מוז איך פארלירען איבער די גיזעצע, דיך מיין טרייסט האב איך ניט גיקענט ערדייבען, איך וואלט דאס ניט אויס האלטען, וואלט איך ניט שטארבין פון זעלבסט מארד, וואלט איך געוויס שטארבין פון אנגסט און פון הערצינלייד.

א וואס פאר אנגעפיל פאלעס וועזין דו ביזט — זאגט מיכל איהר הערצליך אום ארעמענדיג — איך האב זיך אויף דיר דאס ניט געריכט אז דוא זאלסט זיין אזוי צו ליבע געשאפין, א ווארום האב איך דאס פריער ניט גע-וואוסט? איך וואלט שוין אלעס אויף דער וועלט אויף געאפפערט אום ניט צו צו לאזין דער פאטער זאל דיך בריינגען פאר איין אפפער דעם טויגעניכץ איך מעג דיר זאגין דבורינקע אז איך האב דיך געליבט נאך ביי דער ערסטין ענטוויקלונג מיינער געפיהלע, דיין שיינהייט דיין כאראקטער דיין בענעהמען אלעס איז אין דיר ליבענס ווערט, איך האב מיר אימער געזאגט אז ליבען קען מען נור אזא וועזין וויא דוא ביזט און אויסער דיר האב איך ניט פאר שטאנען ועמען מען קען ליבען, און...

גענוג גענוג — זאגט דבורה מיט אשמייכעל איהם פאר שטעלענדיג דאס מויל — אז איך וואלט דאס הערין פון איין אנדערין וואלט איך מיינען דאס איז קאמפלימענטין, נאר דיך מיכל קען איך אז דוא ביזט ניט שפאסבנע

דער

דער צו, פון דעסט וועגן קלער איך אז דער געגענשטאנד פון דיין ליבע איז היינט אין דיינע אויגען ניט אזוי הויך וויא אמאל.

וויא הייסט עס? איך פארשטיי ניט — זאגט ער צו קאכט — וואס קען דיך ברייננגען צו אזעלכע געדאנקען?

גאנץ איינפאך — זאגט זיא מיט אביטערין זיפץ — דאס וואס דו רופסט אן בלומע האט שוין איבער געבליהט זיא איז שוין אב געפליקט, עס איז מעהר ניט געבליבען פון איהר דאס אנדענקען אליין.

דוא קוועלסט מיך מיט דיינע רייד דבורה, איך פארשטיי ניט וואס דו זאגסט.

די קוזינע וואס דוא ליבסט איז היינטיגען טאג איין אלמנה און מיט אקינד.

דוא זאלסט דאס זאגן דבורה — גיט ער אנגעשריי איהר נעמענדיג פארן האנד מיט האסט — דוא האסט מיך בעליידיגט דבורה דוא האסט מיך מיט דעם ווארט אן גערופען אויס וואורף און מערדער, א איך האלט ניט אויס! דוא זאלסט מיך אזוי בעליידיגען מיך האלטען פאר אזא מענשין, קען מען זובען פלעקין אויף דער זון? קען מען טאדלען דעם האראקטער פון איין ענגיל אזוי קען איך זובען אין דיר א חסרון דבורה, און דאס קינד רעדין איך פאר קערט פאר ארעטונגס מיטעל, דורך וועלבעס מיר קענען דערלאנגען צו אונזער גליק א דבורה דבורה דוא זאלסט מיך אזוי פיל בעליידיגען!

נוא פערצייהע מיר ליבער מיכל — זאגט זיא איהם אום ארעמענדיג — איך האב שוין נענוג געליטען אויף מיין וועלט, מאך מיר ניט אן קיין הארץ וויטאג.

נוא איך פערצייהע דיר ליבע דבורה, אבער ווייטער זאלסט זיך היטען מיר פון אונטרייהייט פארוויורפע צו מאכין, דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלין וויא טרייא און וויא ליב איך האב דיר.

זעהסטו — זאגט זיא — אט דער מיט בעליידיגסט דוא שוין מיך וואס דוא זאגסט, איך קען זיך ניט פאר שטעלין, ניט שוין מיינסט דוא אז מיין הארץ איז ניט פעהיג צו ליבען אזוי וויא דוא? ניין מיכל דיינע ליבע שפינעלט זיך אב אין מיין הארצין, מיר ליבען זיך איניגסט און מיר זיינען גאנץ געשאפין איינע פיר די אנדערע.

א — זאגט ער — ווארום האסטו מיר דיינע געפיהלע פריער ניט ענט־דעקט? ווארום האסטו מיר מיינע אויגען ניט ניעפינט? וויא גליקליך מיר וואלטין דאס גיוועזין, וואס פאר אשיינע זון עס וואלט דאס אויף געשיינט אויף אונזער הארציאנט.

יא יא — זאגט זיא — אונזער שעמען זיך האט אויף אונז פיל אום גליקען געבראכט, פריער די חתונה וואס וואר פאר מיר אבעגרעבענים, און נאכהער משה יענקלם שטארבען וואס האט מיר טיטולירט מיט דעם נאמען חלוצה

חלוצה, איך וואר ביי דעם קראקאדיל אין מויל, זיא מיין גוטע שוויגער האט זיך שוין געמאכט צום גישעפט צו צאפען פון אונז געלט ביז די דריי־צעהן יאהר פון איהר גרשולען, זיא האט שוין איינינע מאל געשיקט בעטין געלט מיט דער שטראסונאק אז ניט וועל איך אין 13 יאהר ארום קיין חליצה ניט קריגען, א בעטין געלט פאר דיזען לאנגזאמען טויט!

דאס וואר נתן צמחס אינסטריקציאן (לעהרע) — זאגט מיכל — נאר איך האב איהם שוין דאכט זיך פון וועג אוועק גערוימט, ער וועט שוין אונז מעהר ניט בעאונרוהיגען.

וויא אזוי? — פרעגט זיא.

דער נתן צמח איז אגרויסער אוים וואורף, ער האט אויף זיך פול אונגלאוונע דיעלעס אונ דא אין אונזער זאך האט ער אונז זייער פיל שלעכץ געטאן, וויא איך האב דיר שוין ערציילט, פון אנפאנג האב איך איהם פער־צייהעט ווייל איך האב געמיינט ער וועט שוין ווערין בעסער, ערסט איך האב אקוק געטאן ער האט נאך ניט אויף גיהערט זיינע מעשיות, אין דער מעשה פון רחקעס קינד האט ער אונז אויך קיין גוטס ניט צו געטאן, זא האב איך אויף איהם דאנאסירט, געזוכט האט מען איהם פריער וויא מיט ליכט איצטער קלער איך האט מען איהם געמוזט געפינען אונ פאר פאקען, ווארום ער זעהט זיך שוין ניט מעהר דא היא, איך האב איהם נאך געשפירט.

א וואסערע מענשין עס גייען ארום צווישען אונז! ווער וואלט זאגען אז אונטער דיזער פרומע הילע געפינט זיך אזוי פיל מערדעריי!

דאס איז קיין נייס ניט, אונ וועגין דעם איז גאר ניטא וואס צו ריידען — זאגט ער — נאר געלויבט איז זיין נאמען מיר זיינען פון איהם לויז געווארין געבעצקע אן איהם קען גאר ניסט טאן.

איז וויא מיינסטו? זיינען מיר שוין אויף דעם וועג פון אונזער גליק? — פרעגט זיא.

דאס הייסט — זאגט ער — אויף דעם וועג זיינען מיר געוויס אונ מיר האפין אז דער גוטער גאט וועט אונז דורך טראגין גליקליך.

א איך בין אזוי זיין געשראקין פון צרות — זאגט זיא מיט אזיפץ — אז איך גלויב נאך איצטער אויך ניט, דער אויבערשטער וויים צו וועט דיא געבורט צו גיין בלאהאפאלוצנע, צו וועט זיין צו דער צייט אונ צו וועט דאס קינד זיין אגעזונטער.

לאז זיך ניט אריין אין דיזע שרעקליכע געדאנקען דבורינקע, זאגט ער.

א מיר האט עפעס אשטאך געטאן אין הארצען, מיר דאכט אז די שוויגער איז דא פארביי געגאנגען.

וויא קומט זיא דא אין דער נאס? — פרעגט מיכל פערוואונדערט.

25.

דיא שלאנג אונ דער קראקאדיל מאבין גישעפט

עס האט זיך געפינט די מיר עס איז אביין איודענע אשוואַרצע, אין איין אטלעסענעם בורנאס מיט אפאציילע צו געדעקט. דאס וואר נעכע, דיא צוויי געליבטע זיינען געבליבען צומיסט, וויא אדונער וואלט זייא געטראפין זייא זיינען איינינע מינוטען געבליבען אונבעוועגליך אונ האבין ניט געוואוסט וואס צו טאן.

גוט מארגין אייך קינדערליך — זאגט נעכע מיט אשמייכיל — אגוטער פריינד איז אלע מאל אגוטער פריינד, איך האב דערהערט דבורהלע פון דער פרייליכע בשורה אט בין איך דאס געקומען אייך מז"ט געבין, דער אויבערס־טער זאל געבין מיט מזל אונ מיט גליק אויף לאנגע יאהר דאס קינד זאל געדייען וויא אשלייען.

מיכל איז געווארין בלא פון וואוטה אונ האט געזאגט דבורהן אפין אויער אז ער וויל איהר ארויס ווארפין. לאז זיין — זאגט זיא — עס פאסט ניט פאר אונז.

איך האב דערהערט די פרייליכע בשורה — זאגט ווייטער נעכע — בין איך טאקע פראסט לעבענדיג געווארין פון שמחה, ערשטין דעם אמת זאגענ־דיג, פרייא איך זיך טאקע מיט דעם אייניקעל, אז מיין קינד איז געשטארבין נאט איז נירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט מסתמא איז מיר אזוי בעשערט אט האט מיר דער וואס לעבט אייביג צו געשיקט א במקום, לאס איך האין האבין נחמה אן דעם קינד, איין אייניקעל איז דאך אויך די זעלביגע זאך וואס אזון, זיין קדיש שלעפט אויך ארויס פון שיווע דרורע גען (שבעה מדורי גהינום) אקליינינקייט! אונ ווייטער וויא זאגט מען עפעס: פערעץ קינים בנים (תפארת זקנים בני בנים) וויא איך וויים ניט אזוי וועט דאס מיר ניט שאטין, אז מען האט אברודער א רב אונ דעם אנדערין א שוחט הערט מען זיך אן תורה ווערטער, יע מחשבותן מילא בכן? איך פרייא זיך טאקע אויך וואס דוא מיין דבורהלע ביזט פטור געווארין פון די חליצה. א עס איז א גוטער מאכל פאר אונזערע ווייבערלאך אב צו פינסטערין אוועלט פון אזעלכע צרות, איך פרייא זיך טאקע זייער דער מיט, אונ ווייטער דבורהלע וואס דוא האסט געהאט פון מיר אביסעל נעפריאטנאסט, וויא מען זאגט ווייסטו דאך מיין קינד, קיין יוד זאל ניט צו קומען צו מיין הארצין, אז מען ווערט אן אקינד נאך אזא קינד ווי מיין משה יענקעלע לאוועס נאבעל (עליו השלום) איז טאקע די הארץ פאר צאגט אונ פאר קלאגט, מען איז ביין ניט ווילענדיג מע רעט זיך טאקע אויס אמאל אווארט עפעס ניט אזוי מען איז דאך מעהר ניט וויא זאגט מען דאס? אבצער דלאן א (בשר ודם) שטיינס נעזאגט! מילא

לאקאל פנים (על כל פנים) בין איך דאס געקומען, מיין ליבע שנירעלע דיר איבער בעטין זאלסט ניט נעמען פאר אום גוט, וואס איך האב ווען עס איז ניט ווילענדיג זיך עפעס ארויס גירעט ניט אזוי, אבער מיין הארץ גאט ווייס דעם אמת, איז טאקע צו געבונדען צו דיר וויא צו איין אייגען קינד, אט בין איך דאס געקומען צו לויפען אהער, ווארום וויא די מעשה איז אייער שמחה איז מיין שמחה, וואס זאלין מיר זיך דא נארין? הערסטו דבורהלע דא איז דורך געפארין דער קדר, האב איך מסתמא קיין געלט ניט געזאלעוועט בין אוועק געלאפין צו איהם און האב איין געקויפט אלע נייטיגע זאכין, אט האב איך געבראכט עטליכע קמיעות זייער גוטע, און אט איז צוויא דרייא סארטין גראזען אז דוא זאלסט טרינקען צוויי מאל אטאג, וועסטו מיט דעם וואס לעבט אייביג זיין הילף גוט איבער קומען און דאס קינד וועט מירצעסעם (אי"ה) געדייען.

מיט די רייד האט זיא פאנאנדער געלייגט אפען טיש אפעקיל וואס זיא האט געהאלטין אונטערין ארעם — אט איז אייך — זאגט זיא ווייטער — ווינדעלאך צוויקעלאך העמדעלאך הייבעלאך, אלץ וואס מען דארף האבין, זעהסטו מיין קינד וויא איך האב אלץ פאר זארגט פאר דיר, אז עס וועט קומען די מזלדיגע שעה זאלסטו מיר מאנעסעם (למען השם) לאזין זאגין וועל איך אביסעל רייסען די הימלען פאר דיר גיסען טרערין און דער אויבערסטער וועט צו הערין מיין גיבעט.

גוואלד — זאגט מיכל דבורהן אפען אויער — לאז מיר איהר אנפראס-קענען איך קען איהרע רייד ניט הערין, זיא וועט מסתמא באלד אוועק גיין — זאגט דבורה — לאז זיין.

און ווייטער וועל איך בעטין גאט, אייער שידוך זאל אליהו הנביא (עולה ליפה) זיין — זאגט ווייטער נעכע מיט אגיפטיגען שמייכעל — איך פר-שטייא, איך האב פארשטאנען אז דער שוועסטער קינד איז דיין חתן, און עס פאסט זיך טאקע אויך, לאז זיין מיט מזל און מיט גליק און אויף לאנגע יאהר, כיר איז א הידוש וואס איהר האט פריער ניט התונה געהאט, נאר וואס איז די נפקא מינא? מען קען דאך אזוי אויך זיין גוטע פריינד, הע הע! דא האט זיך מיכל ניט גיקענט איין האלטען און האט ביי דבורהן גיסט גיפרעגט, און האט נעכען דערלאנגט צוויי פעץ, אשטויס אין רוקען און האט אנגעשריי געטאן:

ארויס גיפטיגע שלאנג! ביזט געקומען אהער עפעס וואס אויס פארשין וויא אונז ווייטער אין איין אומגליק צו טרייבען, אייערע גראז איז געוויס סם צו פאר סמען איהר אדער דעם קינד, נאט אייך אייערע טובות, מיט די רייד האט ער אויף איהר ארויף געווארפין די העמדלאך מיט די גראז.

אגוטען טאג קינדערליך — זאגט נעכע — אז איהר פארשטייט ניט קיין

גוטס ווער איז אייך שולדיג ? איך האב אויף אייך קיין פאראיבעל ניט פון דעסט וועגין זייט געזונט.

זיא איז ארויס געגאנגען פון שטוב קריצענדיג מיט די ציינער און איז געקומען צו לויפען אהיים בלא און שווארץ פון וואוטה, דארטין האט שוין נתן צמח אויף איהר געווארט.

נוא וואס ? — פרעגט ער — איך זעה אויף דיין צורה אז זייא האבין דיר ניט אנגענומען פאר אגוטען נאכט, הא ?

זייא האבין פארשטאנען אליין זאג איך דיר, דער מיכקע אין דער ערד זאל ער גיין האט מיר אליין געזאגט: איך פארשטיי אז די גראז איז סם צו פאר סמען דעם קינד, און איהר קומט אהער עפעס אויס צו פארשין.

מסתמא האסטו געפלוידערט ניט געשטויגען און ניט געפלויגען — זאגט נתן צמח.

איך האב גירעט אלין וויא דוא האסט מיר אנגעזאגט, אלין גוטינקע זיסינקע ריידעלאך און האב זיך פאר ענטפערט, אז וואס איך בין יעמאלט גיוועזן ניט גוט, איז ווייל די הארץ איז מיר גיוועזן פארביטערט. איצטער איז אלין אין דער ערד איך וועל שוין אין זייער שטוב ניט קענען אריין גיין וועל איך שוין גאר ניסט קענען אויף טאן, זיא וועט זיך האבין אין שווארץ יארין אקינד וועט פטור ווערין פון חליצה, מיר וועלין קיין דאחאד ניט האבין און מיר וועלין נאך דארפין קוקען וויא מיכקע מיט די מרשעת מיט דבורעצקען לעבין אגוטען טאג, נאדיר נתן צמח אקלוגער ברודער און קען זיך קיין עצה ניט געבין, איך וועל דאך לאפגען פון יסורים, אז מיין גרעסטער שונא זאל האבין אזוי אויס געפירט.

אשלעכטע מעשה — זאגט נתן צמח קוועצענדיג מיט די ליפען און קראצענדיג זיך אין קארק — איך האב זיך גיוועלט איצטער אב רעכינען מיט זייא, איבער הויפט מיט דעם מיכקען וואס האט מיך אזוי פיל געגראבין, דער מאן זיך וואס דער יונג האט מיר געטאן: די שדכנות פון דעם שידוך מיט זארע ראזענבערג האב איך אנגעווארין, א חלק פון די חליצה זאלאוואנע האב איך אנגעווארין, היינט נאך מעהר פאר אלעם האט ער דער פארך מיר געמכרט און איך האב געמוזט מאכין פליטה, מען זוכט מיר וויא מיט ליכט, אויף דיזער וועלט האב איך שוין געווים קיין ארט ניט, וואו זאל איך מיך פארט אהין טאן ? לויפען אין איין אנדער שטאט בין איך אויך ניט זיכער און פון וואס לעבט מען ? א דער יונג האט מיר גענוג געקוילעט, אבער איך מוז זיך מיט איהם אב רעכינען, ניסקאשע נתן צמחס מוח איז ניט אויס געדארט שא נעכע עם איז דא אפלאן און אוואולער וויא איך בין איוד ! הה ה !

נוא זאג מיר שוין וואס דוא לאכסט נתן צמח וועל איך אויך לאכין.

דוא קענסט נעלע יוכבד קאפיל דעם סאלדאטס ווייב ?

וויא הייסט עס צו קען איך איהר ? — זאגט נעכע — איך בין שוין

עטליכע

עטליכע מאל געגאנגען מיט איהר אויס קלייבען פאר ארעמע כלות, פלעג מיט איהר פעלד מעכטין, זיא איז אגאנצין גאטס פארכטיגע יודינע, זיא גייט אלע טאג דאבנען אין שול עס מיגן זיין די גרעסטע מאטעלניצע אויף דרויסען.

אלזא — זאגט נתן צמח — וויא די מעשה איז דער פון נעמט מען ארויס אז געלע יוכבד איז איין ערליכע יודינע, זאג מיר נעכע וואס איז איהר פרנסה?

דוא ווייסט גאר ניט? — זאגט נעכע — זיא האנדעלט מיט גענז, מיט פעדערין איז אמאל אווארטערין ביי אקינפעטארין.

אט דאס מיין איך — זאגט ער — איך דארף טאקע האבין זיא זאל זיין אווארטערין ביא דבורקען פארשטייסטו נעכע? אונ ווייטער וואס האסטו מיר פאר געסין צו זאגין אז זיא האנדעלט אונטער מיט לינקע סחורה, ווארום מען האט ניט איין מאל געמאכט ביי איהר איין אביסק, אונ מען האט ב"ה געפונען די געגנבעטע זאכין? וואס האסטו פאר געסין צו זאגין אז זיא אדער דער מאן איז אפט מאל אחאדאטיי פאר מענשין וואס זיצען אין טורמע אז זיא אדער דער מאן זיינען אפט עדות אין סוד, דאס הייסט ווער עס דינגט זייא יענעמס צד האלטען זייא, אז די געלט וואס זיא קלייבט אויס, לאזט זיא אראב אין קעשינע אונ דיא ארימע כלה קריגט מעהר ניט אפאר קללות מיט זידלערייא אונ גענוג, אונ נאך זאכין, אונ נאך זאכין — זאגט ער מיט אשמייכיל.

פטור — זאגט נעכע — מאלע וואס מען זאגט! זיא איז פון דעמט וועגין איין ערליכע יודינע: וואס זיא חאדאטייסטעוועט פאר ארעסטאנטען, וואס זיא זאגט עדות, דאס טוט זיא אלין פון מצוה וועגין עס איז דאך א רחמנות אויף דעם וואס זיצט, אונ וואס מען געפינט ביי איהר זאכין געגנבעטע דאס טוט זיא איינגענטליך דער מיט א טובה דעם איינגענטהימער, דען יענער ווייס אז פאר עטליכע רובל קריגט ער די זאכין צוריק.

קורץ נעכע אט אזא מין ערליכע יודינע דארפין מיר האבין, גייא זיך אריבער נאך איהר, איך וועל שוין מיט איהר דורך ריידען דעם ענין וואס אונ ווען, אונ עס וועט זיין רעכט אי"ה, ערסטין דארפין איהר טאקע בעפרידיגען ארענטליך, דוא הערסט נעכע, דען אן געלט וועט עס ניט גיין, נאר דאס וועט זיין אויף שמואלס אדער מיכקעס רעכנונג, ניסקאשע זיי זיינען ניט קראנק צו בעצאלין, הה ה! די מעשה איז דאך אזוי מען הארעוועט פאר זיי דארפין זיי בעצאלין, אונ צווייטען פארשטייסטו מיך וועל איך דא איין וויקלען א מצוה פון חליצה, אקליינינקייט א מצוה! לכן אב צו טאן אזאך, וואס זאל זיך אויס לאזין א מצוה, וואס דוא וועסט איהר בעזונדער בעצאלין אונ דארטין וועט זיך מהיכי תיתי אויך צו קלעפין אגראשין, וועט געלע יוכבד געוויס מרוצה ווערין, אונ זיא וועט אב ארבעטין אזאך קיילעכדיג, נאר דאס זאג איך דיר אן נעכע קיינער זאל זיך ניט מארקען, אז דוא ביזט מיט איהר

אשטיקעל

אשטיקעל שייכות , אז מיכקע דער פארך וועט זיך דער וויסען וועט זיך אויס לאזין פון אלע אונזערע ארבעט אציבעלע .

נעבע האט גלייך אריבער געשיקט נאך גנעלע יוכבדן , זיא איז גלייך געקומען , נתן צמח האט מיט איהר גענומען קנעלין , זיא האט מבין גיוועען דעם גאנצען ענין אויף קלאר , זיא איז ארוים פון נעבען פריילינך מיט אדרייא רובילדיגען אונ מיט אגאנצען פלאן דייסטווי .

אין איינינע וואכין ארום איז גנעלע יוכבד געווארין איין איינגייערין ביי שמואל דבורה מאריאשעס אין שטוב .

26.

דער טייוועל רויבט אוועקדאס קינד

גנעלע יוכבדס מאן קאפיל וואר איין אוים געדינטער סאלדאט אניקאלאיעווס־קער , האט זיך גילעבט מיט וואס גאט האט גיגעבין אמאל אסארסיר , אמאל איין עדות , וואס ער איז קיין מאל דער ביא ניט גיוועזען , וויא מיר האבין אויבין געזאגט , ליגקע סחורה פלעגט מען אלע מאל געפינען ביא איהם אדער דורך זיינע פערמיטלונג , דאס רוב פלעגט ער זיך ניט פוילין צוא מאכין אליין אשטיקיל ארבייט , דאס הייסט קריכען דורך אפענסטער אונ נעהמען זאכען ניט געפרעגטערהייט , דען וואס האט מען גיקענט זאגין אויף איהם .

קיין טרום איז ער געווים ניט געוועזען , אונ פלעגט זיך מקיים זיין דיא מצוה השבת אבידה זייער ערליך , דאס הייסט אז מען פלעגט איהם באצאלען , פלעגט זיין ראיעל , איז גיוועזן זייער פרום : וואו אמגיד אחזן פלעגט ער זיך איין געפונען פלעגט זאגען סאכען תהילים . הייגט האט ער געהאט נאך אמעלה , אז ווען אאידינע האט גידארפט פאהרען אין ראסייא , וואו אידין איז פאר באטען צוא זיין , פלעגט ער געבען אפאס בודטא זיא איז זיין ווייב , אונ פלעגט ניט זאלעווען צוא געבען חאטש צוואנציג פעסער אויף אמאל , דען באמת וואס זאל ער זאלעווען אשטיקעל פאפיר , אז מען גיט דער פאר אפינף צו אצעהענרובילדיגען , דען וויא מיר ווייסען וואר ער קיין טרום ניט , אונ האט גאר ניט מורא געהאט , טאמער וועט מען חאפען עטליכע ווייבער אויף אמאל .

זיין ווייב גנעלע יוכבד וויא מיר ווייסען האט זיך מיט איהם שטארק געשטימט , אויסער דיא פאר׳הער געשריבענע מעלות איהרע פלעגט זיא גוט אוים ווארפען אין קארטען אונ ביא אגניבה פלעגט זיא דאס רוב טרעפין , דאס הייסט ניט דעם גנב , דערוויף איז זיא אחברעטע אגוטען ברודער ניט צוא פארשיטען , נאר זיא פלעגט זאגין אז פאר דיא אונ דיא סומע קריגט יענער זיין גניבה צוריק , אונ דאס פלעגט זיין ריכטיג , פון איהרע מצות האבין מיר שוין ערפאהרען פון נתן צמחס

געשפרעך

געשפרעך מיט נעכע, אין שטאדט איז זיא געוועזן מעהר באקאנט דורך איהרע מעלות איידער דיא חסרונות, דען זיא האט געקענט דיא חסרונות זייער גוט פאר דעקען, אונ דאדורך איז זיא געוועזן אין שטאדט פאר נאנט פאר גאלע יוכבד דיא בעל צדקניות אדער וויא אנדערע פלעגן זיך אויס דריקען, דיא בעל מצוואטניצע איבער הויפט איז זיא געוועזן אוואר׳טערין אמאמטערצע, זיא האט געהאט זייער אנגלאטין צונג פלעגט דער ציילען זייער שוין אמעשה פון כשוף, פון בעלי שמות פון קדרים, אונ דיא ווייבער פלעגין געדרייען הערענדיג, זיא האבין איהר זייער האלט געהאט אונ פון אלע איהרע געשעפטין פלעגט זיא זעהען נאר דעם מאגען ניט קאלע צוא מאכען.

גאלע יוכבד, וויא מיר האבין אויבען דער מאנט, איז געוואר׳ען איין גייערקע ביא שמואל רויזען, אונ דאס איז איהר געוועזן גאנץ לייכט, זיא האט דעם ערסטען מאל אריין געטראגען אפאר גרייליקע הינער אונ האט זיא פאר קויפט זייער סחאדנע אין אוואך ארום האט זיא געבראכט נאך אפאר הינער אונ האט געזאגט, אז עס איז פאראנגען איין ארט, וואו מען קען קריגען פעדערין הייליע פוך זייער וואלוויל, וויל יענער פאהרט ארויס, פעדערין האט טאקע גאלדע געדארפט האבין, דען מען וועט דאך באלד דארפען שפילען חתונה פון דבורהן מיט מיכלען, אונ איהר גאנצע גאב, וויים מען דאך, איז געבליבען ביא נעכען, אט אזו איז זיא זיך געוואורין ביי זייא וויא מען זאגט אהויז פריינדין, דען וויא נעמט מען ניט אן פריינדליך אמענשען, וואס ברייננט גוטע סחורה אונ פארקויפט אזו וואלוועל? גאלע יוכבד פלעגט זיך דער ווייליע אויך גוט פאר דינען, דען איהר פלעגט דיא סחורה גאר ניסט קאסטען וויא מיר האבין אויבען געזאגט, איז דאך וויא פיל מען געמט הייליע פרנסה, דער ווייליע זייענדיג אין שטוב פלעגט זיא זיך דער ציילין אמעשה, אז גאלדע מיט איהר שכנות פלעגין לעקין דיא פינגער אין דיא רייד פלעגט זיא אויס באטלען בייזע חלומות צוא נעכעצקעס קאפף, אונ דאדורך פארשטייט זיך שוין, איז איהרע רעפוטאציאן (שיינער בערוף) אין שמואלס הויז זייער געשטיגען, דיא וואכין גייען פארוועדטס, זיא איז פון טאג אלס מעהר איינגייערקע אונ וואס ווייטער האט זיא זיך מעהר בעליבט געמאכט, זיא האט געבעטין מען זאל איר נעהמען פר אוואר׳טערין, האט מען איהר מסתמא צו געזאגט, פאר וואס ניט? אגעניטע וואס איזשייך? איז מסתמא בעסער פאר ניט אגעניטע אונ דער צוא אזא טרייעס מענש וויא זיא איז, מיכל גוטמאן האט אפילו וויפיל מאל געזאגט, אז זיא געפעלט איהם ניט, נאר דבורה אונ גאלדע ווארען אזוא גוט אז זייא האבין איהר ניט געקענט אבזאגען, דען זיא האט זיך פאר זייא געקלאגט אז איהר. מאן האט איצטער קיין פרנסה ניט, דער יקרות איז גרויס, מען דארף קינדער געבין אין חדר, אלזא פלעגין זייא איהר זייער מקרב זיין אונ נאזונאצעט פאר אוואר׳טערין.

עס איז געקומען דיא צייט ווען משה יענקעלעס נאסלעדניק האט געזאלט קומען אויף דער וועלט, דא האט מען געהאט זייער פיל צוא טאן, דען אויסער

וואס ער איז טייער וויא אקינד, איז ער דאך דער גאנצער זאלאג פון דבורהם לעבין פון מיכלם לעבין און פון דעם גאנצען הויז שמואלס, מען האט פאר בעטען איין דאקטער איין אקושער און אויך איינע אקושערין, וועלכע האבין אייגענטליך ניט געהאט וואס צוא טאן, דען דיא געבורט איז צוא געגאנגען ניט זייער שווער חאטש עס וואר צוא ענדע זיבעטען מאנאט, זיא האט געהאט אשרעק פון איהר שוויגער, גייענדיג אמאל פון אבינד און דאס האט פאר אורזאכט, וואס זיא האט ניט גיהאט צוא פאלע 9 חדשים, דאס קינד וואר געזונד און זיא האט ב"ה ניט פיל געליטען, אין דעם הויז פון שמואל רוזין וואר פריידין איבער פריידין, מען האט גיקאכט גיבראטין, און גימאכט פארברייטינגען צוא אגרוים ארטיגען ברית, דען דאס קינד וואר אאינגעל.

דיא שוויגער נעכע האט געשיקט שתדלנות, האט גיבעטין רחמים, מען זאל איהר ערלויבין צוא קומען אב געבין מז"ט, זיא וויל זעהען דאס ליכט פון איהרע אויגין, איהר איינציגין אייניקיל, דער במקום פון איהר טייערין משה יענקל, דבורה האט שוין גיוואלט צוא לאזין, מיכל האט ניט גיוואלט, געלע יוכבד איז ארוים גיפארין מיט אקול, שטייטש, אייער בלוט שונא וועט איהר אריין לאזין צו זיך אין שטוב! זיא קען דאך אייך אבישוף אן טאן, אקליינינקייט! אז דעם חורש דארף מען היטין דאס קינד מיט צוואנציג אויגין, עס זאל איהם קיין זאך ניט שאטען, איבער הויפט פון אשלעכטע וייב, חיות! און אפילו איהר וואלט וועלין וואלט איך ניט דר לאזין, וואס ווייסט איר וואס אווארטערין איז, אשפאם! איהרע רייד איז זייער גיוועזן אנגענומען און דאדורך האט זיא געוואונען מעהר צוא טרויען.

עס איז אוועק צווייא טעג ב"ה אין פאלקער פריידע, עס וואר גרוים טומיל פון געסט, נאר געלע יוכבד פלעגט זעהען ווייניגער צוא צוא לאזין, עס זאל ח"ו קיין בייז אויג ניט שאטין, זיא האט אלס גיזעהען אז מעהר וויא זיא און דיא קינפעטארין זאלין ניט זיין אין צימער, מעהר וויא דעם פאטער דיא מוטער, מיכלען און דיא אקושערין פלעגט זיא ניט אריין לאזין, אויך דיזע פלעגין ניט שטענדיג דארטען זיין אום איהר ניט צוא בעאונרוהיגען.

דיא נאכט פון צווייטין טאג האבין אלע אבגיגעסין און גילייגט שלאפין, דען זייא ווארען אלע מיד פון טויזענדערלייא גישעפטין, געלע יוכבד האט זיך בייא טאג אויס געשלאפין אום אלס ווארטערין זאל זיא קענען זיין וואך בייא דער נאכט, אזוא איז טאקע גיוועזן, עס איז איינס אוהר אין דער נאכט, עס איז זומער דרויסין איז זייער אווארעמע לופט, עס איז שטיל, צייטען ווייס הערט זיך דאס בילען פון הינט, געלע יוכבד איז אליין אין צימער, דבורה שלאפט זייער שטארק, צוא זיא האט וואס איינגענומען צום שלאפין, אדער דורך איהרע שוואכקייט און מידיגקייט איז זיא אזוא שטארק איינגעשלאפין, דאס קינד האט אויך געשלאפין, עס האט גיברענט אלאמפע, שיר המעלות ווארען אנגיקלעבט איבער אלל, וואו עס איז נאר דא אנקב, וואס דער משחית זאל קענען דורך

גיין

גיין, אקרייד וואר ארום געפיהרט ארום דיא ווענד אויף משמע אפארקען, דער משחית זאל זיך ניט אריבער חאפען, דאס קינד ליגט אין אקיסען אפין בעט, אויבען אסידור אפען פון קריאת שמע מיט גרויסע ווערטער, אויך קמיעות איז גילעגין דעם קינד צוא קאפפען, וואס גאלדע אונ געלע האבין אוועק גיליינט בשתיקה דבורה אונ מיכלען, וועלכע האבין וויינג גיהאלטין דער פון, איצטער איז קיין וואונדער ניט וואס דבורה האט אזוא שטארק געשלאפין, דען בייא אזעלכע שמירה וואס דארפין נאך אויף זיין? היינט געלע יוכבד, אקליינגקייט! זיא איז גיוועז וואך, האט איהרע אויגין פון קינד ניט אראב געלאזען, אונ זיא איז גיוועז גאטאוו איהרע לעצטע בלוט פאר דאס קינד צוא פארגיסען, זיא פלעגט אלע ווייל צוא גיין צום פענסטער וואהרשיינליך אכטונג צוא געבין צוא קומט ניט ווער שטערין דעם שלאף פון דער קינדבעטערין, ענדליך האט זיך געלע יוכבד אבגישטעלט נעבען פענסטער, האט שטארק גיהארכט אשמייכיל האט אשוועב געטאן אויף איהרע שווארצע ליפען, עס האט זיך באוויזען אפיגורע אין פענסטער, זיא וואר גוט איינגעהילט אין אפאציילע, אז מען האט ניט גיקענט דער קענען ווער דאס איז, נאר געלע יוכבד האט וואהרשיינליך יע גיוואוסט ווער דאס איז, זיא האט לאנגזאם אבגעקיטילט דעם פענסטער.

נעכע! עס איז דא? פרעגט געלע יוכבד זייער לייזע.

יע, ענטפערט מען פון דרויסען שעפצענדיג: מיין ברודער האט אלעס באזארגט וויא מיר האבין אבגערעדט, מיט דיא ווערטער האט מען איהר דער לאנגט אקיסען פונקט אזעלכע, וויא דיא קיסען וואס דער גייא גיבארענער האט אין איהר געשלאפין, געלע יוכבד איז צוא געגאנגען אויף דיא שפיצקעס צום בעט, האט גענומען דעם שלאפענדען קינד מיט זיין קיסין צוא זאמען אין איין האנד, מיט דער אנדער האנד האט זיא אוועק געלייגט אויף דעם זעלבען ארט דיא פרעמדע קיסען, האט צוא געטראגען דעם קינד צום פענסטער, צווייא דארע הענד שווארצע האבין זיך אויס גישטרעקט, אין איין האנד וואר אצעהען רובילדיגער בילעט, געלע יוכבד האט צוא גינומען דעם בילעט אונ דאס קיסען מיט דעם קינד זיינען פארשוואונדען גיווארין דרויסין, דאס פענסטער האט זיך צוא גימאכט, געלע האט פערקייטעלט צוריק וויא גיוועזן, דרויסין האט זיך יעמאלט גיהערט אלייזעס גילעכטער, דבורה האט פון קיין זאך ניט גיוואוסט, האט גישלאפין פארווערטס, געלע האט אקוק געטאן נאך אמאל אויף דעם צעהענרובילדיגען, גיט אשמייכל אונ זאגט: עהרליך, האבין מיר ניט גענארט, עס איז ניט קיין פאלשער, אה גאטינקע, ! אט איבער דיא ביטערע שטיקעל ברייט טוט מען אמאל וואס ניט רעכט איז אויך, וואס זאל מען טאן? אבער מארגען וועל איך ברייגגען אפונט ליכט, מען זאל לערנען פאר זייא דיין תורה, מיט דיא ווערטער האט זיא זיך אוועק גיזעצט אין קרעסלע, האט פארווארפין דעם קאפף אונ האט גינומען חראפען.

די ארדענונג אין צימער וואר ניט גישטערט, די שיר המעלות זיינען געבליבן אויף זייער ארט, די קרייד האט זיך ח"ו ניט אבגימעקט, דער סידור איז געבליבען אפין דער זייגער האט געקלאפט פארוועריטס, זויא עס וואלט גאר פון קיין זאך ניט וויסען, דבורה שלאפט, דאס קינד איז ב"ה רוהיג, וויינט ניט אונ געלי' שלאפט, אין אשעה ארום וואר איהר שלאף גישטערט פון אווילדען געשרייא פון דער קינדבעטערין.

געלע! געלע! שטייט אויף!... ראטעוועט!... אוי וויא איז מיר!...

געלע יוכבד האפט זיך אויף אזו וויא ערשראקענע, קוקט זיך ארום, רייבט זיך די אויגען, קראצט זיך מורמעלט פאר זיך, אה וואס פאר אשרעקליכען חלום איך האב געהאט!.

געלע יוכבד! גוואלד ראטעוועט! שרייט ווידער דבורה, זעהעט גיט אקוק דאס קינד שווייגט, אטהעמט ניט, נעמט ניט זייגען... אוי! גאט מיין גאט!

הא וואס! שרייט געלע יוכבד זיך אימער קראצענדיג, זיא שטעלט זיך האסטיג גיט אקוק אונ אגעשרייא, אוי וויא איז מיר! אוי וויא איז צו מיינע יאהרען!... דאס קינד איז ערשטיקט... דבורינקע, איהר האט אייער קינד דער שטיקט.

דבורה האט גיגעבין אגוואלדיגען געשרייא אונ איז געבליבען אין אונמאכט, די גוטע געלע האט גינומען שרייען, עס איז ארין געלאפען שמואל, גאלדע אונ מיכל העכסט באוועגט אונ צוא טומילט.

זעהעט, וואס דא טוט זיך! האט געלע גענומען שרייען אונ ברעכען מיט די הענד, שדים האבין זיך דא ארין געמישט!... משחיתים זיינען אויף אונז באפאלען!... מסתמא זיינען די שיר המעלות פאסעלע... דאס קינד האט זיא דער שטיקט, אונ זיא האט געחאלעשט.

דא, מיין ליבער לעזער, בין איך ניט אין שטאנד צוא שילדערין דעם יאמער אונ קלאג, וואס איז גיוועזן ביא דעם אונגליקליכען שמואל רוויזן אין שטוב, עס וואר איינע הערצרייסענדע סצענע, זעלבסט געלע יוכבד האט געוויינט אונ עס האט איהר פאר דראסען, וואס זיא האט דאס געטאן, שמואל האט געחאלעשט, גאלדע האט געחאלעשט, דער איין מיכל האט דעם מוטה ניט פארלארען, ער האט זייא אלעמען אבגעמינטערט, האט גיבראכט דאקטורים, אבער וואס קענען ערצטע צוא אזא אונגליק העלפין? דאס קינד איז געווים אטויטער, אונ ווען קיין קינד איז ניטא, זא איז אללעם פערלארען.

דאס קינד איז ניטא! האט דבורה גענומען שרייען מיט אהערץ רייסענדע שטימע, זא איז מיין לעבין ניטא, אללעם איז אוים, דאס בילד פון דער שרעקליכע חליצה שטייט מיר איצטער ענטגעגען, אה דעמאן! דעמאן! אה אה אה!.

זיא איז ווידער געפאלין אין אונמאכט, מען האט איהר מיט גרוים מיהע ווידער געבראכט צוא זיך, מען האט זיך גישטארעט איהר צוא טרייסטען, אזו

איז פאר איבער געלאפין דיזע שרעקענעס נאכט, אויף מארגען איז מען אוועק געלאפין צום רב און מען האט איהם דער צײלט דיא גאנצע געשיכטע מיט וויינען און מיט קלאגען.

נו וואס רייסט איהר אזוא דיא ערד? שרייט דער רב, לאז זיא נעהמען אתשובה, עס טרעפט אזעלכע זאכין, לאז זיא איין מאל אין וואך פאסטען אהאלב יאהר נאך אנאנד, און אללע מאנטיג און דאנערסטיג קיין פלייש ניט עסין.

דאס וועט זיא מקיים זיין זאגט שמואל, אבער ניט דאס זיינען מיר געקומען פרעגען... דאס רעכינט זיך פאר אקינד?

וויא הייסט עס! אוודאי איז דאס אקינד, דער פאר הייס איך דאך נעהמען אתשובה.

אזוא, איז זיא פטור פון חליצה, זאגט שמואל מיט אפרייליכען טאן.

וואסער חליצה? פרעגט דער רב.

זיא איז דאך געבליבען אחלוצה פון איהר מאן, איהר ווייסט דאך, רבי.

א א! זיא האט געהאט דעם קינד צוא פולע ניין חדשים?

ניין, זאגט שמואל, צוא פולע זיבען.

וויא אלט איז דאס קינד געוועזען?

צוויא, דרייא טעג זאגט שמואל און דאס הארץ האט איהם גענומען קלאפען צווישען פרייד און שרעקין.

נו, דארף זיא נעהמען חליצה, זאגט דער רב זיך קראצענדיג פארין פאה.

אוי וויא אקלאג איז צוא מיר! שרייט שמואל.

וואס שרייט איהר אזוי? דאס איז דאך אאידישע זאך.

שטייטס! שרייט שמואל, זיא דארף דאך ווארטען איאהר צוועלף דרייצעהען אויף דיא חליצה.

נו, לאז זיא ווארטען, זאגט ער ווייטער קאלט בלוטיג, וויא דא וואלט זיך האנדלען וועגין אליימענעם טעפיל וואס איז טרייף געווארען.

אזוא, זאגט מיכל וואס איז אויך דער ביי געוועזין, אויף צוא פאסטען, אויף אב צוא קומען איז דאס אקינד און אויף צוא פאטערין פון חליצה איז דאס ניט קיין קינד! טאמער איז מעגליך רבי צוא געפינען אהיתר? איהר ווייסט דאך דיא מעשה, אז פון איהם איז געבליבען נאך אקינד...

איך קען אייך ניט העלפין, זיא איז אחלוצה.

זייא זיינען אוועק אהיים זייער טרויעריג, ביי שמואלן אין שטוב איז געווארין אחורבן, אללע פריידע זיינען מיט אמאל פארשוואונדען געווארען, אללע ווארען גאנץ נידער געשלאגין עס איז אוועק דער טאג אין דער גרעסטער אנגסט, פאר נאכט איז געקומען אאינגעל, איז צוא געגאנגען צוא שמואלן און זאגט, נעכע האט געבעטען ארויביל צעהען פופצעהען אויף רעכענונג פון דיא חליצה, שמואל איז געבליבען פארשטיינערט, מיכל האט אייך געשרייא געטאן, דיא גיפטיגע שלאנגע האט שוין אנגעהייבען צוא ווארפין איהרע גיפט, אה מערדערין!

דעם

דעם אינגער האט ער ארויס געטריבען און ער האט גענומען גיין האסטיג איבערן שטוב צוא קאכט פון וואוטה .

אה גאט ! שרייט ער , ביז וויא לאנג נאך וועלין מיר ליידען ? ווען וועט זיין אסוף צוא אונזערע צרות ? ניט שוין זאלין מיר אזוא אונזערע יאהרען אב קומען , דעם גאנצען לעבען פאר ביטערען ? .... דרייצעהען טרויעריגע יאהר אין דער געוואלד פון דעם סקארפיאן צוא זיין ! אה גאט ! ...

ער איז געווארען שטיל אביסעלע , נאך דעם רופט ער זיך אב : הערט פעטער , וואס איך וועל אייך זאגען , אייער טאכטער איז טויט קראנק , מען מוז איהר זעהען צוא ראטעווען .

אבער וויא אזוא ? פרעגט שמואל .

איהר זאלט איהר חתונה מאכין , פעטער .

ווען ? וויא ? וואס ? שרייט שמואל פאר וואונדערט .

אין אחודש צוא אין צווייא ארום , דער ווייליע אז זיא וועט וויסען דער פון , וועט זיא גלייך ווערין געזונט ... און אויב איהר ווילט ניט היא , קען דאס זיין אין איין אנדער שטאדט .

וויא הייסט עס ! און חליצה ? פרעגט שמואל פאר וואונדערט .

איהר זעהעט דאך פעטער , אז דיא חליצה ברייגגט איהר אין דער ערד אריין , זעהעט וויא זיא ווייזט אויס , זיא האט דאך היינט גירעדט אן זינען , גאט וויים , זיא זאל ח״ו ניט משוגע ווערין פון אנגסט , אקליינינקייט ! אזא יונג קינד האט אזויא פיל צרות געהאט און זאל נאך ווייטער האבין ! און דא ענטגעגין דיא חליצה ווייסט איהר דאך גאנץ גוט , אז ע״פ דין קען איהר אויך רחלם קינד פאטערין פון חליצה , און דא איהר קינד אויך , ניסקאסע זאל קיין גרעסערע חטאים ניט זיין , וויא דאס וואס זיא זאל חתונה האבין .

דוא רעדסט גאר אן זינען , מיכל , זאגט שמואל איך וועל דאס ניט טאן , מיין קינד איז איין אידישע טאכטער , אז דוא זאלסט איהר נעהמען איז דאס איין אשת איש , און כל זמן מיינע אויגען זיינען אפען , וועל איך דאס ניט דער לאזין .

פעטער , באדיינקט זיך , איהר שפילט מיט דעם לעבין פון אייער קינד , אז איהר וועט דעם מאל ניט מקיים זיין דיא מצוה מיט אלע הרורים , איז אויך קיין בייז ניט .

זאלסט מיר דאס גאר ניט דער מאנען , מיכל , איך וויל דאס ניט הערין .. לאמיר בעסער זעהען צוא טאן אנדערע מיטלען , זאג מיר , דוא האסט דאך אמאל געשיקט אבריף צוא נפתלן , משה יענקעלעס עלטערען ברודער אין אירקוטסק , האסטו געהאט איין ענטפער ? .

איך האב אפילו גיהאט פון איהם איין ענטפער אגאנץ גוטען , אז ער איז גאטאוו צוא געבין חליצה גאר אן געלט , נאר איך האב ניט גירעדט וועגין דעם ווייליע מיר האבין געהאט אנדערע האפענונגען בעסערע , און איצטער אין דיזעם לעצטע מיטעל דאס שטרענגסטער פון אללע , עס איז זייער שווער צו באהויפטען

איבער

איבער אסך טעמים, ערכטען האב איך מורא צוא האט נתן צמח ניט געשריבען אהין אבריף אונ ניט קיילע געמאכט דעם אינטערעס, צווייטין ניט פארגעסט, אז דא איז אשטרעקע פון איבער זיבין טויזינד ווארסט, דא איז אסך מיהע אונ אסך געלט ערפארדערליך, אונ דריטין דארפט איהר וויסען, אז הליצה ווערט געמאכט פאר דרייא רבנים, — וויא וועט איהר געהמען אין אירקוטסק דרייא רבנים? וועט איהר זאגין, אז צווייא דארף מען מיט נעמען, אונ איינעם וועט מען דארפין מצרף זיין אהדיוט, דער מאנט זיך וואס דאס דארף קאסטין!

נוא, זאגט שמואל, דארויף זיינען מיר אידין, איך וועל פאר קויפין איין הויז אונ דיא אנדערע, צוא ליב מיין טאכטער, איהר צוא ראטעווען אויב מען וועט דארפין, אונ איך וועל ניט אבטרעטין פון איין אידישען דין ניט אויף אהאר, נעם שרייב היינט אבריף צוא אטעלעגראמע צוא נפתלן, ביז מיר וועלין האבין איין ענטפער, וועט זיא ווערין געזונד אונ דער ווייל וועלין מיר איהר בערייטין צוא דער גרויסע רייזע.

אבער דער מאנט זיך, וויא לאזט מען איהר פאהרען אלליין? איך וואלט אפילו מיט געפאהרען נאר איך בין איצטער פארבונדען אין אגרויסען גישעפט, וויא איהר ווייכט, וואס איך האלט בייא אשיינע פאר דינסט, אונ אז איך זאל זיך אבבייסען פון גישעפט וועך איך אן אגרויסין קאפיטאל.

עס דארף דאך סייא וויא סייא (עס זייא וויא עס זייא) מיט פאהרען אערב צוא צווייא זאגט שמואל, נוא אט וועט זיא דאך ניט פאהרען אלליין, נעם מאך שוין אטעלעגראמע, באצאל פאר איין ענטפער אויך אונ פרעג אן צוא איז דארטין דא ארב צו צווייא.

מיכל איז אוועק גיגאנגען מאכין אטעלעגראמע, אונ דא האט מען גינומען שטארק טראכטען וועגין דבורהס פאהרען נאך אירקוטסק.

אין שטאדט האט זיך דער ווייל געלאזט הערען צווייא געשיכטען, איינע וויא מיר ווייסען, אז שמואל רוזינס טאכטער דבורה האט דער שטיקט איהר קינד בייא דער נאכט, אנדערע האבין נאך גיזאגט, אז דאס האט זיא געטאן מיט כליים, אום פטור צוא ווערין פון איין אנדיינקען פון איהר פאר האסטען מאן אונ דיא אנדערע געשיכטע איז, אז בייא נחמיה דעם קרעצמער. וואס וואוהנט אוויארסט פון שטאדט, איז געבארין גיווארין אקינד. אונ דיא ווייב האט איהם דער שטיקט, קיין שמשים זיינען ניט גיוועען צוא באקומען, איז אוועק אהין אשמשתע נעכע גרונעמס, האט גענומען דאס קינד אוועק צוא טראגען אין זיין רוהע, מיט אמאל האט זיך דאס קינד בייא איהר אפין וועג אבגילעבט, האט זיא איהם געבראכט צוריק צוא דער מוטער, מסתמא איז דאס קינד געוועען אגעהאלעשטע, זאגין אללע, אונ דיא פרישע לופט אפין פרייען פעלד זומטער בייא נאכט האט איהם אבגילעבט, עס וואר פון דעסט וועגין אגרויסער וואונדער.

———

דיא שוויגער

כי ישבו אחים יחדו
וחלצה נעלו מעל רגלו
(דברים כה)

איין ראמאן אין דרייא טהיילען

פאן

עוזר בלאשטיין
אוים דינאבורג.

דריטע טהייל

ווילנא

שנת תרנ״ב לפ״ק

ДИ ШВИГЕРЪ

Свекровъ. Романъ въ 3-хъ частяхъ.

Часть III.

Авзера Блоштейна.

Дозволено цензурою. — 26 Іюня 1892 г. Кіевъ.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.

דריטטער טהייל

27.

דיא חליצה פאדערט דיא שטרענגסטע געפאהרליכסטע מיטלעי.

מיכל גוטמאנן האט ערהאלטין אטעלעגראממע פון נפתלי גרינשפאן פון אירקוטסק איין ענטפער אויף זיינע, אז נפתלי וויל געבען דבורה'ן חליצה גלייך, וויא זיא וועט קומען אהין, חאטש שרייבט ער אין דער טעלעגראממע, אז זיין פעטער נתן צמח האט איהם געשריבען, אז ער זאל זיך ניט לאזען גלאט אבהאנדלען, דא קען מען נעהמען אמטבע. נאר פון דעסט וועגען סאצוויסטע־וועט ער דיא טרויעריגע לאגע פון דבורה'ן, אונ וויל זיך מיט איהר אונגליק ניט וואס פאלזעווען. דבורה קען גלייך אביין פאהרען צו איהם, איהר וועט קיין זאך ניט פעהלען, ער איז גאנץ תקיף.

דארף מען זארגען? זאגט שמואל מיט גרויס פרייד אט זעהט מען דער אויבערשטער מיט איין האנד שטראפט ער, מיט דער אנדערער בענשט ער.

זעהט נאר זאגט מיכל, אז די וואס זיינען אין סיביר האבין מענשליכערע האראקטערע, אלס דיא וואס זיינען ניט פארשיקט.

דיא מעשה וואס ער איז פארשיקט זאגט שמואל, איז ער אויך ניט שולדיג, דאס האבען איהם אביין געפיהרט זיין מאמע אונ זיין פעטער נתן צמח. דער פאר איז ער אויף זייא בייז אונ וויל זייא נישט פאלגען, דערויף בויענד אליין מעג שוין דבורה פאהרען.

אום צוא פאהרען זאגט מיכל, דארף מען האבען עטליכע זאכען: ערשטענס געלד צוא אזא ווייטע רייזע, צווייטענס ארב, וואס זאל מיט איהר מיט פאהרען, דריטענס האט זיא געדארפט האבין אפרויענצימער, וואס זאל מיט איהר מיט פאהרען, דען אויף דעם רב'ס שמירה אליין קען מען זיך ניט פאר לאזין, אונ פערטענס דארף זיא האבין אפאס אזיכערן, אז זיא זאל קענען אין פעטערבורג אדער אין מאסקעווע פארברייננגען עטליכע טעג צו ערהאלען זיך פון דער שווערע רייזע.

מילא געלד זאגט שמואל, וועט שוין זיין: אדער איך וועל פאר קויפען איין שטוב, אדער אויב עס וועט ניט זיין קיין סוחר וועל איך פאר זעטצען אין באנק. אונ אז עס איז דא געלד וועלען מיר שוין דיא איבריגע זאכען אויך קריגען. אונ היינט זאל מען שוין זעהען צוא טאן ארום דעם.

עם

גם איז פאר איבער געלאפען זעכס וואכען. אין פערלויף פון דער צייט האט שמואל געקראגען אסוהר אויף זיין שטוב. ער האט איהר פאר קויפט פאר אנדער האלבען טויזענד רובל, האטש זיא איז ווערט געוועזן צוויא טויזענד. דבורה'ן האט ער געגעבען צוויא הונדערט רובל, אונ וואס זיא וועט דארפען נאך וועט ער איהר צושיקען אין וועג, מיט נעהמען אגרויסע סומע מיט זיך לוינט ניט, מען ווייס ניט וואס עס קען טרעפען אפען וועג. מיכל האט איהר אויך מיט געגעבען ארובל זעכציג דיא לעטצטע, וואס ער האט געהאט ביא זיך, דען זיין גאנצעס קאפיטאל וואר אריין געשלאגען אין געשעפט. דבורה איז שוין געוועזן גאר געזונד אונ האט שוין געקענט פאהרען; ערב האט זיך שוין אויך געפונען. איינער מאן וואס האט סמיכות אויף הוראה, איז אוועק געפאהרען אין מאסקווע זוכען אשטעל אויף הוראה אדער שחיטה אין ראסיע. דער ווייל האט ער קיין שטעלע נאך ניט געפונען. זיין ווייב האט איהם געשריבען וועגען דעם פלאן, האט ער געענטפערט אז ער איז מרוצה צוא פאהרען, נאר דיא ווייב זאל דא האבען אין פערלויף פון דער צייט אויף הוצאה, אונ נאך זיין צוריק קומען זאל ער האבען אפופציגער פאר זיין טרחה. דערויף איז שמואל מרוצה געווארען, אונ עס איז געבליבען אז ער זאל שוין אין מאסקווע אויף דבורה'ן ווארטען, בשעת זיא וועט דורך פאהרען.

אקאמפאניאנקע, וואס זאל מיט איהר מיט פאהרען, האט מען גירעכינט איז ניט נייטיג מיט צוא נעהמען פון דער היים, ביז מאסקווע אדער קאזאן קען זיא פאהרען אליין. מיט דער אייזענבאהן איז מען זיכער, אונ דארטען וועט זיא שוין קריגען אדער אאידישע אדער אקריסטין: דאס איז דאך שוין קיין אונטערשיד ניט.

היינט אפאס? מיט אגעוואהנליכען פאספארט קען מען דאך אין רוסלאנד ניט עקסיסטירען, אלזא איז ביא זייא געבליבען צוא קריגען פאר איהר אסאלדאטסקען פאס, דאס הייסט, וואס אסאלדאט גיט זיין ווייב. זייא זיינען געוועזן בעטען ביא איינע סאלדאטען אידישע, האט קיינער ניט געוואלט געבען, האטש דאס איז אדבר מצוה צוא רעטען אמענשין פון אונגליק, פון דעסט וועגן האט קיינער ניט געוואלט קריגען אין איין פרעסטופלעניע. דא האט מען זיך געמוזט ווענדען צו קאפיל בארוכמאן גלע יוכבד'ס מאן, חאטש דיא ליצנאסט איז מיכל'ן ניט זעהר געפעלען געוועזן, נאר וואס איז שייך אין אזא זאך וואס מורא צו האבען? וואס קען דא איהר שאדען? טאמער וועט זיא זיין עטליכע טעג אין פעטערבורג צוא אין מאסקווע? פטור זאל ווייטער קיין ביז ניט זיין. אונ ווייטער דער קאפיל איז ניט קיין שלעכטער מענש ער האט פיל ניט פאר לאנגט, פאר איין פינפרובעלדיגען האט ער געגעבען דעם פאס.

דער

דער לעזער מוז וויסען אז געלע יוכבד האט נאך פון יענער קאטא־שטראפע איהרע פריינד שאפט פון שמואל רוזינס הויז ניט אנגעווארען. דען וואס איז זיא אין דער אמת שולדיג, אז דבורה דער שטיקט אקינד?

פערזעהען מיט אלע זאכען, וואס איז נייטיג צו איהר לאנגע רייזע האט זיך דבורה גיזעגענט מיט אלע איהרע גוטע פריינד און איז אוועק גיפאהרען. שמואל און מיכל האבין איהר בעגלייטעט צוויא שטאנציעס. זייא האבין אלע געוויינט, וויא דאס הארץ וואלט זייא זאגען, אז איהר שטייט נאך פאר פיל צו ליידען. זייא האבין אב געמאכט, אז פון יעדער שטאט זאל זיא שרייבין בריף, און אין יעדער שטאט זאל זיא געפינען אבריף פאסט רעסטאנט (דא וואס טרעבאוואניע) פון דער היים. אב פאהרענד אפאר שטאנציעס האט זיא זיך צוא קושט מיט דעם פאטער און מיט איהר קוזין, זייא זיינען אראב פון וואגאן, דער לאקאמאטיף האט אפייף געטאן און איז אוועק. זיא האט ארויס גישטעקט איהר קאפף דורך דאס פענסטער און האט אלס געקוקט אויף איהרע טרייע פריינד, ביז זייא זיינען פערשוואונדען געווארען פון איהרע אויגען.

זיא האט זיך אוועק גיזעטצט אין וואגאן און האט אוים געבראכען אין אגעויין, דאס הארץ וואר איהר זעהר פאר צאגט און פאר קלאגט, האט זיך גענומען באדיינקען איהרע טרויעריגע לאגע, האט זיך פאר גישטעלט אלע ערעייגניסע, וואס מיט איהר האט פאסירט פון דער חתונה אן, און איצטער פאהרט זיא אזא ווייטע רייזע, אין אזעלכע ערטער וואס זיא האט קיין מאל זייער נאמען ניט געהערט, און וויים נאך ניט, וואס עס קען נאך טרעפען אין אזא ווייטע שטרעקע, וואו זיא האפט ניט צוא זעהען קיין בעקאנטען, און אלס ווארום? ווייל דיא שרעקליכע מצוה פון חליצה צווינגט איהר אונבארעם־הערציג דער צו. מיט דיזע טרויעריגע געדאנקען איז זיא ענטשלאפען געווארען און האט אבגעשלאפען דיא גאנצע נאכט אין וואגאן.

28.

דער ארעסט, אדער דאס רעטונגס מיטעל פיהרט צום פערדערבען.

אשטאנציע פאר פעטערבורג וואר זיא ערוואכט פון דעם קאנדוקטאר, וועלכער האט פון איהר פערלאנגט דאס בילעט. זיא האט פון אנפאנג ניט געוואוסט, וואו זיא איז אין דער וועלט. זיא האט זיך אוים געריבען די אויגען, קוקט זיך ארום האט זיא זיך ערמינערט איהר פאלאזעניע, האט גענומען זוכען דאס בילעט — דאס בילעט איז ניטא, האט גענומען זוכען איהר פארט־מאנע, דען זיא האט דאס בילעט אוועק געלייגט אין דעם זעלבען... אוי וויא! דאס פארטמאנע איז ניטא, צוויא הונדערט מיט זיבציג רובל און דער

צוא רעקאמענדאטעלני בריף אין פעטערבורג, אין מאסקווע אונ אין קאזאן. זיא איז איינע אליין ווייט פון דער היים, קיינע עלטערין, קיינע גוטע פריינד, אשווידער איז איהר איבער געלאפען אלע גלידער, זיא האט גענומען שרייען, ברעכען מיט דיא הענד זוכען אויף דער ערד פרעגין ביא דיא ארומיגע. ניטא אונ ניטא שלעכט! אונ דער קאנדוקטאר שטייט אונ טרעבעוועט דאס בילעט.

דאס איז אמאכעריא, נעבאס! דאס איז אשווינדעל זאגט ער, מיר פארשטייען זיך אויף אזעלכע זאכען, האסטו קיין בילעט נישט, טא באצאל פון ווארשא אן.

וואו זאל איך נעהמען? וואו זאל איך נעהמען? שרייט דבורה מיט אהארץ רייסענדע שטימע איך האב אין קאפיקע ניט ביא מיר, וואס זאל איך טאן?...

וויא איז מען דאס אזו ניט פארזיכטיג, רופען זיך אב איינגע ארום, צו האלטען געלד פון אויבען אויף, ענטשלאפען צו ווערין, עס זאל זיין לייכט דעם גנב צו גנבען.

וואס וייסט איהר! רופט זיך נאך אדאמע איינע דייטשע וואס דארטען איז געזעסין אונ האט צוא גיזעהען דיא גאנצע סצענע. איך זעה, זיא איז אפערטרויערטעס הארץ, דער קאפף איז איר פארדרייט אין טויזענדע געדאנקען אנדערע, אונ דער מיט האבען זיך דער ווייליע וואס פאלזעוועט דיא נידער-טראכטיגע יונגען... הערען זיא פריילין! רופט זיא זיך אב צוא דער אונגליק-ליכע דבורה. איך וועל באצאהלען פאר אייך דעם קאנדוקטאר, ווערט אקארשט לויז פון דעם מענשין, אונ איהר וועט מיר געבען אין משכון אייער באגאז אויב איהר האט, ביז אייך וועט אנקומען אנדערע געלד פון דער היים.

א גאט זאל אייך העלפין, רופט זיך אב דבורה וואס איהר ראטעוועט מיך פון אזא טרויעריגע פערלעגענהייט. צוא מיינע עלטערין וועל איך ניט שרייבין בעטין געלד, דען איך קען זייא דעם צער ניט אנטאן, נאר איך וועל פאר קויפען איינגע זאכען פון מיינע באגאזש אונ וועל אייך בעצאהלען אייער געלד.

זעהר גוט, זאגט דיא דאמע באצאהלענדיג דעם קאנדוקטאר דאס טאשינגעלד פון ווארשא. ווען זיא ווינשען, פריילין, קענען זייא דא אין פעטערבורג אריין פאהרען מיט מיר אין איין הטעל, איך פאהר פעטערבורג דורך, אונ וועל דא פערבלייבען אכט טאגען, דער ווייליע קען איך אייך לייטען מיט ראטה אונ טהאט. וואו פאהרען זיא?

דבורה האט איהר דער צייגט אין קורצע ווארטען איהרע גאנצע געשיכטע, זיא וואהר זעהר בעוועגט. זיא האט איהר געטרייסט אונ געזאגט אויב זיא וויל פערברייגען איינגע צייט אין פעטערבורג, וועט זיא איהר רעקאמאנדירען צו ארענטליכע לייט איהרע בעקאנטע.

איך וויל טאקע זיך אב שטעלין אין פעטערבורג זאגט דבורה, דען איך

וויל

ויל ביא מיין פאטער אזוי גיך געלד ניט בעטין, אלזא וועל איך זעהען, דא צוא פערקויפען איינינגע זאכען, קליידער, וואס איך האב מיט זיך אום איך זאל קענען אב פאהרען ביז ניזני אדער קאזאן. דארטין וועל איך שוין קענען בעטען געלד ביא מיין פאטער. אונ דער ווייל איידער איך וועל מאכין געלד, וואלט איך וועלין ניט ליידיג זיטצען, וואלט איך וועלין אנקומען ביא אשניידערין, פיללייכט וועל איך נאך וואס פערדינען.

זעהר גוט, זאגט דיא דאמע, דאס וועל איך אייך רעקאמאנדירען. האבען זיא איהרען פאס? צוא האט מען דאס אויך ניט געשטאהלען?

דבורה האט זיך ארום געקוקט: דער פאספארט, דיא באנאזקוויטונג אונ נאך פאפירען זיינען דא, דאס וואר אין איין אנדער טאשע. דער צוג האט זיך אב געשטעלט. מען איז שוין אין פעטערבורג. דבורה האט אראב גענומען איהרע באגאזש אונ איז מיט דער דאמע אראב געפאהרען אין איהר האטעל. אז עס קומט ווער דעם ערסטען מאל אין דער גרויסער שטאט פעטערבורג ווערט ענטציקט פון דיא גרויסארטיגע געביידען, הייזער, פון דעם עלעגאנטען פובליקום, וואס ווימעלט איבער דיא גרויסע אונ בריטע גאסען, פון דער גלאנצענדען עקיפאזען, וואס שוועבין ארום מיט גרויש איבער דעם ברוק. דבורה האט אבער אויף קיין זאך ניט געאכטעט, דיא אלע זאכען האבין קיינע רייץ אין איהרען אויגען גיהאט, זיא האט זיך געפיהלט פאר-לארען אין דעם ווירבעל פון מענשין. זיא איז גיזעסין אויף דעם איזוואסציק אונ האט זיך גענאסען מיט טרערען. דיא דאמע וואר אבער איינע זעהר גוטע פרויא, האט איהר געגעבין אין איהר לאזע אזויבערעס צימער, האט איהר געגעבין עסין אונ טרינקען אונ ניט ארויס געלאזען אפען גאס, אום זיא זאל זיך גוט ערהאלען פון איהרע רייזע אונ פון איהרער שווערען בענעבענ-הייט. אויף מארגען איז זיא מיט איהר אוועק געפאהרען צוא איינע רייכע שניידערין, האט איהר איין רעקאמאנדירט, אונ דיזע האט איהר אויף גענומען זעהר פריינדליך, האט איהר בעשטימט דרייא רובל אוואך מיט טיש אונ קוואטיר.

דער רייכער לעזער וועט זיך אוים לאכען פון אזא גליק, אבער אונזער דבורה איין עלענדע איין ארעמע איין אונגליקליכע, וואס וויל ניט מצער זיין איהרען פאטער מיט דער נאכריכט, וואס מען האט איהר בעגנבט, — האט זיך געפיהלט דאמיט העכסט גליקליך. שטייטס, האבען איין ארט איין פריוט אין פעטערבורג, וואס דארף מען בעסער? דער ווייל וועט זיא האבין צייט צוא פאר קויפען איינינגע זאכין אונ וואס צוא פאר דינען זיא זאל קענין וויטער פאהרען.

זיא האט אבגעדאנקט דיא גוטע דאמע, וואס האט איהר אזו פיל דורך געטראגין, אונ איז געבליבען ביא דער שניידערין. דאס געלד, וואס

דיא דאמע האט פאר איהר אויס געלייגט, האט זיא מעהר ניט גענומען העלפט׳ דען האטס דיא זעלבע וואר אויך ניט רייך, פון דעסט וועגין האט זיא גיהאט מיט ליידען מיט איהר אונ האט ניט גיוואלט נעמין גאר.

דבורה האט גישריבין אהיים, אז זיא פאר בלייבט אין פעטערבורג אפאר וואכען, אונ וועגין דיא קאטאשטראפע (אונגליק) האט זיא גישט גישריבען.

זיא איז אבגיוועזען ביא דער שניידערין אטאג צעהען, האט דער ווייליע פאר קויפט איינינע רינגען, אקלייד, האט שוין גיהאט רייזע געלד ביז קאזאן. דיא שניידערין האט איהר גיבעטין, זיא זאל לענגער פאר בלייבין. דען זיא וואר פון איהר צו פרידען, נאר זיא קען דאך ניט, זיא איז אחלוצה. זיא האט שוין גירעכינט מארגין אוועק צו פאהרען.

דיזע נאכט אוהר צווייא, אלע ווארען שוין פעסט איינגעשלאפין. ווארען אלע ערוואכט פון אהעפטיגין קלאפין אין טהיר, מען געהט עפנען, עס איז פאליציייא. עס איז אריין גיגאנגין דער אקאלאטאצני נאדזיראטעל מיט דרייא גאראדאוויע. אלע האבין זיך ערשראקין, איבער הויפט דבורה, וועלכע וואר ניט גיוואהנט צוא אזעלכי זאכין... ער האט פאר לאנגט אז אלע זאלין איהם ווייזען דיא פאספארטען זייערי. דיא וואס האבין גיהאט האבין געוויזין זייערי פעסער, די וואס האבין ניט גיהאט האבין זיך באהאלטין. דבורה האט איהר פאס אויך געוויזין.

דיא פעסער זאגט ער, וואס האבין צוא זיך ניט קיין דיפלאמען פון רעמעסלעניע, וועט מען אויף שרייבין נאוויעזד, אונ דבורה׳ס פאס זאגט ער, דארף ניט האבין צוא זיך קיין דיפלאם, אמאלדאטקע מעג אזוי אויך וואהנען אין פעטערבורג. ער האט מיט גענומין אלעמענס פעסער אונ איז ארויס גיגאנגין. אפאר שניידערקיס וואס האבין גלאט קיין פעסער ניט גיהאט, האט מען צו גענומין אין אוצאסטאק.

דבורה האט זיך פון דעסט וועגין אלאנגע צייט ניט גיקאנט ערהאלען פון שרעק, וואס זיא האט דא גיהאט פון דעם בעפאל.

אויף מארגין אין דער פריה איז געקומין ווידער דער אקאלאטאצניק. דבורה מיינט ער ברייננט איהר אב צוריק דעם פאס, אונ זיא וועט שוין קענין אוועק פאהרין, ערסט ער זאגט איהר, אז מען פרינגלאשאייעט איהר אין אוצאסטאק. חאטש וויא ער האט איהר געבטין גיזאגט, האט זיא גישט וואס מורא צוא האבין, פון דעסט וועגין האט זיא זיך איצטער שטארק בע-אונרוהיגט. נאר וואס קען מען מאכין? זיא איז אוועק געגאנגין.

אין צאסט האט איהר ניט ווייניג שרעק גימאכט דער לאבירינט (פארטומלונג) פון קארידארען, וועלכע זיינען באזעצט מיט פאליציייסקי מיט גראבע אונ בייזע געזיכטער. מען האט איהר ווידער געפיהרט איינינע צימערן, וואס ווארען באזעצט מיט אלערלייא שרייבער מיט פיזיאנאמיען. זיא וואר

העפטיג

העפטיג בעוועגט, מען האט איהר צו גישטעלט אגארדאוואי וואס זאל איהר היטען ביז מען וועט איהר ארוף טאן, זיא איז אזוי אב געשטאנען א שעה אנדער האלבען אין שרעקליכע ערוואַרטונג, וואס וואר פאר איהר ווי צווישען טויט אונ לעבין, טויזענדע שרעקליכע געדאנקען האבין איהר געקוועלט: אויף וואס קען מען איהר דאס דארפין? צו איז דא ניט עפעס ווייטער אקאטאסטראפע? זיא איז אזוי געוואונט צו אומגליקען אז אויף גוטעס האט זיא גאר גיט געהאפט. נוא חליצה! טראכט זיא ביי זיך, נוא האב איך פון איהר! האט זיא אביטערין זיפץ געטאן.

ענדליך האט מען איהר ארוף געטאן: גנלע בארוכמאן סיודא! פון אנפאנג האט זיא ניט געוואוסט אז דאס מיינט מען איהר, דען זיא וואר נאך ניט געוואונט מיט דעם נייען נאמען, דער נארדאוואי האט איהר אשלעפ געטאן האט זיא פארשטאנען אז דאס מיינט מען איהר.

איהר אבוויניייעט זיך אין ווארעוואוסטווא — זאגט צו איהר דער פריס-טאוו מיט אבייזען שמייכיל. דבורה איז ענטזעצט געווארין — איך וויים ניט פון וואס צו זאגין — ענטפערט זיא.

דאס זאגען אלע — זאגט דער פריסטאוו — דאס איז אייער פאס?— פרעגט ער מיט פארשענדין בליק.

יע — זאגט זיא (דען וויא קען זיא אנדערש זאגין?)

נוא — זאגט ער — מיר האבין פאלוצעט אטעלעגראמע פון דער שטאט ג. אז ביי קאפיל בארוכמאן אשטאוונאי סאלדאט האט מען געפונען זעקס שטיקער זיידענס וואס איז געגנבעט געווארין פון באהן אונ עס האט זיך אקאזעט אז זיין ווייב גנלע בארוכמאן האט אוועק געפירט פיל געגנבעטע סחורה אויף פעטערבורגער טראקט, אלזא האבין מיר אייך אונ מיר דארפין אייך צו שטעלין פאיעטאפו, אונ דארטין וועט אייך שוין דער זאקאן פרעסלעדעווען.

דבורהן איז פינסטער געווארין אין די אויגען ביי די רייד, די פיס האבין זיך איהר אונטער געהאקט פון שרעק, דאס געזיכט האט זיך אין איר געביטען אין אלערליי פארבין, זיא איז געווארין גרין אונ געל אונ בלאס, די ציינער האבין גענומען קלאפין פון שוידערין, דער קאפ האט איהר גענומען שווינדלען אונ איז געווארין צו טומילט, אז זיא האט ניט בעמערקט וויא מען האט איהר אב געפירט אין איין אנדער צימער וואו עס ווארין ארעסטירט נאך פיל מענשין, דא האט זיא אנגעהויבין צו קומען צו זיך אונ האט בע-טראכט איהר גאנצע לאגע, א א! גיט זיא אביטערין זיפץ — מעהר וויא דאס האט מיר ניט גיפעלט, ווייניג צרות האב איך געהאט, ווייניג שטייט מיר נאך פאר, וואס איך ריכט זיך אויף זייא פאר מיין גרויסען חטא וואס איך בין איין אלמנה אונ אפינסטערע חלוצה, בין איך נאך איצטער אבוויניייעט אין גניבה וואס איך וויים ניט פון וואס צו זאגין, אט איז אביסעל אוועלט

מיט

מיט צרות אויס געגאסן געוואָרן אויף מיר ! וואָס וועט פאָרט זיין דער סוף דער פון ? איצטער איז אדיע אלע מיינע האָפענונגען , ווען עס איז אויס גע-לייזט צו ווערן צו געניסען ווען עס איז די גליקזעליגקייט פון לעבן , אריו אויס לעבן ! א א א ! איך בין איין אַרעסטאנטקע , א מיינע ארימע עלטערן מיין אומגליקליכער מיכל ! וויא אומגליקליך מיר זיינען , וויא דאס גרויזאמע שיקזאל פערפאלגט אונז ערבארמונגסלאָז .

אין דיזע טרויעריגע געדאנקען וואר זיא פערזונקען איינינע שטונדען , פארדעקט דאס געזיכט מיט איהרע הענד , האט ניט גיהערט אונ ניט גיזעהן וואס ארום איהר טוט זיך , אונ האט ניט געפילט קיין אפעטיט צום עסן , ענדליך האט זיא זיך ערוואכט פון איהרער ערשטערונג , זיא האט געפילט איבעריג ראפ אשרעקליכען געשטאנק פון בראנפין איין עקעלהאפטעס הויכען אונ אקום אין איהר שטערין , זיא האט זיך האסטיג אהאפ געטאן , ניט אקוק עס שטייט נעבן איהר אפיגורע אבארוועסער פויער אין לומפען שיכור , צו שלאגין דאס געזיכט וואס מען האט איהם ניט לאנג געבראכט פון רינשטאק דבורה האט איהם גיגעבן אשטויס פון זיך איז ער געפאלין , עס האט ערשאלט אווילדעס גילעכטער פון די ארעסטירטע , זיא הויפט אויף די אויגען אונ גיט אקוק זיא איז אין אגרויסען צימער אפינסטערין מיט שווארצע פאר רייכערטע ווענט . עס איז פול מענשין אנדערע ליגען אויף דער ערד אנדערע זיצען , אנדערע שטייען , דא ליגט אשיכורער צוהאנגעץ , ברעכט זידעלט אונ שרייט דא טאנצט אשיכורער פאדמאסטעריע אשניידער אין איין העמד אין אונטער הויזען אונ אין אלטע טופלעס , דא זיצט איוד אויף דער ערד זאגט תהלים אין דער שטיל , דא אטאטערין אין אבלאען חאלאט מיט א געגאלטין קאפ , דא שלאגין זיך בויערטעס מיט בויערין , מען פירט אנדערע ארויס אין קארצער , מען האט דאן רעמאנטירט דאס הויז , זא האט מען געהאלטען די ארעסטירטע הערין אונ דאמען צו זאמען , אנדערע וויינען , אנדערע לאכין , אנדערע זינגען , אנדערע ריידען הויך אנדערע שלאפין , הראפין , קורץ עס האט אויס געוויזען וויא דער דור הפלגה , דבורהן האט זייער גיעקילט דיזע גיזעלשאפט וואס איז די פסולת פון מענשין , דער געריך פון די שכורע אונ פון די מאחארקע וואס וואר געריכערט האט איהר געשטיקט דען האלז .

עס איז געקומען איהר וויזיטען די שניידערין , מען האט איהר אריין געלאזין , דבורה האט איהר ערציילט די גאנצע געשיכטע , וויא זיא האט א פרעמדין פאס , ווייל זיא וואר געצוואונגען דאצו אונ איצטער האט איהר דר פאס אזוי פיל אומגליק געבראכט , דיזע האט איהר געטרייסט אז זיא וועט זעהן וואס צו טאן פאר איהר , זיא קען איינעם אחאדאטיי אסיפ יאקאוולעוו יעטעראוו איוד , וועט ער איהר בעפרייען , זיא האט איר דערווייל געבראכט וואס צו עסין , זיא האט עטוואס גענומען אין מויל .

29.

פון פֵייֶער אִין וַואסֶער .

עֶס אִיז פָאר אִיבֶּער גֶעלָאפִין דִיא נַאכְט אִין דֶער גְרֶעסְטִין קְוַואל פַאר דֶער אָרֶעמֶע דבורה'ן , אויף מָארְגֶען אִיז אִיהרֶע ווִירְטִהִין גִיקוּמֶען מִיט נָאךְ אֵיינֶעם דָאס אִיז דֶער פֶערְשְׁפְּרָאכֶענֶר אָסִיפּ יַאקָאווְלֶעוו , דָאס וַואר אַמַאן פוּן אַיאָר עֶטְלִיכֶע אוּנ פֶערְצִיג פוּן זֵייעֶר פַיינֶעם אֶנְזֶעהֶען רַייךְ גֶעקְלֵיידֶעט מִיט אַרוּנְדֶען בַּייכֶעל אַיין רוּנְדֶען בֶּערְדִיל אַבְּרוּינֶע , אַרוּנְדֶעם גֶעזִיכְט וַויים אוּנ רוֹיט מִיט זֵייעֶר פַיינֶעם בֶּענֶעמֶען . אוּנ מִיט זֵייעֶר קְלוּגֶע אוֹיגֶען , וִויא עֶר הָאט דבורהן דֶער זֶעהֶען אַזוֹ אִיז עֶר גֶעבְּלִיבִּין שְׁטֵיין בֶּעוֶוענְט פוּן אִיהר שׁוֹינְהַייט , צוּא וֶועלְכֶע אִיהרֶע צָרוֹת הָאבִּין נָאךְ צוּא גִיגֶעבִּין אֵיינֶע בֶּעזָאנְדֶערֶע גְרַאצְיֶע , עֶר הָאט אִיהר גִיפְרֶעגְט אִיהרֶע גֶעשִׁיכְטֶע הָאט זִיא אִיהם עֶרְצֵיילְט פוּן אלף בִּיז תו .

אויף אַייךְ אִיז אַגְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת וַוייבֶּעל זָאגְט עֶר , דָאס קֶען מֶען נִיט לֵייקֶענֶען , אָבֶּער אַייעֶר לַאגֶע אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט .

דבורה הָאט זִיךְ בִּיטֶער פַאנַאנְדֶער גֶעוֵויינְט .

זֶעהְט רֶעטֶעט מִיךְ לִיבֶּער גוּטֶער פְרַיינְד , אִיךְ בִּין דָא אַזוֹא עֶלֶענְד, אוּנ בִּין אַזוֹ אוּנְשׁוּלְדִיג .

זַייט רוּהִיג זָאגְט עֶר אִיךְ וֶועל פוּן דֶעסְט וֶועגֶען זֶעהֶען צוּא טָאן פַאר אַייךְ, אִיךְ בִּין מִיט דֶעם פְּרִיסְטַאוו גוּט אויף גֶעטְרָאגִין .

אִין דִיא רַייד אִיז אַרַיין אַגָארָאדָאווָאי אוּנ הָאט דבורה'ן גֶעטְרֶעבֶּעוֶועט צוּם פריסטאוו , דֶער הַאדַאטַאי אִיז אויךְ מִיט אִיהר מִיט גִיגַאנְגֶען , עֶר הָאט דֶעם פריסטאוו גִיגֶעבִּין דִיא הַאנְד, אוּנ דֶער פריסטאוו הָאט אִיהם פְרַיינְדְלִיךְ אויף גֶע-נוּמֶען , דבורה הָאט גִיזֶעהֶען , אַז אִיהר זַאסְטִיטְנִיק אִיז אויף גִיטְרָאגִין מִיט דֶעם פריסטאוו אִיז זִיא גֶעוָוארִין מוּנְטֶער בַּייא זִיךְ .

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אסיפּ יאקאוולעוו . רוּפְט זִיךְ אָב דֶער פריסטאוו צוּא אִיהם , קַאקָאי שְׁטְרַאנִי שְׁלוּצְייא ! עֶס קוּמְט מִיר אָן אַפְּרִיפִּיסַאנִיֶע אַז אִיךְ זָאל זֶ'עהֶען צוּא זוּכֶען פוּן דִיא לֶעצְטֶע פָאר טֶעג דִיא נַייֶע אָן גֶעפָּארֶענֶע פוּן ווארשווער בַּאהן אַפְּרוּיא גֶעלֶע בארוכמאן פוּן דֶער שְׁטָאט ג' , עֶס הָאט זִיךְ מִיר בַּאפַּאדְזֶעט אָט דִיזֶע פְּרוּיא (מִיט דִיא רַייד וַוייזְט עֶר אויף דבורה'ן) מִיט אַמָאל הַיינְט הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפִין אַיין אַנְדֶער שְׁלוּצַייא : אִין אַוַואגָאן אויף ווארשווער בַּאהן הָאט מֶען פֶּעסְט גִינוּמֶען אֵיינֶע פְּרוּיא גֶעלֶע בארוכמאן וֶועלְכֶע אִיז גֶעקְרָאכִין צוּא נָאךְ אַיין פְּרוּיא אַפַּאסַאזִירִין אִין דִיא טַאשֶׁע אוּנ הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען אַפָּארְטְמָאנֶע , דִיזֶע הָאט אויף גֶעהוֹיבִּין אַטְרִיוָואגֶע אוּנ מֶען הָאט אִיהר גִינוּמֶען אָט דִיא בארוכמאן , מֶען הָאט אִיהר צוּא גִישְׁטָעלְט אַהֶער מֶען הָאט אַבִּיסְקִיוֶועט אִיהרֶע בַּאגַאז , הָאט זִיךְ אַיין גֶעפוּנֶען דִיא זַייעֶנְס . . . פִיהרְט אִיהר אַהֶער אַרַיין זָאגְט עֶר צוּא דִיא גָארְדָאווְיַא .

. מֶען הָאט אִיהר אַרַיין גֶעפִירְט , דָאס וַואר אַשְׁוַוארְצֶעס אַשְׁמוּצִיגֶעס פְּרוּיֶענְ־צִימֶער מִיט בְּלָאֶע לִיפֶּען גֶעשְׁטוּפֶּעלְט זִיא הָאט אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אַגְוַואלְד מִיט אַיין קְוִויץ . מֶען הָאט אִיהר גֶעהֵייסֶען שְׁוַויינֶען . דבורה הָאט אוֹיף אִיהר אַקוּק גִיטָאן אִיז זִיא עֶנְטְזֶעצְט גֶעוָוארֶען אוּנ זָאגְט צוּא אִיהר מִיט כַּעַס : געלע אַז אִיהר הַאנְדֶעלְט מִיט גְנֵיבוֹת וָואס הָאט אִיהר נָאךְ גֶעדַארְפְט מִיר אַרַיין פִירֶען ?

אִיהר קֶענְט אִיהר ? פְּרֶעגְט דֶער פריסטאוו בַּייא דבורה'ן .

אִיךְ קֶען אִיהר אַוַדאי זָאגְט זִיא , דָאס אִיז געלע קאפילאוונא בארוכמאן .

טָא וֶוער זַייט אִיהר ? פְּרֶעגְט דֶער פריסטאוו מִיט אַשְׁמֵייכֶעל .

דבורה אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אִין גְרוֹיסֶער פֶּערְלֶעגֶענְהַייט הָאט נִיט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערֶין , נָאר אסיפ יאקאוולעוו הָאט זִיךְ אָב גֶערוּפֶין מסתמא אִיז דָא נָאךְ אַיין בארוכמאן , עֶס אִיז דָאךְ קַיין נַייס נִיט , מֶענְטְשֶׁין זָאלִין הָאבִּין אַיין נָאמֶען .

נַיין הָאט גִיגֶעבִּין געלע אַגֶעשְׁרַייא , זִיא אִיז געלע בארוכמאן זִיא הַאנְדֶעלְט מִיט גִינֵנְבֶטֶע סחורה אוֹיף מִיר מַאכְט מֶען מֶעהר נִיט אַבִּלְבּוּל , אִיךְ הָאבּ מֶער נִיט גֶעמַאכְט אַיין גְלַייכְוֶוערְטִיל אִין וַואגָאן , הָאט מֶען גֶעמַאכְט דֶער פוּן אַיין גַאנְצֶען וֶועזֶען , אוּנ דִיא סחורה אִיז גָאר נִיט מַיינֶע , וָואס הָאט מֶען צוּא מִיר ? . . . אִיךְ בִּין אַיין אָרֶענְטְלִיךְ מֶענְטְשׁ , אָט זִיא אִיז טַאקֶע אַגֶנֶבְטֶע אִיךְ וֶועל בְּרֵיינְגֶען צְוַואנְצִיג עֵדוּת , . . . דָאס אִיז אַווייסֶער פוּן אַיין אוֹיג . . . זִיא אִיז גִיקוּמֶען אַהֶער עֶפֶּעס וֶוער ווייסְט וֶועמֶען דִיא קָאפּ צוּא פַאר דְרֵייעֶן . . .

מַאלְצַאטִי ! גִיט דֶער פריסטאוו אַגֶעשְׁרַייא .

עֶס אִיז אַרַיין דֶער פַּאמָאסְצְנִיק הָאט אָן גֶעמֶעלְדֶעט אַז עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט עֶפֶּעס אַווייבִּיל מִיט אַיין קְרִיסְטִין אִיבֶּער אַמַעֲשֶׂה פוּן אַפַאלְשִׁין צֶעהְנְרוּבְּלְדִיגֶען דֶער פריסטאוו הָאט אִיהר גֶעהֵייסִין אַרַיין פִירֶען , דִיא וַוייבֶּעל דֶער צֵיילְט : אִיךְ הָאלְט אַקְרָאם אַפֶּען טַאלְקוּטְשׁ מִיט קְלֵיידֶער אִיז גִיקוּמֶען אָט דֶער קְרִיסְט , הָאט גֶעקוֹיפְט אַקְלֵייר פַאר זִיבֶּען רוּבּל הָאט גִיגֶעבִּין אַצֶעהְנְרוּבְּלְדִיגֶען אוּנ הָאט גִינוּמֶען אוֹיסְגַאבּ דְרַייא . אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ גֶעחַאפְּט אַז דֶער צֶעהְנְרוּבְּלְדִיגֶער אִיז אַיין פַאלְשֶׁער , הָאבּ אִיךְ זִיךְ נָאךְ אִיהם נָאךְ גֶעיָאגְט אוּנ אָט הָאט דֶער גַאסְפָּאדִין פַּאמָאסְצְנִיק אוּנז גֶעבְּרַאכְט , דֶער קְרִיסְט זָאגְט עֶר ווייס נִיט פוּן וָואס צוּ זָאגֶין , מֶען הָאט גִינוּמֶען שְׁרַייבִּין דָאס פְּרָאטָאקָאל .

וִויא רוּפְט מֶען דִיךְ ? פְּרֶעגְט דֶער פריסטאוו דִיא וַוייבֶּעל .

נעלע בארוכמאן עֶנְטְפֶערְט זִיא .

וַוייטֶער בארוכמאן ! גִיט דֶער פריסטאוו אַגֶעשְׁרַייא , וָואס אִיז פַאר אַיין אָנְשִׁיקֶענֶעס אוֹיף מִיר הַיינְטִיגֶען טָאג פוּן דִיא בארוכמאנס וִויא הֵייסְט דַיין מַאן פוּן וַואנֶען בִּיזְטוּ ?

מַיין מַאן אִיז קאפיל בארוכמאן פוּן דֶער שְׁטָאט ג' .

נָא דִיר ! גִיט עֶר אַגֶעשְׁרַייא מִיט כַּעַס : דֶער קאפיל בארוכמאן הָאט דְרַייא וַוייבֶּער אוּנ וֶוער ווייסְט צוּא הָאט עֶר נִיט פַאר פְלֵייצְט אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאךְ וַוייבֶּער, אוּנ דִיא אַלֶע אָדֶער זַייא זַיינֶען גַנְבְטֶעס אָדֶער בְּרַאדְיַאגֶעס .

עס

עס קען דאך זיין נאך בארוכמאנס אויף דער וועלט זאגט דבורה, אונ די וירקליכע וואס מע זוכט איז אט דיזע (מיט די רייד ווייזט זי אויף גלעזן).

דאס דארף מען דער ווייזן, זאגט דער פריסטאוו דער ווילע איידער עס וועט זיך איזקלערעווען די דיעלא, דארף מען זיי צוא האלטען אלע דרייען, מיט די רייד האט ער זיי געהייסן ארוים פירען, דער חאדאטייא איז דארטן געבליבן ביין פריסטאוו.

איך וועל דיר בעגראבין אלעבענדיגע! זאגט זי צוא דבורה'ן גלע זייענ-דיג אין די ארעסטאנטסקע קאמנאטע, דיין שווינער נעבע האט מיר אן גיבעטין אז וואו איך וועל דיר גיפינען זאל איך דיר פטרין, אונ איצטער גלויבט איז גאט האב איך דיר געהאפט ביי אזוא איין גניבה, נוא דא וועסטו שוין פון מיינע הענד ניט ענטגעהן ניסקאפע! איך בין מיט נעבען אלע מאל גוטע פריינד געוועזין, אזו וועל איך איהר דאס טאן די טובה, דוא וועסט ביי מיר אין טורמע פאר שווארצט ווערין, וועסט ניט זוכה זיין צוא נעמען חליצה אונ ניט מיין, אז דיר וועט ארויס גלאט די מעשה וואס דוא האסט בעגראבין דעם מאן אזו איין יונגיקען בוימעלע!

נוא האב איך אשוויגער! גיט דבורה איין ביטערין זיפץ, עס איז גאר פון איהר ניט לויז צוא ווערין, אויך אין דער פרעמד שיקט זי גענען מיר אירע משחיתים, א רבש"ע!

עס איז אריין גיגאנגען אסיפ יאקאוולעוו, גייט צוא צוא דבורה'ן אונ זאגט מיט איין שמייבעל:

נוא וואס זאגט איהר רבורה צוא דער מעשה? דא איז אהעלישע קאמעדיע מיט אייך.

די מעשה איז אזוא זאגט דבורה: דער בארוכמאן איז אגרויסער נעגאדאי אונ אפלוט, יודען טארין אין רוסלאנד ניט וואוינען אונ סאלדאטין מיט זייערע פרויען מעגען דאך, זא גיט ער האלטין פעטער דער בוזוואן אונ בארעכינט ניט, אז די פרויען קענען זיך ווען עס איז צוא זאטען שטויסין אונ עס קען ארוים קומען אגרויסער אונגליק פאר אונשולדיגע מענטשין אונ פאר זיך אויך, ובפרט אז ער איז איין מענטש, וואס פאליציע האט מיט איהם אפט צוא טאן איבער זיינע שיינע גישעפטין, אונ די רעכטע פרויא זיינע איז טאקע אט דיזע גלע וואס מען האט ביי איהר גיפונען די זיידענס... זעהט ליבער פריינט ראטע-וועט מיך, אוי מיין ארעמער פאטער! ... מיינע ארעמע מוטער! ... אז זיי וואלטין וויסען פון מיין אונגליק!...

איהר ווייסט איך קען אייך רעטען זאגט ער נאכדענקענדיג.

א גוטער מענטש רעטעט מיך!

אבער וואס וועל איך האבין פאר מיין חאדאטייסטווא? איהר פאר שטייט דאך אליין דאס איז מיין גישעפט. אוים פירען וועל איך געוויס, איהר האט דאך גיזעהען אז איך בין מיט דעם פריסטאוו אויף גיטראגין.

ווא ס

וואס זאל איך אייך געבין ליבער פריינד ? זאגט זיא מיינע געלט האט מען ביא מיר גענגבט . איך מיין איהר זייט אאיד אמענטשען פריינד , איהר וועט רחמנות האבין איבער איין אונגליקליכע .

הערט וויבעל זאגט ער , מיט רחמנות מאכט מען אין פעטערסבורג ניט , אויב איהר האט געמיינט מיט רחמנות דורך צוא קומען האט איהר אויך איין גרויסין טעות .

וואס זאל איך טאן ? וואס זאל איך טאן ? האט דבורה גינומען זיפצען , איך זאל בעטין ביא מיין פאטער איצטער געלט איז מיר זייער ביטער .

הערט וויבעל רופט ער זיך אב מיט הארץ דיא אויגין האבין אים גינומען פינקלען . איהר פארט איצטער אז אין אורקוטסק נעמען חליצה, בארעכינט וואס פאר אדומהייט דאס איז , איבער אזו איין זאך זאל מען זיך אזוא פיל אפפערין , זיך אזוא פיל געפהארין אוים זעטצען ! גיט מיינט אז עס איז איין קליינקייט אב צוא פארען אשטרעקע פון זיבען טויזענד ווערסט , אן אייזענבאהן אין דיא שרעקליכסטע קעלטען אין דער וועלט . ביא אונז איז איצטער אנפאנג הערבסט אונ דארטין שטורמט שוין דיא מאטעלניצעס דיא וויוגאס אונ דיא שניידענדע פרעסט, וואס געלט דאס דארף אב קאסטין ! וואס צרות מען דארף אוים שטיין ! צוויא דריא מאנאטין דיא רייזע אהין אונ נאכהער צוריק , אהאלב יאהר נאך אנאנד ניט וויסען קיין טאג אונ קיין נאכט , אזא צארטען קארפער אוים זעטצען איינער האלב יאריגען אונ אויף הערליכען קוואל (יסורים) אונ וואס ? וואלט חאטש פאר גישטאנען צוא פערדינען דער ביא הונדערט טויזענד רובל , ערסט מיט וואס וועט איהר קומען ? מיט אב געשוועכטער געזונדהייט מיט ליידיגע טאשען , מיט איין אוים געלייטערטע נשמה , אבער דער פאר אחליצה ! הההה ! איצטיגע דורות זאלין זיך געפינען אזעלכע משוגעים ! דאס האט ביא מיר אפנים וויא איינער קלעטערט אויף אהויכין טהורים , פאלט צוואנציג מאל אראפ אונ קלעטערט ווייטער , נאך וואס ? — ער האט דער זעהען אפליג אפען שפיץ טורים וויל ער איהם חאפין . . . פאלגט מיר וויבעלע איך האב מיט אייך גרויס מיט-לייד , איהר זייט אטייערעס געשעפף פערדארבט זיך ניט פארט ניט . . .

הערט ליבער פריינד זאגט זיא ווילט איהר מיך רעטען רעטעט מיך, אונ אב שלאגין מיר פון דער רייזע זאלט איהר זיך גאר ניט פרובירען , דאס איז רייד אפען ווינד . דאס איז דער ווילען פון מיין פאטער אונ אזוא מוז זיין .

נוא זאגט ער לאמיר דאס אוועק לייגין , איך וועל אייך רעטען, איך וועל אייך נאך אוים זוכען אריייזע געפאהרטיג , וועל זארגין איהר זאלט האבין אלע אורקאבסטווא אויף דער רייזע , אבער דער פאר פאר לאנג איך, אז . . .

וואס קען איך אייך געבען ? שלאגט זיא איהם איבער דיא רייד איך בין אזוא ארעם .

איהר זייט רייך זאגט ער דיא נאטור האט אייך בענאבט מיט אלע אייגענ-

שאפט

שאפט וואס צירען דאס פרויענציטער. קורץ איהר גיפעלט מיר זייער ... איך בין איין אלמן ... אלזא גיט מיר אייער ווארט, אדער ניין, אצעטעל בעסער אז וויא איהר וועט אב פטרין דיא חליצה, זאלט איהר ווערין מיינע פרויא איר וועט בייא מיר גליקליך לעבען איך בין רייך, אין דיא רייד האט ער איהר גע-קוקט גלייך אין געזיכט זעהען וואס פאר איין מינע זיא וועט מאכין בייא אזו איין פארשלאג, דבורה איז געבליבין צוא טומילט האט אנפאנגליך ניט געוואוסט וואס צוא ענטפערין.

אלזא ווייבעל זאגט ער ווייטער, אויב איהר ווילט איין, נעהם איך אייך אט שוין ארויס פון דאנען אויף מיינע פארוציטעלסטווע, אונ אין צוויא טעג ארום וועט איהר זיין גאר פרייא, איך וועל שוין קריגין פאר אייך איין אנדערין מאן אקאפאל בארוכמאן.

איך וועל זיך מישב זיין זאגט זיא אין דער שטיל, דיא אויגען נידער געשלאגין. אסיפ יאקאוולעוו האט איהר געדרייכט דיא האנט אונ איז ארויס גיגאנגען פון איהר.

וויא ער איז ארויס האט ווייטער גנעלע אן געהויבין: אט איז דיר! זיא האט זיך שוין צוא נויף גענובעט מיט דיא פעטערבורגער פראנטען, וויינינ איז איהר גיוועזן דער עזותניצע צוא פירען געשעפטעלעך דער היים, איז זיא זיך גע-קומען צוא דרייען אהער, זיא מיינט זיא וועט מיט איהר פארצעלייענע צורקעלע זיך ארויס דרייען פון דער גניבה, אז ניט זוכה וועסטו בייא מיר זיין! מיין קאפ וועט ניט זיין אויף דיא פלייצעס, אונ דוא מוזט בייא מיר בעגראבין ווערין, דאס מוז איך טאן נעכען וואס האט מיר אן גיבעטין דיר ניט צוא לאזין צוא צו דיא חליצה ההה! אז דוא וואלסט וויסען דבורעצקע וואס איך וויים וואלסטו פאר שפארין אלע ארבייט וואלסט ניט דארפין פארין נאך דער חליצה.

איך זאל וויסען וואס איהר ווייסט! האט אוים געשריען דבורה מיט פאר וואונדערונג.

יע אז דוא וואלסט וויסען וואס איך וויים וואלסטו גיוועזן פטור פון חליצה, נאר דוא מיינסט איך וועל דיר זאגין? הא? נוא נייעט! גנעלע איז נאך ניט אזוא איין נאר וואס זאל זאגין וואס מען דארף ניט.

גנעלע האט אן גיהויבין דבורה מיט אפלעהענדע שטימע, גנעלע איהר זייט גיוועזן בייא אונז אהויז פריינדין מיר האבען אייך פיל גוטעס געטאן, איך וועל אייך געבין געלט וויא פיל איהר ווילט, איך וועל שרייבין צוא מיין פאטער, ער זאל זיך שטארען אייך לויז צוא מאכין, נאר זאגט מיר יענע זאך דורך וועלכע איך זאל זיין פטור פון חליצה אונ פון דער שרעקליכע רייזע.

ניטא! גיט גנעלע אגעשרייא אונ אפאץ מיט דיא הענט, ניטא איך וויים גאר ניכט, ניטא! ההה! זיא וועט מיך בעפרייען פון טורמע! אליין איז זיא איין ארעסטאנטקע איין נייע בעפרייערין געה געה! פון מיר זאלסטו קיין טובות ניט האפין.

דער ווילע איז צוא גיגאנגען אשיכערער פויער האט דבורה'ן אומגעארמט אונ זאגט: דושעצקא אפשר ווילסטו אביסיל בראנפין וועל איך דיר אן הויבען וויא פיל דוא ווילסט! אלע האבין זיך פאנאנדער געלאכט.

א גאט! זאגט זיא איין שטוים געבענדיג פון זיך דעם פויער, וויא ווערט מען לויז פון דיזער העללע, איבער הויפט ניט צוא זיין אין דער נעהע פון מיין שוויגערס פריינדין. איך מוז איהם צוא זאגין דער ווילע, וואס נאכהער וועט זיין וועלין מיר יענמאלט זעהען וואס צוא טאן... א אז איך וואלט וויסען יענעם סוד וואס גנלע האט געזאגט, וואלט איך פטור ווערין פון אלעם מיט אנאנדער... נאר גיין, דאס האט זיא מיר מעהר ניט געוועלט נעקען (דראזנען), א דיא בייזע מענטשען!

אין אשטונדע ארום איז ארין גיגאנגען אסיפ יאקאוולעוו.

א ראטעווע מיך פון דיזער העללע, זאגט זיא.

איהר נעמט אן מיין פארשלאג? פרעגט ער.

יע, ענטפערט זיא לייזע.

נוא אדאנק מיינע טייערע יעצט בין איך גליקליך.

ווארום ווילט איהר דורך אויס מיך? פרעגט זיא, איהר האט דען ניט גיקענט קריגין שענערע אונ בעסערע פאר מיר?

מען קען קריגין זאגט ער, אבער ניט דיא אלע מעלות וואס איהר בעזיצט. איך וועל אייך זאגין דיא ווארהייט אמענטש אין יאהרען טאר ניט נעמען איין יונגע פרויא פון דיא גרויסע שטעט, דאס איז געפעהרליך, איך האב מיר אימער געוואונשען צוא נעמען פון דער פראווינץ, וואס מעהר וויא איהרען מאן זאל זיא ניט וועלין ליבען, אונ דאס האב איך אין אייך געפונען, מיינע טייערע דעבארא גלייך פארין מיר אוועק פון דאנען.

ער איז ארין גיגאנגען צום פריסטאוו, איז באלד ארויס מיט אגאראדאוואי וועלכער האט דבורה'ן גיהייסין גיין אהיים. ער האט גינומען איין איזוואשציק אונ איז מיט איהר אוועק געפארין צוא זיך אפען קוואטיר וועלכער וואר גרויס ארטיג. דא האט זיא איהם גיגעבין אפיסמענע אביאזאטעלסטווע, אז וויא זיא וועט האבין אב געפאטערט דיא חליצה מוז זיא איהם אסיפען נעמען פאר אמאן, אונ אויב ניט איז זיא מחויב איהם צוא בעצאלין טויזענד רובל וואס ער האט אוים גיגעבין פאר איהר, עס וואהר איהר אפילו זייער ביטער צוא געבין אזוא איין אביאזאטעלסטווא נאר וואס האט זיא גיקענט בעסער מאכין, אגב האט זיא גירעכינט ביז יענער צייט וועט מען זיך איין עצה געבין זיא האט ניט גיוועלט פערבלייבין אין זיין וואוינונג זיא האט גיוועלט זיין אירגענד אין אפאמיליע ביז זיא וועט אוועק פארין, ער האט איהר אב געפירט צוא זיינע אקווינע, דארט האט מען איהר אב געפירט איין אפארטעס צימער, וואו זיא זאל זיך ערהאלען פון אלע צרות וואס זיא האט דא געליטען, דא וואר ווירקליך זייער בעקוועם פאר איהר אונ זיא האט זיך דא ווירקליך ערהאלט.

30.

דיא רייזע אין סיביר.

אסיפ יאקאוולעוו יעמעראוו האט געהאלטין ווארט, האט גינומען זוכען אך פרעגין אין איינגע הטעלען ווער עס פארט נאך סיביר, דעם ערסטין טאג האט ער ניסט ערפאהרען, אויף מארגען האט ער ערוואוסט אז עס פארען עפעס וואיענע פא שלוזבע אונ פאדראדציקעס פון דיעלאם דאס האט ער ניט געוועלט אונ זייא געווים ניט, זיא האט גיוועלט דורך אוים איינע קאמפאניאנקע איין פרויענצימער, מען האט ווידער דער וואוסט אז אין אמאנאט ארום פארט איין קאפיטאנשא צוא איהרען אברודער אין טאבאלסק, האט דבורה ניט געוועלט אזו פיל ווארטען. ענדליך האט מען דער וואוסט אז איודינע אבייבע אין מאסקווע פארט צוא איהר מאן אין קראסנאיארסק, ער וואר דארטין פאר שיקט וואלנע פאסעלעניע, איז גיוועזען פריער רייך פון דער היים אונ דא האט ער אויך גימאכט גוטע גישעפטין אונ האט געשיקט נאך דער פרויא מיט אפאר קינדער, דאס איז דיא בעסטע געלעגענהייט פאר דבורה'ן, אבייבע וואס פארט מיט צווייא קינדער וועט זיא געווים זעהען עס זאל דיא רייזע זיין מיט אלע בעקוועמליכקייטין, אז איבער הויפט זאל מען ליידין וואס ווייניגער פון דיא קעלט, מען האט צוא איר געשריבין צוא זיא נעמט אן מיט זיך איינערייזעגעפאהרטין, האט זיא גיענטפערט אז זיא נעמט אן מיט פריידין אונ אז אין צעהען טעג ארום פארט זיא ארוים, נוא וואר דבורה העכסט פרייליך איבער דיזע געלעגענהייט, האט געשריבין אהיים צום פאטער ער זאל איהר צוא שיקין איין אנווייזונג אין מאסקעווע אויף עטליכע הונדערט רובל, איהרע געלט שרייבט זיא מוז זיא אוים געבין אויף רייזע-געהע-ריגקייטען, האט אויך געשריבין אז זיא האט אווייעלע רייזע געפאהרטין, צוא מיכלען האט זיא געשריבין אהייסין בריף, אונ האט אביסיל געשריבין פון איהרע צרות אונ דער מאנט וועגען אסיפען מיט זיין פארשלאג, אונ ער זאל איהר געבין איין עצה וויא זיך פון איהם ארוים צוא דרייען, אגב האט זיא געשריבין דיא ווערטער וואס זיא האט גיהערט פון געלען, אז זיא וואלט וויסען וואס געלע וויים וואלט זיא ניט געדארפט פארין, איז אויף אלס זאל זיא האבין אין מאסקעווע איין ענטפער געגאווי.

אויף מארגין איז זיא אוועק געפארין מיט אסיפ יאקאוולעוו נאך מאסקאווע ער האט געזאגט אז ער פארט איהר בעגלייטין אונ ווייטער דארף ער עפעס האבין דארטין פא דיעלאם אויך. אין מאסקעווע האט זיא זיך פאר גישטעלט פאר דער מאדאם, וועלכע פארט אין קראסנאיארסק, דיזע האט איהר זייער פריינדליך אויף גענומען האט זיך נאך אוים געדריקט אז זיא איז העכסט פרייליך וואס זיא האט איינע רייזע געפאהרטין אזו איין לאנגע רייזע, דבורה האט איהר ערציילט אין קורצען איהר געשיכטע, זיא וואר העכסט בעוועגט דער פון האט איהר זייער

בעדויערט

בעדויערט, דבורה האט איהר גיזאגט אז זיא האט נאך אהויקער מיט צוא פירין
איין רב וואס מען דארף צוא דעם אינטערעס, נאר דיזע האט דאס אויך אן
גענומען פאר גוט, מיעם באליע וואס ער איז אשוחט וועלין זייא דיא גאנצע
שטרעקע ניט זיין זעדנע אין אשטיקעל פלייש, זיא האט איהר אויך גיבעטין
אז זיא זאל שוין זיין בייא איהר קוואטיר ביז דער אבריינע. דבורה האט בייא
איהר גיגעסין דיזען טאג צוא מיטטאג, נאכהער איז זיא אוועק געפארין אויף
זוכען איהרען בעגלייטער דעם רב, וועלכער האט דא אויף איהר געווארט, דאס
וואר איינגער מאן א יאהר זעקס אונ צוואנציג מיט פייעריגע אויגין, וואס האבען
געוויזין אז אונטער דיא פרומע הילע ליגט עפעס איין אנדער זאך, דאס הייסט
אז פאר איין פינף אונ צוואנציגער קען מען בייא איהם פועלין ער זאל זיך
וואשין צום עסין מיט איין קווארט וואס האט מעהר ניט איין הענטיל, אדער
פאר קערט ער וואלט געגעבען איין פינף אונ צוואנציגער מאשקען דיא הויז מיידיל
פון זיין אכסניא פאר אקום. נאר ניט דאס בין איך אויסען אסיפ יאקאוולעוו האט
זיך דורך גירעט מיט דעם רב אונטער פיר אויגען, אז ער זאל אים שרייבען
פאדראבנא פון אלעם וואס מיט דבורה'ן האט זיך פאסירט אונ וואס זיא טוט, ער
האט דאס אים פערשפראכען פאר איין צעהענרובלדיגען אונ פאר איין הבטחה
אויף ווייטער אויך.

אסיפ האט זיך דעם זעלבען טאג גיזעגנעט מיט דבורה'ן האט איהר אן
גיבעטין זיא זאל איהם שרייבין בריף פון יעדער שטאט, אונ פון איהם ווידער
וועט זיא קריגין אויף דיא טעלעגראפנע שטאנצעס טעלעגראמען, ווייל זיינע בריף
קען זיין וועט מיט פאסט איהר ניט קענען אן יאגין, ער איז אוועק געפארין.

אין פיר טעג ארום האט זיא ערהאלטען איין בריף פון דער היים אויף איין
אדרעס פון זייערין איין גוטין פריינד, אין בריף וואר איין אנווייזונג אין באנק אויף
פיר הונדערט רובל, צוא הויזע שרייבט מען איהר איז אלעם בראהאפאלוצנע.
מיכל האט איהר געשריבין איין בעזונדערין בריף, אז ער איז געזונט זיינע גע-
שעפטען גייען גוט, וועגען איהרע זאכין זאל זיא זיך ניט בעאונרוהיגען וויא
איהר טרעפט אלם נעפריאטנאסטי, זעהט מען אבער אז גאט פאר לאזט איהר
ניט, אט האט זיך אוים געלאזין אגליק, דורך דעם אסיפען האט זיא גיקראגין אזו
איין גוטע רייזע געזעלשאפט; פאר זיינע גוטסקייט וועלין זייא איהם אב דאנקען
אז זיא וועט פארין צוריק, אונ דיא פיר הונדערט רובל פון אנווייזונג איז הונדערט
זיינע, פיר וועלכע ער בעט איהר זיא זאל קויפין אווארעמען פעלץ מיט נאך
וואָרעמע קליידונג, דיא איבעריגע געלט זאל זיא מעהר ניט אוים רעכענען אויף
ריקרייזע ביז פערם צוא קאזאן, דען ער רעכינט איהר צוא פארען ענטגעגען
ביז קאזאן אדער פערם בשעת זיא וועט פארען צוריק, ווייטער בעט ער איהר
זיא זאל איהם שרייבין בריף פון יעדער שטאט וואס זיא וועט דורך פארין; פון
איהם ווידער וועט זיא געפינען אויף יעדער טעלעגראפנע שטאנציע פון די גרויסע

שטעט

שטעט טעלעגראפישע גריסען פון דער היים, ווייטער זאל זיא פון קאזאן טעלע־גראפירען צוא נפתלי גרינשפאן אין אירקוטסק אז זיא איז שוין אין וועג צוא איהם וועגען דער חליצה אונ בעטען זיא זאל האבען פון איהם איין בריף דא וואסטרעבאוואניע אפען פאסט אין טיומען צוא טאבאלסק, אדער איין טעלע־גראמע אין פערם אז ער הייסט עס, ווארט אויף איהר אום איהרע רייזע זאל זיין זיכער.

נאך דיזען בריף איז דבורה געוואָרין רעכט מונטער אונ פריילך, זיא האט שוין פאר געסען אויף איהרע צרות וואס זיא האט אויס געליטען ביז הער, דיא האפפנונג באלד ערלייזט צוא ווערען פון דיא פערפלוכטע חליצה האט איהר געגעבין פרישע קרעפטען אלע שוויריגקייטען פון דער פארשטעהנדען רייזע מאן־האפט אריבער צוא טראגין.

אין דרייא טעג ארום האבין זייא פעסט געזעצט ארויס צוא פארען פון מאסקאווע נאך סיביר, דאס האט אלס גישעהען צווישען ר"ה אונ יו"כ, אויף מארגען נאך יו"כ דעם פינפטען סענטאבר זיינען זייא ארויס געפארין, האבען ניט געוועלט איבער ווארטען דיא יו"ט אין מאסקאווע וואו זייא וואלט זיין בעקוועמער, נאר זייא האבען זיך געווילט וואס פריער ארויס צוא פארין אום ווייניגער פון דיא סיבירשקע קעלט צוא ליידין, דבורה'ן איז איצטער פאר געשטאנען אריזע פון מאסקווע ביז אירקוטסק איבער פופצעהען טויזענד ווערסט, זיא דארף דורך פארען דיא שטעט: וולאדימיר, ניזשני נאוואגאראד, קאזאן, פערם, יעקאטערינבורג, קאמישלאוו, טיומען, טאבאלסק, טארא, קאאינסק, קאליוואן, טאמסק, מארינסק, אטשינסק, קראסנאיארסק, קאנסק, ניזשנע אודינסק, אירקוטסק.

דיא ערסטע טעג סוכות דען 10 אונ דען 11 טען סעפטעמבר האבען זייא געהאלטין אין ניזשנע, דיא אנדערע דאס הייסט דען 17 אונ 18 טען האבין זייא געהאלטין אין קאזאן, אין צעהען טעג ארום זיינען זייא שוין געווען אין פערם, וואס שטייט בייא דעם טייך קאמא, דא האבין זייא פאר בראכט אוואך צייט, מאדאם ליבושעווסקאיא איהרע רייזע געפאהרטיק האט געקויפט איין אייגענעם שליטען, צוא רעכט געמאכט אבייזעל, אויס געשלאגין אינעווייניג מיט ציגענפעל וואס ווארעמט זייער גוט, דבורה האט גיקראגין צוא קויפין איין אלטען בערינפעלץ פאר זיך, אפאר קיסענס האט זיא געהאט מיט זיך אויך וואליקעס; זייא האבען זיך אן געקויפט תארץ וואס נור מעגליך וואר. אין פערם האט זיא ערהאלטען טעלעגראמען פון דער היים אונ פון אירקוטסק, אז נפתלי ווארט אויף איהר זיא וועט זיין בייא איהם דער בעסטער גאסט, איהר איז אפילו קשה געווארין ווארום איז ער איהר אזוא פריינדליך אז ער קען דאך איהר גאר ניט; אפשר איז ער טאקע איין גוטער מענטש קלערט זיא בייא זיך, פון אסיפ יאקאוולעוו האט זיא אויך ערהאלטין איין טעלעגראמע זיא האט אלעמען אב גיענטפערט וויא עס האט זיך געפאדערט.

דען 6־טען אקטאבער זיינען זייא ארויס געפארין פון פערם, דער ווינטעל

האט

האט זיך שוין פערשפרייט איבער דיא גאנצע געגענד מיט זיינע שנעען מיט זיינע פראסט דער וועג וואר גוט, פון אנפאנג האבען זייא ווייניג וואס געליטען, פלעגין פארען גוט פלעגען זיך אויס רוהען אויף דיא פאסטשטאנציעס. דען 14 טען אקטאבר זיינען זייא אן גיקומען אין טיומען אין אזיאטישע רוסלאנד, דא האבין זייא זיך ערהאלט פיר טעג אונ זיינען ווייטער געפארין, דעם 21 טען זיינען זייא אן גיקומען אין טאבאלסק וואס שטייט בייא דעם אירטיש, וואס פאלט אריין אין דיא גרויסע טייך אב. (דא איז דער טרונקען געוואָרין יערמאך טימפעיעוויטש דער ערָאבערער פון סיביר פאר דרייא הונדערט יאהר צוריק). אין טאבאלסק האבען זייא זיך אב גישטעלט אויף צווייא וואכען, זייא ווארען אלע גוט אויס געמוטשעט פון קעלט אונ פון ווינד, פון ניט דער עסען אונ ניט דער שלאפין דא האבען זייא געמיטהעט אין אזויבערע קוואטיר איין ווארעמע אונ האבין זיך רעכט ערהאלט.

דען 6 טען נאוועמבער זיינען זייא ארויס געפארין פון טאבאלסק, דער ערשטער טאג איז נאך גיוועזען צוא ערטראגין, אויף דעם צווייטען טאג האט דער סיבירישער ווינטער זיך ארויס גיגעבין אין זיין פאלער מאכט: עס איז געווארין איין פירכטערליכער שטורם מיט שנעע צוא זאמען, האט פאר ווארפען דיא דערפער מיט שנעע, קיין זאך האט ניט בעשיצט פון שניידענדען ווינט, עס האט פערבלענדעט דיא אויגין פאר גלושעט, אטראיקע פערד האבין זיך קוים גישלעפט דער ווינד וואר ענטגעגען, אויף דעם איזוואסציק איז גאר גיוועזען איאמער, אויף מארגען האט אויף גיהערט דיא וויוגא אונ עס איז געווארין איין שטרייגגער פראסט ביז 53 גראדוס אלע קליידער ווארען וויא ברעטער, דיא פערד ווארען בעדעקט מיט איין שלאי אייז פון דיא פארפרארענע פארע אונ אטעם איז געווארין אונטערין נאז שנעע קוילען, אלעס עסען אונ טרינקען איז געווארין גראניט, דיא לופט וואר ריין אונ טרוקין שארף אונ שניידענד דיא לונגען; ווער עס האט איין ברוסט פעהלער קען עס ניט אריבער טראגין, נאר דיא מעלה האט דיזער פראסט ערקעלטען קען מען זיך ניט, דאס הייסט פאר פרארין קען מען ווערין אבער ניט זיך ערקעלטען, וויא אן אונזער געגענד דיא ראבאס (ציגען פעל) האבען זייא גאנץ גוט געשיצט פון פראסט נאך בעסער וויא פעלצען, זייא האבין זייער שרעקליך געליטען, דער פאר אין דיא שטאנציעס פלעגען זייא זיך אב לעבין, וויא זיי פלעגין אריין גיין, פלעגט מען פון זייא אראפ חאפין דיא קליידער, דיא שובה אונ וואליקעס דער לאנגען טייא וויין זיך צוא ערווארעמען, דיא צימערין ווארין ווארעם אן געהייצט, מען איז דארטין זייער אוסלוזליווע אין גאסט פרייא איבער הויפט אז מען זאלעוועט ניט קיין מטבע.

אפען וועג פלעגין זייא בעגעגנען קאראוואנען מיט טייא, וואס גייען פון קיאכטע נאך מאסקווע, פלעגין אויך בעגעגנען פארטיעס ארעסטאנטען וואס מען טרייבט קיין סיביר אויף קאטארגא, אויך ארעסטאנטען וואס ענטלויפין, דען

דאם

דאס טרעפט אפט אין סיביר, אונ פון דיא איינוואוינער ווערט עס ווייניג גישטערט אנדערע שטיצען זייא נאך.

זייא זיינען געפארין איבער צוויא וואכין נאכאנאנד, האבין זיך אב גישטעלט צוא טעג אין דיא שטעט: טארא, קאאינסק, קאליוואן, אויף דיא שטאנציעס פלעגין זייא ווייניג וואס רוהען אויסער שבת, פאר שטייט זיך פלעגין זייא רוען דעם גאנצין טאג, דען מאדאם ליבושעווסקאיא וויא אויך דבורה ווארען פרום געוואזען, אונ אויסער דעם איז דאך גלאט צוא ערהאלען זיך, דעם 21 טען נאוועמבער האבין זייא ערזעהען דיא גאלדענע דעכער פון טאמסקער קירכען, אין טאמסק האבין זייא פאר בראכט צווייא וואכען, דען זייא ווארען גוט אויס געקריינקט פון דער רייזע.

טאמסק איז א שיינע שטאט, דא איז פיל שטיינערנע הייזער, גאלערייען, מיט האלצערנע טראטוארן, זעכצען קירכען, א שיינער טעאטער, שטייט אויף א הויכין שטילען בארג, דא איז דיא טייך טאם זייער א ברייטע, אויף איר גייען זומער דאמפשיפע, דא האט דבורה געשיקט בריף אהיים אונ טעלעגראמען, האט באקומען איין ענטפער אז עס איז אלעס אין ארדנונג. זיא איז געווארין רוהיג האטש זיא וואר צוא בראכין פון ווינד פון פראסט אונ פון ניט דער שלאפין.

זייא האבין זיך דא רעכט ערהאלט אין דעם פערטען דעצעמבר זיינען זייא ארויס געפארין פון טאמסק, דאס וועטער וואר גוט דער פראסט ניט שטרענג זיינען געפארין ראש ווייניג וואס אב גישטעלט זיך אויף דיא שטאנציעס, אין מארינסק זיינען זייא גישטאנען א טאג, אין מאטשינסק א טאג מיט א נאכט, דא זעהט זיך דורך אויס מאנגאלישע טיפ, דיא דארטיגע איינוואוינער דיא בוראטען זיינען זייער העסליך, דיא נאז איז זייער פלאך אז זיא איז כמעט גלייך מיט דיא באקין וועלכע זיינען זייער אן געבלאזין, דאס געזיכט איז אונטען ברייטער וויא אויבען, דער וועג איז גלאט, עס פלעגט זייא פאר קומען צוא פארען דורך צעדערין וועלדער, וואס ציהען זיך אוועק אויף דרייא הונדערט ווערסט, פלעגין בעגעגענען שטאדעס וואלף נאר זייא פלעגין ניסט טאן, ענדליך דען 12 טען דעצעמבר זיינען זייא אן גיקומען אין קראסנאיארסק, דיא שטאט וואו מאדאם ליבושעווסקאיא דארף אן קומען, דער מאן איז זייא געפארין ענטגעגענע דיא פאמיליע ליבושעווסקאיא וואר העכסט פריילך אונ פערגניגט, דבורה האט אויך גינומען אנטהייל אין זייער פריידע זיא האט געהאט בייא זייא דיא בעסטע אויפ-נאהמע, מען האט איהר אב געפירט אין איין אפארטעם צימער מיט אלע בעק-וועמליכקייטען.

צווייא וואכין איז דבורה גיוועזן בייא זייא אנאסט. ענדליך דעם 25 טען האט זיא גינומען פון דיא גוטע מענטשין אבשיד אום צוא פארין קיין אירקוטסק, זיא האט זייא געטוזט פערשפרעכען בייא צוריק רייזע זאל זיא צוא זייא פאר קערין, זייא האבין איהר מיט גיגעבין אלע זייערע רייזע געהעריגקייטען, אז איהר זאל ניסט פעלין אפען וועג וויא פריער, זייא האבען איהר אויס געזוכט

נאך

נאך אריינע געפעהרטען , חאטש דער יונגער מאן איהר רב האט געזאגט : עס איז ניט נייטיג זייא זיינען געפאהרען דורך טאג אונ דורך נאכט האבען זיך אויף קורצע צייט אב גישטעלט אין דיא שטעט : קאנקעס אונ ניזנע אודינסק דעם פערטען יאנואר 1878 האט זיא טעלעגראפירט צוא נפתלי'ן פון דיא לעצטע שטאנציע פאר אירקוטסק. פינף ווערסט פון שטאט איז ער איהר געפאהרען ענטגעגען , ער האט איהר העכסט פריינדליך אויף גינומען וואס זיא האט זיך גאר ניט פאר גישטעלט , ער האט איהר אריין געפירט אויף זיין וואוינונג ער האט זיך גילעבט גאנץ גוט דען ער וואר ניט ארעם .

זיא האט גלייך גינומען ריידען וועגען דעם ציל פון איהרע רייזע , האט ער איהר געזאגט אז זיא מוז זיך דאך ערהאלען , דען זיא וואר ווירקליך קראנק פון דער לאנגע רייזע . אויף מארגען האט דיא קראנקהייט צוא גינומען נפתלי האט גערופען איין דאקטאר אונ ער האט ערקלערט אז זיא איז שטארק קראנק , מען מוז זעהען צוא טאן אז ניט איז זיא געפאהרליך .

עס איז קיין וואונדער ניט מיין ליבער לעזער , וואס זיא איז קראנק געווארען פון פערצעטען אגוסט ביז דעם פערטען יאנואר איז זיא אלס גיוועזען אויף דער רייזע איז אב געפאהרען זיבען טויזענד ווערסט אונ האט אזוא פיל געהאט צוא ליידען אונגליקען , עלענד קעלט אפען וועג , היץ (אין דיא סטאנציעס) , הונגער, ניט דער שלאפען אונ דאס ערגסטע דאס בייגקען נאך דער היים, אונ פון וועסט וועגען ? — אום צוא בעקומען חליצה !

31·

דער רעזולטאט פון דער לאנגען מיהזאמען רייזע .

נוא איז שוין דבורה אין אירקוטסק , דיא גרויסע שטאדט , וואס שטייט ביי דער גרויסע אזערע בייקאל ניט ווייט פון חינעזישען גרענעץ , איהרע עלטער עלטערן האבען זאגאר דעם נאמען פון דער שטאדט ניט געוואוסט , אבער אוים געפיהרט , ווען דיא ערסטע מיטלען פון חליצה וואַרען לייכט אונ ניט גילטיג , דער פאר האט זיא אויף געטאן דעם לעצטען אונ דעם שווערסטען מיטעל , וועלכער מוז גילטיג זיין , דען אז מען יאגט זיך אזוא פיל נאך אמצוה אונ מען אפפערט זיך אזו פיל פון אירעט וועגין , וויא קען דאס זיין אז מען זאל צוא איהר ניט געלאנגען ? דער ווייל איז זיא קראנק , קענען מיר נאך דעם רעזולטאט ניט וויכין .

עס איז פאר איבער גילאפין דרייא וואכין , דבורה וואר נאך איטער קראנק אונ אלזא פאר שטייט זיך , וואר נאך פון דער חליצה קיינע רעדע , נפתלי גרינשפאן האט גיטאן פאר איהר וויא אברודער , האט גענומען פאר איהר אמענשען וואס זאל איהר פפלעגין , דער דאקטער איז גיגאנגען אלע טאג , קורץ מען האט

געטאן

געטאן אלע מעגליכקייטען איהר ווידער הער צוא שטעללען.

אונטער דער גאנצער צייט האבין זיך נפתלי אונ דוד דער רב וייער אפט אונטערהאלטען, האבין זיך גיגעבין עצות וועגין זייער אוויכטיגען אינטערעס, צוא ענדע יאנואר האט נפתלי גרינשפאן גירופין דוידען אין טראקטיר, אום דארטין ביי אגלעזעל משקה זייער אינטערעס אב צוא ענדיגען, זייא האבין דארטין פארבראכט אשעה אנדערהאלבען, זייא זיינען ארוים גינאנגען פון דארטין אביסיל פארקוראזש, דיא געזיכטער ווארען רויטלאך, דיא ליפען פעט, זייא האבין זיך גערייכט דיא הענד פון איינאנדער צוא גיין, — נוא אזוא בלייבט עס, זאגט נפתלי, איהר זאלט מיר דינען אין דעם אינטערעס, פארשטייט איהר מיך, אונ איך וועל אייך אב דינען ארענטליך, איך וועל זעהען איהר זאלט דא קריגען דיא שטעללע פון שוחט אונ פון רב צוא זאמטען.

זייט רוהיג זאגט דויד, איך וועל שוין טאן דערינען לטובתכם, איצטער איז מיר שוין פאר ענטפערט אלע קשיות, מיר האבין זיך אלס גיוואונדערט, וויא קומט עס, איהר זאלט זיין אזוא פריינדליך צוא איהר, וואס איהר קענט איהר ניט אונ וואס איהר וויסט איהר ניט, איצטער איז רעכט אייערע פריינדליכע טעלעגראמען מיט אייער פריינדליכע אויפנאהמע, אבער פון וואנען פאלט איהר דארויף?.

איך האב פאר שטייט איהר מיך אפעטער נתן צמח, ער האט דאס מיר אויף געטאן אין אבריף דעם גאנצען פלאן, אונ איצטער זעה איך אז זיין עצה איז גאנץ גוט, וואס זאגט איהר? וועט עס גיין?.

נאטירליך, ענטפערט דויד צערשטרייט, דאס איז דאך אלע מאהל אכלל, אז מען קען ניט אריבער, גייט מען ארונטער, וויא איז זיא היינט אין גיזונט?

זיא פפראוועט זיך שוין, זאגט נפתלי, דער דאקטער זאגט אז אין אוואך ארום וועט זיא זיין אים שטאנדע צוא גיין אפין גאס, נוא אדיע, דער ווילע! מיט דיא רייד איז ער אריין אין איין אנדער גאס.

דוא ביזט אפילו קיין נאר ניט, זאגט דויד פאר זיך, דיין פלאן איז אגוטער אבער ווען? אז איך וואלט איהם טאן פאר זיך, אונ טאקע ווארום זאל איך זיין אזא נאר ארוים לאזען אגוטען ביסען בשעת עס איז בידי? אי וואס? דיא שטעללע? דאס פארשטייא איך וועט גיין אן זיין רעקאמאנדאציע, אונ אז איך זאל דא פערבלייבען, וואלט זיין פלאן זיין פאר מיר גאר צום הארצין... איין אונגליק מיט דיא מאדאם ליבושעווסקאיא, זיא האט מיר גישטערט דיא גאנצע רייזע מיט איהר אווארט צוא ריידען, אונ דא פון קראסנאיארסק האב איך שוין גימיינט איך וועל זיין מיט איהר אונטער פיר אויגען... ערסט אין שווארץ יאהרען! האבין זייא מיר מיט גיגעבין אשעטני... גאר איך מוז זיך דער שלאגין צוא דאס מיינע, זיא איז כמעט אין מיינע הענד הא הא! עס וועט גיין, עס מוז גיין!.

אין אוואך ארום איז דבורה געזעסין אין איהר צימער ביין פענסטער אונ האט ארויס גיקוקט אויף דיא גרויסע גאס פון אירקוטסק וואס ציהעט זיך אוועק אויף צוויא ווערסט, דאס וואר זונטאג, ווען דיא גאס ווערט באלעבט פון פילע שפאציר פאהרער טייערע עקיפאזען, פיינע געפוצטע פרויען, דאס צימער וואר פיין מעבעלירט, ליכטיג ווארעם, זיא וואר אין אמארגענראק, וואר נאך בלאס פון איהר קראנקהייט, אבער דיזע בלאסע האט צוא גיגעבין פיל גראציע (חן) צוא איהר שיינהייט, זיא וואר רייצענד, דער סיבירישער ווינטער מיט אללע איהרע שווירינקייטען האבין אויף איהרע נאטור גאבען ניט געווירקט אונ ניט אב גענומען, נפתלי גרינשפאן גייט אריין צוא איהר אין צימער, ער וואר העפטיג באוועגט פון איהר שיינקייט איז געבליבען אוויילע שטיין איהר באוואונדערין, זיא האט איהם ניט באמערקט.

נוא וואס, דבורעלע, וויא פיהלט איהר זיך היינט? פרעגט ער איהר מיט אשמייכיל.

איך פיהל מיך שוין איהם שטאנדע אייך העיר גרינשפאן, אב צו דאנקען פאר אללע אייערע פריינדליכקייט אונ גוט, וואס איהר האט מיר ערוויזען אונ צוא פאהרען אהיים, איך וואלט שוין וועלין היינט אבפאטערין אונזער געשעפט, נאך וועלכען איך בין געפאהרען אהער.

וואס איילט איהר, דבורה? איהר זייט ביא מיר דער בעסטער גאסט.

וויא הייסט עס, וואס איל איך? איהר פאר געסט, אז איך בין שוין איבער פינף מאנאטען פון דער היים, איידער איך וועל קומען צוריק וועט ווייטער דויערין אמאנאטען פיר געווים, אלזא וויא קען איך דא לייגער פערבלייבין?

איך וואלט אייך ראטהען, שוועגערין, איהר זאלט דא אויף אלע מאל פערבלייבען, ביא דיא רייד איז ער גיווארין רויטליך אונ צוא מיסט עטוואס.

איך אללע מאל... דא פאר בלייבען! גיט אגעשרייא דבורה העכסט פאר וואונדערט.

ווארום דען ניט? זאגט ער שטארקער ביא זיך, חלעבין וואס דארפט איהר זיך קוועלין מיט אזא לאנגע רייזע צוריק, אויסמאטערין אייערע צארטע ביינער, אונ וואס וועט איהר האבין אין דער היים? דא איז אויך אזא וועלט וויא דארטען אויף נאמנות, מיר האבין דא אל דאס גוטס, אויך טעאטערין קאנצערטין אונ נאך אמעלה האבין מיר וואס איהר האט ניט, מיר טרינקען דען געלבען טייא וואס ביא אייך קאסט עס דרייסיג רובל אפונט, אונזער קלימאט איז ניט שטארקער וויא אייערער, חלעבין פאלגט מיר שוועגערין.

איך פאר שטייא איין ווארט ניט, וואס איהר רעדט, זאגט דבורה מיט שטייגענדער פארוואונדערונג וויא הייסט עס! איך האב דאך עלטערין אין דער היים, אונ וואס וועל איך דא טאן?.

צוא דיא עלטערין, זאגט נפתלי, קען מען שרייבין אפט בריף, אונ וואס

דא צוא טאן ? איז פאראנגען פר איך אגוטע פארטייא (שידוך) . . . איונגער מענטש וואס לעבט זיך גאנץ גוט . . . ער איז אהענדלער פון טייא . . . חלעבין איהר וועט זיין גליקליך . . .

איך וועל פון היא קיין שידוך ניט טאן , ענטפערט זיא ענטשלאסען .

אז איך וועל אייך אבער זאגען ווער דאס איז , גלויב איך וועט איר וועלין .

איך וועל גאר ניט הערען , זאגט זיא קומט שוין צוא דער חליצה, מיט דיא רייד שטעלט זיא זיך אנידער צוא גיין , נוא קומט שוין הערר גרינשפאן .

איהר ווייסט ? זאגט ער שקאנפודזעט עטוואס . . . דער חתן . . . הם . . . וואס וויל אייך . . . נעהמען . . . בין איך ! . . .

ביי דיא רייד איז זיא געווארען ערשראקען , וויא אגיפטיגע שלאנגעו ואלט אויף איהר ארוף פאללען , זיא איז געבליבען שטיין מיט אוים געשטארצטע אויגין מיט איין אפענע מויל , אשווידער איז איהר אריבער אללע גלידער , עס וואר איינע שרעקליכע פויזע אויף איינינע סעקונדען , ער שטייט ווידער אונ ווארט ענגסטליך איהרען באשייד , ענדליך האט זיא זיך ערהאלט עטוואס אונ זאגט הערט אויף צוא שערצען מיט מיר , שוואגער , מיר ליגט דאס היינט ניט אין זינען אזעלכע גלייך ווערטלאך . . . איך האב גענוג געליטען צוא ליב דיא חליצה . . . קומט , לאמיר דאס אב פאטערין .

הערט וואס איך וועל אייך זאגין , רופט זיך אב צוא איהר נפתלי , דער דין איז אזוא , דעם מאנס ברודער דארף מיבם זיין זיין שוועגערין , דעם גישטארבענעם ברודערס וייב דאס הייסט ער דארף איהר הייראטהען , אויב פון ברודער איז קיין קינדער ניט געבליבען , אונ אויב ער וויל אידר ניט הייראטהען , מוז ער איהר געבין חליצה , אבער היינט אז איך וויל אייך נעהמען דבורעלע פאר שטייט איהר בין איך פטור פון חליצה , (ער האט וואהרשיינליך ניט געוואוסט , אדער גימאכט זיך ניט ויסענדיג , אז ע"פ חרם דר"ג טאר דער שוואגער דיא יבמה ניט נעמען ווען ער וויל זאגאר) .

דבורה האט זיך אנגעחאפט פארין קאפף . דאס הארץ האט איהר גענומען קלאפין , דאס געזיכט האט זיך געביטען אין אללע קאלירען .

ניט קוקט , זאגט ווייטער נפתלי , ניט קוקט וואס איך בין אפאסעלעניץ , איך האב ח"ו ניט געטאן קיין פרעסטופלעניע , איך בין איין ארענטליכר מאן , אט פרעגט דא נאך אלעמען , וואס קענען מיך , איך האב זיך פאפאדזעט אהער איבער אבילבול , וואס מיין מאמע האט מיך אריין געפיהרט וואס זיא האט אליין אויך ניט געוואוסט . . . ווייטער בין איך גאנץ תקיף אין מעמד , עס וועט אייך ביי מיר ניט פעהלען . . . זעהעט זייט מיין פרויא .

אט דערויף האט איהר דאס מיך אראב געבראכט אהער ? גיט זיא אביטערין זיפץ , אזוא פיל האב איך זיך גידארפט אפפערין ! אט דאס איז דער ציל פון מיין לאנגע שרעקליכע רייזע ? אה אה ? .

עס איז טאקע כדי , ווארום ניט ? איהר וועט פאר מיך גליקליך לעבין דבורה .

שמיימם

שטייטס איהר האט דאך מיר געשריבען אז איהר גיט מיר חליצה, וויא פאר פיהרט מען דאס אזוא אמענשין ? דער מאנט זיך וואס איך האב אויסגעליטין, וואס עס האט מיין פאטער אבגעקאסט ! .

וואס אייער פאטער האט געקאסט וועל איך איהם אבשיקען דאפפעלט .
הערט אויף שוואגער צוא שערצען מיט מיר, דאס קען ניט זיין אונ דאס וועט ניט זיין ... איהר וועט דא קריגען אכלה אבעסערע אונ אשענערע פון מיר .

זאגט דאס ניט, דבורעלע, דא איז גאר ווייניג אידען, אונ דיא איינינע וואס דא איז דא זיינען ניט ווערט אייער קלענערין פינגער, אונ ווידער פון היא איז זייער שווער צוא טאן אשידוך, אלזא איך מוז אייך נעהמען, דבורה, אונ עס קען אנדערש ניט זיין .

אז איהר האט ניט געוואלט געבען חליצה, טא ווארום האט איהר מיר אראפ געבראכט אהער ?

אום אייך צוא הייראטהען, זאגט ער .

איהר האט דאך מיך ניט גיקענט, זאגט זיא .

איך האב אפעטער נתן צמח, ער האט דאס מיר גישלאגען דיזע פארטייא, איך בין איצטער העכסט צו פרידען, מען דארף איהם אבשיקען גוטע שדכנות .

נתן צמח ! גיט דבורה אגעשרייא אונ האט זיך גענומען רייסען דיא האר פון קאפף, ווידער נתן צמח אונ אבער נתן צמח ! דיזער מערדער ווארפט זיינע גיפטיגע פיילין עק וועלט אה גאט ! גאט ! מיט דיא רייד האט זיא גענומען לויפין איבערין צימער, וויא אטיגערין אין איהר קלעטקע, אה מיכל מיכל ! טראכט זיא בייא זיך, זעה וואס פון מיר האט זיך אויס געלאזין, זעה וואס פון אונזערע הייליגע ליבע האט זיך אויס געלאזען ... אללעס פערלארען אלס פערלארען ! מיר זיינען אריין געפאלין אין אוואלפען גרוב, יעדער רייסט אונזער לייב, יעדער זייגט אונזער בלוט אויף איין אנדער ארט, אה שלעכט ! ... איך מוז שוין אב־טרעטין פון דאנען, איך טאר דא איין סעקונדע ניט פערבלייבין, איך מוז זיך אריבער קלייבין אין איין אנדער קוואטיר, טעלעגראפירען אהיים וואס דא טוט זיך מיט מיר,

מיט דיא רייד האט זיא אויף זיך ארויף געווארפין אפאצייליע, איז האסטיג ארויס געלאפין דרויסין, האט גירופין איין איזוואסציק, איז גלייך אריין צוריק, האט גענומען איין פאקין אידרע זאכין, האט גיגעבין דעם איזוואסציק ארויס טראגען, זיא האט נאך אמאל גענומען זיך בעטען בייא נפתלין, איז איהם געפאלין צוא דיא פים, ערבארעמט אייך ליבער שוואגער, גיט מיר חליצה, — ערבארעמט אייך ליבע שווענערין, ענטפערט ער, זייט מיינע אפרויא .

נוא אסוף, זאגט זיא אונ איז ארויס געלאפין, האט זיך גיזעצט אפין איזוואסציק, איז אוועק גיפאהרען אין אגאסטיניצא אונ האט זיך אבגענומען איין נומער .

דא האט זיא אוים גיבראכין אין אנגעווייז: אט דאס איז דער ציל פון מיין קוואל פאלע רייזע! זיבען טויזנד וויארסט בין איך אבגעפארען, נאך וואס? אה הימעל! אסיפ יאקאוולעוו איז גירעכט מיט זיין פערגלייכונג, איך האב גיקלעטערט אויף אטהורעם נאך וואס? נאך אפליג, אונ דיזער פליג איז ערסט פון מיר אוועק, אה חליצה, חליצה! וואס צרות, וואס עלענד דוא האסט מיר פערשאפט, איצטער איז אללע מיינע האפפענונגען אוים איך מוז שוין טעלעגרא-פירען אהיים דעם שיינעם רעזולטאט פון אללע מיינע ליידען, אה, אבער וויא שרייבט מען זייא אזא טרויעריגע נאכריכט? זייא וועלין ניט אוים האלטין... ניין, איך מוז נאך אבווארטין עטוואס... וועל איהם נאך אמאל בעטען.. טאמער. זיא האט זיך אנגעקליידעט, איז אוועק געפאהרען פריער צוא נפתלין האט איהם ווידער גיבעטען וועגין דיא חליצה אונ ער איז אימער געבליבען בייא דאס זייניגע, זיא איז גלייך אוועק געפאהרען אין טעלעגראף אונ האט אוועק געשיקט צוא מיכלען איהר טעלעגראממע.

32.

דער מוזעאום טוט אויך וואס אויף

דריי טעג איז זיא גיזעסין אין איהר נומער פארשפארט אונ האט קיינעם צו זיך ניט צו געלאזין, דוד יודעלעוויץ דער פארמאסקירטער רב אונ נפתלי גרינשפאן פלעגין נאך אימער גיין צו איהר מיט זייערע פלענער, אבער זיא האט מיט קיינעם ניט גירעט, אויף דעם דריטען טאג האט צו איהר אן געקלאפט דער טעלעגראפין דינער, זיא וואר יעמאלט פערזונקען אין טרויע-ריגע געדאנקען אונ האט געוויינט, זיא האט גלייך זיך פאנאנדער געשריבען אונ האט אויף געריסען דעם קאנווערט אונ לעזט אזוי „דבורה דוא ביזט פטור פון חליצה".

הא! — גיט זיא זיך אחאפ אויסער זיך איך בין פטור פון חליצה, א וואס פאר אגליק! — זיא לעזט ווייטער — „דיין קינד לעבט". הא! — גיט זיא אגעשריי — מיין קינד לעבט! וואס איז דאס פאר אוואונדער, בייא די ווערטער האבין איר ארוים געשפארט אשטראם טרערין וואס זיא האט ווייטער קוים גיקענט לעזין: „דיין שוויגער האט זיך אלץ מודה גיוועזן".

מיין שוויגער! — גיט זיא ווידער אגעשריי — ווייטער מיין שוויגער איז דא עפעס אין אהעלישע אינטריגע. זיא לעזט ווייטער: „פאר גלייך אהיים אין קראסנאיארסק ביי דיין פריינדין וועסטו געפינען אבריף מיט 200 רובל, אין בריף איז אלץ פאדראבנע.

דיין טרייער מיכל.

אייניגע

איינגע מינוטען איז זיא געבליבען זיצען צו טומילט פאר פריידע אונ פון איבער ראשונג, פריער האט זיא זיך געפילט העכסט אומגליקליך אונ היינט העכסט גליקליך, פטור פון חליצה — טראכט זיא ביי זיך — אקליינינקייט! בעפרייט געווארין פון נפתלין אונ פון דודן דעם פאר מאסקירטען רב, היינט וואס דאס קינד לעבט, וואס איז דאס פאר אוואונדער? דיא שוויגער האט זיך מודה גיוועזן, וויא אזוי האט זיא דאס געמאכט די אינטריגע? וויא אזוי האט זיא זיך מודה גיוועזן? א וויא קומט מען צו פליען אויף גיך אין קראס-נאיארסק אום אלעס אויף אמאל צו ערפאהרין? א גאט! וויא גליקלאך איך בין, איך לאך איצטער פון די מערדער וואס האבין מיך אזוי געקוועלט, א איך וועל זיך איצטער מיט זיי רייצען, איך וועל זיי ווייזען די טעלעגראמע וועלין זיי אביסעל אראב לאזין די נעזער הההה! עס וועט זיין אומאריטעלגע צו זעהען זייערע מינעס וואס זיי וועלין מאכין ביי דיזער נאכריכט, נאר גיין דאס טויג ניט, איך בין דא עלענד, זיי קענען מיר וועהר ווייסט וואס אב-טאן מען דארף זיך מאכין אז איך בין אין דער גרעסטע פערצווייפלונג וויא פריער, וועל זיך נאך בעטין ביי נפתלין אונ וועל זיין גוט צו דודן אונ וועל זיי בייזען צו זאגין אז איך וועל זיך מישב זיין, א די צרות האבין מיר שוין גענוג געמאכט אז מען דארף אויף דער וועלט פארזיכטיג זיין, איך גייא איצטער צו זיי, זיי פאר בלענדין די אויגען מיט גוטין פערשפרעכין, דער ווייל וועל איך אוועק פארין, נאטירליך אהן אבשייד פון זיי צו נעמען.

מיט די רייד איז זיא אוועק צו נפתלין מיט אטרויעריגע געזיכט, אונ האט איהם ווידער גיבעטין אונ ער האט איטער גיענטפערט אז ער ליבט איהר אונ ער מוז זיא הייראטען, זיא האט איהם געזאגט אז זיא וועט זיך מישב זיין, אין דריי טעג ארום וועט ער האבין איין געוויסען ענטפער, ער איז געווארין פרייליך, דען ער האט פאר שטאנען אן איהר אז עס האלט מעהר אויף יע, זיא איז געקומען צוריק אויף איהר קוואטיר, האט זיא דארטין געפונען דוד יודעלעוויץ, זיא האט איהם פריינדליך אויף גענומען אונ איהם אויך פערשפראכין אז אין דריי טעג ארום וועט ער האבין אגעוויסען ענטפער, נאר מיט דעם בעדינג אז נפתלי זאל דער פון ניט וויסען, ער איז אויך אוועק פרייליך.

ביי דער נאכט האט זיא זיך איין געפאקט אונ ארויס געפארין צוריק אהיים מיט אפרייליכען הארצין.

זיא איז געפארין דורך טאג אונ דורך נאכט, דער וועג וואר גוט, די מאטעלניצעס אונ וויוגאס האבין געשטורימט, אבער איהר פריילעכעס הארץ האט אלעס אריבער געטראגין, זיא איז געפארין 130 ווערסט א מעת לעת, זיא האט זיך געאיילט אום צוויי זאכען, ערסטין גיכער צו קומען אהיים גיכער צו זעהען מיכלס בריף, אונ צווייטען צו ענטלויפען פון איהרע פערפאלגער

(רודפים) נפתלי אונ דוד , זיא האט מעהר ניט פארבראכט צו טעג אין ניזנע אודינסק אונ אין קאנסק , אויף די שטאנציעס פלעגט זיא זיך אב שטעלין אויף אקליינע ווילע , זיא איז קראסנאיארסק דורך געפארין אונ האט זיך אב געשטעלט אויף דער זייט אפאר שטאנציעס אונ האט אוועק געשיקט צו נפתלין אונ צו דודן אזא בריף :

מיינע ליבע פריינד נפתלי אונ דוד ! כאטש לויט אייער פריינדשאפט ווי איהר האט זיך מיט מיר בעהאנדעלט , האב איך אייך גאר ניט געדארפט שרייבען , נאר אום איהר זאלט ח"ו קיין הארץ ווייטאג ניט האבין וואס איך בין פלוצלונג פאר פאלין געווארין , שרייב איך אייך איצטער אז איך האב ערהאלטין א ידיעה פון דער היים אז איך בין פטור פון חליצה , אונ איך אייל מיך צו קומען אהיים וואס צום גיכסטען אום מיט מיין ליבען קוזין מיכל גוטמאן חתונה צו האבין , זאגט מיר מז"ט :

אייערע פריינדין דבורה .

דיזען בריף האט זיא אריין געווארפין אין יאמציק אפין שטאנציע , אונ איז באלד געפארין צוריק אין קראסנאיארסק , אפין וועג האט זיא אלין גע-לאכט פאר זיך , נוא וועלין זיי מאכין אזויערע מינע וואס פון זייערע פלענער האט זיך אויס געלאזין , טאמער וועלין זיי וועלין מיר וואס אב טאן האב איך זיי פאר טומילט מיט דעם בריף גאר אין גאנצען , בשעת זיי וועלין לעזין דעם בריף , וועלין זיי מיינען אז איך בין אין טארא צו אין טאבאלסק , אונ אין דער טהאט וועל איך גאר זיין אין קראסנאיארסק , איצטער לאזין זיי מיר טאן וואס זיי ווילען איך לאך פון זיי .

קומענדיג אין קראסנאיארסק איז זיא אריין געפארין צו איהרע גוטע פריינד הערען אונ מאדאם ליבושעווסקי , דא האט זיא געהאט די פריינד-ליכסטע אויפנאמע , אזוי וויא ביי די בעסטע פערוואנדטע , זיא האט זייא ערציילט פון איהרע ליידען אונ פון איהרע פריידען , זיי ווידער האבין איהר געזאגט אז זיי האבין אבריף פאר איהר מיט געלט פון דער היים (אזוי וויא עס וואר איהר טעלעגראפירט פון מיכלען) , זיי האבין איהר אב געפירט אין איהר צימער אין וועלכין זיא איז געשטאנען פארענדיג נאך אירקוצק דאס צימער וואר ווארעם , דען זיא וואר גוט דורך געפרארין פון איהר רייזע , מען האט איהר דערלאנגט טייא , זיא האט זיך פערשפארט קיינער זאל איר ניט שטערין אונ האט גענומען מיכלס בריף וועלכער וואר נאך ניט ענטזיגעלט אונ האט ארויס גענומען דאס געלט אונ האט איהם גענומען לעזין :

„וויא גיפעלט דיר דבורהלע דוא ביזט פטור פון חליצה ! אבער ווייסט דוא וויא אזוי ? דיין קינד האט זיך געפונען ער לעבט אונ איז געזונד , הא דוא וואונדערסט זיך ? דוא האסט אליין גיזעהען וויא ער איז דערשטיקט , וויא ער איז טויט , טא וויא אזוי לעבט ער ? ער לעבט אבער יע , אבער ניט

יענעם קינד וואס דוא האסט געפונען ביי זיך אטויטען , ניין דאס וואר איין
אונטער געוואָרפענער ·

איין אונטער געוואָרפענעם קינד — ניט דבורה אַנגעשריי מיט העכסטער
פערוואונדערונג — וויא אזוי האט מען גיקענט אונטער ווארפען ? ווער ? ווי ?
זיא לעזט ווייטער — דוא האסט געוויס ניט פערגעסען אז דוא האסט געהאט
אַוואַרטערין נעלע קאפילאוונע בארוכמאן , זיא וואר איין אגענט פון דיין גוטע
שוויגער , אונ זיא האט דאס מיט דיר אב געשפּילט דיזע העלישע קאמעדיע
ווייטער זאלסטו זיך ערינערן אז דיין קינד האט געהאט אפלאמע אויף דער
לינקע פלייצקע , אונ בשעת דוא האסט זיך געהאפט אז דאס קינד איז טויט
האסטו פון גרויס שרעקין אין טומיל פארגעסין אכטונג צו געבין אויף דעם
סימן , אז דוא וואלסט דאס בעמערקט וואלטען מיר ניט געקומען צו קיין
זאך וואס מיר האבין געדארפט אויס שטיין , נאר דאס איז פארפאלין , יעצט
לעבט דיין קינד אונ איז געזונד אונ פריש מיט דעם זעלבין צייכען אפין
פלייצע , דיין גוטע שוויגער האט זיך אליין מודה גיוועזן אז זיא האט דער-
לאנגט נעלע בארוכמאן אטויטען קינד דורך דעם פענסטער בשעת דו האסט
געשלאפין אונ נעלע האט איהר אוועק גינעבין דיין קינד , וועלכין דיא נעכע
האט אוועק גינעבין דער מוטער פון געשטארבענע בודטא דאס קינד האט
זיך ביי איהר אב גילעבט אפין וועג , אונ וויא נעכע קומט צום טויטין קינד
דאס איז קיין קשיא ניט , דערויף איז זיא א שמשתע אין חברה קדישא , היינט
ביזטו דאך נייגעריג צו וויסען וויא קומט עס אז נעכע זאל זיך מודה זיין ? הער
אקאמעדיע וועסטו לאכין אונ וועסט זיך וואונדערין ·

די ערסטע שליסעל דער צו וואר נעלעס ווערטער וואס זיא האט דיר
געזאגט גייענדיג אין פעטערסבורג אז „ווען דוא זאלסט וויסען וואס זיא ווייס
וואלסטו גיוועזן פטור פון חליצה" דוא דבורה האסט געמיינט אז דאס דראזנעט
זיא דיר מעהר ניט , מיר איז אבער די ווערטער אריין אין נאז , איך האב
גענומען טאן וועגין דעם , איך האב גענומען אויף טאן אלערליי שווינדלען ,
וויא אזוי צו ערפאהרין וואס פאר א זאך קען דאס פטרין פון דער חליצה , אויב
די זאך איז פאראנען , האב איך מיר גענומען קלערין האט דאס געוויס נעכע
אב געטאן דורך די עצה פון נתן צמחן , דיזער איז גאר פאר שוואונדען גע-
ווארין , ווייס איך ניט וואו ער איז אהין געקומען , אלזא האב איך אונטער
געשיקט מענשין מיט אלערליי תרוצים זיי זאלין וואס ארויס ציהען פון נעכען
גאר עס וואר אומעגליך צו ערפאהרין , איך וואלט אליין גיין וואלט איך אפשר
בעסער אויף טאן , קען זיא דאך מיך , האב איך אלעס געמוזט מאכין מיט
אנדערע הענד , איך האב זיך צו זאמען גירעט מיט יאסעל העצמאן , ער
וואונט אוואנד איבער אוואנד מיט גרינשפאנען , אין וואנד איז אטיר וואס
גייט אריין צו נעכען אין קיך , די טיר איז אפערשלאגענע אבער מען קען
דורך איהר הערין אלעס וואס עס ווערט גירעט דארטין , דער העצמאן איז

איין

אַיין אוים גֶעמַאכְטֶער יוּנְג מִיט אִיהם קֶען מֶען וָואס טָאן, הָאבּ אִיךְ אִיהם גִיבֶּעטִין עֶר זָאל נָאךְ שְׁפִּירֶען אוּנ נָאךְ הֶערִין, עֶר הָאט אָבֶּער אַלַאנְגֶע צַייט נִיסְט גִיקֶענְט דֶער גֵיין.

אַיין מָאל שִׁיקְט עֶר נָאךְ מִיר, דָאס וַואר פַאר נַאכְט אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען עֶר הֵייסְט מִיר הֶערִין וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוּנְטֶערִין וַואנְד, פִילַייכְט קֶען דָאס מִיר צוּ נִיץ קוּמֶען, אִיךְ קוּק זִיךְ אַיין אִין שְׁלִיסֶעל לָאךְ אִיךְ זֶעה דַיין שְׁוִויגֶער נעכע שְׁטֵייט בַּיי דֶעם אוֹיבֶען אוּנ קָאכְט עֶפֶּעס, דֶער בַּיי שְׁטֵייט דִי טָאכְטֶר יאחנע אוים גֶעפּוּצְט אִין שַׁבַּתדִיגֶען, דָאס אִיז מִיר אַ חידוש: וָואס אִיז שַייךְ דָאס קָאכִין מִיט יאחנעס פּוּצֶען זִיךְ? דוּא ווּאוּנְדֶערְסְט זִיךְ אוֹיךְ הַא? דבורה. הֶער וֶועסְט זִיךְ נָאךְ מֶעהר ווּאוּנְדֶערִין אַז אִין אוּנְזֶערֶע דורות זָאל קֶענֶען גֶעבִּין אַזֶעלְכֶע דוּמְהַייט.

עֶס גֵייט אַרַיין צוּ אִיהר אַ שכנתה ציפה, דִיזֶע פְרֶעגְט אִיהר: וָואס קָאכְט אִיהר דָאס נעכע אִיצְטֶער פַאר נַאכְט? בַּיי אַייךְ אִיז דָאךְ מסתמא וֶועצֶערֶע שׁוֹין לַאנְג פַאר רוּקְט.

מִיר וֶועלִין בַּאלְד הָאבִּין אַנַאסְט — זָאגְט נעכע מִיט גֶעווִיסְהַייט.

וָואס פַאר אַנַאסְט? — פְרֶעגְט ציפה.

אָט מַיין מַאמֶע קָאכְט אוים פַאר מִיר אַמַאן — זָאגְט יאחנע — ציפה אִיז גֶעוָואַרִין פַאר ווּאוּנְדֶערְט.

אִיהר מֵיינְט זִיא רֶעט אוֹיסֶען וֶועג? — זָאגְט נעכע — נֵיין, אָט פוּן דֶעם קָאכִין וֶועט זִיא טַאקֶע בַּאלְד הֶאבִּין אִיהר מַאן, דָאס וֵייסְט אִיהר דָאךְ אַז מֶען קָאכְט וֶועמֶען עֶס אִיז שְׁוֶוייס מוּז יֶענֶער קוּמֶען, נָאר מֶען דַארְף דָאס וִויסֶען וִויא אוּנ וָואס אוּנ מִיט וָואס, פַאר שְׁטֵייט אִיהר מִיךְ ציפינקע אָט הָאט מִיר דֶער קדר גֶעגֶעבִּין עֶטְלִיכֶע גְרָאזֶען מִיט פַארְמֶעטֶענֶע קמיעות, פַרְשְׁטֵייט אִיהר פַארְמֶעטֶענֶע זָאג אִיךְ אַייךְ, אוּנ אִיךְ הָאבּ וִוידֶער אוֹיף גֶעזוּכְט דֶעם אַיידִימְס יַארְמִינְקֶע, זִיא אִיז אוֹיךְ אַזוֹי פַאר שְׁמָאלְצִין אָט וִויא מַיין צָאלִינְט טֶעפִּיל וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבֶּען בירושה פוּן מַיין מַאמֶען לַאוּוֶשָׁלוֹם (ע"ה), אִיךְ וָואלְט אַייךְ דֶעם טֶעפִּיל נִיט אַוֶועק גֶעבִּין פַאר זִיבֶּען בַּארְלִינְקֶעס, עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט גֶענוּג גֶעזוּנְט אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיף גֶעזוּכְט, אִיצְטֶער קָאךְ אִיךְ דָאס עֶר זָאל קוּמֶען, וִויא לַאנְג נָאךְ וֶועט זִיא פִינְסְטֶערִין אַיין הוּשְׁכֶּדִיגֶע עגונה? שׁוֹין גֶענוּג, אִיז פַאר שְׁטֵייט אִיהר מִיךְ דֶער קדר הָאט מִיר גֶעזָאגְט: וֶועל אִיךְ קָאכִין פַאמֶעלַאךְ וֶועט עֶר קוּמֶען פַאמֶעלַאךְ, וֶועל אִיךְ קָאכִין אוֹיף גִיךְ וֶועט עֶר קוּמֶען אוֹיף גִיךְ, אִיךְ קָאךְ שׁוֹין אוודאי פוּן אַ שעה, עֶר מוּז שׁוֹין דָארְטִין לוֹיפֶען אִין זַאוֶועט דֶער משומד, עֶר מֶעג זִיךְ זַיין אִין אמעריקא אָדֶער אִין אַלֶע שְׁוַוארְץ יָאהר, עֶר לוֹיפְט נִיסְקָאשֶׁע עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאלְד קוּמֶען מסתמא אַפַאר שָׁאפֶּעטֶער אַפַאר תְּרַאפֶּעטֶער.

נֶעמְט קָאכִין פַאמֶעלַאךְ אַבִּיסֶעל — זָאגְט ציפה — חָלֶעבִּין עֶס אִיז אַ רחמנות עֶר קֶען דָאךְ שְׁטַארְבֶּען לוֹיפֶענְדִיג אַזַא וַוייטְקַייט.

לאז ער קריינקען — זאגט נעכע מיט כעס — לאז ער לאפנען לויפנדיג, עס קומט איהם דעם משומד וואס ער האט אנגעמאכט גרויסע צרות מיין פיינעלע נעבאך.

מאמע — פרעגט יאחנע — פון וואנען וועט ער קומען צו טאקע פון קוימען, אדער ער וועט ארויס קריכען פון טאפ.

שווייג שוויינ נאר! — זאגט נעכע — ער וועט קומען וויא אלע מענשין דורכין טיר.

דוא האסט גיזעהען מאמע דעם בעזים וואס איך האב געבראכט פון באד? ער איז ווייך וויא פוטער, אט וויא מיין מאן וועט קומען וועל איך איהם ווייזען וואס פאר אבעזים איך האב הה לאז ער ווייסען.

שטיל נאר — זאגט נעכע.

איהר ווייסט טאקע געוויס אז דאס העלפט? פרעגט ציפה — איך האב אויך גיהערט אז מען קאכט יענעמס שוויים מוז ער קומען נאר איך האב ווידער גיזעהען די וואס האבין געטאן אזוי, אונ עס האט ניסט געהאלפין.

וואס זאגט איהר? — זאגט נעכע — מסתמא האבין יענע געטאן אן קדר אונ אן קמיעות אבער איך האב דאך אלין געקראגין וואס דער קדר האט מיר אנגעזאגט.

טאמער וועט קומען איין אנדערער אונ איהר וועט מיינען אז דאס איז דער איידעם? — פרעגט ווידער ציפה.

פטור איך קען מיין איידעם ניט? איך וואלט איהם דער קענען איין אב געשוונדענעם, ער האט אלאנגען נאז אבלייכער אנגעלע בערדיל אשפיצינגע, מיט אראץ אפין שטערין דאס האט ער נאך פון מיר איין אנדיינקען.

וויא איך האב דער הערט דבורהלע אזא נישפרעך מיט אזא ווילדע אפעראציאן, איז מיר ארייין אגליקליכער געדאנק, יעמאלט איז דורך געפארין ביי אונז דער בערימטער נאסנערס מוזעאום וואו היין גאנץ שטאט איז געלאפין זעהען זיינע וואונדערליכע זאכען מיט זיינע וואונדערליכע ווא‌כם בילדער, איך רוף אפ העצמאנען אן אזייט אונ האב איהם גיבעטין ער זאל אריבער שיקען נאך זעליג דעם בדחן, ער קען אב שפילען אראלע וויא איין אקטאר יענער איז געקומען, איך האב מיט זיי אב געמאכט וויא מען זאל דא אב שפילען אגאנצע קאמעדיע. דבורה דו ביזט נייגעריג צו וויסען הא? ווארט וועסט זיך וואונדערין וואסערע בהמות עס איז דא איצטיגע דורות, נאר עס איז קיין וואונדער ניט אז עס איז דא גרויסע מערדער איז דא גרויסע דומהייט, איינם וועגט זיך אן דאס אנדערם.

זעליג דער בדחן נייט אריין צו נעכען (אזוי וויא מיר האבין אב געמאכט) וויא עס האט זיך גיעפינט די טיר ניט מסתמא נעכע אנגעשריי: א מיין ליבער איידים! אונ יאחנע גיט אנגעשריי: א מיין מאן!... טפו! דאס איז דאך גאר ניט מיין מאן.

איך

איך בין טאקע ניט דער מאן — זאגט זעליג — איך בין דאס געשיקט פון איהם אהער צו אייך.

ער איז טאקע דא? — שרייט נעכע.

וויא הייסט עס — זאגט זעליג — איך קען ניט אייער איידים: ער האט אלאנגען נאז אבלייכער אגעלע בערדיל אשפיציגע מיט אראץ אויפין שטערין ער זאגט: דאס האט ער נאך געקראגין פון אייך.

טאקע טאקע! דאס איז ער געוויס — זאגט נעכע — היינט זאגט ציפעלע וואס פאר אטייערין קדר מיר האבין, איהר זעהט וויא עס האט גע-האלפין, נוא! — זאגט זיא ווייטער צו זעליגען — טא פאר וואס קומט ער ניט אהיים?

איהר וואלט זעהען וויא ער ווייזט אויס? איז אשרעק אויף איהם צו קוקען, ער איז פאר שאפעט און פאר מאטערט, ער זאגט שוין א שעה אנדער האלבין וויא עס ציהט איהם אהער אט וויא אמאגנעט, האט ער זיך געלאזט לויפען זאוועט אהער, ער וואלט באלד געשטארבין פון האסטיגען לויפען, נאר א נס וואס עס איז אונטער געפארין איינער וואס פארט אהער יענער האט איהם מיט גענומען אויף זיין פוהר וועלכע איז אויך געפארין זייער האסטיג ווײלע פאר שטייט איהר מיך דאס איז אויך אקדר, איהר האט גע-הערט אודאי אט דא איז געקומען איינער וואס ווייזט גרויסע קונצען, דאס איז א קדר נאך אגרעסערער וויא אין כזיב, קורץ ער איז ביי איהם, קומען אהער קען ער איצטער ניט ווײלע ער איז זייער שוואך, און צווייטען דארף מען איהם עפעס געבין סגולות, וויל ער געלט, ווייס איך, אויב איהר ווילט נייט אריבער, איך בין אייך מחויב צו זאגין, איך בין דארטין גיוועזן ביים דעם קדר איך האב דארטין געדארפט האבין עפעס איהר פאר שטייט דאך, ווער דארף ניט צו א קדר, האט מיך דארטין גיזעהען אייער איידים און ער האט מיך גיבעטין רחמים איך זאל אייך זאגין איהר זאלט קומען, ווייטער ווי איהר פאר שטייט.

אגוט יאהר אויף אייך, שטייין וויא אזוי וועל איך ניט גיין? איך לויף שוין צו איהם, זעהט קומט אויך מיט מיר מיט.

שיידען אין א שעה ארום — זאגט ער — איצטער האב איך קיין צייט ניט דער קדר האט איצטער אויך קיין צייט, שפעטער אין א שעה ארום וועל איך קומען צו אייך, אבער דאס זאג איך אייך אן, איהר זאלט זיך ניסט שרעקין וואס איהר וועט דארטין זעהן.

וואס זאל איך זיך עפעס שרעקין? — זאגט נעכע — איך בין דאך עפעס איודישע טאכטער איך האב קמיעות אויף גוטע פארמעט און איך האב מענטעלאך, איך וועל מיט נעמען מיין מאנס תפילין אויך ניסקאשע איך לאך פון די שדים!

זעליג בדחן איז פון איהר אוועק געגאנגען, מיר זיינען דער ווײלע אוועק

אין

אין מוזעאום אונ מיר האבין זיך ערלויבט ביי דעם שטאראז ער זאל אונז לאזין דא אב שפילען אקאמעדיע פאר אפינף רובילדיגען.

אוהר עלף ביי דער נאכט איז זעליג אוועק געגאנגען נאך נעכען וואס האט אויף איהם געווארט מיט אונגעדולד, זייא זיינען אוועק געגאנגען, אפין גאס וואר שוין קיין מענש צו זעהען עס איז שטיל אונ פינסטער, זיי זיינען געקומען אין מוזעאום וואו קיינער איז ניט געוועזין אויסער מיר, העצמאן אונ נאך איינער וועלכע ווארין דארטין פערשטעקט אין אווינקעל, זעליג האט איהר געהייסען ווארטין פון פארינט ביז מען וועט איהר ארוף טאן, פון פארינט וואר רעכט דונקעל אקליינער לעמפיל האט געברענט, זיא שטייט אונ ווארט אין געהאקטע וואונדען, מיט אמאל הערט זיא אגעשריי: שווינר קומט אהער! דער שטאראז האט איהר אריין געפירט אינעוויינינ, דא האט זיך איהר פאר גישטעלט דער גהינום מיט אלע זיינע שרעקין, עס ווארין אויס גישטעלט וואקס פיגורען פון דעם מארטירען (מוצעניקעס) פון דער פאר פלוכטער אינקוועזיציאן, דא איז איין נאקעטער מענש וויא זיין הויט ווערט אב געשונדען, דא איז אמענש וואס זיין פוס איז אין אקעסיל זודיגע פעך, דא איז אמענש מיט איין אב געשניטענעם קאפ, דא איונגעם פרויענצימער וויא מען רייסט איהר איהרע בריסט מיט אייזערנע צוואנגען, דא איז וויא מען דרייט איינעם אויף אראד, אונ נאך טויזענד שרעקין אזעלכע, אויך שקא-לעטין פון מענשין.

שטעל זיך פאר דבורה נעכעס שרעקין בשעת זיא האט דאס דער זעהן וויא איז צייט לעבין אין אמוזעאום ניט גיוועזין, אונ ווייס ניט אז דאס קען געמאכט ווערין פון וואקס, ווידער איז זיא איין געשראקין פון שרעקליכע געשיכטען פון שדים וואס זיא האט זיך אן גיהערט פון מכשפים פון קדוים אונ פון בעלי שמות, וויא זיא האט אלע דיזע שרעקין דער זעהען האט זיא אויסגעשריען: אי! אי!

צווישען די פיגורען איז געשטאנען אשרעקליכעס בילד מיט אלאנגען באָרד ביז דער ערד, מיט ארויסטע מגושמדיגע געזיכט מיט אויס געגלאצטע אויגען מיט צוויי הערנער אויפין קאפ.

שווינער שרעקט זיך ניט קומט אהער! — האט זיך געלאזט הערין א שטימע — זיא האט גענומען גיין נעהענטער, מיט אמאל האט איהר אין גע-חאפט דיזעס שרעקליכע בילד מיט דעם לאנגען באָרד, אונ האט איהר גע-נומען שרעקליך רייסען צופען אונ גלאציין מיט די אויגען אונ ראווען ווי איין אקס. נעכע האט גיגעבין אגוואלדיגען געשריי אונ איז באלד געפאלען אין אונמאכט, נאר די גוואלדיגע קניפען וואס דאס בילד האט איהר גיגעבין האבין איהר ניט געלאזט האלעשין.

אויב דוא ווילסט לעבין נעכע, זאלסטו זאגין וואו דיין שנורס קינד איז — האט זיך געלאזט הערין אשטימע פון הינטערין וואנד — נעכע האט ניט

געהאט

געהאט קיין צייט צו באדיינקען זיך וואס מיט איהר טוט זיך, די שרעקין און די יסורים האבין איהר אזוי אן געגריפען, אז זיא האט גלייך אזאג געטאן דבורהס קינד איז ביי נחמיה דעם קרעצמער, איך האב איהם אליין פאר ביטען אויף זיין טויטען קינד פאר פינף חדשים צוריק.

לאז איהר אב! — האט זיך געלאזט הערין ווידער אשטימע — דיא פיגורע האט איהר אב געלאזין, זיא איז געפאלין אן דער ערד אין אונמאכט.

מיר האבין איהר גלייך ארוים געטראגין און ארויף געלייגט אויף איין איזוואסציק און באצאלט און געהייסען איהר אוועק פירען אהיים. וויא געפעלט דיר מיין ליבע די קאמעדיע? צוויי פעולות האט זיא אויף געטאן: ערשטין איז דער גאנגען געווארין אז דיין קינד לעבט, און צווייטען האט דיין טיראן געהאט אביסעל צרות און גרונדיגע, איהרע טויט שרעקענים קענסטו זיך פאר שטעלין, אז אקלוגער מענש גייט אריין אין מוזעאום ווען פובליקום איז דא שוידערט איהם פון שרעק, דעסטא מעהר (אפשיטא) נעבע וואס ווייס ניט פון אמוזעאום, קומט ווען פובליקום איז ניטא, נאך ביי דער נאכט און דער צו האט אטייוועל איהר געריסען איהר פלייש, זיא איז געווארין אזוי ערשראקען אז זיא האט פאר געסין אויף איהר איידים און האט זא גאר ניט גיקענט באדיינקען וואס דא טוט זיך מיט איהר: ווער מאנט? און ווארום? וואס ארט עם יענעם פאר איהר שנור? אזעלכע וואפראסין האט זיא גאר קיין צייט ניט געהאט זיך צו געבין. אבער אוים געפירט.

אויף מארגין אין דער פריה זיינען מיר אלע דריי אוועק צום רב, דאס הייסט איך וואס האב צו איהר געשריען הינטער אוואנד, און יאסעל העצמאן וואס האט מיר א סך געהאלפין אין דעם אינטערעם, און דער דריטער איז זעליג דער בדחן, ער איז דאס גיוועז די שרעקליכע פיגורע וואס האט זיך אב געפארבט דאס געזיכט רויט מיט ציגעל, און האט זיך אן גיצעפעט אפלאכסענע בארד און געקניפען האט ער איהר אן רחמנות, דען ער האט א הארץ אויף איהר, ווען זיא איז אויף א חתונה קריגט זיא זיך מיט איהם און שטערט איהר אין זיין פרנסה.

ביי דעם רב האבין זיי דער ציילט ווי פאר זיי האט זיך געכטין נעבע גרונמס מודה גיוועזן, אז דאס קינד וואס מען האט געמיינט דבורה שמואלס טאכטער האט דער שטיקט פאר א חדשים פינף צוריק, איז דאס גיוועזן מאריאסעס נחמיה דעם קרעצמערם, און וויא נעבע איז דארטין גיוועזן די שמשתע האט זיא איהם פאר ביטען דורך די הילף פון געלע בארוכמאן, און א סימן דאס קינד האט אפלאמע אפין פלייצקע.

דער רב האט גלייך אריבער געשיקט נאך מאריאסען זיא איז געקומען דער רב האט איהר גיפרעגט וויא איז די מעשה גיוועזן מיט איהר קינד, האט זיא דערציילט אז זיא קען זיך נאך עד היום ניט אב וואונדערין, זיא האט גיזעהען געוויס אז איהר קינד איז טויט מיט אמאל האט נעבע געבראכט

איהר

איהר קינד צוריק אלעבענדיגען אגעזונטען , אונ ווייטער האט זיא נאך דעם געזונגען אפלאמע אפין פלייצקע ביי דעם קינד , האט זיא גירעכינט אז דאס איז פון דער סיבה געווארין . וויא זיא האט דאס געזאגט האב איך זיך אפ גערופען צו איהר : איהר זאלט וויסען מאריאסע אז דאס קינד איז נעכעס איינקעל אונ שמואל רוזינס איניקעל , אונ דאס האט זיא געטאן אום דבורה זאל ניט זיין פטור פון חליצה , נאר פאר וואס איהר האדעוועט אפרעמד קינד וועל איך אייך באצאלין זייט רוהיג , דער רב האט ווידער אוועק געשיקט דעם ב"ד שמש צו נעכען אליין הערין וואס זיא וועט זאגין , דער שמש איז געקומען אונ האט געזאגט אז נעכע איז מסוכן קראנק , נאר אויף זיין שאלה האט זיא גיענטפערט : יע עס איז אמת . נאך דיזע הודאה האט דער רב גערעשעט אז דוא דבורה ביזט פטור פון חליצה .

אלזא מיינע טייערע פאהר גיך אהיים , אין קאזאן זאלסטו זיך אב שטעלין אין גאסטיניצא פעטערבורג , איך וועל אויך אהין קומען דיר פאהרין אנטקעגין אונ מיר וועלין מיט אפרייליכען הארצין פארין אהיים , אונ מיר וועלין גלייך חתונה האבין , אדער אפען וועג אדער אין דער היים , דאכט זיך איצטער איז אסוף צו אונזערע צרות ! איך שיק דיר איצטער נאך אפאר הונדערט רובעל מיינע , אום דוא זאלסט אפען וועג האבין אלע אודאבסטווע זאלסט גאר ניט זאלעווען , איך פאר דין יעצט זייער פיל געלט , איך האב געקויפט אוואלד אונ מען באט מיר פאר איהם צעהן טויזענד רובל פרנסה , אונ איך הייל זיך נאך ניט צו פאר קויפען , דען עס ווייזען זיך נאך קויפלייטע וואס באטין אלין מעהר . זייא געזונד אונ מונטער ווארט אויף באלדיגען ווידער זעהען אין קאזאן . פון פערם זאלסטו מיר טעלעגראפירען , אין קאזאן אז דו ביזט ארויס געפארין , איך וועל לאזירען אין גאסטיניצא פעטערבורג .

דיין עוויג טרייער מיכל גוטמאן .

33.

דיא ריק רייזע מיט פריידען

וויא דבורה האט אבגילעזין דעם בריף , וויא זיא איז גיוועזען מיד פון דער רייזע , איז זיא אריין גינאנגען אין כטאלאוואיע וואו דיא פאמיליע ליבושעווסקי איז געזעסין ביין טיש אונ האבין טייא געטרונקען , אונ האט זייא פאר גילעזין דעם בריף זייא ווארען אללע בעקאנט מיט דבורהס איסטאריע , זא ווארען זייא העכסט ענטציקט פון דיזער קאמעדיע , זייא האבען אבגעלאכט אגאנצען טאג , אויף מארגען האט זיא געשיקט אהיים אטעללעגראמע , אז זיא האט אללעס ריכטיג ערהאלטען אונ אז זיא איז אפען וועג , זיא פאהרט שוין צוריק אהיים

מיט

מיט אפרייליכען הארצען.

אויף מארגען האט זיא געוואלט פאהרען ווייטער, נאר דיא פאמיליע ליבושעווסקיא האבין איהר ניט אוועק געלאזען אזוא גיך, זייא זיינען צוא געשטאנען, אז זיא מוז זיך בייא זייא אבשטעלען אויף איניגע וואכען, אום זיך צוא ערהאלען פון אלע צרות וואס זיא איז אויס געשטאנען, אויף איין וואך איז זיא מרוצה געווארען צוא פערבלייבין אונ ניט מעהר, ווייל איהר זאל ניט אויס קומען צוא פאהרען ווען דיא טייכין אב, אירטיש, אונ נאך אנדערע לאזען זיך פאנאנדער אין פריהלינג אונ דאן וועט זיין שווער צוא אריבער פראווען זיך.

אלזא איז זיא געבליבען בייא זייא אנאסט אויף אוואך, דארויף האט זיא געשריבען אהיים אונ צוא מיכלען אבריף פאדראבנע פון איהר רייזע אונ פון איהר זיין אין אירקוטסק אונ וויא נפתלי אונ דויד האבין איר בעהאנדעלט, האט אויך געשריבען מיכלען אז זיא דאנקט איהם זייער, וואס ער וויל איהר פאהרען אנטקעגין, דאס איז טאקע זייער נייטיג אויך, דען זיא האט זייער מורא טאמער טרעפט זיא אפען וועג אסיפען, וועלכער וועט איהר געוויס ניט אב לאזין אונ וועט איהר צווינגען צוא הייראטהען ובפרט אז ער האט פון איהר אפיסמענע אביאזאטעלסטווע, נאר זיא האפט אז ער וועט איהר ניט געפינען, דען פון וואנען זאל ער וויסען, וואו זיא איז? אלזא קען דיא זאך אראב גלאט, אז מען זאל נאר פארזיכטיג זיין, אונ אום צוא וויסען, וויא צוא היטען זיך פון איהם, האט זיא איהם אוועק געשיקט אסיפס פאטאגראפישעס בילד, וועלכעס אסיפ האט איהר גיגעבין פאר דעם אוועק פאהרען נאך אירקוטסק, זיא האט איהם נאך געשריבען, אז ווען זיא וועט זיין טויזענד ווערסט פאר קאזאן וועט זיא איהם טעלעגראפירען, ער זאל ארויס פאהרען אום ער זאל שוין אויף איהר ווארטין אין קאזאן, וויא עס איז אבגירעדט.

זיא האט אוועק געשיקט דעם בריף אונ איז פארבליבען בייא דיא גוטע מענטשען אוואך צייט, זיא האט זיך בייא זייא גאנץ גוט ערהאלט.. דעם 25 פעווראל איז זיא ארויס געפאהרין פון קראסנאיארסק, דיא גוטע מענשען האבין זיא באגלייטעט עטליכע ווערסט אויסען שטאדט, זיא האט זיך מיט זייא גיזעגינט זייער פריינדליך אונ איז אוועק געפארען דער וועג וואר גוט, דיא פרעסט מיט דיא ווינטען ווארען נאך זייער שטריינג, דעם סיבירישען ווינטער אויף אלאנגע רייזע צוא פארטראגען וואר זייער שווער, נאר דיא האפענונג באלד צוא זעהען איהרען ליבען מיכלען, האט איהר גיגעבין פרישע קרעפטין אללע דיזע שוויריגקייט מאנהאפט אריבער צוא טראגען, זיא איז אנגעקוממען אין קאאינסק אוואך אין מארט מאנאט, אין דיא שטעדט: אצינסק, מארינסק, טאמסק אונ אין קאליוואן פלעגט זיא שטיין צוא טאג אונ צוא האלבע, פון קאאינסק האט זיא געשריבען אהיים, אז זיא וועט ניט פאהרען מיטען גרויסען טראקט אויף טאבאלסק, יעקאטערינבורג, פערם, ערשטען ווייל עס איז ווייטער אונ צווייטען אום

אסיפ

אסיפ יעמעראוו זאל איהר ניט קענען דער גיין ווישלוצאיע אויב דויד יודעלעוויטש זאל איהם האבין געשריבען, אלזא קעהרט זיא אב אן אזייט לינקס אונ זיא פאהרט דורך דיא שטעדט, טיוקאלינסק, אישים, קורגאן, שאדרינסק, צעלאבינסק, זלאטאוסט (שטייט אפען גרענעץ פון איראפייאישע אונ אזיאטישע רוסלאנד), בירסק מענזעלינסק, יעלאבוגא.

אנפאנג אפריל איז זיא אנגעקומען אין יעלאבוגא, דיא לעצטע שטאדט פאר קאזאן, דא האט זיא געפונען אבריף פון מיכלען, אז ער איז שוין אין קאזאן אונ ערווארט אויף איהר אין גאסטיניצא פעטערבורג נומער אכט, זיא האט איהם גלייך געענטפערט מיט אבריף אז מארגין פריה פאהרט זיא ארויס פון יעלאבוגא אונ איבער מארגען אויף דער נאכט, רעכינט זיא צוא זיין אין קאזאן.

אין יעלאבוגו האט זיא גינעכטיגט, אויף מארגען פריה איז זיא ארויס גיפארין.

34.

צוויא געווידימקעס (רואה ואינו נראה״ם)

מיכל גוטמאן איז שוין אין קאזאן אונ ווארט אויף דבורהן, וויא מיר ווייסען פון פאריגען קאפיטעל, דען וויא ער האט ערהאלטען פון איהר אטעלעגראממע פון קאאינסק אז זיא איז ארויס געפאהרען האט ער גענומען איין ארדענען זיינע גישעפטען אונ אין צעהען טעג ארום איז ער ארויס געפאהרען פון דער היים, אין קאזאן איז ער אנגעקומען שוין פון עטליכע טעג, וויא ער איז גיקומען האט ער גלייך געשריבען צוא איהר אין יעלאגבוגא דא וואסטרעבאוואניא אבריף, וויא מיר ווייסען, ערסט איז פון איהם ארויס דער פאסטיליאן, וואס האט איהם דער לאנגט דבורהס בריף פון יעלאגבוגא איין ענטפער אויף זיינעם, דער בריף איז איהם אנגעקומען דאס מארגענס פון דעם טאג, וואס דבורה האט איהם פארשפראכין צוא קומען בייא דער נאכט.

נוא האט ער אוים געשריען פאר פריידע, באלד איז שוין אסוף צוא אונזערע צרות... היינט איז דער גליקליכסטער טאג פון מיין לעבען, היינטע וועלין מיר צוא זאמען קומען אום ניכט מעהר אויף עוויג זיך צוא שיידין...

היינטע איז מיין ליבכען אין מיינע ארמען!

אה וואס פאר אשיינע ערווארטונג דאס איז פיר מיר!...

אה מיין לעבין! וויא פיל האסטו דאס געבאך אוים געליטען...

וועהר ווייסט וויא זיא וועט אוים, צוא האט דער גרויזאמע וועג ניט גיהאט אשלעכטען איינפלוס אויף איהר... נאר ניסקאסע, אגליקליכעם לעבען וועט אלעס אויסבעסערין... דוא האסט פיל געליטען מיינע טייערע, אבער דער פאר אגוטעס

לעבינו

לעבען וועט דיר פיר אללעם פערגעלטין , דיין מאן וועט דיך עוויג שעטצען און ליבען , דער גוטער גאט וועט אונז בעלאהנען מיט פיל גוטעס, פיר אללעס וואס מיר זיינען אויס געשטאנען .

מיט אמאל איז ער געווארין שטיל , זיין היימערעס געזיכט האט זיך וויא מיט אוואלקען איבער צייגען , האט זיך פאר דעקט דאס געזיכט מיט דיא הענד האט זיך אווייל פער טראכט , נאכהער גייט ער צוא צוא זיין צעמאדאן , האט ארויס גענומען איין אלבום , האט אקוק גיגעבין אויף אבילד אפאטאגראפישען און זאגט , יע דאס איז ער , איך האב נעכטין דא אין דיזען הטעל נומער 17 גיזעהען אריין פאהרען ... אזא פערזאן ... היינט האב איך איהם ווידער גיזעהען ... יע, דאס איז אסיפ יאקאוולעוו יעמעראוו ! ... וויא קען ער קומען אהער ? וויא וויים ער אז איך בין דא ? אז דבורה דארף אהער אנקומען ? אז זיא פאהרט צוריק ? פון וואנען קען ער דיא אללע זאכין וויסען ? און פיללייכט איז דאס מעהר ניט וויא אצופאלל , וויא דיא זאך איז, מען דארף פארזיכטיג זיין , אה גאט וויים , צוא שטייט דא אונז ניט פאר אנדערע נעפריאטנאסט , דבורה האט מיר געשריבען אז דורך איין אונגליק איז זיא גיוועזן געצוואונגען איהם ארויס צוא געבען איין אביאזאטעלסטווא זיא זאל מיט איהם היירא[ט]הען , ווען זיא וועט האבין גענומען הליצה, ווידריגענפאלס מוז זיא איהם בעצאהלען 1000 רו"כ , וואס ער האט אויס גיגעבין פאר איהר , אפילו מורא האבין פאר איהם איז ניטא וואס , דען וואו איז דער בעוויז אז זיא האט גענומען הליצה ? און זיא האט דאך טאקע ניט גענומען , נאר גלאט אז ער וועט דער גיין , אז מיר האבין חתונה געהאט , קען ער יעמאלט מאנען דיא טויזנד רוביל , גאר גוט איז דאס ניט , אלזא דארף מען זעהען פון איהם לויז צוא ווערען און שוין לייגען אטעלעגראמטע צוא איהר , זיא זאל אהער ניט אריין פאהרען , אסיפ איז דא , זיא זאל אריין פאהרען אין גאסטיניצא מאסקווא , נאר פריער דארף מען פרעגין דעם לאקייא , — איי לאקיי ! גיט ער ארוף .

עס איז אריין דער לאקייא איונגער מענטש אטאטאר (דארטין איז דער גרעסטע טהייל איינוואהנער טאטארען) . — דיא ערסטע זאך נא דיר ארוביל אויף וואס דוא ווילסט , צווייטען זאלסטו מיר זאגין ווער לאזירט דארטין אין № 17 ? .

איינער איז געקומען פון פעטערבורג אסיפ יאקאוולעוו יעמעראוו , איך האב געוואוסט זיין פאם .

ער שרייבט עפעס בריף ? פרעגט מיכל .

יע , אי בריף אי טעלעגראממען , אט האב איך איצטער אויך אבריף , וואס ער האט מיר גיגעבין אריין צוא ווארפין אין יאסציק .

קענסטו מיר ניט ווייזען דעם בריף ? .

ווייזען דעם קאנווערט , יע , אבער ניט עפענען ענטפערט דער לאקיי . .

וואס טוט מען ? טראכט מיכל ביי זיך , איך האב גידארפט נייטיג זעהען וואס ער שרייבט , דיא אדרעסע איז אפילו ניט צוא דבורהן , פון דעסט וועגין

דארף מען וויסען וואס דארטין איז... וואס טוט מען? שא גיפאלין אויף אפלאן.

ער האט זיך אנגעטאן דעם פאלטא, האט מיט גענומען אפאר בריף אריין צוא ווארפין אין יאסציק.

גיט מיר אייערע בריף זאגט דער לאקייא.

ניין זאגט מיכל, איך גייא שייא וויא שייא, אין גאס... דער ווייל̈ע האט ער אונבעמערקט פון דעם לאקייא איינגעטונקט דעם פינגער אין טינט, האט פאר שלאסין דיא טיהר פון זיין נומער אונ איז אראב גיגאנגען, דער לאקייא איז אויך אראב גיגאנגען מיט דעם בריף, זייא זיינען ביידע גיגאנגען ריאדאם, מיכל האט מיט איהם דער ווייל̈ע גירעדט זייטיגע זאכין, צום יאסציק איז גיקומען מיכל פריער האט אריין גיווארפין זיינע בריף אונ זאגט, ווייז מיר האטס וואו היין עס גייט דיין בריף, דער לאקייא האט איהם גיגעבין, מיכל האט זיך אבגעקעהרט עטוואס, האט מיט זיין שמוציגען פינגער פאר מעקט דעם נאמען פון דער שטאדט אפען אדרעס, אז דער לאקייא האט דאס ניט באמערקט, אונ האט פאר איהם אין דיא אויגין אריין געלאזין דעם בריף אין יאסציק, האט נאך איהם אוים גירעדט, וואס פאר אנאר ער איז, אז ער וואלט איהם אוועק געבין דעם בריף וואלט ער איהם געגעבן נאך ארובל.

דער לאקייא איז אוועק זיכער אז ער האט זיין שליחות גוט אויסגעפיהרט, אונ מיכל האט גענומען איין איזוואסציק אונ איז אוועק גיפאהרין אין טעלעגראפנע שטאנציע לייגען אדרעפעשע צוא דבורהן אז זיא זאל ניט אריין פאהרען אין יענעם גאסטיניצע נאר אין איין אנדערע גאסטיניצא מאסקווא, ווייל̈ע אסיפ איז דא, נאך אללעם דעם האט ער בייא זיך באשלאסען, וועל איך איהר פאהרען בייא דער נאכט ענטגעגין, דאן בין איך שוין פאללקאממען זיכער.

פאר נאכט איז ער אוועק אין פאסטאמט מיט דעם געדאנקען, איצטער וועל איך זעהען צוא האט דא מיין שווינדעל גוט אוים געגאלטען, דאכט זיך אבריף, אויף וועלכער אדרעססע דער נאמען פון דער שטאדט איז פאר מעקט, קען ניט אוועק גיין, זא וועל איך זיין דער איינגעטימער, וועל איהם אבנעהמען אונ דאן דיעלא וושלאפע.

אין פאסטאמט האט ער ווירקליך געפונען דיזען בריף מיט דער פארפלעקטע אדרעססע אוים גישטעלט אין אראם מיט נאך בריף וואס ווערין ניט אבגעשיקט איבער אזעלכע אורזאכען, ער האט פערלאנגט מען זאל איהם ארויס געבען דעם בריף, ער וועט איהם איינשליסען אין איין אנדער קאנווערט, מען האט איהם דעם בריף אוועק גיגעבין.

מיכל איז אוועק אויף זיין קוואטיר, עפינט דעם בריף אונ נעמט לעזען, ער איז געווארען זייער ערשטוינט דיא אויגין האבען גענומען שטראהלען פאר פריידע אפרייליכער שמייכיל האט זיך בעוויזין אויף זיינע ליפען.

אָה, האט ער אוים געשריען, אז ער האט גיענדיגט לעזען, וואסערע שווינדלען

שווינדלען עס קען געבען אויף דער וועלט! וואסערע אינטריגען! אה וואס פאר אטייערע בריף דאס איז פאר מיר... ער איז מיר ווערט טויזינד רוביל... יא ער וועט מיר ראטעווען טויזינד רוביל! הה הא... וואס פאר אקאמעדיע דא וועט זיין! נאט העלפט מיר וויא איך בין אאיד!... אה, עס איז שוין ביי מיר פארטיג דער גאנצער פלאן דיסטוויא, וואס פאר איין אומאריטעלנע (צום לאכען) סצענע דאס וועט זיין, הה הא איך קייך זיך שוין פון גילעכטער, מען דארף שוין לויפין לייגען אטעלעגראממע, פארלויפען איהם דען וועג, אבהאלטען זיין שווינדעל מאשינע, אה וויא גוט עס איז צוא דייסטעווען אונזיכטבאר (רואה ואינו נראה), ער ערקענט מיך ניט, און איך קען איהם און זעה אללעס וואס ער טוט, אום דאס אללעס צוא בעזייטיגען.

האט גלייך געחאפט דעם הוט, איז ארויס דרויסען האט גענומען איין איזוואסציק און איז אוועק געפאהרען אין דער טעלעגראפנע סטאנציע.

דעם זעלבען טאג איז אסיפ יאקאוולעוו גיוועזען זייער פריילוך, ער גייט ארום אין זיין נומער אין דעם זעלבען האטעל, וואו מיכל גוטמאנען האט לאזירט, ער רייבט זיך דיא הענד פון פערגעניגען, דאס געזיכט שטראהלט פאר פריידע, ער גייט צוא צום שפיגעל, גיט אקוק און זאגט איך בין נאך גאר אשיינער הערר, אויף מיין געזיכט זעה איך אוים אאהר עטליכע און דרייסיג, האטש איך בין שוין איבער פערציג, איך בין אין דיא יארען, וואס פארשטענדיגע פרויענצימער פארשטיין צוא שעטצען, אלזא ווארום זאל איך מאקע ניט הייראטהען איונגע פרויא? און מאקע אבפרישען מיינע יוגענד יאהרע? דיא דעבארע איז פאר מיר אגוטע פרויא אין אללען הינזיכטען, דיא פריילינס פון דיא גרויסע שטעדט הייראטהען נור אום מאטעריאל אינטערעססע, זייא מיינען נור דיא טעאטערין, דיא בעלער דיא צירונג און קליידער אום מיט דען זעלבען, געפעלען צוא ווערין אנדערע יונגע לייט, איך בין דאך אזו דום צוא לאזין זיך פארפירען פון דיא פארצעלייענע צורקעס, וואס האבין קיין הארץ און קיין געפיהל. ווען איך בין יע לויז גיווארין פון מיין אלטע פרויא, איז פאר מיר דיא בעסטע פארטייא אט דיא וויבל דיא חלוצה, ערסטען איהר שוינהייט איז איין זעלטענהייט, איך האב נאך אזא שארמאנטעס וועזען ניט גיזעהען, און צווייטין איז זיא אזוא פראווינציאלים (קליינשטעטילדיג), פארשטייט קיינע קאקעטעריען, ווייס ניט וואס איז דאס ליבעס אינטריגען, ווייס אויך ניט פון דער גרויסע וועלט מיט איהרע פערגעניגענס, אזעלכע פערזאן ווייס נור אז איהר גאנצע וועלט איז דער מאן, פיהר איהן אליין לעבט זיא מיט איהם אליין טהיילט זיא פריידען און ליידין, און אויסער דעם מאן קען זיא דיא וועלט ניט — אט אזעלכע פרויא קען דעם מאן גליקליך מאכין, און איך וועל דאס זיין דער גלקליכער, וואס וועט בעזיטצען אזא שארמאנטע פרויא. יא זיא איז מיינע, זיא מוז זיין מיינע! איינען אנדערין ליבט זיא ניט, ערסטען

איז

איז זיא ניט פֿייהיג דאצוא אונ צווייטין האט זיא גאר קיין צייט ניט געהאט
ווען, דען זיא איז איממער פֿארזארגט מיט איהר גוטע חליצה, טאמער וועט זיך
יע ווער שדכנען צו איהר דארויף האב איך עפעס איין אביאזאטעלסטווא פֿון איהר
אז זיא מוז מיך הייראטהען ווען זיא וועט ווערין לייז פֿון דער חליצה, אויב ניט
דארף זיא מיר אוועק געבין דיא טויזינד רובל וואס איך האב אויס גיגעבין אויף
איהר, היינט פֿון דיא חליצה איז זיא לייז, אונ האבין אויף זיך אחוב פֿון טויזינד
רובל פֿון אסיפ יאקאוולעוו איז עפעס אויך ניט געשמאק, ער וועט זיך ניט לאזין
פֿארטרייבין ה ה ה! אה עס גייט וייל וויא דיא וועלט, היינט מיט מיין ווייב
האב איך אויך אבגעשפילט, אשיינע קאמעדיע אונ בין פֿון איהר לייז געווארען
אויף אזוא איין ארט, אז זיא האט נאך גיבעטען גט, זיא וואס איז גיוועז אזוא
נעדאסטופענע צוא אגט אט וויא איין אייזערנע וואנד, שלעכט בעהאנדלען
האב איך איהר ניט גיקענט, דען מיין יעצטיגען שטאנד האב איך נאר צוא
פֿערדאנקען איהרען פֿאטער, וועלכער האט מיר גיגעבין אי געלט אי קענטעניסע,
אלזא האב איך געמוזט מאכין דיא זאך גלאט אונ רונד, פֿריער האב איך מיך
איהר אלאנגע צייט פֿאר גישטעלט העכסט פֿריינדליך, אום זיא זאל אויף מיר
ניכטס אהנען (פֿארפֿיהלען), נאכהער האב איך אנגישטעלט דיא מאשינע פֿון מיין
שטארבען, אונ וואס האט מיר געהאלפֿען? דאס ווארט חליצה, אונ וויא קום
איך צוא דעם גענדאנקען? אלס דורך דבורהן, דען וויא איך האב איהר ערזעהען,
האט איהר שיינהייט מיך פֿארבלענדעט, האט מיר איהרע חליצה מיינע גידאנקען
ערלייכטעט, קיין קינדער האב איך ניט, אונ דער מיט אליין האב איך נאך ניט
גיקענט פֿון איהר לייז ווערען, האב איך אין נאמען פֿון מיינעם אגוטין פֿריינד
טעלעגראפֿירט צו מיין ווייב אין פֿאלטאווע, אז איך בין געווארין פֿלוצלונג קראנק
זיא זאל גלייך קומען צוא פֿאהרען, גלייך דארויף האב איך ווידער טעלעגראפֿירט
אין זיין נאמען אז איך בין אמסוכן, דיא מינוטען פֿון מיין לעבין איז גיצייהלט.

דאס איז גיוועז אדאפעלער קלאפ פֿאר מיין פֿרויא, ערסטען מיך אנווערען,
אונ צווייטען וועט זיא דארפֿען נעהמען חליצה פֿון מיינעם אברודער, מיט וועלכען
זיא איז גיוועז פֿארקריגט אויף טויט, פֿארשטייט זיא אז חליצה פֿון איהם וועט
איהר אנקומען זייער שווער, דיא צייט איז אבער גיוועזן קורץ זיא זאל קענען
קומען צוא מיר, אט האט זיא טעלעגראפֿירט צוא איהרען אקוזין אין פעטערבורג,
ער זאל זעהען אויב איך בין ווירקליך אמסוכן אונ אויב יע, זאל ער זעהען
צוא בעקומען פֿון מיר אגט, אונ אבנעהמען אללעס וואס פֿון מיר וועט בלייבען,
איך האב דאס פֿאראויס גיזעהען, האב זיך געמאכט קראנק, יענער איז געקומען,
נאר מיינער אגוטער פֿריינד וואר שוין אנגישטעלט מיט איהם פֿאר ארעכטע מטבע
דורך צוא האנדלען, אז דיא זאך זאל גיין וויא געשמירט, אונ אזוא איז גיוועזן,
ער האט גיבעטען אגט, אונ איך האב זיך ניט גילאזט בעטען, האב גלייך
גיגעבין, אונ בין אוועק געפֿאהרען, לאס איך אקארסט זעהען, וואס מיין
פֿריינד האט מיר געשריבען.

ער

נעמט אבריף אונ לעזט אזוא: „ליבער פריינד אסיפ יאקאוולעוו! וויא געפעלט אייך אנגעשיקטע“? דער קוזין פון אייער פרויא האט איהר נאך דעם גט נים אוועק געפיהרט, ער וויל נאך געלט, אז נים זאגט ער, קען ער זיינע קוזינע אזוא פאלש נים זיין, ער זאגט ער וויים גאנץ גוט אז איהר זייט נים געפעהרליך, היינט וואסערע אויגין וועט ער ווייזין זיין קוזינע, וואס האט זיך אויף איהם אזויא פיל פארלאזין.

אז זיא וועט נאך דעם זיך דער וויסען אז איהר לעבט אונ זייט געזונט? איך האב איהם אפילו גיענטפערט, אז דאס רופט זיך אן אתנאי גט, אונ עס קען טרעפען אז מען ווערט געזונט, ניין זאגט ער, וועט מען דער לייגין נאך אפופציגער איז רעכט, אז נים פיהרט ער דעם גט נים, איך ווארט אייער ענטפער, אייער פריינד שמעון עבענהאליץ.

נאר דיזע זאכע האב איך שוין באזארגט, זאגט ווייטער אסיפ צוא זיך, איך האב געשיקט אי אטעלעגראמע, אי אבריף אז ער זאל דער לייגין געלט אונ עס זאל קיין אסטאנאווקע נים זיין ער זאל זעהען איהר קוזין זאל גלייך ארויס פאהרען אין פאלטאווא אום זיא זאל זיך אקארשט דער ווילע נים דער וויסען, אז מיין קראנקהייט איז מעהר נים וויא אשווינדעל אום זיא זאל בעטען גט דר ווילע, זיא וויל לייז ווערין פון דער פארפלוכטע חליצה, אה דיא זאך איז שוין לאנג אב געמאכט, ער איז שוין איצטער אפען וועג עס וועט זיין אשיינער גלייכווערטיל איך וועל דא חתונה האבין מיט דבורהן אין דעם זעלבען טאג, ווען מיין פרויא וועט זיין גגט, אה, וואס פאר איין טייוועלשער פלאן!... אה חליצה חליצה. וואס פאר אטייערער ביסען דוא ביסט פאר אונז מאנשפערזאנען פאר מיר איז זיא אדאפעלעם גליק, דורך חליצה בין איך פטור געווארען פון מיין אלטע ווייב אונ דורך חליצה נעהם איך איצטער אזא שארמאנטעם ווייזען וויא דיא דעבארע ראזען איז, דען ווען נים חליצה, וואלט זיא נים געפאהרען אונ איך וואלט נים האבין גילעגענהייט איהר קענען צוא לערנען, יעצט לאם איך אקארשט איבער לעזען נאך אמאהל יודעלעוויצעס בריף, זעהען וואס פאר אקוזין האט זיא.

ער נעהמט אבריף אונ לעזט אזו: „העהרען אסיפ יאקאוולעוו!“ איך ערפילע היר מיט מיינע פפליכט אים בעטרעף דער פרויא פון דער חליצה, וויא מיר האבין אבגערעדט, איהר זאלט וויסען, מיין העהר, אז דיא ווייביל איז ארויס גיפאהרען פון אירקוטסק צוריק אהיים, זיא האט זיך מיט אונז זאגאר נים גיזעגענט, זיא האט געהאט אידיעה פון דער היים, אז זיא איז פטור פון חליצה, זיא פאהרט זייער ראש, זיא האט אקוזין מיכל גוטמאנן, פון וועלכען זיא רעדט אימער, צוא איז דאס נים אליבע, קוקט זיך ארום איך לייג אויף ביא דיא אדרעסע פון איהר פאטער, וואו דורך איר קענט איר אלעס ערפארען, שיקט מיר אב וואס מיר האבין אבגערעדט, איך בין יעצט אין גרויס נויט, אייער פריינד אונ דינער דוויד יודעלעוויטש.

יא, זאגט אסיפ צוא זיך דיזער בריף האט מיר גאר מיינע אויגען גיעפינט און איהם וואלט איך איהר גאר קיין מאל ניט גיקענט געפינען, איהם האב איך באפרידיגט, וויא ער האט פארדינט, אבער וואס איז דאס פאר אמיכל גוטמאן? צוא איז ער טאקע ניט אנגעליבטער? אה דאס שמעקט מיר ניט אזויא, נאר איך גלויב אויף איהר ניט, זיא איז ניט ספאסאבנע דער צוא, דאס מוז זיין מעהר ניט וויא ארכילות, אז זיא האט פון זייא קיין אבשייד גענומען, ווארשיינליך האבין זייא איהר שלעכט באהאנדעלט, אקוזין קען זיא זיך האבין אגוטין פריינד, וועלכער שיצט איהר וויא אברודער, לאס איך אקארסט לעזען איהר פאטערס בריף וועלכין איך האב אנגעפרעגט וועגין אנעוויסען מיכל גוטמאן אגעהילצהענדלער, איך האב מיט איהם אגישעפט צוא מאכין וועגין אוואלד.

ער נעמט אבריף און לעזט אזוא, ליבער הער. אייער בריף האב איך מקבל גיוועז, מיין פלימעניק מיכל גוטמאן האט ווירקליך צוא פארקויפין, ער איז יעצט ניט היא, ער איז אוועק געפארען ענטגעגין מיינע אטאכטער, וואס פארט פון סיביר אהיים, איהר קענט צוא איהם שרייבין אין קאזאן גאסטיניצא פעטערבורג, דארטין שטייט ער איין, אייער פריינד שמואל רויזין.

יע, זאגט אסיפ אבלעזענדיג דעם בריף געשריבען האב איך ניט, איך בין אליין געקומען צוא פאהרען אהער, אלזא מיכל גוטמאן איז דא און אסיפ יאקאוולעוו איז דא און ביידע ווארטען אויף איין פרויענצימער, אקאמעדיע חלעבין, נאר ער וויים פון מיר ניט, איך וועל איהם גוט נאך שפירען, וואס ער טוט און איך וועל זעהען, אז זיא זאל זיך מיט מיר אליין זעהען און זיא מוז זיין מיינע אפרויא, ערסטען האב איך אדראקומענט פון איהר, און צווייטין בין איך רייך, און וואס איז ער? אמעקלער פון וואלד גישעפט, אז איך וועל איהר דער לאנגען אבראסקע פון 500 רובל וועט זיא ווערין אנדערס, וויא זיא איז פראווינציאליש (קליין שטעטעלדיג), וועט איהר דאך אפעטערבורגער לעבין בעסער שמעקין וויא דער קליינשטעטילשער, איין פיינע אסאבקע בין איך, אסאלידנער מענש, וואס איין ווארט פון טרייהייט וועגט אריבער דיא טויזענדע שווירע (שבועות) פון עוויגע הימלישע ליבע פון דיא יונגע לייטלאך, וואס איז ווערט איין אוים געבלאזענע איי, מיט איהרעם סעריאזנעם חאראקטער וועט זיא דאס פאר שטיין וויא צוא שעטצען, נאר אין ערגסטען פאלל וועל איך נאך קענען אונטער פיהרען מיט אשווינדעל אז ער ליבט גאר איינע אנדערע, מען דארף אקארסט זעהען צוא ערפאהרען וואס ער טוט דא, פון לאקיי וועל איך אללעס דער גיין, איי לאקייא! לאקייא!.

עס איז אריין גיגאנגען דער פאריגער לאקייא, וואס מיר האבין גיזעהען בייא גוטמאנען.

זאג מיר דא לאזירט עפעס איידע? פרעגט אסיפ.

דא לאזירען צווייא, איינער איז ע....

נוא וואס האסטו אויף גיהערט ? אי , דוא ווילסט נאוואדקו ? ביזט גירעכט , נא דיר ארוביל אונ זאג , וויא הייסען זייא ?.

איינער איז מיכל גוטמאן אונ דער אנדערער...

גענוג , דעם אנדערין דארף איך ניט , ער שרייבט עפעס בריף ?

ער שרייבט אודאי אונ אט היינט האט ער ערהאלטען א בריף פון יעלאגבוגא אונ ער איז געווארען שטארק פריילינ.

פון יעלאגבוגא , זאגט אסיפ פאר זיך , פאהרט זיא גאר מיט איין אנדער טראקט , גוט וואס איך וייס , דוא האסט גיזעהען געווים ?.

איך האב אליין געלייענט דעם שטעמפעל.

נא דיר נאך ארוביל , אונ זעה אז ער זאל ניט וויסען , אז איך האב דא נאך געפרעגט.

דער לאקייא איז ארויס גיגאנגען אונ רעדט צוא זיך , דא איז אפיינע אינטריגע , חלעבין , ביידע פרעגין זיך נאך איינע אויף דיא אנדערע , אונ יעדער צאהלט , אה איך וועל זאגין וואס מען פרעגט , נאר מען זאל מיר צאהלען , וואס ארט דאס מיך חה ה !.

אז דער לאקיי איז גיוועז ארויס געגאנגען האט זיך אסיפ שטארק פאר טראכט , שטייטם זאגט ער צוא זיך אז דיא בריף פון יעלאגבוגא , דאס איז אין איין ערך אפאר הונדערט ווערסט פון דאנען , זא דארף זיא דאך היינט מארגען קומען , דא דארף מען ניט זעוויען , מען דארף זעהען , זיא זאל אהער ניט אריין פאהרען , וואו ער איז , וואס טוט מען ? שיקען איהר אטעלעגראממע ? דאס איז עפעס ניט זיכער... שא , געפאלען אויף אפלאן , איך וועל איהר שיקען איין איזוואסציק ענטגעגען , אונ ער וועט איהר זאגין אז.... איהר געליבטער.. ניין דאס טייג ניט... ניין , אז מיכל גוטמאן ווארט אויף איהר אין איין אנדער גאסטיניצא אירקוטסק , ווייל אין דעם אבגערעדטען האטעל איז פאראנען אמענש וואס שטערט זייא , ער וועט איהר אבפירען אהין , דארטען וועט מיר שוין קיין קוזין ניט שטערין , איך וועל זעהען וויא זיא וועט זיך פון מיר ענטזאגען.

מיט דיא רייד איז ער ארויס אפען גאס , האט גענומען איין איזוואסציק אטאטאר האט איהם אוועק געשיקט אויף דעם וועג פון יעלאגבוגו , אונ האט אנגעזאגט , אז ער וועט באגעגענען איודישעם פרויענצימער פאהרט אהער אין קאזאן , אדער ער וועט איהר טרעפען אויף אשטאנציע , זאל ער איהר פרעגין אויב זיא איז דבורה רויזין , אויף דיא אנטווארט יא , זאל ער איהר זאגין , אז איהר קוזין מיכל גוטמאן האט איהם געשיקט איהר איבער נעהמען אונ אבפירען אין איין אנדער האטעל , ווייל אין יענעם וואס זייא האבין אבגערעדט וואו איז פאראנען אמענש וואס שטערט זייא , מיט דיא רייד האט ער גיגעבין דעם איזוואסציק אפאר רוביל אונ דער איזוואסציק איז אוועק געפאהרען.

אה , טראכט בייא זיך אסיפ איך האב אויס געפיהרט , וויא גוט עס איז

צוא

צוא זיין אנעווידימקע (רואה ואינו נראה), איך זעה וואס עס טוט זיך, אונ ער וויים ניט, וואס איך טוא הא הא! אקאמעדיע ערהרען ווארט!

דיזען אבינד איז אויך געפאהרען גוטמאן דבורהן ענטגעגען — אונ האט זיא ניט ערווארטעט, ער איז געפאהרען נאך אפאר שטאנציעס, האט נאך גיפרעגט אויף אזא פערזאן, האט מען איהם געזאגט, אז זיא איז שוין דא פארבייא גיפארין ער איז גלייך אוועק געפאהרען אין דיא גאסטיניצא, וואו ער האט איהר נאזנאצעט אריין צוא פאהרען? זיא איז ניטא ער איז געווארען העכסט אונרוהיג, ער איז אוים געגאנגען פון דיא קרעפטען, ער האט גענומען נאך פרעגין אין אלע האטעלין אין גאסטיניצעס, — זיא איז ניטא, שלעכט! ער וויים ניט וואס איבער צוא טראכטען, צוא האט דא וואס אסיפ ניט אב גיטאן, ער שפירט איהם נאך, ער זעהעט אבער, אז דיזער איז אויך העכסט אונרוהיג, ער גיים איהם נאך, אונ ער זעהעט, אז ער פרעגט אויך אזו נאך אויף איהר איבעראלל אזוא וויא ער.

עס איז אוועק נאך אטאג אין ענגסטליכער ערווארטונג, אונ זיא איז אימער ניטא, ער האט שוין איבער גיטאן אללע מיטלען איהר צוא דער גיין, — אונ זיא איז וויא אין וואסער אריין. ער האט געשריבען אהיים, צוא וויסען זייא ניט, — עס איז אבער אוועק אייניגע טעג, אונ פון דער היים איז אויך קיין ידיעה ניטא...

35.

געפאנגען בייא איינעם טאטארען.

אז דבורה איז גיקומען צוויא שטאנציעס פאר קאזאן, האט זיא געפונען איין בריף פון מיכלען, אז אסיפ יעמעראוו איז אויך אין קאזאן אונ לאזירט מיט איהם אין איין העטעל, אלזא זאל זיא אריין פארין אין גאסטיניצא מאסקווא, אום דער אסיפ זאל פון איהר ניט וויסען.

א, מיין גאט! שרייט זיא אוים איך זעה דער ים פון מיינע צרות האט זיך נאך ניט גיענדיגט, זיא פארט אב נאך אשטאנציע בעגעגנעט זיא איין איזוואס־ציק אטאטער וועלכער האט זיך אב גישטעלט אונ פרעגט איהר צוא איז זיא מאדאם דבורה... אויף דיא אנטווארט יא, זאגט ער: אייער קוזין מיכל גוטמאן האט מיך געשיקט אייך ענטגעגען אב צוא פירען אין איין אנדער העטעל, ווייל אין יענעם וואס זייא האבין אב גירעט איז פראגען איין מענטש וואס שטערט זייא אין אלעם.

דבורה האט איהם געגלויבט דען וויא קען מען ניט גלויבען נאך אזעלכע קענציייכען? מעהר וויא מיכל קען דאס ניט אן זאגען, דען אסיפ קען גאר ניט מיכלען אונ דארף גאר ניט וויסען. זיא האט זיך איבער גיזעצט אויף דעם איינ-וואסציק אונ איז מיט איהם אוועק געפארען.

דער איזוואסציק איז מיט איהר דורך געפארען עטליכע גאסען אין שטאט, האט זיך אב גישטעלט ביי א איין גרויסע הויז, וואס שטייט ביי א דער קאזאנקא איז אריין אין איין פערעאולאק אונ האט איהר אריין געפירט אין איין גרויסע פערעדנא, ער האט איהר גילאזין ווארטין אוויילע איז ארויף גילאפין אויף דיא מארמארנע טרעפ וואס ווארען גידעקט מיט איין טייערין טעפיך (קאווער). גלייך דארויף איז אראפ געלאפין אלאקייא וועלכער האט גינומען איהרע זאכין, האט ארויף געטראגין, אונ איהר אריין געפירט אין איין אפארטעמענט צימער וואס וואר גרויס ארטיג טאפעצירט אונ מעבעלירט, אבער דיא מעבעל וואר נאך טירקישען געשמאק נידריגע אונ דורך אויס געפלאסטערט, אהנע קיין האלץ צוא זעהען, איהר איז דאס שוין ניט געפעלין געווארין זיא זאגט זיא וויל דא ניט זיין...

שרעקט זיך ניט, זאגט דער דינער וועלכער וואר קיין אנדערער אלס איין טאטער זייט רוהיג עס וועט אייך ווייניג קאסטין, אונ מיט דיא רייד איז ער גלייך ארויס גיגאנגען, צוא מאכענדיג פעסט דיא טיר. דבורה איז געבליבין אליין וויא צוא טומילט, האט ניט געוואוסט וואס צוא טאן אין דעם צימער ווארען צוויא פענסטער, זיא ניט אקוק דיא פענסטער גייען ארויס אין איין גארטין, אונ מען זעהט דארטין קיין לעבעדיגען מענטשען, זיא האט פאר שטאנען אז דא איז עפעס אלאוואשקע.

עס האט זיך גיעפינט אזייטיגע טהיר וועלכע זיא האט פריער ניט בע-מערקט, ווייליע זיא וואר פערטאפעצירט גלייך מיט דער וואנד, עס איז אריין אדינער האט געטראגין אטאץ מיט קאפע אונ מיט ביסקווי. האט זיך איין גייג גיטאן אונ וויל ארויס גיין, זיא חאפט איהם אן פאר דער האנד אונ פרעגט: וואו איז דאס מיין קוזין?

ער קוקט גלייך ענטפערט ער מיט אשמייכעל אונ איז גלייך ארויס גיגאנגען אונ פערשלאסין דיא טיר, זיא האט זיך געלאזט לויפין נאך איהם דיא טהיר וואר שוין אבער פעסט, זיא האט גינומען קלאפין אין טיר שרייען ראטעוועט! אבער איהרע שטימע וואר נור אין צימער געבליבין, עס האט זיך קיינער ניט בעוויזען, זיא איז צוא גילאפין צום פענסטער האט גינומען שרייען עס וואר אבער אלעס אומזאנסט, זיא האט זיך גינומען רייסין דיא האר פון קאפ וויינען אונ קלאגין: וואס האט מען צוא מיר? וואס וויל מען פון מיר? וועמען האב איך שלעכטעס געטאן?... עס וואר אבער אלעס אומזונסט.

א גאט! האט זיא גינומען שרייען, אלזא באצאלסט דוא מיר פאר אלעס וואס איך האב אויס געליטען!... אט דאס איז דער סוף פון אלע מיינע האפ-נונגען! א מיכל, מיכל, דוא ווארטסט אויף מיר... דוא ביזט גיקומען אהער אום

מיך זיכער אב צוא פירען אהיים אום מיר זאלין צוא זאמען דאס לעבען געני-סען, — אונ אט בין איך אריין געפאלין אין אזא געפאהר... דוא ביזט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, דוא ווייסט ניט וואו איך בין אהין גיקומען, — אונ איך בין דא ניט ווייט פון דיר אונ דוא קענסט מיך ניט רעטען, ווייל דוא ווייסט ניט וואו איך בין אהין גיקומען, א איך האלט ניט אויס!

מיט אזעלכע קלאג געשריען איז זיא אנידער געפאלין אויף דעם דיוואן האט געוויינט געהליפעט ביז זיא איז איין געשלאפין, דען זיא וואר זייער מיד פון וועג אונ פון גראם (צער) זיא האט אזוא אב געשלאפין ביז מארגען, אהנע וואס צוא געניסען, אונ אהנע איהרע קליידער אויס צוא ציהען, אויף מארגין האט זיא זיך ערוואכט ווייל זיא האט געפילט יעמאנד האט איהר אקום געטאן פון שלאף האט זיך איהר אב גערוכט אז דאס איז מיכל, אז זיא האט אבער גיעפינט די אויגין האט זיא גיזעהען די טרויעריגע ווירקליכקייט: זיא איז געפאנגען אונ קיינער איז אין צימער ניטא עס וואר אהערליכער טאג די זון האט אריין געשיינט אין צימער זייער הערליך די זינגפאגעל וואס זיינען געהאנגען איבער די פענסטער, די נאכטיגאלען אונ די קאנאריענפעגעל האבען ערטאנט איהרען הערליכען געזאנג, עס וואר אלעס אן געגעהם אונ וואנגע פאל, אבער פאר די אונגליק-ליכע דבורה'ן איז דאס גיוועזען אין גיהנם ניט קיין גן עדן, זיא האט גינומען גיין איבער דעם צימער האט זיך ווידער גענומען בעדיינקען וואס עס טוט זיך מיט איהר, אשווידער איז אריבער איהרע גלידער, — וואס? רעט זיא צוא זיך וואס וועט זיין אז מען וועט איהר קיין מאל ניט ארויס לאזין פון דאנען? וואס וועט זיין מיט איהרע ארמע עלטערין? וואס וועט זיין מיט איהר געליבטין מיכל? ... זייא וועלין אלע אויס שטארבען פון גראם... א וויא מאכט מען זייא זאלען וויסען וואו איך בין? זייא וואלטען מיך לייכט בעפרייט, אבער וויא שיקט מען זייא איין בריף, אז מיינע בריף וועט מען ניט אוועק שיקען, אדער מען וועט זייא לעזען פאר דעם אוועק שיקען, זא קען איך דאך קיין זאך ניסט שרייבין... א שלעכט!

עס איז אריין איין אלטעס פרויענצימער אטאטארקע, האט איהר אריין געטראגין איין טאץ מיט שאקאלאד מיט ביסקווי צוא פריהשטיק, דבורה איז גלייך געלאפין ענטגעגען, אום פון טהיר ארויס צוא לויפין פון יענער זייט טהיר איז אבער גישטאנען אדינער, וועלכער האט איהר געוויזין איין רעוואלווער אונ זאגט העפליך: דא קאן מען ניט גיין.

דבורה האט זיך אראב געלאזין אויף דעם דיוואן, וואס דער בייא איז גישטאנען, האט פאר דעקט דאס געזיכט אונ האט אויס גיבראכין אין איין געוויין.

ליבע פריינדין! וואראום דען וויינסטו? רופט זיך אב צוא איהר די טא-טארקע אויף רוסיש מיט זייער אשלעכטע אויסשפראכע. וואס פעהלט דיר דא? וואס דארפסטו זארגין?

אוועק פון מיר דעמאן! גיט דבורה אגעשרייא אוועק פון מיר! לאז מיר ארויס פון דאנען אז ניט דער ווערג איך דיך! ...

מיט גוואלד וועסטו גאר ניסט מאכין זאגט דיא אלטע איהר וויינענדיג אין קליינעם קינזאל זאלסט וויסען אז איך בין איינע טאטארין!

דבורה האט ווידער גינומען וויינען.

הער צוא מיינע פריינדין זאגט דיא אלטע: זייא רוהיג ניט מיין אז דוא ביזט ארין געפאלין בייא שלעכטע מענטשין וואס ווילען דיר טאן שלעכטעס. ניין מיין הערר איז איין גוטער מענטש, ער וויל דיר טאן גוטעס אט האט ער דיר געשיקט איין פראזענט. מיט דיא רייד האט זיא איהר דער לאנגט אשאטולע (קעסטכען) מיט צירונג, דבורה האט דאס איין שליידער גיטאן אן דער ערד אונ זאגט: אויב ער איז איין גוטער מענטש לאז ער מיך ארויס לאזין פון דאנען, איך דארף קיינע צירונג קיין געלט איך דארף נאר פרייהייט.

דוא וועסט האבין אלדאס גוטס אונ פרייהייט נאר מיט דער צייט.

וואס וויל ער פון מיר? פרעגט דבורה.

וויא הייסט עס! דוא פאר שטייסט גאר ניט? דוא ביזט דאך אשאנעס פרויענצימער וויל ער דיך האבין פאר איין פרויא צוא פאר איין קעבס ווייב.

וויא הייסט עס! איך האב דאך איין מאן, איך בין איינע פערהייראטעטע פרויא.

מיין הערר איז איין טאטאר אונ בייא איין טאטאר גייט אזעלכע פראגען ניסט אן.

דא מוז זיין איין גרויסער אירטהום (טעות) זאגט דבורה, ער קען דאך מיר גאר ניט, ער מוז מיינען איינע אנדערע.

ער דארף קיין יחוס ניט, ער האט אן געזאגט זיין איזוואסציק ער זאל איהם ברייגען אשאנעס פרויענצימער, אט האט ער איהם גיבראכט.

ארויס פון דאנען! גיט דבורה אגעשרייא, איך וויל מיט אייך מעהר ניט ריידען.

דיא אלטע איז ארויס גיגאנגען דבורה איז געבליבין נידער געשלאגין.

עס איז ארין גיגאנגען אמאן איין נידעריגער איין עכטער ברונעט (גוט שווארץ), איין גלאטעס געזיכט, מיט שווארצע אויגין פייעריגע, מיט איין גע-ראזירטען (געגאלט) קאפ, אין איין גאלד געשטיקטע יארמינקע מיט איין פראנז, אין דונקעל בלאע הייזען ברייטע, אונ איין לאנגען שלאפראק אין שטרייפען (פאסען) מיט איין לאנגען פייף אין האנד, האט זיך דבורה׳ן האפליך איין נייג געטאן אונ פרעגט איהר אים רוסישען: וואס מאכען זייא מיינע ליבע?

דבורה האט איהם ניסט גיענטפערט, זיא איז גיוועזן צוא טומילט אונ אין כעס אונ פאר שעמט אלעס אויף אמאל זיא האט גיגעבין איין זיפץ.

וואס זיפצען זייא מיין טייערע? זאגט וואס עס פעלט אייך, עס וועט אייך אללעס געוואהרט (דאקאזעט) ווערין.

איך

איך וויל פרייהייט זאגט זיא ווייטער וויל איך קיין זאך ניט .

דאס וועט איהר אויך האבען , אבער פריער מוזט איהר זיך איין געוואוינען מיט דיזעם הויז .

ערבארמען זיא זיך ליבער העררע, האט זיא איהם אן געהויבען בעטען , זיך שטעלענדיג אויף דיא קניע : האבען זייא כיט לייד מיט איינער ארמען אונגליקליכען פרויא . איך פאר יעצט פון איינער ווייטען רייזע , איך האב עלטערין , האב איין מאן אונ זייא ווארטען אויף מיר וויינען אונ קלאגין וואס איך בין פון זייא פאר שוואונדען געווארין לאזט מיך ארויס פון דאנען .

וואס איהר האט עלטערין קען מען דער צוא העלפין , איהר קענט זייא שרייבין אז אייך איז גוט וועלין זייא זיין רוהיג , נאר דאס פאר שטייט זיך איין אדרעס צוא אייך דארף מען אויף געבין איין אנדערין , נאר דאס וועל איך שוין בעזארגין . אונ וואס אייער מאן בעטרעפט , וואס ער ליידעט וואס איהר פעהלט איהם דארפט איהר פאר שטיין , אז איהר וועט מיר פעלין וועל איך דאך ליידין אלזא איינער פון אונז מוז ליידען איבער אייך , איז וויא באלד איך קען אויס פירען ניט צוא ליידען , דארף איך אויס פירען דאס איז זייער לאגיש .

וואו איז אייער געוויסען (סאוועסט) ? אייער גירעכטיגקייט ?

איהר זייט אהער ניט געבראכט געווארין צוא פריידיגען זיטענלעהרע (זאגין מוסר) .

איך בין דאך אבער איודיש קינד .

איך שטער אייך ניט פון אייער גלויבין איהר קענט זיך גאט בעטין וויא פיל איהר ווילט .

א ערבארמט ליבער העררע ! האט זיא נאך אמאל גינומען בעטין האט פאר שטעלט דאס געזיכט מיט דיא הענד אונ האט גינומען חליפען אונ וויינען . ער האט א שמייכעל גיטאן אונ זאגט : אז מען וויינט זיך דורך ווערט לייכטער אויפין הארצין דאס גייט פאר בייא .

וואס בין איך אזוא דום טראכט זיא בייא זיך , דא דארף מען דייסטעווען מיט רחמנות מאכט מען ניסט מען דארף זוכען מיטלען א אגליקליכען גידאנקען ! עס וועט פיליכט העלפין .

הערט מיין העררע , אז איך בין שוין יע אין אייער געוואלד זאגט זיא , טא גאנט מיר חאטש דעם איין טרייסט אז איך זאל פון מיינע עלטערין קיין צער ניט האבען .

איך האב דאך אייך געזאגט ענטפערט ער , אז איהר קענט צוא זייא שרייבען, אונ איהר קענט נאך פון זייא בריף אויך בעקומען , נאר דיא אדרעסע פערשטייט זיך וועל איך אויף שרייבין איין אנדערע גאר פון איין אנדער שטאט אונ דיא בריף וועלין גיין הין אונ צוריק דורך מיינעם איין גוטין פריינד .

נוא דאנק איך אייך דער פאר זאגט זיא , נאך איין זאך וועל איך אייך

בעטין

בעטין : ביז איך וועל האבין איין בריף פון מיינע עלטערין , זאל קיינער אין מיין צימער ניט קומען מיך קוועלען אויך זיא ניט מיין הערר !

דאס וויל איך אייך אויך טאן זאגט ער . אך וויא דיא פרויען זיינען קאפ־ריזנע , אונ מען מוז זייא אלעס נאך געבען , אבער דער פאר זאג איך אייך דעם טאג ווען איהר וועט ערהאלטין איין בריף פון דער היים זייט איהר מיינע , מיט דיא רייד האט ער איהר געבייכט דיא האנד אונ איז ארויס גיגאנגען .

היינט וויא שרייבט מען אונ וואס שרייבט מען ? רעט זיא צוא זיך ווען זיא איז געבליבין אליין , שרייבין מיט איין אונפערשטענדיגע שפראך , וועט דער בריף ניט אוועק גיין , שרייבען מיט אונזער פעראברעדעטער שריפט — וועט נאך מעהר ניט אוועק גיין ; שרייבען מיט גאלאס וואסער — איז שווער צו בעקומען ...

יע , איך וועל שרייבען מיט צוויבעל זאפט , דאס וועלין זייא געוויס ניט זעהען אונ ניסט אהנען , אבער צוא וועלין זייא דארטין ערראטהען ? נוא דאס פאר לאז איך זיך אויף גאט .

מען האט איהר אריין גיטראגין שאקאלאד מיט צוקער גיבעק .

גיט מיר אמאל עפעס איין שארפע זאך , עס איז מיר שוין איבעל געווארין אייער זיסע גערעכטען , גיט מיר הערינג מיט צוויבעל ערקוויקען מיין הארץ , מען האט איהר דאס אויך גיגעבין , איין צוויבעל האט זיא אראב גינומען אונ בעהאלטין , אין אפאר שעה ארום האט זיא גיבעטין טינט אונ פעדער אונ פאפיר זיא האט אן געשריבין אהיים אבריף , אז זייער איין אלטער גוטער פריינד האט איהר בעגעגנעט , אונ ער פאר לאנגט דורך אוים זיא זאל זיין ביי איהם צוא גאסט איינינע צייט , זייא זאלין גאנץ רוהיג זיין וועגען איהר אונ זאלין איהר ענטפערין באלד מען זאל דען זעלבען בריף אב שיקען צוא איהר קוזין אונ האט זיך אונטער געשריבין , אויף דיא אונטער שריפט האט זיא אן געשריבין מיט צוויבעל זאפט דיא ווערטער : „איך בין העכסט אונגליקליך : איך בין ביי איין טאטארען געפאנגען , רעטעט מיך אב שנעלשטען איך בין אין הויז נומער 718 דריטען עטאז פון דיא טרעפ צווייא צימערין לינקס" זיא האט דארויף אריין גירופין דעם לאקייא , האט איהם אוועק גיגעבין דעם בריף דיזער האט אוועק גיגעבין דעם הערען וועלכער האט איהם גיגעבין איבער זעטצען , האט געפונען אז דער בריף איז גאנץ גוט אונ האט איהם אוועק געשיקט .

דער בריף וועט געוויס אוועק גיין , זאגט צוא זיך דבורה , דען ער וויל אויך איך זאל האבין איין ענטפער לויט אונזער אב מאך אבער גאט וויים , צוא וועט מיכל ערראטהען , צוא צוא זוכען דיזע געהיימע ווערטער , ווען ער זאל זיך דערויף ניט חאפין , זא בין איך אומגליקליך אויף אייביג , א וואס אונגליקין עס איז אויף מיין קאפ אונ אלם איבער חליצה א א א !

זיא האט זיך ביטער פאר נאנדער געוויינט .

עס איז פאר איבער גיגאנגען זעכס טעג , דבורה איז אימער גיוועזן פאר שפארט מען פלעגט איהר געבין עסין אונ טרינקען פון אלעם בעסטען , עס איז

אריין

אַרַיין גִינַאנְגֶען אֵיינִיגֶע מָאל דֶער טָאטֶער. הָאט גֶעוָואלְט מִיט אִיהר פַאר בְּרֵיינְגֶען הָאט זִיא אִיהם עֶרְאִינֶערְט אָן זַיין פֶערְשְׁפְּרֶעכֶען, אַז בִּיז זִיא וֶועט הָאבִּין אַיין בְּרִיף פוּן דֶער הֵיים זָאל אִיהר קֵיינֶר נִיט שְׁטֶערִין, זִיא פְלֶעגְט אִימֶער וֵויינֶען אוּנ קְלָאגִין אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ וִוינְשֶׁען זִיא זָאל לִיבֶּערְסְט קֵיינֶען בְּרִיף פוּן דִיא עֶלְטֶערִין הָאבִּין, דֶען וִויא עֶס וֶועט אָן קוּמֶען דֶער בְּרִיף מוּז זִיא זִיךְ עֶרְגֶעבִּין, מֶען הָאט אִיהר גִיגֶעבִּין בִּיכֶער אוּנ צַייטוּנגֶען צוּא לֶעזֶען דִיא צַייט צוּא פַאר טְרַייבִּין, נָאר דֶער קָאפּ אִיז נִיט גִיוֶועזֶען דֶער צוּא אוֹיף אַיין בְּלַאט הָאט זִיא גִיפוּנֶען אַיין גֶעזוּךְ אַז מֶען בַּאט הוּנְדֶערְט רוּבַּל דֶעם יֶענִיגֶען, וֶוער עֶס וֶועט זָאגִין וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַיין יוּנְגֶעס פְרוֹיעֶנְצִימֶער דבורה רוזין וֶועלְכֶע אִיז פַאר פַאלִין גֶעוָוארִין אוּנ מֶען וֵויים נִיט וואוּ, דִיא אוּנְטֶער שְׁרִיפְט וַואר מיכל גוטמאן, אַיין שְׁטְרָאם פוּן טְרֶערִין הָאט זִיךְ אַרוֹיס גִיגָאסֶען פוּן אִיהרֶע אוֹיגִין וִויא זִיא הָאט דָאס אִיבֶּער גִילֶעזִין. מיכל מיכל! דוּא טוּסְט פִיל פוּן מַיינְט וֶועגִין זָאגְט זִיא; אִיךְ זֶעה אִיךְ וֵויים אַז דוּא קֶערְסְט וֶועלְטֶען פוּן מַיינְט וֶועגֶען, אוּנ אִיךְ קֶען דִיר נִיט מִיט־טְהֵיילֶען וואוּ אִיךְ בִּין.

עֶס אִיז אַרַיין גִינַאנְגֶען דֶער לָאקֵיי אוּנ הָאט אִיהר דֶער לַאנְגְט אַיין בְּרִיף פוּן דֶער הֵיים. זִיא לֶעזְט אַזוֹא: „לִיבֶּעס קִינְד! מִיר הָאבִּין דַיין בְּרִיף עֶרְהַאלְטִין אָבֶּער מִיר זַיינֶען הֶעכְסְט פֶערְוואוּנְדֶערְט, וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען דֶעם נָאמֶען פוּן יֶענֶעם פְרַיינְד וֶועלְכֶר גִיט דִיר אֵיינֶע זָאלְכֶע זָעלְטְזַאמֶע אוֹיפְנַאהְמֶע, שְׁרַייבּ אוּנְז בַּאלְד אַנְטְוָוארְט אוּנ שְׁרַייבּ אוּנְז גֶענוֹי וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט דִיר, פוּן מיכלען הָאבִּין מִיר גֶעהַאט אַיין בְּרִיף, אַז עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארִין דִיךְ זוּכֶענְדִיג. דַיינֶע טְרַייעֶ עֶלְטֶערִין, וָואס זַיינֶען נָאךְ אִימֶער הֶעכְסְט אוּנְרוּהִיג אִיבֶּער דִיר, שמואל אוּנ גאלדע.

אָ אִיךְ בִּין פֶערְלָארִין! שְׁרַייט אוֹיס דבורה, זַייא שְׁרַייבִּין מִיר נִיט אַז זַייא הָאבֶּען מַיין בְּרִיף אַוֶועק גֶעשִׁיקְט צוּא מיכלען. בַּאלְד וֶועט קוּמֶען דֶער מָארְדֶער מִיךְ קְוֶועלֶען... אָ אִיךְ הַאלְט נִיט אוֹיס... אִיךְ מוּז מִיךְ דָאס לֶעבִּין אַוֶועק נֶעמֶען.

מִיט דִיזֶע גִידַאנְקֶען אִיז זִיא אַרוֹיס גֶעלָאפִין אִיבֶּערִין צִימֶער וִויא וַואהְנְזִינִיג אִיהר גֶעזִיכְט הָאט זִיךְ גִיבִּיטִין אִין אַלֶע קָאלִיאָרֶען רוֹיט אוּנ בְּלָא אוּנ בְּלַאס.

פַאר נַאכְט אִיז אַרַיין גִינַאנְגֶען דֶער טָאטֶער דֶער וִוירְטְה פוּן הויז.

נוּא זָאגְט עֶר מַיין לִיבֶּען, יֶעצְט הָאט אִיהר שׁוֹין צוּא מִיר גָאר גִיוָוארט אֵייעֶר בְּרִיף אִיז פוּנְקְטְלִיךְ אָן גִיקוּמֶען אוּנ אִיהר הָאט עֶרְהַאלְטִין אַיין בְּרִיף צוּרִיק וָואס דַארְפְט אִיהר מֶעהר? יֶעצְט זַייט אִיהר מַיינֶע. מִיט דִיא רֵייד הָאט עֶר אִיהר אוּמְגֶעאַרֶמְט אוּנ אַיין קוּס גֶעטָאן.

לָאזְט מִיר צוּא רוּה אִיךְ בִּין יֶעצְט זֵייעֶר קְרַאנְק! זָאגְט זִיא מִיט וואוּטְה וִויא אֵיינֶע וִוטְהֶענְדֶע טִיגֶערִין אוּנ הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פוּן אִיהם אוּנ פוּן זַיינֶע לִיבֶּקָאזוּנְגֶען אָבְּוֶועהרֶען, זִיא זֶעהְט זִיא קֶען זִיךְ נִיט גֶעגֶען אִיהם אִיסְפְּרַאוֶוען, הָאט זִיא גִיחַאפְּט אַיין מֶעסֶער וָואס אִיז גִילֶעגִין אַפִין טִישׁ, אוּנ הָאט זִיךְ גִינוּמֶען

פאבערין

פאכערין האט איהם אן געטראפין אין האנד אונ האט איהם פאר וואונדעט , עס האט גינומען רינען בלוט ער איז געווארין העכסט אויף גיבראכט האט אגעשרייא גיטאן צוא דיא דינער זייא זיינען אריין .

נעמט וואַרפט איהר גלייך אריין אין דער קאזאנקע ! ... איהר שטייט ? איהר הערט ניט וואס איך רייד ? ... זיא האט מיך באלד דער שטאכין , עס זאל ראכע פון איהר גינומען ווערין .

זיא וועט דאך נעמען שרייען זאגען זייא אונ מענטשען גייען נאך ארום אפען גאס .

איהר רעט מיר אוואַרט ניט איבער ... טוט איהר אן אזאק אן זאק בינדט אן איין שטיין , אונ דיא מויל איהרע פאר שטאפט מיט איין קלאפע זיא וועט שוין שווייגין , מיט דיא רייד איז ער ארוים גיגאנגען אכצענדיג פון דיא וואונד וואס זיא האט איהם געמאכט .

דיא דינער האבין גלייך אריין געטראגין איין שטיק ליינוואנד, האבין גינומען גייען אזאק פאר איהר אין דיא אויגין , אום איהר זאל זיין שטראסנע אונ זיא זאל זיך ער געבין , זיא איז גיזעסין אונ עס האט איהר געשווידערט געווארפין איילען הויך פון טויט שרעקענעס זיא האט ניט געוויינט ; דען דאס הארץ וואר איהר פאר קלעמט , זיא האט מער ניט געטראכט וועגען איהרע עלטערין אונ וועגען מיכלען . -- א ער וואלט וויסען וואס מיט מיר טוט זיך ! ... באלד בין איך ניטא אויף דער וועלט , דיא וועלען פון וואסער וועלען מיך צוא דעקין איך וועל מעהר דיא ליכטיגע וועלט ניט זעהען ! ... א נאט ווייניג האב איך געליטין איבער דיינע איין מצוה , אונ היינט לאזט דוא מיר שטארבין מיט אזוא איין ביטערין טויט נאך ווען ? ווען מיין גליק איז שוין גיוועזן ביי מיר אין דער האנד ווען זיסע האפנונגען אויף איין גליקליכעס לעבען האבין מיר ענטגעגען געלעכלט , א שלעכט איז צוא שטארבין ווען מען איז אונגליקליך , נאך ערגער איז צו שטארבין ווען מען האפט צוא זיין גליקליך , א ביטער, ביטער !

א ערבארמט זיך איבער מיר האט זיא זיך פרובירט בעטין ביי דיא דינער , איהר זייט דאך מענטשין איהר פאר שטייט גאנץ גוט אז איך וועל איצטער ערמארדעט אונשולדיג , איך בין אייך פרעמד איהר קענט מיך ניט , מען האט מיך אב געריסען פון איין פאמיליע, פון איין מאן , אונ דיזע אלע וועלין אויך שטארבין איבער מיר ... האט דאך מיטליידען מיט אייניגע פערזאנען וואס וועלין אום קומען איבער מיר ...

איהר בעט דעם הערין אום פערצייהונג , זאגט איינער וואס וואר געריהרט פון איהרע ווערטער : זאגט איהם אז איהר וועט ערפילען אלע זיינע ווינשע , וועט ער אייך פילייכט פערצייהען אנדערש קענען מיר אייך ניסט העלפין , אונזער הערר איז איין גוטער , אז מען איז צוא איהם גוט , אבער אז מען טוט איהם דער ווידער אונ מען באנעט איהם מיט איין מעסער , דאן העלפט קיין בעטין

פרובירט

טרובירט איהם איבער בעטין מיט דעם פערשפרעכען זיך איהם גאנץ צוא צו ער געבען .

ניין ! דאס ניט, נוא געגוג ! האט זיא גינומען שרייען נעמט טאדעט מיך אבער גיך אונ קוועלט מיך ניט , לאז שוין זיין אסוף צוא אלע מיינע צרות . . .

דיא דינער האבען גיקאנצעט נייען דעם זאק , זיינען צוא גיגאנגען צוא איהר אונ זייא האבין גינומען איהר אן טאן דעם זאק . וויא זיא האט פריער גיבעטין דעם טויט , פון דעסט וועגין אז ער איז שוין גישטאנען נעבען איהר מיט אלע זיינע שרעקין , האט זיא זיך גינומען אינסטינקטמעסיג אב וועהרען פון זייא , זיא האט זיך געוואָרפין געשליידערט , האט זייא געשטויסין פון זיך אונ האט גינומען שרייען יאמערליך . דא האט איינער איהר פעסט צוא געהאלטין , דער אנדערער האט איהר אריין געשטאפט איין קלאפע אין מויל , אונ האט איהר גענומען אן טאן דעם זאק אום איהר נאכהער אריין צוא ווארפען אין וואסער .

זיא איז געפאלין אין אונמאכט .

36.

דיא רעטונג .

מיכל גוטמאן האט אין פערלויף פון דיזער וואכע ניט גערוהט אונ האט אימער גזוכט דבורהן , אונ האט געשריבען אין ציימונג אונ האט אן געמעלדעט אין פאליציי , עס וואר אלעס אומזיסט , איין מאל איז ער געקומען אויף זיין קוואטיר גאנץ נידער געשלאגין .

איך האב שוין אלעס איבער געטאן , איך ווייס שוין איצטער ניט וואס צו טאן , דא איז אשרעקליכע אינטריגע , זיא איז פאר פירט געווארין וואו עס איז , אבער צו וועלכין ציל ? עס איז קיין אנדערער וויא דער אסיפ יא-קאוולעוו . איך האב איהם גיוועלט ביז הער אויס מיידען , יעצט האב איך קיין אנדער מיטעל ניט , מיט די רייד איז ער גלייך אריין געלאפין צו אסיפען אין נומער .

גאספאדין אסיפ יאקאוולעוו — גיט אגעשריי מיכל .

איהר קענט מיך ? — פרעגט אסיפ פערוואונדערט .

איך קען אייך — שרייט ווייטער מיכל — איך ווייס איר זייט געקומען אהער צו פיהרען אינטריגען מיט מיינע אקוזין , איהר זאלט מיר זאגען וואו זיא איז , זיא איז פלוצלונג פאר פאלין געווארין , אונ דאס פערשטיי איך איז אייער ארבעט .

ווען איהר ווייסט שוין יע פון אלעם — רופט זיך אב אסיפ — מוז

איך

איך אייך זאגען, אז איך בין אויך העכסט אונרוהיג, אמת איך ווארט אויף איהר. ווייל פאר שטייט איהר מיך ביי אונז איז פאראנגען איין אב מאך, און יעצט איז זיא ניטא! איך זוך איהר איבעראל און איך האב נאך איהר שפור ניכט ערפאהרין.

איך האב מעהר ניט איין זאך ערפאהרין — זאגט מיכל — אז איהר איז געפארין אנטקעגין איין איזוואסציק און האט איהר אב געפיהרט אנדערש וואו, איך האב קיין איזוואסציק ניט געשיקט, איך בין איהר אליין געפארין אנטקעגין נאר עס וואר שוין צו שפעט זיא איז שוין גיוועהן יעמאלט אין שטאט ווער האט גיקענט שיקען נאך איהר א איזוואסציק?

איין איזוואסציק זאגט איהר? — גיט אנגעשריי אסיפ — איז דאס ניט קיין אנדערער וויא מיין איזוואסציק.

הא! איהר זייט זיך מודה! — גיט אנגעשריי מיכל — נוא!

אבער צום אומגליק וויים איך פארט פון קיין זאך ניט — זאגט אסיפ מיט אזיפץ — איך האבווירקליך געשיקט איהר אנטקעגין איין איזוואסציק אטאטארין איך האב איהם איבער גיגעבין אלעמענס נעמען, אט האט זיא געוויס איהם געגלויבט און דער איזוואסציק האט איהר געוויס אוועק געפירט אנדערש וואו.

קורץ איהר זייט דער שולדיגער, איהר מוזט מיר איהר געפינען — שרייט מיכל — איהר וועט מיר אטוועציייען.

איהר דארפט מיר גאר ניט שטראפין — זאגט אסיפ — איך וויל איהר אויך זוכען, זיא אינטערעסירט מיך ניט וויניגער פאר אייך.

נאך דיזע רייד האבין זיך דיזע ביידע ספארניקעס פעראייניגט אום צו זאמען די פערלארענע דבורה צו זוכען, זיי האבין זיך בעראטהעט און זיינען פונאנדער געגאנגען.

אויף מארגין האט מיכל בעקומען אבריף פון דער היים ער רייסט אים אויף ער געפינט אבריף איין געשלאסין. א היםעל! — גיט ער אנגעשריי — אבריף פון דבורהן! איהרע האנד שריפט, ער לעזט אזוי:

ליבע טרייע עלטערין! איהר זייט רוהיג וועגין מיר, איך בין געזונט און מונטער. אונזער איין אלטער גוטער פריינד האט מיך געטראפין און האט מיך פאר בעטין צו זיך און וויל דורך אוים איך זאל ביי איהם פערבלייבען איינינע צייט, ענטפערט מיר וואס איהר מאכט, שיקט אב דעם בריף צוא טיכלען.

איער טרייע טאכטער דבורה.

וואס איז דאס פאר אבריף! — שרייט אוים מיכל העכסט צו קאכט דאס געזיכט האט זיך ביי איהם געביטען אין אלע קאלירען — זיא איז ניט מיט מיר און שרייבט אז איהר איז גוט, דאס קען ניט זיין אן מיר איז זיא אומגליקליך, עס איז ניט אנדערש מען האט איהר געצוואונגען אזוי צו

שְׁרַייבֶּען, אָבֶּער וואו אִיז זִיא? דָא אִיז אַהֶעלִישֶׁע אִינְטְרִיגֶע! ווִיא דֶער גַייט מֶען וָואס דָא טוּט זִיךְ, שַׁא צוּ הָאט זִיא נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען דָא עֶרְגֶעץ מִיט אַיין גֶעהַיימֶען מִיטֶעל, אִיךְ הָאבּ אִיהר ווִיפִיל מָאל גִילֶערְינְט ווִיא מֶען קֶען גֶעהַיימֶע בְּרִיף שְׁרַייבֶּען, מֶען שְׁרַייבְּט מִיט גָאלָאס וַואסֶער אוּנ עֶס אִיז נִיסְט קֶענְטִיג, נָאר ווֶער עֶס דַארְף לֶעזִין ווִישְׁט עֶס אָבּ מִיט קוּפֶּערְוַואס וַואסֶער, קוּמֶען דִי בּוּכְשְׁטַאבֶּען אַרוֹיס, אָדֶער מֶען שְׁרַייבְּט מִיט צְווִיבֶּעל זַאפְט אוּנ נַאכְהֶער הַאלְט מֶען דָאס פַּאפִּיר אַפִין פַייעֶר קוּמֶען דִי בּוּכְשְׁטַאבֶּען אַרוֹיס.

מִיט דִי רֵייד הָאט עֶר גֶענוּמֶען אִיהר בְּרִיף אַרוּם קוּקֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען עֶס אִיז נָאר נִיסְט דָא, עֶר הָאט אָן גֶעצוּנְדֶען אַלַאמְפֶּע הָאט גֶעהַאלְטִין דֶעם בְּרִיף אַפֶען גְלָאז, עֶס קוּמְט נִיסְט אַרוֹיס, עֶר הָאט גֶעהַאלְטֶען דֶעם אוֹיבֶען פוּן בְּרִיף עֶס אִיז נִיסְט, הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוּם דֶעם גַאנְצֶען בְּרִיף נִיסְט, עֶר הָאט שׁוֹין גִיוָועלְט דֶעם בְּרִיף אִין פַאלֶער פֶערְצְווַייפְלוּנְג אַוֶועק וַוארְפִין, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאךְ אַמָאל דֶעם בְּרִיף הַאלְטֶען אַפִין פַייעֶר אִיבֶּער דִי אוּנְטֶער שְׁרִיפְט, עֶס הָאט זִיךְ בֶּעווִיזֶען אַפָּאר בְּרוֹינֶע בּוּכְשְׁטַאבֶּען.

אָ גָאט! מִיר זַיינֶען גְלִיקְלִיךְ — הָאט עֶר אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן — הָאט אַזוֹי גֶעהַאלְטִין דֶעם בְּרִיף פָאר זִיכְטִיג אִיבֶּער דִי לַאמְפֶּע, עֶס אִיז אַרוֹיס דִיזֶע בּוּכְ־שְׁטַאבֶּען: „אִיךְ בִּין הֶעכְסְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ אִיךְ בִּין בַּיי אַטַאמַארֶען גֶעפַאנְגֶען, רֶעטֶעט מִיךְ אַם שְׁנֶעלְסְטִין אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִין הוֹיז 718 № דְרִיטֶען עֶטַאז פוּן דִי טְרֶעפּ צְווַיי צִימֶערִין לִינְקְס.

נוּא דְבוֹרֶהלֶע — שְׁרַייט עֶר אוֹיס — דוּא בִּיזְט גִירֶעטֶעט, אִיךְ לוֹיף שׁוֹין אִין פָּאלִיצַיי, נָאט ווֵייס וָואס דוּא הָאסְט דָארְטִין גֶעהַאט צוּ לַיידֶען, אָ שְׁרֶעקְלִיךְ! אַזוֹי אַיין אוּמְגְלִיק הָאבּ אִיךְ מִיר נִיט פָאר גִישְׁטֶעלְט, מֶען דַארְף אָבֶּער מִיט דֶער פָּאלִיצַיי פָאר זִיכְטִיג זַיין, ווָאס קֶען מֶען ווִיסֶען? פִילַייכְט אִיז ווֶער פוּן דִי פָּאלִיצֵייסְקֶע מִיט דֶעם מֶערְזַאווֶעץ דֶעם טַאטַארֶען אוֹיף גֶעטְרָאגִין אוּנ עֶר קֶען אִיהם וָוארְנֶען אוּנ יֶענֶער וֶועט זִיא פַאר שְׁטֶעקִין אַנְדֶערְס וואוּ, אוּנ דַאן זַיינֶען מִיר נַייטֶער פֶערְלָארִין, קוּרְץ דִי אַדְרֶעסֶע וֶועל אִיךְ זַיי נִיט אוֹיף גֶעבִּין.

גְלַייךְ דַארוֹיף אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָארִין אִין דֶער פָּאלִיצַיי אוּנ הָאט אָן גִימֶעלְדֶעט אַז עֶר הָאט עֶרְפַאהְרִין דִי אַדְרֶעסֶע פוּן יֶענֶע פֶּערְזָאן וֶועלְכֶע אִיז פַאר פַאלִין גֶעוָוארִין, דֶער פְּרִיסְטַאוו הָאט אִיהם אָנְגֶענוּמֶען קַאלְט, עֶר הָאט דוּרְךְ אוֹיס פֶערְלַאנְגְט עֶר זָאל אִיהם זָאגֶען דֶעם נָאמֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען גֶעלְט, עֶס הָאט נִיסְט גֶעהָאלְפֶען, מִיכַל הָאט גִיזֶעהְן אַז אַלֵיין וֶועט אִיהם זַיין שְׁוֶוער דוּרְךְ צוּ מַאכֶען, אִיז עֶר אַוֶועק צוּ אַסִיפֶן אוּנ הָאט אִיהם דֶער־צֵיילְט אַז עֶר ווֵייס וואוּ זִיא אִיז, נָאר פָּאלִיצַיי דֵייסְטֶעוֶועט שְׁוַואךְ. דָאס וֶועל אִיךְ הֶעלְפִין — זָאגְט אַסִיפ — אִיךְ הָאבּ דָא גְרוֹיס בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט, קוּמְט.

זִייא זַיינֶען גְלַייךְ אַוֶועק גֶעפָארִין צוּ אַסִיפְס אַבֶּעקַאנְטֶען וֶועלְכֶר וַואר

אויף

אויף געטראגין מיט דעם סעקרעטאר פון גובערנאטאר, זיי זיינען נאך דעם גלייך אוועק געפארין צו דעם סעקרעטאר וועלכער האט גלייך אריין געשריבען צום פאליצמייסטער, ער זאל גיין וואו מען וועט איהם ווייזען, דא איז צו גע־נאנגען די זאך ראש און לעבענדיג.

עס איז שוין געווארין נאכט, מען האט בעוואכט דאס הויז פון דעם טאטארען, עס איז ארויף דער פאליצמייסטער מיט איינינע פאליציייסקע אויף די טרעפ, מיכל איז געגאנגען פאר אויס אסיפ איז גיוועהן דער לעצטער, מען האט אויף געריסען די טיר וואס מיכל האט געוויזען, עס האט זיך זיי פאר גישטעלט אשרעקליכע סצענע, איין פרויענצימער ליגט אפין דיוואן, אזאק אויף איהר, צוויי דינער שטייען אן אזייט און ציטערין פון שרעק, מיכל האט גלייך אשליידער געטאן דעם זאק אן דער ערד און איז ארויף געפאלין אויף דבורהן און האט גענומען שרייען: דבורה דבורהלע! קום צו זיך, זעה דיין מיכל איז דא, ער האט דיך גירעטעט!

זיא האט זיך גלייך ערוואכט און קוקט זיך ארום מיט שרעקין, זיא דער זעהט מיכלען שטרעקט איהם אויס די ארמען און זאגט מיט אשוואכע שטימע: מיכל, מיכל! דוא ביזט געקומען מיך רעטין, א מען האט מיך גיוועלט אין אזאק אריין ווארפין אין די קאזאנקא.

מיט די רייד איז זיא איהם ארויף געפאלין אפין האלז און האט גענומען וויינען.

מיכל האט איהר גלייך ארויס געפיהרט פון דארטין, האט גענומען אירע צעמאדאנען, וואס דארטין איז גיוועזין און איז מיט איהר אוועק געפארין אין גאסטיניצא מאסקווא, דאס הייסט ניט אין יענעם האטעל וואו ער איז מיט אסיפען געשטאנען.

אסיפ, וויא ער האט גיזעהען דיזע סצענע האט ער גירעכינט עס לוינט ניט איצטער זיך איהר פאר צו שטעלין ביי אזא לארעמדע לאגע, לאז זיא זיך פריער ערהאלען, נאכהער וועל איך שוין קומען, דער ווייל דארף מען נאך זעהען וואו הין זיי פאהרין.

די צוויי דינער האט פאליציי דער ווייל צו גענומען, מען האט סאם־טאוועט באלד איין פראטאקאל און פריוועקייעט דעם טאטארען אין אטוועטסטווענאסט.

37.

וויא מאן אונ פרוי געשטארבינע נעמען זיך ווידער אדער וויא א פרוי הערט איהר אייגענעם הספד.

דבורה וואר העכסט טרעוואזעט פון שרעק אונ פון איבער ראשונג, מיכל האט גערופען אדאקטער אונ ער האט איהר פערשריבען מעדיצין אונ האט פעראָרדינט מען זאל איהר געבין איינינע טעג רוה.

עס איז פאר איבער צוויי טעג פון יענער ריהרענדע געשיכטע אונ זיא האט זיך שוין ערהאלט, אסיפ וואר אונטער דער צייט געקומען איהר בעזוכען האט איהם מיכל ניט צו געלאזין אום איהרע רוהע וואס דער דאקטער האט פעראָרדענט זאל ניט געשטערט ווערין.

אויף דעם דריטען טאג גייט אריין צו איהר מיכל מיט זייער אפרייליכע מינע אונ זאגט:

נוא דבורינקע וואס מאכסטו היינט?

איך בין שוין גאט צו דאנקען ווידער הער געשטעלט — זאגט זיא, אבער וואס אבער? — זאגט ער מיט אשמייכעל — מיר האבין בעזינגט אלע אונזערע הינדערניסע, מיר וועלין מארגין ארויס פארין פון דאנען, אפין וועג אין מאסקווע וועלין מיר חופה האבין אונ אהיים וועלין מיר קומען שוין מאן אונ פרוי, וואס זאגסטו דבורה איז גוט מיין פלאן?

דער פלאן איז גוט — זאגט זיא מיט אזיפץ — אבער דוא האסט פאר געסין מיכל אז אסיפ איז דא, ער וועט אונז נעפינען אונ וועט מיך צווינגען מיט איהם צו הייראטען, דען ער האט אויף מיר איין פיסמענאיע אביאזאטעלסטווא.

אסיפ איז טאקע דא, ער ווייס שוין וואו דוא ביזט אויך — זאגט ער איטער לאכענדיג — אונ ער וויל דיך הייראטען דורך אוים, אבער איך לאך דער פון.

דוא לאכסט מיכל? אסיפ איז ניט אזא מענש וואס זאל זיך לאזין אויס לאכען.

הער דבורה זאלסט וויסען אז איך לאך, ווייס איך וואָרום, איך וואלט דיך בעטין, אז אסיפ וועט קומען צו דיר זאלסטו איהם פריינדליך אויף נעמען ער דארף באלד קומען, דען ער האט דא ניט לאנג געשיקט אן פרעגין צו ער קען קומען האב איך אנגעזאגט אז ער קען קומען. אלזא דבורה בעט איך דיר דוא זאלסט איהם פריינדליך אויף נעמען.

אונ אז ער וועט פערלאנגען חתונה האבין? — פרעגט זיא פערוואונדערט.

זאלסטו איהם געוויס צו זאגין אונ איהם זאגען אז דוא קלערסט גאר

אנדערם

אנדערס ניט וויא צו האלטען וואָרט, דען דוא ביזט איהם דאנקבאר פאר דאס גוטעס וואס ער האט דיר געטאן.

איך פארשטיי איין וואָרט ניט וואס דוא זאגסט — ענטפערט זיא — אונ וויא אז ער וועט נאך פרעגין וועגין דיר, מיכל?

זאלסטו זאגען אז איך בין ניט מעהר וויא אקוזין אטרייער, אונ אז איך בין גאר פערהייראט, פערשטייסטו?

וואס רעדסט דוא מיכל? איך פערליר שוין דעם זינען, צו איז דא ניט ווייטער איינע העלישע אינטריגע אונ דו מיכל ווילסט מיך פערוויקלען ווייטער אין איין שפינוועבס?

אז דוא האסט קיין צו טרויען ניט צו דיין מיכלען איז ניסט — זאגט ער — איך זאג דיר נאך אמאל, זאלסט זיך איהם שטעלין העכסט פריינדליך דוא קענסט מיט איהם ריידען אין אטאן פון פארוויפע איבער מענליכע אינט-ריגע אונ דוא וועסט נאך דעם זעהען, אז ער וועט דיך ניט הייראטען וייל ער וועט ניט קענען, אונ דאדורך וועסט דוא לויז ווערין פון זיין אביאזאטעל-סטווא, איצטער גייא איך אוועק פון דאנען דען ער וועט באלד ארויף קומען אבער זארג ניסט איך וועל זיין אין דעם צווייטען צימער. מיט די רייד איז ער ארוים געגאנגען.

אין אפערטיל שטונד ארום איז געקומען אסיפ, זיא איז איהם געגאנגען אנטקעגין מיט זייער אפריילעכער מינע.

וויא בעפינדעסט דוא דיך טייערע דבורה? — זאגט ער איהר רייכענדיג דיא האנד.

איך בין שוין געזונד גאט צו דאנקען — זאגט זיא מיט אשמייכעל — איך האב געהאט אפאק צרות זינד מיר האבין זיך גיזעהען, נאר דער לע-בענדיגער מענש קומט אלעס אריבער, א וויא פרייט עס מיך ליבער אסיפ וואס איך האב אייך דא געטראפין, איך האב גירעכינט איך וועל אייך דארפין זוכען אין פעטערבורג.

איך בין דאס נאראצנע געפארין דיר אנטקעגין — זאגט אסיפ — דען איך האב גיוועלט וויא מעגליך פערקירצען די צייט פון אונזער טרענונג.

איהר ליבט דאס מיך אזוי? — זאגט זיא מיט אשמייכעל — איהר רעט מעהר ניט מיט דער צונג אבער דאס הארץ איז ניט דאביי, אדער ווען יע דאביי, איז אזעלכע געפיהלע ביי די מאנס פערזאנען זייער קורץ דויעריג, איך פירכטע זייער איך זאל פון דיזער מעגער קריינקהייט ניט צו ליידען האבין.

איהר בעליידיגט מיך ליבע דבורה, מיט אזעלכער מיינונג וועגין די מאנס פערזאנען, וואמיט זיא אנשפילען (נאמעקייען) אויף מיך, אבער איך קען אייך זאגין דעבארע אויב איהר האט יע ווען גיהערט פון מעגליכער אונ-טרייע דארפט איהר אבער מיך צו דיזער קאטעגאריע ניכט רעכינען, מיינע

ליבע איזט קלאר וויא די זאהנע, מיינע געפיהלע זינד ריין איניגסט אונ הערצליך, וויפיל בעקלאג איך דאס מיינע ארעמע פרוי וואס איז אוועק איונגע פון דער וועלט, וויא איך האב איהר דאס געליבט! איך קען איהר ניט פער־געסין איהר נאמען איז ביי מיר איין געפרעסט אין מיין בלוט אונ פלייש, אזא טרייע אזא גוטע וויא זיא איז געוועזין! מעהר וויא זיא ליבע דעבארע, קענען כיר אזא שאטין ניט ערזעטצען.

איהר זאגט דאס מעהר ניט. זאגט וייטער דבורה.

אז איהר וואלט ויסען וויא איך בעקלאג איהר, וויא מיינע אויגען טריקענען ניט אלע נאכט, ווען דער קאפ איז רוהיג פון גישעפטין אונ אלע מיינע געדאנקען געבין זיך אוועק דער זעליגען פערגאנגענהייט, ווען מיינע גוטע פרוי האט גילעבט, זאג איך אייך איך גייא אויס פון מיינע קרעפטין א אז איך וואלט איהר קענען לעבעדיג מאכען! איך וואלט מיין לעבין מיין פערמעגין געאפפערט פון אירעט וועגין, נאר וואס קען מען מאכען? אז גאט האט איהר גיוועלט ביי מיר צו נעמען פאר דער צייט!

דא האט ער גיגעבין אביטערין זיפין אונ האט זיך אויס געווישט די אויגען אונ זאגט וייטער מיט אטרויעריגען טאן — דער גוטער גאט האט מיר גיגעבין גוטעס איין וואהרעס גליקליכעס לעבין אבער ניט אויף לאנג, נאר דער לעבענדיגער מענש דארף דאך לעבין, מען קען דאך די נשמה ווי מען זאגט ניט אויס שפייען, איינגע יאהר האב איך געקלאגט נאך איהר, אונ האב געזוכט אפרוי וואס זאל ווערט זיין איהר צו ערזעטצען (אב בייטען) האב איך ניט געפונען ביז איך האב אייך ליבע דעבארע בעגעגינט אונ איך האף איהר וועט מיר ערניירין (מחדש זיין) מיינע אמאליגע גליקזעליגע טאגע.

וואס דארפסטו זיך אזוי פיל קוועלין (מוצען) אום צו זוכען איין ערזאטץ (אב בייט) פון דיינע טרייסטע געליבסטע פרוי? — אט איז זיא! — האט זיך געלאזט הערין אשטימע פון הינטערין וואנד. אסיפן האט אשוידער געטאן די האר האבין זיך איהם געשטעלט וויא בארשטין, עפעס אבעקאנטע שטימע האט ער זיך אזאג געטאן.

עס האט זיך גיעפינט די טיר עס איז אריין אפרויענציטער אויאהר פינף אונ דרייסיג נאך זייער אשיינע מיט זייער אקלוגע פיזיאנאמיע, מיט אניפ־טיגען שמייכעל אויף די ליפען זייער רייך געקליידעט, זיא איז געבליבען שטיין אין אפאזע וויא אדיאנע גרויס ארטיג.

עס וואר איינע קליינע פויזע, אסיפ איז געבליבען נידער געשלאגין דען ער האט דער זעהען זיין ווייב שטייט נעבין איהם, וועלכע ער האט אזוי בעקלאגט אונ וועלכע ער האט גירעכינט פאר אגיטע, דבורה איז גיזעסין צו מיטט אונ האט ניט געוואוסט וואס דאס אלעס בעדייטעט. אין מיר האט

זיך

זיך בעוויזען מיכל וועלכער האט איר געוואונקען מיט אשמייכעל אז די קאמעדיע האט ער אויף געטאן.

אט איך קען זיך דאס בעריהמען אז איך האב אטרייען מאן — האט אן געהויבען ווידער אסיפס פרוי — איך האב געהאט דאס גליק צו הערין מיט מיינע אייגענע אויערין וויא מיין מאן ליבט מיך, אז פאר אפרעמדע פערזאן ניט אין מיינער געגענווארט האט ער גיקענט ארויס געבין אזעלכע ליבעס געפיהלע צו זיינער פרוי, היינט וויא קען איך ווייטער אין זיינע טרייע צו מיר צווייפלען? איך בין דאס גליקליכע דער פרויענצימער, איך האב גיהערט מיינע אייגענע לייבענרעדע (הספד), די מאנס פערזאנען בעקלאגען זייערע געשטארבענע פרויען בעדויערין זיי רעכטע הערצליך, אבער ליידער די געשטארבינע הערין ניט אונ ווייסען ניט וואס פאר אגליקליכעס לעבין זיי האבין פערלארין, אונ איך נואר זא גליקליך דאס אלעס צו הערין אונ צו דיזעם לעבין צו ריק צו געלאנגען, א איהר מאנס פערזאנען! אט אזוי מאכט מען די פרוי פיר געשטארבין אום זיא בעקלאגען צו קענען אונ דאדורך איהר געפיהל פאלעם הערין איינער אנדער פרוי צו צייגען.

אט אזעלכע שווינדלען מאכט מען דאס! אז מען קען זיך פון אפרוי וואס מען ליבט ניט, ניט שיידען, פאלט מען אויף אפלאן צו לאזען ווענין זיך מעלדין אז מען האלט ביין שטארבען, אום די פרוי ווידער וואס פירכטעט פאר חליצה זאל בעטין א גט, דיזע ווידער האט זיך פערלאזין אויף איהרען אקוזין איין אוים וואורף וועלכער פאר אהונדערטער האט די זאך מיט זיינע עדות בעשטעטיגט, האט נאך אליין געבראכט דעם גט, אונ נאך איינע שטונדע וואלט איך שוין גיוועזן גיגט, ווען ניט דיזער הער מיכל גוטמאן, וועלכער האט מיר גלייך דאפאן מיט איינער טעלעגראמע אנגעמעלדעט, א דאנק אייך הער גוטמאן! אלזא אסיפ זיך האסטו געמאכט געשטארבין אום איך זאל געמען גט, אונ מיך האסטו געמאכט געשטארבין אום דוא זאלסט נעמען איינע אנדערע.

יעצט מיין ליבער אסיפ, איז מיר שוין קלאר געווארין ווארום אגאנץ ווינטער האסטו מיר זיך אזוי פריינדליך בענאמען, דאס איז אויך גיוועזין א רעדיל צו דער מאשינע וואס דוא האסט געשרויפט אום צו קענען זאגין אזא הספד נאך מיר פאר דיזער פרוי, וויא גליקליך בין איך וואס איך האב אמאן וואס ליבט מיך אזוי, קום מיין ליבער אסיפ לאמיר פארין אהיים, מיך גטן וועסטו קיין מאל ניט, דען איך ליב דיך עס קען זיין אז נאך מעהר וויא דוא ליבסט מיך.

אסיפ איז ארויס געלאפין קריצענדיג מיט די ציין בלא פון כעס, נאך איהם איז ארויס געגאנגען זיין פרוי רייבענדיג די האנד מיכלען אונ איהם בעדאנקענדיג.

הא הא הא! האט זיך פאנאנדער געלאכט מיכל גוטמאן אז זייא ווארין

ארויס

ארויס געגאנגען, וויא גיפעלט דיר דבורה מיין קאמעדיע, וואס איך האב דא אויף געפירט? ח ח ח!

העה העה! — לאכט דבורה — דאס איז גיוועזן אוואוילע קאמעדיע דו האסט גיוועלט איך זאל איהם פריינדליך זיין אום די זאך זאל זיין העפטיגער וויא האסטו דאס אלעס ערפאהרען?

עס איז מיר אריין געפאלין אין האנד זיינער אבריף וואס ער האט גע-שיקט צו זיינעם אנוטען פריינד, וואהרשיינליך דער גאנצער טוער אין דעם גישעפט, פון דעם בריף האב איך ערפאהרען, אז ער גט דאס די ווייב צו ליב דיר, אונ אז דיזע וויל דאך קיין גט ניט נעמען, אט האט ער גענוטען פאר אמיטעל די חליצה, האט נעלאזט מעלדין, אז ער איז מסוכן אונ די זאך איז אב געמאכט, איך וויים דאך אבער פון דער מעשה אז ער האט פון דיר ארוים בעקומען איין אביאזאטעלסטווע דוא זאלסט מיט איהם הייראטען אט האב איך איהר טעלעגראפירט אז דער מאן לעבט אונ ער וויל דא הייראטען איינע אנדערע. זיא איז גלייך געקומען צו פארין אהער אונ איז אריין געפארין אין דיזעם נאסטיניצא וויא איך האב איהר געשריבען, דא האב איך איהר ערציילט נעבוי די גאנצע געשיכטע, זיא איז דא געשטאנען אונטערין וואנט אונ האט גיהערט דאס גאנצע גישפרעך וואס איהר האט גירעט אונ די איבעריגע ווייסטו אליין.

אלזא האבין מיר שוין איצטער ניט וואס צו פירכטען פאר איהם? — פרעגט זיא.

געוויס ניט — זאגט ער — ער קען דאך דיך ניט נעמען יעצט, צו דיר האט ער ניסט דוא ביזט דאך גיוועזן בערייט איהם צו נעמען, ווייטער וועט ער זיך נאר שעמען איצטער צו דער מאנען וועגין דעם, איהם קומט דעם שארלאטאן ענטווישונג (פאראזעניע), וואס איז? אז ער טוט א טובה ער האט דיך גירעטעט פון ארעסט איז איהם גאר ניט אוים צו צאהלין זיך, געלט איז איהם ווייניג ער מוז האבין דעם מענשין אין גאנצען, אונ דא די צרות פון מאטער וואס דוא האסט געהאט, דארפסטו איהם אויך פערדאנקען, ער האט ניט געמיינט קיין שלעכטעס אדאנק איהם, אבער אלין איבער זיין איזוואמציק ביזטו אריין געפאלין אין אזעלכע צרות, נוא אסוף! איצטער איז אוים פון אונזערע צרות! לאמיר זיך שוין בערייטען צו דער רייזע אהיים, אפין וועג אין מאסקווע וועלין מיר חופה שטעלין מיט גליק.

אויף מארגין זיינען זיי אוועק געפארין פון קאזאן נאך מאסקווע, דא האבין זיי פארבראכט אייניגע טעג אונ האבין חופה גישטעלט אונ געמאכט אקליינעם אבענד פאר אייניגע נוטע פריינד וואס זיי האבען דארט אויף געזוכט אונ זיינען אוועק געפארין אהיים.

38.

בּוֹר כָּרָה וַיַּחְפְּרֵהוּ וַיִּפֹּל בְּשַׁחַת יִפְעָל.

(תהלים ז׳ ט״ז)

אלזא האט שוין מיכל גוטמאן מיט דבורה רויזען חתונה געהאט, זייא האבין אזוי פיל צרות אויס געליטען אזוי פיל הינדערנישע איבער וואונדען, אבער זייערע הייליגע ליבע האט זיך דאך ענדליך מיט דעם עהע באנד געשמיקט, יעצט זיינען זיי גליקליך, לויז געוואהרין פון דער גוטע שוויגער נעכע פון נתן צמחן, פון נפתלין, פון דוד יודעלעוויץ, פון אסיפ יאקאוולעוו, פון טאטארין אונ איבער הויפט פון דער בערימטען חליצה. פון דעם וואלד געשעפט וואס ער האט געהאט האט ער פערדינט ארוביל צוועלף טויזענד, אלזא הייסט עס זיינען זיי אי גליקליך אי רייך, וואס דארף מען בעסער? דבורה האט ערסט גענומען שיינען זיא האט זיך ערסט פאנאנדער געבליהט וויא איינע פראכט פאלע ראזע, אויסער איהרע רעגעלמעסיגען געזיכטסציגען צארטע הויט, ראזע וואנגען, האבין איהרע שטראהלענדע אויגען, מילדע אונ פריילכע מינע איהר איינען בעזאנדערין רייץ גיגעבין, די אלע צרות וואס זיא איז אויס געשטאנען האבין אויף איהר געהאט אזוי איין איינפלוס, וויא די וואלקען אונ אלע אונגעוויטער אויף די זאנע, ווען זיי שטורמען פאר שטעלין זיי די זאנע יע, אבער ווען עס הערט אויף, זא גלאנצט זיא אין איהרער פאלען פראכט.

אז זיי זיינען געקומען צו פארין אהיים נאך זייער חתונה, זיינען זייא צו פאר אריין געפארין צו שמואל רויזען צו איהר פאטער, דאס וואר אום מיטוואך, די פריידע פון זייער ווידער זעהען לאזט זיך מיט קיינער פעדער בעשרייבען, מען האט זיך אום געארעמט אונ געקוסט אונ געוויינט פריידען טרערין, עס זיינען געקומען גוטע פריינד אונ האבין זיך ניט גיקענט זאט אן הערין איהרע ערציילונגען פון איהר לאנגען מיה זאמען רייזע.

אויף מארגען האט מיכל גוטמאן זיך אויף געזוכט איינע אנשטענדיגע וואהנונג, דאס וואר אין מיטען שטאט אין איין אלטען טויער, וואס האט געהאט פיל איין גיינגע אונ אויס גיינגע, אבער זייער וואהנונג וואר רייך טאפעצירט, גראם אונ לעבהאפט, מען האט גלייך אריין געפירט פאר איניגע הונדערט רוביל מעביל, אונ מען האט אלעם צו געפוצט גרויס ארטיג. דעם פאלגענדין שבת איז די יונגע ווייבעל דבורה געגאנגען אין שול אין בעגלייטונג פון פערוואנדטע אונ גוטע פריינד, דאס האט אלעם אויס גיזעהען וויא איין טריאומפף פראצעסיאן, דבורה אליין וואר געקליידעט אין סאמעט אונ אין זיידענם וואס מיכל האט אנגעקויפט אין מאסקווע אין פעטערבורג, האט אויך געטראגין שמוק פון גאלד אונ בריליאנטען, די אלע זאכען מיט איהר פריילכען

שטראלענדין געזיכט האט גיגעבין איינעם בעזאנדערין גלאנץ דיזעם פריידען טאג. זיא איז געגאנגען אין די זעלבע שול וואו נעכע איז געגאנגען אונ די שווינער איהרע האט ווירקליך געפלאצט קוקענדיג אז איהר שנור האט אזוי אויס געשיינט, מען האט גיזעהען, וויא זיא האט זיך געביטען אין אלע קאלירען קוקענדיג אויף איהר, פון דער שול וואַרען איינגעלאדען אלע מאנס פערזאנען אונ פרויענצימער אויף דעם גרויס ארטיגען מז״ט וואס וואר ביי מיכלען אויף זיין קוואטיר, פון דער רייכקייט אונ אויפנאהמע האבין אלע געהאט פיל צו ערציילען.

עס וואר פעסט גיזעצט אז פון אבענד שבת צו נאכט זאל זיין אגרויס ארטיגער טאנצאוואלגע וועצער (זמירות) מיט אבופעט אלעם הערליך, אויף זונטאג זאל זיין אבאל פאר קריסטען אונ פאר סוחרים, מיט וועלכע זיי זיינען געשטאנען אין האנדעלס פערקעהר, מאנטיג דינסטאג מיטוואך זאלין זיי אויס רוהען אונ דאנערשטאג זאל זיין צוויי בעלער איינער פאר ארימע לייט אונ איינער פאר דוהאוועגסטווא (כלי קודש).

דעם שבת צו נאכט וואר וויא מיר האבין געזאגט, ביי מיכל גוטמאן אגרויס ארטיגער טאנץ אבענד, אלע צימערין וואַרען בעלייכטעט פון לאמפען אונ פון ליכט אז די גאס וואר ליכטיג וויא אין העלין טאג, די מוזיק האט ערשאלט איהרע טענער אין די גאסען ארום, די פענסטער וואַרין אפין אונ עס זעהט זיך וויא די אלע אין געלאדענע גייען ארום ריידען לאבען טאנצען אונ אלע וואַרען אזוי פערגניגט אונ פראה, אלע וואס גייען פארביי שטעלין זיך אב ריידען, ערציילען זיך אנאנדער די געשיכטע פון דבורהן, ווער עס וייס מעהר ווער ווייניגער וויפיל זיא איז אויס געשטאנען פון איהר חליצה אונ פון איהר שווינער, אונ עס וואר אימער גיענדיגט מיט דער פראזע: דער אויבער־סטער איז א בעל רחמן, ער לאזט ליידען ביז אצייט, אונ דער נאך באצאלט ער דעם גוטען נאך זיין גוטסקייט.

צווישען די אלע פארביי גייענדע איז אבער גיוועז אפאר פיגורען וואס וואַרען פון איין גאנץ אנדערער מיינונג וויא די איבעריגע, דיזע האבין זיך אב גישטעלט אין איינינער ענטפערנונג פון מיכלס וואהנונג אין אווינקעל פון דער שטראסע אונ האבין געקוקט אויף די ליכטיגע פענסטער מיט זיכט־בארער אנגסט.

נאדיר אויס געפידט אויף מיין וועלט! רופט זיך אב איינע (דאס וואר א פרויענצימער) מיינער אבלוט שונא זאל אזוי פיל געדייען אונ איך אזוי וויי!

זאג מיר ביזט גיוועז געכטין ביין רב? — פרעגט די אנדערע פיגורע (אמאנס פערזאן).

איך בין געוויס גיוועז — זאגט די ערסטע — אונ האב געטענט וויא דו האסט מיר גילערינט, אבער עס איז גיסט.

דערצייל מיר אקארסט וויא האסטו געטענט?

איך

איך האָב געזאָגט אַזוי: רבי! איהר זאָלט וויסען אַז וואָס איך האָב אייך אַנוסטען געזאָגט וועגען מיין שנורס קינד, איז דאָס געוועזען אַגעניימע זאַך, מען האָט מיך אַריין געהאַפּט אין איין אָרט וואו עס איז פיל שדים משחיתים עפּעס וויא רופען זיי דאָס: אַבוזיי, לוזיי, מוזיי, שדים ווייסען זיי אונ זיי האָבען מיר געניימ איך זאָל אַזוי זאָגען אַז איך האָב אום געביטען דאָס קינד, וואָס איך ווייס ניט באמת פון וואָס צו זאָגען, נאָר אַבּרירה האָב איך געהאַט? וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אויף מאָרגען בין איך קראַנק געוואָרן פון דיזע טויט שרעקענעס אונ האָב גירעט פון היץ, אַלזאָ וואָס איך האָב יעמאָלט געזאָגט אייער שמש בשעת איהר האָט געשיקט צו מיר פרעגען, ניט איך ווייס ניט איך געדיינק אונ עס איז ניטאָ וואָס אָן צו נעמען, נאָר ווייל איך בין אַיודעש קינד אונ איך וויל ניט עס זאָל ח״ו אַרויס קומען דורך מיר אַיין עבירה אַז אַווייבעל וואָס האָט ניט אָב געפּטערט איהר חליצה, זאָל חתונה האָבען, אָט בין איך דאָס אייך געקומען זאָגען, אום איך זאָל וויסען אַז איך בין ריין אַנטקעגען דעם וואָס לעבט אייבּיג, אונ ווייטער איהר טוט וואָס איהר פערשטייט.

נאַנץ גוט — זאָגט דער אַנדערער — (דער לעזער האָט געוויס פאַר־שטאַנען אַז די צווייַ פערזאָנען וואַרען קיינע אַנדערע וויא נתן צמח אונ זיין שוועסטער נעכע). דוא האָסט גאַנץ גוט געטוענט הלעבּין — זאָגט ער — נו וואָס האָט דער רב געזאָגט?

ער האָט גלייך אַריבער געשיקט נאָך יאסקע העצמאן מיין שכן אונ זעלקע דעם בדחן אין דער ערד זאָלען זיי גיין ביידע די ממזרים וואָס האָבען מיר אָן געמאַכט אַזוי פיל צרות, אַז איין איינבראָך איין איינשטאָך!.

דו וועסט זיי שפּעטער שילטען — זאָגט נתן צמח — נוא וואָס איז גיווען?

וואָס זאָל זיין? גאָר ניסט, אַז די הינט די פאַרחעס זיינען גראָד איצטער דער היים ניט, זיי האָבען זיך ערגעץ אַוועק געדרייט אין שוואַרץ יאָהרין, איז גאָר ניסט אונ עס וועט גאָר ניסט זיין, אונ איך דאַרף דער ווייל קוקען אונ פּלאַצען, מיין שנירעלע וואָס האָט מיר אַזוי פאַר חושך׳ט מיין לעבּין, פאַר פינסטערט מיין וועלט, דאַרף געדייען אונ לעבּין גליקליך אונ איך די פאַר צאָגטע פאַר קלאָגטע מוטער פון מיין טייערין משה יענקעלן וואָס ליגט אין דער ערד אַיונגינקער בוימעלע, דאַרף קוקען אונ לאָפּנען! נאַ גאָט איז גירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט!

וואָס וועסטו מיר געבּין שוועסטער אַז איך האָב אַפּלאַן אונ אַטייערין?

וואָס פאַר אַפּלאַן? — פרעגט זיא מיט האַסט.

אַפּלאַן וויא מיר זאָלין פטור ווערין פון מיכקען אונ פון דבורקען אונ פון זיי אַלעמען אונ נוקם זיין זיך אָן זיי, פאַר שטייסטו מיך פאַר אַלעם וואָס מיר האָבין פון זיי אויס געליטען?

אַזוי! דוא האָסט טאַקע אַמיטעל! — שרייט ווייטער אויס נעכע מיט

פריידען , א דוא וואלסט מיר גאר מחיה זיין נתן צמח איך וועל דיר געבין וואס דוא ווילסט , נאר טוא .

איך מיין טאקע דוא זאלסט מיר וואס עס איז געבין פאר מיין עצה , דאס הייסט פאר טרחא פארלאנג איך ניט ווארום דוא וועסט מיר דארפען העלפין דערינען .

איך העלף איך טוא וואס דוא ווילסט אונ אפינף אונ צוואנציגער קריגסטו ביי מיר אויך , אז זיי וועלין האבין א מיתה משונה איין גענומען .

נוא אב געמאכט — זאגט ער — וויז מיר אהער מטבע גייא איך שוין איין קויפען אלין וואס מען דארף .

וואס וועסטו קויפען ? — פרעגט זיא .

איך וויל קויפען קאראשין שטרוי שוועבעל , אלע זאכען וואס געהערט צו אלימינאציע .

דוא ווילסט זיי אונטער צינדען ! — גיט זיא אגעשריי מיט פריידען — א וויא וואול , אבער וויא אזוי וועסטו דאס מאכען ?

פאר שטייסטו מיך — זאגט ער — דאס הויז וואו זיי וואוינען האט אסך סקלעפעס וואס קיין טייוועל גייט ניט אריין אהין אונ דארטין וועלין מיר אריין אונ אויך שפילען אחתינקע אז אהאן וועט ניט קרייען .

טאמער וועט אונז ווער זעהען גייענדיג ? — פרעגט זיא .

וועסטו יעמאלט נעמען שרייען פול פול פול ! וועט מען מיינען אז דוא זוכסט אהון , פאר שטייסטו ? נאר קיינער וועט זיך ניט חאפען , עס איז פינסטער אפען הויף , איז פאר שטייסטו מיך שוועסטער וועלין מיר באמעלאך אריין גיין מיט אונזערע זאכען אונ מיר וועלין אי"ה אונטער שמירען מיט פעך אונ מיט קעראשין , אהאלבען קוליק שטרוי שאדעט אויך ניט צו האבען ביי זיך , מיר וועלין זיך אונטער צינדען באמעלאך אונ אוועק גיין , אונ דא וועט זיך אי"ה דאס פייער פאנאנדער ברענען , דער ווייל וועט ווערין טיף אין דער נאכט , אונ זיי וועלין שוין שלאפין אונ וועלין זיך ערסט אויף חאפען בשעת דער רויך וועט זיי נעמען שטיקען אונ וועלין נעמען לויפען וויא די פאר סמטע חאפ לאפ , זיי וועלין ווערין צו טומילט אונ צום סוף וועט זיך אויס לאזין פון זיי אבראטען ה ה ה !

זייער גוט מיין ברודער איך געדיי הערינדיג אזעלכע רייד , נאדיר געלט אונ גיי קויף אלין וואס מען דארף , מיט די רייד האט זיא איהם דער לאנגט געלט אונ ער איז אוועק , אין אפערטיל שעה ארום איז ער געקומען מיט א קוליק שטרוי , מיט אפלאש קאראשין . נוא לאמיר גיין — זאגט ער .

א איך האב פון דעסט וועגין מורא — זאגט זיא — מען זאל אונז ניט חאפען .

ביסט אנרויסע נאר — זאגט ער — אז דו ביזט שוין אמרום ווייס איך שוין ניט , קום דא איז ניטא וואס מורא צו האבין , מיר וועלין ניט גיין דורך

דעם

דעם טויער, מיר וועלן גיין דורך אהינטער הויף, איך ווייס פון הינטען איז דא דער פארקאן צו בראכן אונ דא וועט אונז קיינער ניט בעמערקן, אונ אז מען זעהט מענשן אפין הויף מיינסטו וואס איז? גאר ניסט, מאלע ווער עס גייט, די גאנצע זאך איז דער אריין גיין אין שקלעפ, נאר וויא פיל דויערט עס? מיט איין שפרונג זיינען מיר אינוויינינ, דער שקלעפ איז איין אפענער דאס ווייס איך, עס איז וואול וויא די וועלט וויא איך בין איוד.

זיי האבין זיך געלאזט גיין ארום דעם קווארטאל אונ זיינען אריין אין א הינטער הויף אונ זיינען דורך געגאנגען אצובראכענעם פארקען אונ זיינען ארויף אויף דעם הויף פון מיכלס וואהנונג אונ זיינען זיך אריין בשלום אין שקלעפ וואס קיינער האט ניט בעמערקט, זיי זיינען אראב עטליכע טרעפ צו בראכענע, אין שקלעפ וואר גוט פינסטער.

נוא הייב שוין אן — זאגט זיא.

דוא ביזט גאר אנאר — זאגט ער — צו דו מיינסט אז מען איז שלעכט דארף מען קיין שכל ניט האבין? הא הא! דוקא צו שלעכטסקייט מוז מען האבין שכל, ערשטין אז מען זאל דא אן צינדען פייער וועט מען דאך גלייך בעמערקן אונ מען וועט ארייו לויפען, וואס וועט מען געפינען? נתן צמחן דעם ערליכען יודען מיט זיין שוועסטער די צדקניות אונ נעבין זיי ליגט א קוליק שטרוי מיט אפלאש קעראשין, פאר אזא מעשה קען מען בעגראבין ווערין מיט אשטיינער, אונ ווייטער זאלסטו וויסען אז דא וועט זיך ניסט אן צינדען אויף דען די וועגט זיינען פון שטיינער אונ דער צו נאס פון ווילגאד, אלזא מיין טייערע שוועסטער דארפען מיר אויף זוכען דא נאך אנאנג עפעס אבעסערין ארויהינען אז ביז דאס פייער וועט זיך פאנאנדער ברענען זאל מען ניסט וויסען, יע אט איז איך האב שוין אן געטאפט עפעס אטיר, וואול וויא די וועלט! א ר' מיכל גוטמאן איהר וועט היינט האבין אפרייליכע נעכטיל איך געדיינק גאנץ גוט וויא דוא האסט מיר אמאל געצאפט מיין בלוט אונ האסט מיר געשטראסעט אז דו וועסט שליכענען, אונ איבער דיר האב איך געמוזט זיין נע ונד, אלע מיינע פלענער האסטו צו ראיעט, איצטער זייא וויסען אז דיינע מינוטען זיינען געציילט, דו ביזט אויבען הא? ביזט פרייליך מוזיק שפילט מען טאנצט אבער דאס איז אויף דיינע פאחאראנעס, באלד וועט זיין אויס מסכת מיכל אונ דבורה, אונ נתן צמח וועט עפענען די אויגען וועט זיך אב צובענען, וועט פריי אויף אטעמען.

מיט די רייד האט ער גענומען רייסען די טיר, עס עפינט זיך ניט זיא וואר פערשלאסין אונ פאר ראסט אויך, ער האט ארוים גענומען אבונד שלי-סעלאך פון קעסינע אונ האט צו געפאסט איינע, ער האט קוים אב געשלאסין אונ האט איהר גענומען רייסען עס גייט ניט, ענדליך האט ער איהר אויף גע-ריסען, עס האט גינעבין אשפאר פאר שימעלטע לופט.

אָ — זאָגט ער — דאָ איז מען ניט געוועזן אוודאי פון פופציג יאָהר, דאס איז איין אַלטע הויז, נעם נעבע מאַך צו די טיר טאַמער וועט וועמער בעמערקען דאס פייער, ער האָט דער ווייל גענומען זוכען איין אָרט וואו עס איז האַלין — אונ זאָגט אימער — אַ ר׳ מיכל באַלד וועט אייך וועהרען ליכטיג אונ וואַרעם אונ איהר וועט זיך גאָר ניט חאַפּען, אַז אייערער איין אַלטער גוטער פריינד האָט בעזאָרגט פאַר אייך אַזאַ וואַרעמע בעדיל, אונ דו דבורקע דוא ביזט געבאָרען געוואָרען אַשלימזלדיגע טאָ לייד ביז גאָר אונ זיי וויסען אַז דיין גוטע שווינער האָט דיר געדינט ביז די לעצטע מינוט, וואָס זאָגסט דוא נעבע, פון דאַנען זאָלין מיר גיין אַהיים, צו שטיין דאָ פון ווייטען זעהען ווי זיי וועלין זיך בראָטין?

אודאי שטיין דאָ — ענטפּערט זיא צו מאַכענדיג די טיר מיט האַסט — עס האָט גיגעבין אַקלאַפּ, אודאי שטיין אַפּען נאַס אונ זעהען ווי זיי בראָטין זיך, נוא ציגד שוין אָן אונ לאָמיר גיין איך האָב דאָ מורא צו זיין, דאָ איז אומעטיג אונ שרעקליך אַגרויל!

אָט שוין ציגד איך אָן — זאָגט ער — איך האָב שוין דער טאַפּט אַ הילצערנע ווענטיל, דאס איז אַפּערשלאָגענע טיר, עס וועט גיין וויא געשמירט, וואַרט פריער וועל איך בעגיסען די שטרוי מיט קעראָשין עס זאָל גיין לעבענדיג דער אינטערעס, נוא שוין פאַרטיג, איצטער ציגד איך אָן, אײדער עס וועט זיך פאַנאַנדער ברענען וועלין מיר שוין זיין אַפּען גאַס אונ וואַרטען, ווי גיפעלט דיר נעבע? איך זוך די שוועבעלאַך אונ איך קען ניט געפינען ניט אין ראַק קעשענע ניט אין זילעטקע ניט אין די הויזען קעשינע, פאַר געסין מיט צו נעמען, קוק אַציקאַוועס איך גיי דאָך קיין מאָל ניט אָן שוועבעלאַך פון אָרט, ווייל איך רויכער אונ גראַד היינט איז ניטאָ, אַ איך האָב זיך דער מאָנט, היינט איז דאָך געוועזן שבת. האָסטו ניט קיין שוועבעלאַך נעבע?

פון וואַנען זאָל איך האָבין שוועבעלאַך? — זאָגט זיא — מען מוז גיין ברייגען.

נוא גיי אַריבער — זאָגט ער —

איך האָב מורא מען וועט מיר חאַפּען.

נוא וועל איך גיין — זאָגט ער — מען קען דאָך אָן שוועבעלאַך דיא אַרבעט ניט מאַכען.

איך האָב מורא דאָ צו זיין אַליין — זאָגט זיא.

אָט הויבט זיך אָן מיט אַיודינע! — זאָגט ער — מיט אַיודינע קען מען קיין גישעפטין ניט מאַכען, איך וועל גיין וואָס זאָל איך שוין טאָן?

מיט די רייד איז ער צו געגאַנגען צום טיר, זיא עפינט זיך ניט ער מאַטערט זיך מיט דער זעלע, עס גייט ניט, נעבע האָט אויך גענומען העלפין

איין

איין מאל עס גייט ניט אונ עס גייט ניט. וואס איז דאס פאר א צרה! — שרייט ער — דו האסט מסתמא גוט פאר קלאפט, דער שלאס האט זיך אליין צו געשלאסין, דא איז אביטערע מעשה! וויא איך בין איוד, עס וועט אונז אוים קומען דא צו נעכטיגען.

אונ דער ווייבע מיט זיי גאר ניסט טאן? — שרייט נעבע — אטרעפענער מזל זייערער אין שווארץ יאהרין, קוק אזוי גוט וויא מיר האבין אלץ דא-קאזעט, איז איבער אקליינינקייט איז גאר ניכט, זיי וועלין זיך האבען א פריילכע נאכט ארוהיגע, אונ מיר וועלין דא מוזען הירען אגאנצע נאכט אין אזא חושך אונ אין אזא עיפוש, אונ מיר וועלין מוזען אב לייגען אונזער ארבעט אויף איין אנדער טאג.

יע יע, אויב עס וועט מעגליך זיין — זאגט ער — נשא איך ווייס נאך ניט וויא מיר וועלין פון דאנען ארויס, אויף נאמנות איך הייב שוין אן צו ווערין אום רוהיג, וויא וועט זיין אז מיר וועלין גאר ניט קענען ארויס פון דאנען?

דו שרעקסט מיך נתן צמח, שטייען ניט קענען ארויס פון דאנען! ווי וועלין מיר דא קענען זיין? וואו וועלין מיר שלאפען? וואס וועלין מיר עסין?

דאס איז א תירוץ איינס אויף דאס אנדערע — זאגט ער מיט אביטערין שמייכעל — אז עס איז ניטא וואס צו עסין ווילט זיך ניט שלאפין.

חלעבין נתן צמח דו ביזט אשלעכטער אז דו שרעקסט מיך אזוי.

אך מאך בעסער אויב דוא קענסט — זאגט ער.

39.

דער הונגער.

דער שרעקליכער געדאנקען פון דער אונמעגליכקייט פון דעם פינסטערין שקלעפ ארויס צוא קומען, וואו עס האט זיך פאר גישטעלט דער שרעקליכער משחית דער הונגער האט נעכען געהויבין זיא איז צוא געלאפין מיט האסט צום טיר האט גינומען קלאפין רייסין שטייסין שרייען.

שרייא ניט זאגט ער, מען וועט אונז געפינען וואס פאר אתירוץ וועסטו זאגין? דוא האסט גיוועלט אונטער צינדען הא? זייער גוט.

אבער הונגער ליידין נתן צמח דער מאן זיך.

עס איז טאקע ניט גוט חלעבין זאגט ער ווייטער, מען דארף פון דעסט וועגין ווייטער פרובירין, ער האט אויך גינומען קלאפין רייסין קלעטערין שרייען עס העלפט ניט ער איז פאר מאטערט געווארין, נעכע האט אן געהויבין ווידער צוא שרייען צוא קלאפען צוא שפרינגען צוא וויינען צוא אכצען; זיא האט זיך פאר מאטערט איז געפאלין אן דער ערד, האט ביטערליך גינומען וויינען.

אזי

אוי ווייא איז מיר עס שוידערט מיך פאר דעם גידאנקען אז מיר זאלין דא בלייבין ! . . . אוי ווייא ! הונגערין ! ווער ווייסט צוא וועט זיך ווער אוים שלאפין צוא קומען צוא אונז ארוים נעמען פון דאנען .

זארג ניט שוועסטער : איך הויב שוין אן מורא צוא האבין אז דאס שטראפט אונז גאט פאר אונזערע זינד , מיר האבין גענוג געזינדיגט ; איך האב מורא צוא איז ניט גיקומען אונזער סוף .

א א א ! האט זיא גינומען ציטערין וויא איין בלאט . . . א וואס פאר איין עפוש דא איז ! וואס פאר איין שווערע לופט , איך חאלעס . . . וויא גייט מען ארוים פון דאנען ? . . .

ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגין ? זאגט נתן צמח מיט איין גיפטיגען שמייכעל , איך וואלט שוין אויך וועלין ארוים פון דאנען איך האב שוין האלב חרטה אויף דער גאנצע מעשה חלעבין , וואס מיר האבין אן געהויבין , לחייא וואלטין זייא זיך לעבען אין שווארץ יארען וואס ארט עס אונז ? וואס האט אונז געדארפט ווייא טאן דער קאפ פאר זייא ?

טאמער וואלסטו פאלען אויף איין פלאן נתן צמח , וויא ארוים צוא גיין פון דאנען זאגט נעכע : דוא ביזט דאך איין קלוגער ניט שוין האסטו קיין שום מיטעל ניט ?

יע איך האב איין פלאן אונ איין ווייליו , וויא איך בין איין איד זאגט ער מיט איין שמייכעל : דרויסען שטעקט דאך דיא שליסעל , נעם שרים אב אונ מיר וועלין ארוים גיין פון דאנען מיר וועלין קומען אהיים אונ שלאפין רוהיג .

דיר ליגט נאך גלייכווערטלעך אין זינען , זאגט זיא אז דער טויט איז פאר דיא אויגין , לאכסטו ! זאג מיר וויא וועט זיין , אז עס וועט אוועק אטאג אונ צווייא אונ דרייא אונ דוא וועסט אלם ניט האבין וואס צוא עסין ? הא ?

איך וועל טאן דיא זעלביגע זאך זאגט ער , וויא עס וואלט אוועק זעכם טעג ניט גיגעסין .

איך פלאץ אונ ער גלייכווערטעלט זיך . . . א ברדר ! גוואלד ! עפעס איין קאלטע זאך איז ארויף אויף מיר . . . בררר ! עס דראפעט מיך , א איך האלט ניט אוים !

שרעק זיך ניט נעכע , דאס איז אמויז אדער איין ראטצע .

א ברודער , ראטעווע מיך . . . עס עקעלט מיך . . . זיא גראבעלט מיך . . . בררר !

לאז דיר ניט עקלען שוועסטער , דוא וועסט דאך נאך דארפין עסין .

וואס רעדסטו , נתן צמח ?

איך וועל דיר זאגין זאגט ער : בשעת עס איז גיוועזען דיא מלחמה אין פאריז אין זיבעציגסטען יאהר , האבען דיא פראנצויזען גיגעסין מייז פון הונגער , איז וואס ביזטו ערגער פאר איין פראנצויז ?

לָאם אִיךְ אִיהר קְרֶענְקֶען דֶער וַוייְלֶע, טְרַאכְט עֶר בַּייא זִיךְ, אִין אֶמֶתְן אִיז דָאס גָאר נִיט אַזוֹא שְׁטְרַאסְנֶע, מִיר וֶועלִין מַארְגֶען אַרוֹיס וְויא עֶס אִיז אַז עֶס וֶועט וֶוערִין לִיכְטִיג דוּרְךְ דִיא פַאר שְׁלָאגֶענֶע טִיר.

זִיא הָאט זִיךְ גִינוּמֶען וַוארְפֶען שְׁלַייְדֶערִין שְׁרַייֶען קְווִיטְצֶען שׁוּידֶערִין קְלָאגִין, אוּנ עֶר לַאכְט אוּנ זָאגְט: עֶס קוּמְט דִיר שְׁוֶועסְטֶער אִיבֶּער דִיר לַייד אִיךְ אוֹיךְ, אַז דוּא וָואלְסְט קֵיין שְׁנוּר נִיט הָאבִּין וָואלְט אִיךְ דֶער צוּא נִיט גִיקוּמֶען.

אָ קוֹים אָבְּגֶערָאנֶעט זִיךְ פוּן דֶער מוֹיז... זָאגְט זִיא צוּם אוּנְגְלִיק אִיז דָא אַזוֹא שְׁרֶעקְלִיךְ פִינְסְטֶער, צוּא וַוייְלֶע עֶס אִיז נַאכְט, צוּא וַוייְלֶע דָא אִיז קֵיין פֶענְסְטֶער נִיטָא.

שְׁרֶעק זִיךְ נִיט שְׁוֶועסְטֶער, מִיר הָאבְּעֶן הַיינְט גִיזֶעהֶען דִיא זוּן צוּם לֶעצְטֶען מָאל שׁוֹין גֶענוּג מִיר זַיינֶען בֶּעגְרָאבִּין לֶעבֶּעדִיגֶער הַיינְט מִיר זַיינֶען פַאר פַאלֶען, דִיא נַארֶען וֶועלִין זָאגֶען אַז שֵׁדִים הָאבְּעֶן אוּנְז צוּא גִינוּמֶען, אוּנ קְלוּגֶע וֶועלִין זָאגֶען: מסתמא זַיינֶען זֵייא אַרַיין גֶעפַאלִין פַאר אַיין פְּרֶעסְטוּפְלֶענִיֶע, מֶען וֶועט אוּנְז שׁוֹין אֵייבִּיג נִיט גֶעפִינֶען, אוּנ אוֹיבּ מֶען וֶועט יֶע גֶעפִינֶען וֶוען עֶס אִיז, אִיז מֶעהר נִיט אוּנְזֶערֶע בֵּיינֶער, דֶען אוּנְזֶער פְלֵייש וֶועלֶען אוֹיף עֶסִין וֶוערִים אוּנ מַייז, דֶער פַאר וָואס מִיר וֶועלֶען זֵייא עֶסֶען... אָ נִיט גוּט שְׁוֶועסְטֶער אִיךְ וֶועל דִיר נִיט לַייקֶענֶען!...

אָ רבש"ע! הָאט זִיא אָן גֶעהוֹיבִּין וֶוער וָואלְט זָאגֶען אַז אִיךְ וֶועל הָאבִּין אַזוֹא אַיין בִּיטֶערִין סוֹף!... אוֹי אִיצְטֶער אִין דֶער הַיים אִיז לִיכְטִיג, עֶס אִיז אוֹיף גִישְׁטֶעלְט דֶער סַאמָאוַואר מֶען וַוארְט אוֹיף מִיר... אוּנ ווּאוּ בִּין אִיךְ? אִין אַקֶבֶר בֶּעשְׁטִימְט צוּא שְׁטַארְבִּין פוּן הוּנְגֶער.

דֶער מָאן זִיךְ זָאגְט עֶר אוֹיבִּין אוֹיף אוּנְז אִיז פְרֵיילִיךְ יו"ט מֶען הוּלֶעט, מיכל אוּנ דבורה גֶעדַייעֶן... אַז זֵייא וָואלְטֶען וִויסֶען ווּאוּ מִיר זַיינֶען וָואלְטֶען זֵייא אוֹיךְ רַחֲמָנוּת הָאבִּין... אוּנ אוּנְז רֶעטֶען, נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגֶען הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִיט גָאר דִיא הָאפְנוּנְג פַאר לָארִין, לָאמִיר שׁוֹין אָבּ קוּמֶען דִיא נַאכְט, עֶס קֶען זַיין בַּייא טָאג וֶועט וֶוערִין עֶטְוָואס לִיכְטִיג זָאל אִיךְ זוּכֶען מִיטְלֶען וָואס צוּא טָאן.

זֵייא הָאבְּעֶן זִיךְ אַוֶועק גִיזֶעצְט נֶעבֶּען אֵיינַאנְדֶער הָאבִּין גִיקְלָאגְט בִּיז זֵייא זַיינֶען עַנְטְשְׁלָאפִין גֶעוָוארִין זֵייא הָאבְּעֶן אָבּ גֶעשְׁלָאפִין אַיינִיגֶע שָׁעָה נתן צמח הָאט זִיךְ עֶרְוַואכְט וַוייְלֶע אַשֶׁרֶץ אִיז אִיהם אַרִיבֶּער אִיבֶּערִין גֶעזִיכְט עֶס הָאט אִיהם אַשׁוּידֶער גֶעטָאן, עֶס הָאט אַשַׁיין גֶעטָאן עֶטְוָואס לִיכְטִיגְקַייט דוּרְךְ דֶעם שְׁפַּאלְט פוּן טִיר עֶס וָואר שׁוֹין טָאג.

נֶעכֶע נֶעכֶע שְׁטֵייא שׁוֹין אוֹיף זָאגְט עֶר עֶס אִיז שׁוֹין טָאג.

הָא? וָואס? ווּאוּ בִּין אִיךְ, שְׁרַייט זִיא, אוֹי וֵוייא אִיז מִיר מִיר זַיינֶען אִין שְׁקְלָעפּ.

(שי יע

יָע זָאגְט עֶר, מִיר זַייְנֶען בַּייא דַיין שְׁנוּר צוּא גַאסְט, נֶעם נעכע חַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער בְּרֵיינְג סוּחַארֶקְעס מִיט טֵייא, אַז עֶס אִיז נִיטָא וָואס צוּא עֶסִין אִיז תָאטְס סוּחַארֶקְעס אוֹיךְ גוּט...

הָא אָ אָ אָ! נתן צמח! שְׁרַייט זִיא עֶס גְרוֹילְט מִיךְ... עֶס וִוילְט זִיךְ מִיר עֶסִין... אִיךְ הָאבּ פוּן נֶעכְטֶען וַוארֶעמֶעס אָן נִיסְט גִיגֶעסִין.

שְׁרֶעק זִיךְ נִיט זָאגְט עֶר: עֶס וֶועט נָאךְ אַוֶועק גֵיין נָאךְ עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט שָׁעָה, אוּנ מִיר וֶועלִין אַלְס נִיט עֶסִין מִיר וֶועלִין בִּיסְלֶעךְ וַוייז אוֹיס גֵיין.

שְׁווַייג שוֹין שְׁוַוייג, דוּא רָשָׁע מְרוּשָׁע, גַזְלָן! דוּא הָאסְט הֲנָאָה מִיר צוּא מוּצֶען.

רוּף מִיר וָואס דוּא ווִילְסְט זָאגְט עֶר, דוּא וֶועסְט דֶער מִיט נִיט זַאט וֶוערִין... דוּא וַוייסְט וָואס מֶען קָאכְט הַיינְט וַוארֶעמֶעס דֶער הֵיים? מֶען קָאכְט קְרוֹיט מִיט פֶּעטֶע פְלֵייש, דֶער נָאךְ וֶועט מֶען פֶערְבַּייסִין בְּלִינְצִיקֶעס אוּנ פַאר טְרִינְקֶען בִּיר, וָואס? נעכע? גֵייא אַרִיבֶּער אַהֵיים מֶען וֶועט דִיר נִיט זַאלֶעוֶוען, דוּא בִּיזְט דָאךְ אַבַּעל הַבַּיִתְטֶע, עֶס אִיז נִיט וַוייט פוּן בַּאנֶען וָואס פוֹילְסְטוּ זִיךְ? הָאט זִיךְ דֶער מְשׁוּגָעְנֶע פַאר וֶועלְט דָא זַיין!

אָ הָאט זִיא גִינוּמֶען בְּרוּמֶען וִויא אַיין אָכְס שְׁלֶעכְט, שְׁלֶעכְט! אִיךְ הַאלְט נִיט אוֹיס! וָואסֶערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת עֶס אִיז אוֹיף מִיר גִיקוּמֶען, אַלְס אִיבֶּער דִיא שְׁנִירֶעלֶע; אִיבֶּער אִיהר דַארְף אִיךְ הָאבִּין אַזוֹא אַיין פִינְצְטֶערִין טוֹיט.

פוּן דֶעסְט וֶועגֶען זַייא רוּהִיג נעכע, אִיךְ וֶועל זֶעהֶען עֶפֶּעס צוּא טָאן עֶס אִיז דָאךְ טַאקֶע קַיין גְלַייכְוֶוערְטִיל נִיט דָא צוּא בְּלַייבִּין, עֶס אִיז דָאךְ נִיסְט נִיט שוֹין וֶועלִין מִיר דָא בְּלַייבִּין? עֶס גְלוֹיבְּט זִיךְ מִיר גָאר נִיט, פֶּע! אוֹיף אַזוֹא אַיין מַפָּלָה הָאבּ אִיךְ זִיךְ קַיין מָאל נִיט גֶערִיכְט, שְׁטַארְבִּין פוּן הוּנְגֶער אִין מִיטִין שְׁטָאט פֶּע! דָאס אִיז קַיין פְּלַאן נִיט.

עֶר הָאט גִינוּמֶען בֶּעטְרַאכְטִין דִיא הִילְצֶערְנֶע וַאנְד וָואס עֶר הָאט נֶעכְטֶען דֶער טַאפְּט, עֶס וַואר עֶטְוָואס לִיכְטִיג אַז מֶען הָאט גִיקֶענְט עֶטְוָואס זֶעהֶען, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט רִירֶען דִיא וַואנְד — זִיא אִיז פֶעסְט, מִיט וָואס אִיהר צוּא נֶעמֶען רַייסֶען אִיז נִיטָא, דֶער גַאנְצֶער שְׁקְלֶעפּ אִיז פּוּסְט אוּנ קְלֶעטֶערִין אִיז נִיטָא אוֹיף וָואס עֶר הָאט אַיין גַאנְצִין טָאג זוּנְטָאג גֶעמַאטֶערְט זִיךְ מִיט דֶער וַואנְד אוּנ הָאט גִיסְט גֶעמַאכְט, נעכע הָאט גֶעזִיפְצֶעט אוּנ גֶעאָכְצֶעט אַיין גַאנְצֶען טָאג, דֶער הוּנְגֶער הָאט אִיהר גֶעקְוֶועלְט פִּירְכְטֶערְלִיךְ, דֶען עֶס אִיז נִיט גְלַייךְ אַיין תַּעֲנִית אַז מֶען וַוייס מֶען וֶועט הָאבִּין אַיין גוּטִין אָנְבַּייסֶען בַּייא דֶער נַאכְט, צוּא אַז מֶען הָאט קַיין שׁוּם אוֹיסְזִיכְט נִיט אוֹיף אָן צוּא בַּייסֶען, בַּייא דֶער נַאכְט הָאט זִיא זִיךְ גִינוּמֶען שְׁלָאגִין קָאפּ אָן וַואנְד אוּם צוּא מַאכֶען זִיךְ דֶעם טוֹיט, נָאר נִיט צוּא שְׁטַארְבִּין פוּן הוּנְגֶער, עֶס הָאט גִינוּמֶען רִינֶען בְּלוּט עֶס אִיז אִיר גֶעוָוארִין זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיז אַרוֹיף גֶעפַאלִין אוֹיף נתן צמח'ן הָאט אִיהם גֶענוּמֶען בַּייסֶען אוּנ

שרייען: איבער דיר גזלן בין איך אזוא געקומען דער צוא, דוא האסט מיר אן גערעט.

ביים, ביים! זאגט ער איך האב פאר דיר קיין מורא ניט, מיכל האט דיר אויס געבראכין דיא ציין בשעת דוא האסט ארויף גענאסין דיא טינט אפען גט... אונ מיט דיא רייד האט ער איהר גענומען שלאגען אונ שרייען: איבער דיר וויעדמע לייד איך איצטער, דוא האסט מיך געבראכט דער צוא, זייא האבין זיך געשלאגין געביסין אונ געריסין, בלוט האט גערונען רוצייען וויים, זייא זיינען ביידע שוואך געווארין אונ געפאלין אין אונמאכט.

נוא זאגט זיא, באלד וועט זיין אסוף פון מיר, א איך האב שוין קיין כח ניט איך וועל באלד שטארבין אונ וועל דא בלייבין, קיינער וועט מיר אפילו ניט בעוויינען, קיינער וועט פאר מיר קיין תהלים ניט זאגין איך וועל ניט קומען צוא קבורה, מייז וועלין מיך אויף עסען, א ביטער! ביטער! גאט שטראפט מיך צוא פיל, מיינע געדערים זיינען איין געשרומפען עס ציט מיר דאס הארץ איך חאלעם עס איז מיר קאלט, עס שווידערט מיך מיינע ליפען זיינען פערשמאכט... א אביסעלע וואסער! חאטש רעגען וואסער איך וואלט ערקוויקען מיינע פערשמאכטע ליפען אי! אי! אי! נתן צמח ברודער הארציגער נעם זאג מיט מיר ווידוי, לאם איך חאטש קומען אהין איין ריינע נשמה.

איל זיך ניט שוועסטער זאגט ער, ניט מיט איין טאג שטארבט מען פון יסורים, וועסט פאספייען איבער אכטאג צוא שטארבען פון הונגער דיזער טויט איילט זיך ניט צוא קומען.

עס איז פאר איבער דיזע הונגער נאכט אין דיא גרעסטע יסורים פאר זייא אויף מארגין מאנטאג עס איז געווארין עטוואס ליכטיגער האבען זייא זיך ווייטער גינומען צוא דער וואנט, ער האט באמערקט אז דיא וואנד איז פון ברעטער אונ פון אויבען וועט זיין לייכט צוא רייסען, ער האט געהייסין נעכען שטעלען זיך ביין וואנד, ער איז ארויף געקראכין אויף איהרע פלייצעס זיא האט אפילו קיין כח ניט געהאט איהם אויף צוא האלטין; נאר וואס זאל מען טאן? דער נויט ניט קרעפטין ער איז ארויף האט אריין גערוקט דיא האנט אין ברעט אונ האט גענומען רייסען עס גייט, ער האט אב געריסין דאס ברעט, איז אבער געפאלין מיט איהר אראב האט אן געטראפין נעכען אין געזיכט מיט זיינע שטיוועל זייא זיינען ביידע געפאלין זיא וואר צוא בלוטיגט, זיא האט אב גיקרעכצעט איין שטונדע צייט, נאך דעם האט ער ווייטער גינומען רייסען עס איז איהם אן געקומען זייער ביטער, קורץ איין גאנצען טאג מאנטאג האט ער געארבייטעט ביז ער האט פאנאנדער געריסען דיא וואנד, דאס וואר אייגענטליך ניט קיין וואנד נאר איין פאר שלאגענע טיר, דיזע נאכט האבין זייא גערוהט אונ געהאפט, אז מארגען וועט אפשר קומען איין ישועה דען הינטער דיזער וואנד גייען טרעפ, איז וועלען זייא זיך איין געפינען אימער אונטער דיא טרעפ אונ אויף ווארטען ביז

מענטשין וועלין גיין וועלין זייא נעמען שרייען , אונ וועגען איין תירוץ איז שוין קיין ראגה ניט לאז נאר קומען ווער עס איז .

זייא האבען זיך אבער געאירט אין רעכנונג זייא זיינען אב גילעגין דעם גאנצען טאג דינסטאג אונטער דער טרעפע אונ קיין ילוד אשה איז ניט גיגאנגען דאן האבען זייא ערראטהען אז דא אין דער וואהנונג פון דיזע טרעפ וואוינט קיינער ניט , שלעכט , ביטער ! זייא זיינען שוין דרייא טעג נאך אנאנד ניט גיגעסין עס האט זייא שרעקליך געשווידערט פון קעלט , דען פון הונגער קומט קעלט דיא יסורים איז גוואלדיג , אלע טויטען זיינען פערגעניגען געגען אזוא איין העלישער קוואל . זייא האבין זיך גינומען רייסען דיא האר פון קאפ שרייען אונ קלאפען דא האט מען זייא אויך ניסט גיהערט דען דיא טרעפ זיינען גישטאנען צווישען צווייא אונבעוואהנטע הייזער פאר שלאגענע , זייא האבען גינומען עסען דיא שטרויא דיא שיך פון דיא פיס , האבען גינומען ליידען אפירכטערליכעס שניידען אין דיא גידערים , שלעכט מיטוואך האט נתן צמח גינומען קלעטערין אויף דיא טרעפ פון אונטען וויא איין קאץ , דען ער האט גירעכינט פון אויבין ארויס צו קומען , ער איז צוואנציג מאל אראב געפאלין אונ איז ווייטער גיקראכין . ענדליך איז ער ארויף אויבען אפען פלאסצאטקע פון אונטען , דארטען וואר שוין דיא ברעטער פאר פוילט , עס האט זיך איין געבראכען דיא ברעטער אונ ער איז אראב געפאלין מיט דיא ברעטער אונטען גלייך אויף נעבען וועלכע איז גילעגין אויף דער ערד , דיא ברעט האט איהר געטראפין אין געזיכט עס איז איהר ארויס גירונען איין אויג אונ אראב געריסין זיך איין שטיק באק , אונ זיא האט זיך באגאסין מיט בלוט , נתן צמח האט זיך אויס געבראכין איין פוס , זייער יאמער לאסט זיך מיט קיינער פעדער בעשרייבען .

זייא זיינען געבליבין אנמאכטיג ליגען דיא גאנצע נאכט מיטוואך אונ אויף מארגען דאנערסטאג , זייא האבען גענומען אויף שוועלען פון הונגער אונ ווארען שרעקליך אב געשוואכט . האבען זיך אינשטינקטמעסיג צוא גערעקט דאס געזיכט מיט זייערע שטרויא , דיא מייז זאלין זייא ניט דראפען דאס געזיכט האבען שוואך גיקרעכצעט , ווארום זייא האבען שוין קיין כח ניט געהאט , האבען מעהר ניט צייטען וויים געשעפצעט שמע ישראל .

40

גאטטעס גערי‍כט

דעם זעלבען דאנערסטאג וואר בייא מיכל גוטמאן , וויא מיר האבין אויבין געזאגט , אבאל פאר ארעמע לייט אין איין זאל , אונ אבאל פאר דוחאוונסטווא
אין

אין אַיין אַנדער זאל, עס איז פאר נאכט, עס זיינען שוין אָנגעקומען אַללע כלי קודש, רבנים, שמשים, חזנים, מלמדים, גבאים, אונ פאר יעדערין וואר אַן געגרייט אַנדבה נאך זיין ערך, קיינער האט זיך ניט געלאזט בעטין, אויסער דער גרויסער רב איז נאך ניטא, דער ווייל פאר דער וועצערע אום ליידיג ניט צוא זיצען האט מען דער לאנגט משקה אונ פערבייסען, מען עסט, מען טרינקט, מען שמועסט, מען בענשט דיא יונגע פאר, מען וואַרט אַפין רב — ער איז נאך אימער ניטא, אַללע וואונדרען זיך, מען שיקט אשליח, ענדליך איז געקומען דער ב״ד שמש, האט אבגערופין שמואלן אונ מיכלען אן אַזייט אונ זאגט: דער רבי קומט ניט, ווייל ער רעכינט דעם שידוך ניט פאר קיין שידוך... זיא איז אַיין אשת איש... זיא האט נאך איהרע חליצה ניט אבגעפאטערט, וויא זייא האבין דער הערט אזעלכע רייד, האבין זייא זיך ביידע אראב געלאזין פון דיא פים, שמואל איז געוואָרין בלאה, אונ מיכל איז געוואָרען רויט פון כעס זייא האבין געלאזין דיא קרואים דא זיצען. אונ זייא זיינען אַוועק געפאהרען צום רב, דיזער האט זייא געזאגט, אַז דעם פאריגען פרייטאג איז געווען נעכע בייא איהם אונ האט געזאגט, אַז זיא איז געווען אַיין אונס צוא זאגין, וואס מען האט איהר געהייסען, מען האט איהר געצוואונגען מיט טויט שרעקענעס, אונ אין אמתין ווייס זיא ניט פון קיין קינד, זיא האט איהם גאר אין דיא אויגען ניט געזעהען, דאס איז אַיין אויס געטראכטע זאך.

עס איז דאך אָבער דא עדות! שרייט מיכל מיט כעס.

איך האב טאקע גערופען דיא עדות, זאגט דער רב. דיא עדות זיינען ניט געווען דער היים, האב איך געוואַרט ביז זיי זיינען גיקומען, היינט האב איך דער ווּסט, אַז זייא זיינען דא, האב איך געשיקט, נאך זייא, אונ זייא האבין מיר געזאגט דיא זעלבע זאך, אַז זיא האט זיך מודה געווען אין מזיי, איך האב זייא גיפרעגט, וויא איז דאס צוא געגאנגען? צוא האט זיא זיך מודה געווען מיט דעם גוטען ווילען? זאגין זייא אַז זיא איז געצוואונגען דער צוא, — לכן, פארשטייט איהר אַליין, אַז אַזעלכע עדות קען איך ניט אננעהמען, נייטען אונ שרעקין יענעם, קען קיין ריינע הוראה ניט אַרויס קומען.

אָבער דיא נאם! שרייט מיכל.

וואס איהר קינד האט זיך אָב גילעבט זאגט דער רב, דאס קען טרעפין, קורץ אויב איהר קענט ברייננען אַנדערע עדות, אַז איהר קינד לעבט, איז רעכט, אונ אַז ניט, מוז זיא נעהמען חליצה, דער ווייל זאלט איהר זיך גטן...

מיכל איז געוואָרען ראזענד אין כעס, האט גיגעבין אַשמיץ מיט דער טהיר אונ איז אַוועק געלאפין אַהיים, שמואל איז נאך איהם נאך גילאפין, זייא זיינען אַריין ביידע אין שטוב צוקאכטע פון כעס אונ פון צער, שמואל האט איהם אבגערופין אן אַזייט אונ זאגט, הער צוא מיכל, מיר איז דאס אפילו ווייער ביטער צו זאגען, נאר עס איז פאר פאלען... איהר מוזט זיך מארגין גטן.

איהר זייט פון נעגען אראב, שוועער! גיט מיכל אגעשרייא, אייך איז נאך ווייניג דיא צרות, וואס דבורה האט געהאט, וואס מיר האבען געהאט? איהר ווילט נאך.

שטייטס, איין אשת איש! גיט שמואל אגישרייא.

הערט, שוועער, פאר וועמען דארפין מיר מעהר יוצא זיין פאר מענטשען צוא פאר גאטט?.

פאר גאט מעהר אונ פאר מענטשען אויך, זאגט שמואל.

גאט ווייס געוויס, אז דבורה איז פטור פון חליצה, דען מיר ווייסען גאנץ גוט, אז דאס קינד פון רחקען איז פון משה יענקלען, איינס, דאס קינד, וואס דבורה האט גיהאט לעבט, דאס ווייסין מיר געוויס, אט איז צווייא פטורים, אונ וויטער נאך אלעמען, לויט דיא צרות וואס זיא האט צוא ליב דיא חליצה, אונ אויך לויט מענשליכקייט אונ געזונדען פערשטאנד איז זיא פטור פון חליצה, אונ היינט וואס נעבעצקע לייקענט זיך אב פאר שטייט מען אז זיא וויל אן מאכין נייע צרות.

דאס איז אלס פוסטע רייד, זאגט שמואל, דער רב הייסט זיך גטן, מוז מען זיך גטין.

דאס וועט ניט זיין, שוועער, דבורה איז מיין ווייב אונ וועט זיין מיין ווייב גענוג צוא ליידען, דבורה איז דער בייא גישטאנען אונ עס האט איהר גיווארפין איילען הויך פון שרעק אונ פון כעס, זיא איז געווארין גרין אונ געל האט זיך קוים אנגעהאלטען אן טיש, זיא זאל ניט פאללען, דיא אללע איינגעלאדענע זיינען איינציג וויים פאנאנדער גיגאנגען.

איהר זעהעט שוועער, וויא דבורה ווייזט אוים.

איהר זאלט זיך גטן מארגען, זאג איך, אז ניט בין איך ניט אייער פאטער.

גיין! ענטפערט מיכל ענטשידען.

שמואל האט געהאפט זיין מאנטיל אונ איז ארוים געלאפין, מיט דיא ווערטער, מעהר וויל איך אייך ניט קענען, ער איז ניט געלאפין אראב פון פאראדנעם האר, גאר ער איז געלאפין פון אינפעט איבער דעם לאנגען קארידאר צוא דיא הינטערסטע וואהנונג, איז גיקומען צוא דיא טרעפ, אונ לאזט זיך האסטיג אראב, ער האט אבער דער הערט פון אונטען זיפצען אונ קרעכצען, (דער לעזער האט געוויס ניט פאר געסין, אז אונטער דיזע טרעפ איז גילעגין נתן צמח מיט נעבען האלב טויטע פאר הונגערטע אונ צוא קאלעצעטע פאר דעקט דיא צורות מיט שטרויא, וועלכע וואר באנעצט פאר הער מיט קאראשין), שמואל האט זיך דער שראקין, ער האט געוואוסט, אז דארטען וואהנט קיינער ניט, האט ער געמיינט, אז דאס איז שדים, ער לויפט האסטיג אראב, האט זיך פאר צעפעט אן דיא פלאסצאדקע, וועלכע וואר אוים געבראכין וויא דער לעזער ווייס, פון נתן צמחס קלעטערין, אונ איז אראב גיפאלין אין שרעק האט ער זיך אינשטיקט מעסיג אנגע-

האלטען

גלטען אן אלאמפע, וואס וואר דארטען געהאנגען אויף א צוועק, אונ איז דורך געפאלען מיט דער לאמפע גלייך אויף נתן צמחן מיט נעבען, די לאמפע האט זיך צערבראכען עס האט זיך אויס גיגאסען די קארשין אונ עס האט זיך אנגעצונדען די שטרויא, נאך דעם די קליידער פון זייא דרייען, זייא האבען זיך זייער שטארק גענומען ווארפען, שליידערין, שרייען אונ זיינען געפאלען אין אנמאכט, אונ דאס פייער ברענט פארווערטס, עס האט זיך אנגעצונדען די טרעפ, עס איז גיווארין א שריפה, דאס איז אללעס גיווארין אייגענבליקליך.

בשעת שמואל איז ארויס געלאפען פון שטוב, האט דבורה גינומען וויינען אונ מיכל איז ארום גיגאנגען איבערין שטוב צוקאכט פון כעס אונ פון פארדרוס מיט אמאל האבען זייא דער הערט אלארעם פאזאר, זייא זיינען ארויס גילאפען, זייא זעהען די טרעפ איז אין פלאמען, עס זיינען אנגעלאפען מענשען אויף פאזארנע, מען האט דאס הויז אבגערעטעט, אבער וואס פאר א שרעקליכעס בילד עס האט זיך פארגישטעלט אונטען אונטער די טרעפ! דרייא לייכע (טויטע קערפער) אדער בעסער צוא זאגען איין מאסע פאר ברענטע פאר רייכערטע ייש, נעבע וואר שוין טויט, די גאנצע געזיכט אונ לייב וואר פארברענט געווארין, קיין אויגין וואר ניט צוא זעהען אונ קיינע געזיכט ציגע צו ערקענען ווער דאס איז גיוועזן, נתן צמח וואר נאך עטוואס ביין לעבען, ער האט גירעט זייער לייזע, אה גאט האט מיך געשטראפט וואס... איך האב געוואלט.... טאן... די פאר פאלג... האט... גאט אויף מיר געטאן.... איך מיט מיין.... נעבען... האבען זיך פערגנבעט אהער..... אום אונטער צו צינדען דאס הויז... די טהיר.... האט זיך האסטיג... צוא געמאכט... מיר האבען ניט גיקענט ארויס מיר האבען... געליטען הונגער... פינף טאג נאך אנאנדר... גיט אביסיל וואסער... איך שטארב... עס ברענט פון אינוויינינג.. אונ פון דרויסין.. מיר קומט, איך האב גיטאן פיל שלעכטעס.. אויף מיין לעבין. איך האב געליטען סקילה... שריפה... אונ ערגער פאר אלס... רעב... אה דער ביטערער הונגער טויט... איז נאך ערגער וויא פייער! זייט מיר מוחל!.. זייא די ווערטער איז ער שטיל גיווארין, אונ ער איז אויס גיגאנגען.

שמואל רויזין איז אויך גיוועזן אין דער זעלבער לאגע וויא נתן צמח, ער האט זיך צוא שלאגין זיין קאפף פאלענדיג אונ נאכהער דאס פייער מיט די קאראשין האט איהם ארום געהאפט, אויף איהם פאר ברענט זיינע קליידער, זיין בארד אונ די האר, איבער הויפט וואר איהם גוט פאר ברענט דאס הארץ ער האט פון אנפאנג פון גרויס שרעק אונ פון גרויס שמערצען פאר לארען דעם זינען, אונ מען האט פון איהם גאר ניט גיוואוסט, נאר אז מען האט גענומען צוא נעהמען די לייכען, האט מען איהם דער קענט, [illegible] זיין פרויא אונ דבורה האבען אנגעהייבין יאמערליך צוא וויינען [illegible]לאגען, — טאטע טאטע!

שרייט

שרייט דבורה: איבער מיר האסטו דאס אזעלכע יסורים... איך האב ניט געפאלנט.

ניין, מיין טאכטער, ענטפערט ער שוואך... מיר קומט... איך האב דיך פאר ביטערט דאס לעבען... גאט האט מיר ערסט געוויזען, אז איך... בין אום גירעכט... איך בין אראב געפאלען פון דיא טרעפ מיט.... דער... לאמפע צוא זאמען... גאט איז גירעכט... זיין משפט... איז גירעכט, פערצייהעט מיר מיינע ליבע קינדער... לעבט אין שלום אונ אין אחדות...

דא איז ער שטיל געווארען, מען האט איהם אריין גיטראגין אין שטוב, ער האט נאך גילעבט צוויא שעה, אבער ער האט שוין געהאט פאר לארין דעם זינען אין צוויא שטונדען ארום איז ער אוים גיגאנגען.

וועגין נעכען אונ נתן צמחן האט זיך גרונם באזארגט, שמואלן האט מען אוועק געפיהרט אין זיין רוהע, גאלדה אונ דבורה האבין יאמערליך געקלאגט אונ האבין זיך ניט גיקענט טרייסטען, דער מיט האט זיך גיענדיגט דער פריידען טאג פון דיא אונגליקליכע געליבטע, זייער לעבין איז גיוועזן פאר ביטערט אונ האט אין דיא צוקונפט אריין גיגעבין פילע ביטערע טראפען וואס קומען ארוים פון דער חליצה.

דיא אללע שולדיגען פון דער מערדערישען חליצה זיינען גישטארבין אויף אמאל אללע מיט איין טויט, אונ מיט דער גרעסטען קוואל (יסורים), שמואל האט זיך גיאגט נאך איהר נאך דער חליצה, אונ נתן צמח מיט דער שוויגער האבין ניט צוא געלאזין דער פון איז ארוים אוועלט מיט צרות פאר דיא אונשולדיגע דבורה'ן, וועלכע וואר דאס אפפער פון דעם פאנאטיזמוס פון איינער זייט אונ האט הערציגקייט פון דער אנדער זייט, עס איז שוין צייט מיר זאלין עפענען אונזערע אויגען אונ ער ווייטערין פון אונז אללע פגעים רעים, וואס מיר האבין זיך אלליין געמאכט.

נאך דיא אללע ליידען אונ אויפאפפערונג פון מיכלען אונ דבורהן, וואס זייא האבין גיטאן צוא ליב דער חליצה, האבין זיך דאך געפונען מענטשען, וועלכע וואדין זא שלעכט אונ דום צוא זאגין, אז זייערע קדושין איז קיין קדושין ניט, אונ זייא ווארען געצוואונגען ארוים צוא פאהרען אין אוים לאנד, וואו זייא האבין עטוואס פרייא אויף געאטעמט.

ענדע